מיאש זיין צו זאגין ווייל איך האב ניט גילערינט האב איך שוין קיין האפנונג ניט ער זאל ח״ו אזו ניט טראכטין ווארום עס איז פאר האנדין צום מענטש איין האפנונג דורך דעם וואס ער הערט תורה פון איין ת״ח רען דער וואס הערט תורה איז גלייך וויא ער לערינט אזו וויא עס שטייט אין פסוק (שמעו ותחי נפשכם) הערט תורה פון דעם ת״ח וועט איהר בלייבין לעבין דרום זאל ער תמיד גיין הערין תורה פון דיא חכמים אונ אין דער צייט אז איין חכם דרשנט זאל ער עס תמיד צו הערין דס מקבל צו זיין מיט גרוס חשק אונ זאל זאגין אין הארצין עס זאל זיין דער ווילין פון גאט מיין גאט אונ דר גאט פון מיינע עלטערין אז דאס וואס איך הער איצונד תורה זאל מיר גירעכינט זיין גלייך וויא איך לערין אליין רען איך זארג שוין פון לאנג אויף דעם וואס איך האב ניט גילערינט אונ זאלסט מיר געבין זון וואס זאלין זיצין אונ לערנין טאג אונ נאכט כדי זייא זאלין פר רעכטין וואס איך האב ניט גילערינט אונ בשעת זייא וועלין לערנין זאל פר דיר גאט גירעכינט זיין גלייך וויא איך לעבין ווארום מיינע זין זענען דאך אחלק פון מיר · וישתדל אונ ער זאל זיך פלייסין מיט זיינע זין אז זיי זאלען עוסק בתורה זיין אונ זאל ליב האבין תלמידי חכמים צו הערין פון זייא וויא אזו מען איז מקיים די מצוה אונ אוב ער איז איין עושר זאל ער פון זיין געלט געבין צו די תלמידי חכמים כדי ער זאל זיך טיילין מיט דעם שכר פון זייער לערנין וויא זבולן מיט יששכר האט גיטאן שבט יששכר האבן טאג אונ נאכט גילערינט אונ שבט זבולן האבן זייא גיגעבין פרנסה אונ האבין גיהאט אחלק אין זייער לערנן · ואל אונ ער זאל ניט חס האבין אויף זיין געלט ווארום טאמר וועט ער אוועק פון דר וועלט מיט ליידיגע הענט אונ זיין גוטס וועט ער לאזין צוא אנדרי אונ וואס אהילף וועט אים זיין אז אנדרי וועלין האבין תענוגים פון דעם גוטס וויס ער הט מירדא גיהאט אונ האט איין גיזאמלט אונ ער איז אין גיהנם · ואם אונ אז דער עושר וועט וועלין זאגין ניט אום זוסט האט מיך גאט רייך גימאכט מן הסתם בין איך גליבט אונ מיט דעם געלט וועל איך מיר אן טאן אלערלייא תענוגים דען פאר וואס ניט גאט הט מיר גיגעבין פיל געלט אונ איך וועל פון דעם קיין הנאה ניט האבין · ישים ער זאל אליין פרשטיין אז ער איז זיך טועה ווארום ער ווייסט דאך אין זיך וואס פר אשלעכטי מעשים ער האט גיטאן נוא ווי גישיקט זיך דאס אז גאט האט אים רייך גימאכט ווייל ער האט אים ליב ער ווייסט דאך אליין אז ער האט גיטאן פיל עבירות אונ עס איז מיגליך אז גאט ב״ה האט אים פיינט פר זייני שלעכטי מעשים נאר ער האט גיטאן איין מצוה אונ גאט איז ניט מקפח שכר פון קיין בשעפניש דרום האט אים גאט רייך גימאכט אונ האט אים בצאלט דעם שכר פון דער מצוה אויף דער וועלט כדי ער זאל ניט האבן קיין עולם הבא · או אודר פר וואס זאל דער עושר אזו ניט זאגין אז גאט ב״ה מיט זיינע פיל חסדים האט זיך איבר אים דער בארימט אונ האט אים רייך גימאכט ווארום גאט האט גיזעהן אז ער האט קיין שום מצוה ניט גיטאן מחמת זיין ארימקייט האט גאט ב״ה אים דרום רייך גימאכט כדי ער זאל

לעזר ולהועיל לקנות עמה שלימות הנפש • נמצא שהעושר ניתן על אחד משני בחינות או לטורדו או להשלימו לכן ידין העשיר בעצמו ויאמר אם לטורדני מעוה"ב העשירני ראוי לי להרבות עמו בתורה ובמצות ולפדות נפשי מני שחת כדכתיב כופר נפש איש עשרו שפודה האיש את נפשו על ידי עושרו ואם כדי להשלים נפשי עם העושר העשירני ראוי לי להשלים עצמי עמו לקיים בעושרי תורה ומצות • גם ישים בלבבו שהקב"ה העשירו להשימו אפוטרופוס על העניים ואם ימצא אפוטרופוס בלתי הגון שאוכל ממון העניים יסיר אותו וישים אחר תחתיו וכדאמרינן בילקוט רות על פסוק יתן ה' את האשה מעשה בחסיד אחד שירד מנכסיו והיתה אשתו כשרה לסוף נעשה שכיר פעם אחת היה חורש בשדה פגע בו אליהו ז"ל בדמות ערבי א"ל יש לך שבע שנים טובות אימתי אתה מבקש אותם עכשיו או בסוף ימיך אמר ליה קוסם ע אתה אין לי מה ליתן לך אלא הפטר מעלי לשלום וחזר אצלו עד שלשה פעמים • בפעם שלישית א"ל אלך ואמלך פ באשתי הלך אצל אשתו ואמר לה בא אלי אחד והטריח אותי עד שלשה פעמים ואמר לי יש לך שבע שנים טובות אימתי אתה מבקש אותם עכשיו או בסוף ימיך אמר לה מה את אומרת אמרה ליה לך אמור לו הבא אותם עכשיו • א"ל לך לביתך ואין אתה מגיע לשער חצרך עד שתראה ברכה פרוסה בבית והיו יושבים בניו לחפש בידים בעפר ומצאו ממון שניזונו בו ז' שנים וקראו לאמן ולא הגיע לשער עד שיצאה אשתו לקראתו וכשראתה אותו מיד הגידה לו ונחה דעתו עליו ומיד הודה להקב"ה מה עשתה אשתו הכשרה א"ל מ"מ כבר משך

ע כחכב נדעהו במכשף כוה: פ והתיען :

מקיים זיין מצות דורך דעם קענען פערעכטין זיין נשמה • נמצא ווערט געפונען אז דאס עשירות ווערט געגעבן אויף איינם פון צווייא אופנים אדער כדי דער עושר זאל אפ נעמין דעם שכר פון זיינע מצות אויף דער וועלט אונ זאל קיין עוה"ב ניט האבין אודר כדי ער זאל דורך דעם געלט זיך קויפין עוה"ב דרום זאל דער עושר זיך אליין משפטין אונ זאל זאגין אויב דאס עשירות איז איך זאל אן ווערן דורך דעם עולם הבא געהער איך צוא מערין אין תורה אונ מצות אונ צדקה געבין אונ אוים צוא לייזען מיין לייב פון דעם גיהנם אזו וויא עס שטייט אין פסוק (כופר נפש איש עשרו) אמענטש קען אוים לייזין זיין לייב פון דעם גיהנם דורך זיין עשירות אונ אויב דאס עשירות איז געגעבין געווארין צוא פערעכטין דורך דעם מיין נשמה געהער איך אזו צוא טאן צוא מקיים זיין דיא תורה אונ מצות מיט מיין עשירות • גם אויך זאל ער טראכטין אין זיין האן ך אז גאט ב"ה האט אים רייך געמאכט צוא מאכין אים פאר אפוטרופוס איבער ארימע לייט אונ אויב ער וועט ניט זיין קיין גוטער אפוטרופוס אונ וועט אויף עסין די ארימע לייטם געלט וועט גאט אים אפ טאן פון אפוטרופוס אונ וועט מאכין אנדערען פר אים אזו וויא עס שטייט (אין ילקוט רות) אויף דעם פסוק (יתן ה' את האשה) עס הט זיך געטראפין איין חסיד איז געווארין איין ארום מאן אונ זיין ווייב איז זייער ערליך געוועזן צום סוף איז ער אזו ארום געווארין ביז ער האט זיך פר דונגען צו אקרין אין פרעמדי פעלדר איין מאל הט ער געאקערט אין אפעלד האט זיך אליהו הנביא באוויזין צוא אים אין געשטאלט פון איין ערבי אונ הט אים געזאגט עס איז פר האנדין צוא דיר זיבען גוטע יאר ווען ווילסטו זייא האבין אצונד אדער אויף דר עלטער הט דר חסיד צו אים געזאגט דיא ביסט איין כשוף מאכיר אונ ווילסט אפשר איך זאל דיר דער פר עפים געבין איך האב דיר ניט עפים צוא געבין גייא דיר צו פריד דען דער חסיד האט ניט געוויסט אז דאס איז אליהו הנביא אונ אליהו הנביא איז אלע מאל געקומין צו אים ביז דרייא מאל צום דריטען מאל האט דער חסיד צו אים געזאגט איך וועל גיין איין עצה האלטין מיט מיין ווייב איז ער געקומין צו זיין ווייב אונ האט איר געזאגט איינער איז געקומן צו מיר שון דרייא מאל אונ האט מיר געזאגט עס איז פאר האנדין צוא דיר זיבען גוטע יאר ווען ווילסטו זייא האבין אצונד אדער אויף דיין עלטער בכן וויא זאגסטו האט זיא צוא אים געזאגט גייא אונ זאג אים איך וויל זייא אצונד האט דער חסיד אים אזו געזאגט האט אליהו צום חסיד געזאגט גייא אהיים אונ איידער די וועסט נאך אן קומין צוא דעם טויער פון דיין חצר וועסטו שוין זעהן איין ברכה אין דיין שטוב דר ווייל האבן זיינע קינדר זיך געזעצט צו זוכין מיט די הענט אין ערד אונ האבין געפונן געלט וואס האבין געהאט צו שפייזין זיך זיבין יאר האבין זייא גירופן צו זייער מוטער אונ האבין איר עס דער ציילט אונ דער חסיד איז געקומען איז דאס ווייב אים אקעגין געגאנגין אונ האט אים דער ציילט האט דער חסיד תיכף געלובט

עלינו הקב"ה חוט של חסד תתן לנו מסון מזון. שבע שנים נעסוק בגמילות חסדים הללו שמא הקב"ה מוסיף לנו מאצלו וכן עשתה מה עשתה בכל יום ויום אמרה לבנה קטן כתוב כל מה שאנו נותנין וכן עשה · לסוף ז' שנים בא אליהו ז"ל א"ל כבר הגיע אעונה ליטול כל מה שנתתי לך א"ל כשנטלתי לא נטלתי אלא ברשות אשתי אף כשאני מחזיר לא אחזיר אלא מדעת אשתי הלך אצלה א"ל כבר בא הזקן ליטול את שלו אמרה ליה אמור לו אם מצא בני אדם נאמנים מסנו תן להם פקדונך וראה הקב"ה את דבריהם וג"ח שעשו והוסיף להם טובה לקיים מה שנאמר והיה מעשה הצדקה שלום · עכ"ל · הרי לך בהדיא שהעשיר אפוטרופוס שמהו הקב"ה בינו ובין העניים ואם רואה הקב"ה שאוכל מסון העניים לוקח העושר מידו ונותנה ביד אחר לכן העשיר אשר הנני השם דעת ישים נגד עיניו שבממון העניים הניתן בידו יכול הוא להרויח לקנות מקומו לעוה"ב ולהסיר מעליו כל המקטריגים ולרחוץ מנפשו כל כתמי העונות הדביקות בה ולנקות אותה וללבנה כשלג כמו שנאמר אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו · ואיך ולמה יתגאה בממון שאינו שלו והעולם אשר הוא בו כצל עובר היום כאן ומחר לקבר יובל · ולמה לא ישים העשיר נגד עיניו חכמת שלמה המלך עליו השלום ועשירותו ומעלתו אשר נחכם מכל האדם אשר על פני האדמה ונתרבה בעושר עד אשר אין כסף נחשב בימיו למאומה והשליטו הקב"ה על העליונים ועל התחתונים ומלך מסוף העולם ועד סופו וכל בהמות וחיות השדה ועוף השמים ושדין ורוחין ולילין מיכנעים לפניו לעובדו וכל מלכי ארץ ולאומים משמשים לפניו וכמ"ש באורך גדולתו ומעלת ממשלתו בתרגום יב"ע באחשורוש · ועם כל המעלות האלו לא זחה דעתו עליו והושפל לפני בוראו לעבדו בכל לבבו ובכל נפשו וטרח להכירו כאשר צוה לו דוד אביו דע

גאט האט זיין ווייב גיזאגט צום מאן אז גאט ב"ה הט אונז אזוי אחסד גיטאן אונ האט אונז גיגעבין געלט לאמיר דער מיט טאן גמילות חסד דיא דאזיגי יארען טאמיר וועט אונז גאט ב"ה נאך שיינקין דאס געלט אויף לענגערי יאר האט זיא גיזאגט צוא איר קליינים זון שרייב אוף וואס מיר גיבן צדקה צום סוף פון די זיבין יאר איז אליהו גיקומן אונ האט גיזאגט עס איז גיקומן דיא צייט אפ צוא נעמין דאס עשירות האט דר חסיד גיזאגט אז איך האב עס גינומן האב איך עס אנדרש ניט גיוואלט נעמי נאר מיט מיין ווייבס ידיעה אונ אצונד וועל איך אויך ניט טועהן אן מיין ווייבס ידיעה האט דר חסיד גיזאגט ציא זיין ווייב דער אלטער מאן איז גיקומן אפ נעמין זיין געלט האט זיא גיזאגט זאג אים אויב ער הט גיפונן ערליכרי מענטשין פון אונז גיב זייא אפ דיין פקדון · האט גאט ב"ה גיזעהן זייערי רייד אונ זייערי גמילות חסדים וואס זייא האבין גיטאן אונ האט זייא נאך מער גוטס גיגעבן · הרי שטייט דאך דא בפירוש אז דעם עושר האט גאט גימאכט פאר אפוטרופוס פיר דיא ארמי לייט אונ אז גאט ב"ה זעהט אז ער עסט אוף דאס געלט נעמט ער דאס עשירות בייא אים צוא אונ גיט עס צו אנדרין דרום דער עושר וואס גאט האט אים גילייט זעליגט מיט שכל זאל ער טאן טייגקן אז מיט דעם געלט וואס איז גיגעבין גיווארען אין זיינע הענט קען ער זיך קויפין עולם הבא אונ אפ טאן פון זיך אלי מקטריגים אונ אפ וואשן פון זיין נשמה אלע פלעקין עבירות וואס זענין בהעפט אין אים אונ זיא וויים מאכין אזוי ויא שנייא וויא עס שטייט אין פסוק (אם יהיו חטאיכם כשנים) ווען אייערי עבירות וועלין זיין אזוי וויא רוטי פארים (כשלג ילבינו) וועלין זייא וויים ווערין וויא שנייא · ואיך אונ ווארום זאל זיך דער מענטש בעל גאוה האלטען מיט אזוי אגעלט וואס איז ניט זיין אין דער וועלט וואס ער איז נאר וויא איין שאטין וואס גייט אוועק היינט איז דער מענטש דא אונ מארגין ווערט ער גיפירט אין קבר אונ ווארום זאל דער עושר ניט טון קיגין זיינע אויגין דיא חכמה פון שלמה המלך ע"ה אונ זיין עשירות וואס ער איז קליגער גיוועזן פון אלע מענטשין אויף דער וועלט אונ איז אזוי רייך גיוועזן אז זילבער איז גאר ניט חשוב גיוועזן אין זיינע טעג אונ גאט ב"ה האט אים גימאכט גיוועלטיגן איבער דיא אייבערשטי שרים אונ איבר דיא אונטערשטי בשעפעניש אונ האט גיקעניגט פון איין עק וועלט ביז דעם אנדרין עק וועלט אונ אלע בהמות אונ חיות אונ עופות אונ שדים אונ רוחות זענין אלי גיוועזן אונטער טעניג צוא דינען אים אונ אלי מלאכים האבין אים גיהארכט אזוי וויא אין תרגום שני שטייט · אונ וויען שוין ער האט גיהאט דיא אלי מעלות האט ער זיך פארט ניט בגאוה גיהאלטין אונ איז אונטער טעניג גיוועזן פר זיין באשעפר צו דינען אים מיט גאר זיין הארץ אונ מיט גאר זיין לייב אונ הט זיך מטריח גיוועזן צוא דר קענין אים אזוי ויא זיין פאטר דוד הט אים גיבאטן (דע את אלהי אביך

את אלהי אביך ועבדהו והוציא כל ימיו במושכלות וחיבר ספרים וגילה בהם רזי דרזין וסתרי דסתרין וקיים כל המצות בלי חסר תג אחד . ומה שלקח נשים נכריות טעמו ונימוקו היה עמו כמבואר בספרים לכן אמרו רז"ל כל האומר שלמה חטא אינו אלא טועה · ועם כל העושר והמעלות שהשיג יצא מן העולם נקי מנכסיו ולא הוליך עמו כי עם שלימות נשמתו אשר השלימה בעושרו · האם זוכרים ומזכירים כל באי עולם חכמתו ועושרו ומברכים שמו כלום היה אלא בשביל שקנה עולמו ובנה שם בגן אלהים מושבות משכיות החכמה לתענוגי נשמתו ונשארו ספריו ומוסריו לתקן אחרים אחריו · שאם היה מוציא כל זמנו לתענוגי גופו בלי קניית שום שלימות לנפשו אף שנתעלה על כל המלכים בימיו ונתחכם מכל החכמים והעשיר מכל העשירים במותו מניח הכל ומי היה זוכר ממנו ומי היה מזכירו לטובה ומי היה מספר גדולותיו דמה איכפת לדורות הבאים בזכירת הדברים שעברו להעלותם לזכרו נגד עיניו כיון שמהם עולת חרם בידו ואין לו כי אם אבוד הזמן וחולשת המחשבה · לא כן בהיותו עוסק כל ימיו בשלמיות נפשיות הכתובים על ספר בריו בשלשה ספריו מטיבי הנשמות שכל הבא בעולם אוחז בהם ללמוד שלימות ותיקן לנפשו וזכרו ומברכו ברוך מי שהדריכני עד כה · ואתה האיש העשיר שים זאת נגד עיניך ואל יהיה המסך שבידך קרדום לכרות עמו כל עצי יער להגדיל המדורה בגיהנם להכן אש בוער תמיד לצלות שם כל נתח טוב שבגופך ולהרבות עשנו לסמות בו עיניך ולהשחיר את תואר פניך · ואל תקנה עמו קטרוגים לאבדך שיעשו נקמות בנפשך מה שלא יכול שום מזיק ומחבל לעשות ולחפור עמו בורות עמוקות עד תהומא רבה מה שאין כח לחפור אם יתקבצו כל פועלים שבעולם ויעסקו בחפירתם כל ימי עולם להפיל עצמך בתוכה בצאתך מן העולם ולשום דרך שם לצאת לים הדינים והמשפטים המשונים · ומה זכר תשאיר לבאים אחריך אם

וויים דעם גאט פון דיין פאטר אז ער איז גאר איין גאט (ועבדהו) אונ דין אים אונ האט פר בראכט אלי זייני טעג אין חכמה אונ האט גימאכט פיל ספרים אונ האט אין זייא אנפלעקט פאר בארגני זאכין אונ האט מקיים גיוועזן אלי מצות דרום האבין אונזערי חכמים גיזאגט דער וואס זאגט שלמה המלך האט גיזינדיגט דער איז זעך גאר טועה · ועם אונ מיט זיין גאר עשירות אונ זייני מעלות איז ער פארט פון דער וועלט אוועק אן דעם עשירות אין האט מיט זיך מער ניט מיט גיפירט נאר זיין גאנצי נשמה וואס ער האט זיא מתקן גיוועזן דורך זיין עשירות אונ פאר וואס גידענקין אונ דר מאנין דען אלי מענטשין פון דער וועלט זיין חכמה אונ זיין עשירות אונ לובין זיין נאמין דס איז נאר פון וועגין וואס ער האט זיך גיקופט עולם הבא דורך דעם אונ האט זיך אן גיגרייט איין הויך ארט אין גן עדן אונ זיין פיל חכמה האט ער נאר גינוצט צוא זענפטיגין זיין נשמה אונ זייני ספרים אונ זיין מוסר איז איבר גיבליבן צו מתקן זיין אנדרי מענטשין · שאם אבר ער זאל גיוועזן פר ברענגין זיין צייט אוף תענוגים פון גוף אונ ער זאל ניט גיוועזן קופין דער מיט שלמות צוא זיין נשמה תאמשי ער איז גיוועזן קליגר פון אלי חכמים אונ רייכער פון אלי עשירים וויא ער איז גישטארבין האט ער דאך אלץ גמוזט לאזין דא ווער וואלט פון אים גידענקט אונ ווער וואלט אים דער מאנט צוא גוטין אונ ווער וואלט דער ציילט זיין גדולה אז דער פון קענין זייא זעך ניט אפ לערנין קיין שום גוטע זאך זייא וועלין אום זסט פאר ברענגין די צייט אבר ניט אזו אז ער האט אלי זייני טעג עוסק גיוועזן פאר זיין נשמה · וויא עס איז גישריבן אין זייני דרייא ספרים וויא מען זאל בגיטיגין די נשמות וויא מען זאל האלטין די תורה אונ מצות דס איטליכער מענטש לערינט אין זיי אונ גידענקט אים אונ זאגט גיבענטש זאל זיין דער וואס האט אונז גיפירט אין רעכטין וועג · ואתה אונ דו רייכער מאן טוא דס אלץ קעגין דייני אוגין אונ לאז דיין געלט ניט זיין איין האק אפ צוא האקין אלי ביימר פון וואלד גרויזי צוא מאכן דעם פייער אין גיהנם עס זאל ברענגין תמיד צוא בראטין איטליכם שטיק פון דיין גוף אונ צוא מערין רויך דיר בלינד צוא מאכין דייני אוגין אונ שווארץ מאכין דאס גישטאלט פון דיין פנים אונ זאלסט דיר ניט קופין מיט דעם געלד מקטריגים זייא זאלין אין דיר נקמות טאן וואס קיין מזיק אונ קיין פאר דארביר קען ניט טאן אונ צוא גראבין טיפע גריבער פון דיינט וועגן זעלבסט ביז אין דעם גרוסין תהום אריין וואס עס זאלן זיך אפילו איין זאמלין אלע פועלים פון דער וועלט אונ זאלין גראבין וויא לאנג דיא וועלט שטייט וואלטין זייא ניט גיקאנט אזו אטיפן גרוב גראבין אונ מיט דיין געלט וועסטו עס יוא גראבין דוא זאלסט זיך אליין דרינען אריין ווארפין אז דוא וועסט שטארבן

תאמר שיוכירוך על מעינות שעשית ובנינים שבנית וכרמים שנטעת מלבושים יקרים שלבשת. מה תועלת עולה לך באשפתו של גיהנם אשר אתה מושלך בו ככלב מוסרח האם יוכל הזכירה הזאת להושיעך משם ולתת מנוחות לנפשך כי אז בזוכרם שמך על הפעולות הגופניות אשר בהם טרחת תחיל תזעק בחבלים נפשך בקול תאניה ואניה ואין לך מושיע תחת אשר טרח הקב"ה עמך ליוצרך בבטן אמך ולשומרך תשעה חדשים שלא תצא נפל והוציאך לאויר העולם בשלום והגדיל עמך חסדיו כל ימי חייך והשפיע עליך מעושרו לגדלך ואתה לא טרחת לכבודו כלום ובטוב שהטיב עמך הכעסת אותו ולא השגחת למצותיו ולא בעסק חפצו ורצונו להלוך בדרכיו הנעימים ככתוב בתורת משה והלכת בדרכיו מה הוא חנון וכו' במקום אשר הכין לך על זאת יותר מכל בני גילך צ בהעשיר אותך בעושר ונכסים. ולמה לא תקנה בעושרך בית מושב עדי חוסה בעולם הנצח במקום תרשישים ואופנים ותכין לך עבדים לשמשך שם הם מלאכי רום הנעשים במעשיך הטובים ובהבל היוצא מפיך בנחום האבלים ובדברי הפיוסים לעניים ומוכי הרוח ובקיום כל החיוב המוטל עליך להשלים לטוב לך כדי לצאת מעולם הזה ולעוף השמימה לבית תענוגי נפשך אשר חצבת כמלך ההולך מהיכל להיכל יקר ממנו שאין שטן ופגע רע בלכתו ממקום למקום כן לא ישיגוך פגע רע בצאתך מן העולם כי כולם יברחו מפניך מיראתם שלא ישרפו משלהבת אש נשמתך הטהורה תחת אשר עבדת את ה' אלהיך שנמשל לאש בוערה:

ונחזור למוסר הנוגע לכל אדם יחד עשיר ואביון האומרים פה אחד איך יוכל אדם אשר מחומר קורץ ומטפה סרוחה נזרע להזדכך עצמו לעלות במעלות עליונות ולהבין

צ נמי מזלך

אונ דארט ארום וועסטו שוועבן צו גיין צוא דיא פירכטערליכע יסורים וואס מען וועט דיר אן טאן. ומה. אונ וואס פאר אזכר וועסטו איבער לאזין דיר וועסטו וועלין זאגין אז מען וועט דיך גידיינקין פון וועגין דיא ברונין וואס דו האסט גימאכט וועגין די בנינים וואס האסט גיבויט אונ וויינגערטנער וואס האסט גיפלאנצט אונ דיא טייערע קליידר וואס האסט אן גיקלייד וואס פאר אהילף וועט דיר דס אבער זיין אז דוא וועסט ליגען אין דעם גיהנם וואס דו וועסט דארט זיין גיווארפין וועט דען דאס דיר דען קענין העלפין פון דעם גיהנם צוא געבין רואונג צו דיין לייב. ניין דאס זעלביגע צייט וואס מען וועט דיך גידיינקין אויף די ליבליכע ווערק וואס האסט זיך מטריח גיוועזין אין זייא דערמאלט וועט דיין לייב וויינען אונ שרייען מיט וויא טאג אונ קלאג אונ צוא דיר וועט ניט זיין קיין העלפר דר פר וואס גאט ב"ה האט זיך מיט דיר מטריח גיוועזן צו בשאפין דיך אין דיין מוטרם בויך אונ צוא היטן דיך ניין חדשים דוא זאלסט ניט ארויס איין נפל אונ האט דיך אויס גיצויגין אויף דער וועלט בשלום אונ הט מיט דיר גרויסע חסדים גיטאן אין אלע דיינע לעב טאג אונ האט דיר גימערט פון זיין רייכקייט דיך גרויס צוא מאכין אונ דוא האסט ניך פון זיין כבוד וועגין גאר ניט מטריח גיוועזן אונ מיט דעם גוטס וואס ער האט דיך בגיטיגט האסטו אים דער מיט דער צערנט אונ האסט ניט גיפרעגט אויף זיינע מצות צוא גיין אין זיינע וועגין וויא עס שטייט אין דער תורה אונ דוא זאלסט גיין אין זיינע וועגין אזו וויא ער איז איין דער בארמיגער אזו זאלסטו זיך אויך דער בארמין איבר ארימע לייט וויל ער האט דיר מער אן גיברייט אז אנדרע מיט עשירות אונ נכסים. ולמה אונ ווארום זאלסטו דיר ניט קויפין מיט דיין עשירות איין רעכט גימוערט הויז אויף דעם איביגין עולם כלומר ווארום זאלסטו דיר מיט דיין עשירות ניט קויפין עולם הבא אונ זאלסטו דיר אן גרייטין קנעכט זייא זאלין דיך ברינגען דאס זענין די מליצים ישרים וואס ווערין בשאפין דורך דיינע גוטע מעשים אונ דורך דעם האך וואס גייט ארויס אויס דיין מויל בשעת דו ביסט מנחם אבלים אונ בשעת דוא רעדסט גוטע רייד צוא ארמי לייט אונ צוא די וואס האבין אנידעריג גימיט אונ אז דוא האסט מקיים גיוועזן אלי די שולדיקייט וואס אויף דיר איז גיווארפין צוא טאן פון דיין טובה וועגין כדי ארויס צוא גיין פון דעם עולם אונ צו שוועבין אין הימל ארין צו דעם הויז פון זעניפטיקייט צו דיין נשמה וועט דיך ניט גרייכין קיין שום בייז בגעגניש אלי וועלין אנטלויפין פאר דיר וויל זייא וועלין זיך פארכטין זייא זאלין ניט פאר ברענט ווערין פון דעם פייערדיגען פלאם פון דיין ריינע נשמה וויל דו האסט גידינט גאט דיין גאט וואס ער איז גיגליכין צו איין ברענינדיג פייער: ונחזור אונ לאמיר זיך אום קערין צו די שטראף רייד וואס רירט אן אלע מענטשין גליך סייא דעם עושר סיי דעם אריבאן וואס זייא זאגין ווי קען דר מענטש

ואס

במושכלות דברים נעלמים היושבים ברומו של עולם היאומן כי יסופר שהשחור יתהפך ללבן היהפך כושי עורו ונמר חברבורותיו ק ואם יעלה על לב שהעופרת יתהפך לזהב אופיר ואבן מקיר ליהלום וספיר אף שיעשו בהם כמה וכמה מהפעולות והשינויים · כך אי אפשר לאדם אשר מעפר יסודו ורוח חיותו להפך ההויתו לבחינת רוחניות ולשום כמלאכי שמים חיותו · כל זה פתוי היצר הרע המצירו הסותם עיני שכלו · דלא ראי זה כראי זה כי אדם נמשל לאבן נופך ספיר ויהלום שבעת שמחצבם נחצבו אינן מאירות שעליהם החלודה והקליפות רבו ובהתעסק האומן בהם מעט מעט להסיר הקליפה מהם אז הוא מגלה את הסתום היא האבן היקרה אשר התחתיה חתום ומבהיקה באורה בזוהר תפארה מתנוצץ לעינים כעצם השמים כן דומה ברוממה האדם הנשמה שבו היא האבן היקרה והגוף המסבבה היא הקליפה והאומנים העוסקים לנקות הקליפה שהוא הגוף הם התורה והמצות עד שמגלין זוהר האבן הגנוזה היא הנשמה הטהורה · הבט וראה בחנוך ואליהו ומשה רבינו ע"ה אשר עלו למרום בחיים חיותם ונכנסו בתוך להבות אש וניתן לחנוך להיות ראש המלאכים ולאליהו מלאך הברית ולמשה להלחם עם כת האבירים ולנצח האדירים ותורה לישראל הוריד · וכמה מהשלמים אשר מנו חכמים שנכנסו בגן עדן ונפש (כמו אליעזר עבד אברהם וריב"ל) ואף השלמים שלא נכנסו כמוהם והם קבורים בקבריהם אין הרקבון שולט בהם מסבת שגופם נהפך לאור בהיר ובנשמה מאיר · ואין הרקבון שולט כי אם בגוף בולט והם נתהפכו לצורה ואיך יפול בהם צרה · הרי שביד האדם אף שהוא בשר ודם לזכך חומר שלו ולהעלות בבחינת רוחניות על עסקו בתורה ומצות כי בטורח עסקו בהן מתמרק קליפת החומר מעליו כי הזיעה שמזיע בעוסקו בהן ממחה את החומר · ומזכך אותו

ק כהמים יש נשורו

וואס ער איז אויס ערד אויס לייטרן זיך צו אוף גיין אויף דיא אייבערשטי מעלות אונ צו פאר שטיין מיט שכל פאר הוילנע זאכין קען דען שווארץ פאר קערט ווערין צוא ווייס איין שטיין זאל פאר קערט ווערין צו אדימענט אזו איז ניט גימאכט צוא איין מענטש וואס פון ערד איז זיין גרונט צו פר קערין זיך צו איין רוחני זאך וויא די מלאכים · דאס איז אלץ נאר דאס איבר רייידונג פון דעם יצה"ר וואס ער פאר שטעלט דיא אויגין פון זיין שכל · דלא דען איינס צום אנדערין איז ניט גלייך · דען א מענטש איז גיגליכען צו איין דימענט שטיין וואס אין דער צייט וואס זייא ווערין אויס גיהאקט פון זייער ארט לייכטן זייא ניט ווארום דער זאווער ליגט אויף זייא אבער אז דער בעל מלאכה בעמיט זיך מיט זייא צו אפ טאן דעם זאווער אונ דיא קליפה דער פון דענסמאלט אנפלעקט ער דעם טייערן שטיין וואס איז גיוועזן דרונטר פאר דעקט אונ טוט לייכטן מיט איר שיינקייט אונ עס טוט פונקלין די אויגין · אזו איז גלייך דער מענטש די נשמה וואס אין אים איז דאס טייערע שטיינדיל אונ דר גוף וואס ריגילט זיא ארום איז די קליפה אונ די בעלי מלאכות וואס זענין עוסק צוא ריינקן די קליפה דאס זענין די תורה אונ מצות ביז מען אנפלעקט דעם גלאנץ פון דעם בהעלטנים שטיין דס איז דיא ריינע נשמה · הבט זעה אן חנוך אונ אליהו אונ משה רבינו ע"ה וס זענין לעבעדיגר הייט אין הימל ארין אונ זענין ארין גיגאנגין אין פלאם פייער אונ צו חנוך איז גיגעבין גיווארין די מעלה ער זאל זיין איין ראש פון אלע מלאכים אונ צוא אליהו ער זאל זיין א מלאך הברית אונ צו משה ער זאל מלחמה האלטין מיט די מלאכים אונ די שטארקע מלאכים מנצח צו זיין אונ האט אראפ גיבראכט צוא דיא ישראל די תורה אונ פיל צדיקים וואס די חכמים האבין גיציילט וואס זענן ארין גיגאנגין אין גן עדן מיט זייער גוף אונ נשמה וויא אליעזר עבד אברהם אונ ר' יהושע בן לוי אונ אויך איז פאר האנדן פיל צדיקים וואס זענין ניט ארין לעבעדיגער הייט אין גן עדן נאר זיי זענין בגראבין אין זייערי קברים אונ קיין פולונג גיוועלטיגן ניט אין זיי מחמת זייער גוף איז פר קערט גיווארין צו איין קלאר ליכט אונ טוט לייכטן אין דער נשמה אונ דאס פולקייט קען ניט גיוועלטיגן נאר אין איין גוף אונ זייער גוף איז אבער פאר קערט גיווארין צו איין רוחני זאך · הרי נוא איז דאך גידרונגין אז דר מענטש האטשע ער איז בלוט אונ פלייש הט ער אין דיא הענט אויס צוא לייטרין זיין גוף אונ צוא ברענגין אים צוא איין הוכר מעלה וואס איז נאר רוחני דאס איז אז ער וועט עוסק זיין אין תורה אונ מצות ווארום מחמת דער טירחא וואס ער איז עוסק אין דער תורה אונ מצות ווערט אפ גריבן פון אים דאס שלעכטיקייט פון דעם הומר דען דער שוויס וואס שוויצט בייא אים בשעה אז ער איז עוסק אין תורה אונ מצות דאס צו רייבט דאס גראבהייט פון דעם גוף אונ לייטערט אים אויס אונ

וויא

כשמש המכה ברוב חמימותו במחנות הזהב ומהפך העפר מן האדמה לעפרות זהב · ריש זהב שנעשה מחמימות השמש המכה בכח באותו מקום (עיין בספר שער השמים) כך נ״כ חמימות עסק התורה שנמשלה לאש דכתיב אש דת למו ועסק מצותיה מהפכים את הגוף לצורה · כל זה ישים האדם נגד עיניו לא יסיר לבבו מלחשוב תמיד בדברים אלו הטובים והנעימים ויזכה לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו בארצות החיים · כי אוהב דעת אוהב מוסר והאוהב מוסר אוהב תורה והאוהב תורה אוהב יראה והאוהב יראה אוהב אהבה והאהבה מביאו לחקור בדרכי השם להדבק בו ולעבדו בכל לבבו ובכל נפשו ולמסור נפשו על קדושת שמו יתברך כי האהבה מקלקלת את השורה · וכיון שקושר אהבתו ביוצרו אינו חושש על בריאת גופו המחליש לעבודתו ולא על תואר יפיו להשחירו על עסק תורתו ולא על גובה קומת גופו להשחות על קדושת שמו הגדול ואדרבה שמחה הוא לו לומר מתי יבא לידי ואקיימנה כר״ע שסרקו את בשרו במסרקות של ברזל ונפשו שמחה עליו כאשר אוהה נפשו כל ימי חייו למות כך על אהבתו יתברך כמו שאמרו חכמים זלה״ה · וכמה שלמים כמוהו מת על קדושת שמו יתברך חכו למחיצה שאין בריה יכולה ליכנס שם ובודאי שלא הביאם לכלל זה כי אם התשוקה שהיתה להם באהבתו יתברך סיום שעמדו על דעתם עד יום מותם זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן ואמן :

**פרק ב** ישמחו השמים ותגל הארץ כי צדיק מצרה נחלץ זה נח והוא יסוד עולם כי בלתו עמודי שמים ירופפו וכמעט כל הבריאה היתה הוזרת לתהו ובהו ברשעת פועלי און הם דור המבול שאמרו לאל סור ממנו ודעת דרכיך לא חפצנו ועשו סניף לכל צבא השמים

וויא די זון וואס מיט איר פיל היץ שלאגט ויא אין דיא ערטער וואס מען גיפינט דארט גאלד אין דר ערד אונ דיא זון פאר קערט מיט איר היץ דיא ערד צוא גאלד דען עס איז פאר האנדן אזו אגאלד וואס וועט דורך דעם וואס דיא היץ פון דער זון שלאגט שטארק דארטין אויף דער ערד ווערט פון ערד גאלד אזו אויך דאס דער היצונג וואס קומט דורך דער תורה וואס איז גיגליכען צוא פייער אונ דורך דעם וואס ער איז עוסק אין מצות דאס פר קערט דעם גוף צוא איין רוחני · דאס אלץ זאל דער מענטש דענקען ער זאל גיט אפ טאן זיין הארץ פון צוא טראכטין תמיד אין דיא גוטע זאכין אונ ער וועט זוכה זיין צוא זעהן אין דעם זיסקייט פון גאט אונ זיצען אין זיין פאליש דס איז עולם הבא · כי ווארום דער וואס האט ליב חכמה דער האט ליב שטראף רייד אונ דער וואס האט ליב שטראף רייד דער האט ליב תורה אונ דער וואס האט ליב תורה דער האט ליב יראה אונ דער וואס האט ליב יראה דער האט ליב אהבה אונ אהבה ברענגט אים צוא פארשטין אין גאטס וועג צוא בהעפטין זיך אין אים אונ צוא דינען אים מיט גאר זיין הארץ אונ מיט גאר זיין לייב אונ איבער צו ענטפערן זיין לייב אוף קדוש השם ווארום דאס ליבשאפט פערבייגט דיא ארדענונג אונ ווייל ער וועט בהעפטין זיין ליבשאפט אין בשעפר האט ער גאר קיין זארג אויף דיא גיזונדהייט פון זיין גוף אויך ניט אויף דעם וואס זיין שיין גישטאלט ווערט שווארץ מחמת ער לערינט תורה אונ אויך ניט אויף זיין גוף צו פאר דארבין אים אויף קידוש השם אדרבא דאס איז אים נאך איין שמחה אזו וויא ר׳ עקיבא מען האט גיקעמט זיין פלייש מיט אייזערני קאמען אונ ער האט זיך נאך גיפרייד דרויף אזוא וויא אונזערע חכמים האבן דער ציילט · נאך פיל צדיקים אזעלכי וואס זיי זענען אום גיקומן אויף קידוש השם אונ האבין זוכה גיוועז צוא האבין אין גן עדן אזוא איין הויך ארט וואס קיין בשעפניש קען אהין ניט קומען אונ דאס איז גיוויס נאר מחמת דעם גלוסטין וואס זייא האבין גיהאט אין דעם ליבשאפט פון גאט יתברך זינט זייא זענין גיקומן צום שכל ביז אין טויט · זייער זכות זאל מגין זיין אויף אונז אונ אוף אלע ישראל אמן :

פ״ב ישמחו עס זאל זיך פרייען דיא הימלען אונ דיא ערד וואס דער צדיק נח איז אויס גיצוגין גיווארין פון דער צרה אונ ער איז דער יסוד פון דער וועלט ווארום ער זאל ניט זיין קיין צדיק וואלט ער ניט נצול גיווארין פון דעם מבול וואלטין אלע בשעפניש פאר קערט גיווארין צו וויסט מחמת די זינדיגי דאס זענין דער דור המבול וואס זייא האבין גיזאגט צו גאט קער דיך אפ פון אונז צו וויסן דייני וועגין ווילין מיר נישט · אונ האבין גימאכט דיא שטערן פאר אפ געטער אונ האבין פון זיך ארא גיווארפין דעם יאך פון דעם וואס האט זייא בשאפין אונ זענען נאך גינאנגין נאך דעם

הילו

לפרוק מעליהם עול מי שבראם וילכו אחר שרירות לבם ויבחרו בכל רע ועלה בעצתם להרבות במטעת כרמים לשתות מן היין להשתכר עצמם להמשיך תאות יצרם לכל אשר לבם חפץ לבא על הנשואה ועל הזכר ולהתערב זרעם שלא במינם עם בהמה חיה ועוף ועשו כל התועבות · והשם יתברך השפיע עליהם מרוב טובו אולי יחזרו ויתנו לב לשוב בחמדה שלא לאבד רוב השלוה והטוב אשר השליטם השם יתברך · כראותו כי לא היו שבים הרעיש עליהם את ההרים והגבעות אולי יכנס מורך בלבבם לשוב · וגם לזאת לא שמו לבם והעמיד עליהם כרוז להכריז עליהם הרע העתיד לבא עליהם זה נח וקבע להם זמן ק"ך שנים בעשיית התיבה שעשה נח אולי יתנו לב לשוב ויתנו כתף סוררת ועוד הוסיפו לחטוא וחזר וקבע להם זמן עוד שבעה ימים מאבלו של מתושלח הצדיק והשמיע ממרום לכל יושבי הארץ ההספד שעשו למתושלח בשמים והיו יורדין דמעות של חיות הקדש למטה כמ"ש תכמים חז"ל הביאו הילקוט סדר נח) · וכוונתו יתברך היה שיכירו מעלת הצדיק כמה היא ואולי ישובו וכאשר ראה כי לא שבו מדרכם הרעה ויאמר ה' לנח קץ כל בשר בא לפני וכו' כלומר באתי עד קץ כל אחד ואחד מהם וראיתי שאין צדיק עתיד לצאת מאחד מהם ולכן הנני משחיתם מן הארץ · רק אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה עשה לך תיבת עצי גופר להסתיר עצמך מהקטרוג והנך ניצול מכלם עם בניך הצדיקים כמותך ואשתך ונשי בניך עמך ומכל הבריאה שלא השחיתו ינצלו עמך וממך אני מיסד עולם כבתחלה :

**וארנה** בן אדם שים לבך לדבר הזה לראות ולהכיר גודל רחמנותו יתברך עם האדם ועד כמה מאריך אפו שלא ימות חייב כדי להטיב עמו הבט וראה כמה האריך עם אנשי דור

ווילן פון זייער הארץ אונ האבין אוים דער וועלט אונ אלץ דאס בייז אונ האבין גיהאלטין איין **עצה** צו מערין זייער גערטינער צו טרינקין וויין אן צוא שכערין זיך כדי נאך צוא גיין דיא גלוסטיקייט **פון** יצה"ר צוא אלעמען וואס זייער הארץ האט גיגלוסט אונ גיטאן אלערלייא אום ווערדיקייט אונ **גאט** ב"ה האט זייא גיגעבין פון זיין פיל גוטץ טאמער ועלין זייא חרטה האבין אונ וועלין תשובה טאן כדי זייא זאלין ניט פאר לירין דאס פיל שלוה אונ גוטץ וואס גאט ב"ה האט זייא גימאכט דריבר גוועלטגין · וכראותו אונ אז גאט ב"ה הט גיזעהן אז זיי האבין קיין תשובה גיטאן הט ער אוף זיי געמאכט שטורמן דיא בערג טאמר וועלין זייא מורא קריגן אונ וועלין תשובה טאן אבער זייא האבין צו דעם אוך זייער הארץ ניט גיטאן · האט גאט ב"ה אוף זייא אוף גישטעלט נח ער זאל זייא אן זאגין דאס בייז וואס איז אן גבריים צו קומען אוף זייא · אונ האט זייא גיזעצט אצייט הונדרט אונ צוואנציג יאר וואס נח האט גימאכט דיא תיבה האבין זייא צייט תשובה צו טאן אונ זייא האבין זיך אוועק גיקערט פון גאט אונ האבין נאך גימערט צוא זינדיגין האט גאט זייא גיזעצט נאך אצייט דיא זיבין טאג פון דעם אבילות פון מתושלה הצדיק אונ האט גימאכט הערין פון דעם הימל צוא אלי מענטשן פון דער ערד דעם הספד וואס מען האט גימאכט אין הימעל צו מתושלח הצדיק אונ דיא טרערין פון דיא (חיות הקודש) האבין אראפ גינידערט פון מתושלח וועגין אזו וויא דער ילקוט שרייבט · וכוונתו אונ גאט האט עם דרום גיטאן כדי זייא זאלין דער קענין דיא מעלה פון איין צדיק וויא גרוס עס איז בייא גאט אונ טאמער וועלן זייא תשובה טאן · וויא גאט ב"ה האט גיזעהן אז זייא האבין קיין תשובה גיטאן האט גאט גיזאגט צו נח (קץ כל בשר בא לפני) דער סוף פון אלע באשעפיניש איז גיקומין פאר מיר אונ וויא וייטר שטייט כלומר איך האב גיזעהן דעם סוף פון זיי אז קיין צדיק וועט ניט ארוס קומין פון איינעם פון זייא דרום וועל איך זייא פאר דארבין פון דער ערד נאר דיך האב איך גיזעהן איין צדיק פאר מיר אין דעם דאזיגין דור מאך דיר איין תיבה פון פוססין האלץ דוא זאלסט דיך דארט פאר בארגין פון דעם קטרוג אונ פון דעם גאנצין דור אונ דו וועסט נאר ניצול ווערין מיט דייני קינדר וואס זייא זענן אזעלכי צדיקים וויא דו אונ דיין וייב אונ דייני זונס ווייבר מיט דיר אונ פון אלירלייא בשעפניש וואס האבין ניט משחית דרכם גיוועזין וועלין מיט דיר נצול ווערין אונ פון דיר וועל איך גרונד פעסטיגין איין וועלט אזו וויא פריער :

**ואתה** אונ דוא מענטש טוא דיין הארץ צוא דער דאזיגער זאך צו זעהן אונ דער קענין דאס גרוים רחמנות וואס גאט ב"ה האט אויף דעם מענטש אונ ביז וויא לאנג ער ווארט כדי ער זאל ניט שטארבין אן תשובה · זעה וויפיל גאט ב"ה האט גיווארט צו דיא לייט פון דור המבול זייא זאלין ניט

המבול כדי שלא ימותו חייבים וכל זה מכחיש סברת כת המינין האומרים שהאדם לא נברא אלא לנקמה כמו שכתב הרב ברוך ז' ברוך ז"ל (בספר קהלת יעקב פירוש על קהלת דף ל"ד ע"ג) וזה לשונו יש סברא מהאפיקורסים בראותם מקרי הזמן ומאורעותיו הרעים והטובים שבו הוא מזוג במי ראש ולענה אמרו שהאדם לא נברא אלא לנקמה ממנו ואם נותנים לו גדולה לאדם הוא כדי להשפילו ולהשליכו משמי מרומים כדי שתכבד עליו הירידה ומצינו שהאדם בעולם הזה לא ישקוט ולא ינוח מרוגזו וכל ימיו ושנותיו מכאובים ויכלה ימיו בהבל ושנותיו בבהלה והוא מעותד אל המקריים הרעים העתידים לבא עליו הן מצד המערכה הן מצד הגלגלים המניעים את היסודות המחייבים רעות רבות והשחתות גדולות בזה המציאות הן מצד התחלתו הפחותה הוא ההיולי הראשון (וכבר אמרו עליו שהוא סיבת ההפסד והכליון לפי שהוא לובש צורה ופושט צורה) היותו בלתי עומד ומשתנה בכל רגע ורגע והכל בכח ולא בפועל ואם מצד השגותיו הם פחותות וחסרות שהם מן המאוחר אל הקודם א ואיך יאמר שיגבר ויעלה אל השלמות איש אשר כזה נגוע מוכה אלהים ומעונה ע"כ · והנה מכל מה שכתבנו ממה שהאריך הקב"ה עם דור המבול כדי שישובו מפיל ארצה הסברא הרשעה החשוכה והאפלה הזאת של האפיקורסים אלו ימח שמם והכתוב מכריז טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו ודרשו חז"ל ומרחמיו נותן לבריותיו כלומר מלבד שהוא רחמן נותן לבריותיו מרחמיו שיתנהגו כמדתו לרחם כל אחד על חבירו · והעולם לא נברא אלא להיטיב עם בריותיו ואדם צועק בצרתו ומציל אותו וכל התורה והנביאים מכריזים על גודל רחמנותו יתברך עם האדם · והתלמוד והמדרש מספרים כבוד אל מענותנותו יתברך שמו אשר כביכול כמה מצטער בהגיע רעה על רשע ואומר קלני מראשי כו' וכתיב עמו אנכי בצרה וכמה שמח בהיות משפיע ומטיב כי כעסו עם הרשעים הוא מטעם שמונעים להשפיע טובו בעולם וצער גדול למי שטבעו ומדתו להיות ותרן ומונעים ממנו מלתת ולהרבות ולהיטיב · ועל

א כלומר שהשגת האדם להשיג בעליונים הוא קשה לפי שהוא הולך בה ממטה למעלה ע"י חקירת הטבע ועי"ז בא לידיעת הא-ל :

שטארבין רשעים · אונ דאס אלע לייקענט אפ דיא סברא פון דיא אפיקורסים וואס זאגין אז דער מענטש איז נאר בשאפין געווארין צוא ליידין · אזו וויא עס שרייבט רבי ברוך אין דעם ספר קהלות יעקב עס איז פאר האנדין וואס זאגין אז דער מענטש איז נאר בשאפין געווארין אז גאט ב"ה זאל זיך אן אים נוקם זיין אונ אויב מען גיט אמאל צום מענטש גדולה איז דאס נאר כדי אים דער נאך אראפ צו ווארפין פון דער הויכע מעלה כדי די ירידה וואס ער וועט דער נאך האבן זאל פר אים שווער זיין אונ מיר געפינען אז דער מענטש איז ניט גערועט אונ געשטילט אויף דער וועלט אונ אלע זיינע טעג אונ יארין זענין לויטר ווייטאג אונ דער שרעקניש אונ איז אן געברייט צו שלעכטע טרעפונג אדר זיין מזל ברענגט דאס אלץ מיט אדער די גלגלים ברענגין שלעכץ אונ גרויסע פר דארבונג אין דער וועלט אונ וויא קען מען זאגין אז אזו א מענטש וואס איז געשלאגין אונ געפייניגט זאל ער אויף גיין צוא איין הויכי מעלה · אזו זאגין דיא אפיקורסים · והנה אבר פון דעם אלימען וואס מיר האבן געשריבן וויא גאט ב"ה האט אויס געווארט דעם דור המבול זייא זאלין תשובה טאן דאס ווארפט וועק זייער סברא די פינסטרע פון די אפיקורסים ימח שמם · אונ דער פסוק זאגט (טוב ה' לכל) גאט איז גוט צו אלע (ורחמיו על כל מעשיו) אונ זיין דער בארימהערציקייט איז איבר אלע זיינע בשעפעניש · אונ אונזערי חכמים האבין דרויף אזו גידרשת אונ פון זיין רחמנות גיט ער צו זיינע בשעפניש מדת רחמנות זייא זאלין זיך אויך פירין אזו וויא זיין מדה דאס איטליכר זאל זיך דער בארימען איינר איבר זיין חבר אונ די וועלט איז מער ניט בשאפין געווארין נאר ער זאל באגיטיגן מיט זיינע בשעפניש אונ אז א מענטש האט עפים ח"ו אצרה אויף זיך שרייט ער צוא גאט איז ער אים מציל אונ גאר דיא תורה אונ דיא נביאים רופין אויס אויף דעם גרויס רחמנות וואס גאט ב"ה טוט מיט דעם מענטש אונ די גמרא אונ דער מדרש דער ציילין גאטס כבוד פון זיין ענוות גילובט איז ער וואס ער איז זיך כביכול מצער אז עס קומט עפים בייז אויף דעם מענטש אזו וויא עס שטייט (עמו אנכי בצרה) אז עס קומט עפים אצרה אויף א מענטש איז ער זיך כביכול אויך מצער דרויף אונ האט גרויס שמחה אז ער איז משפיע אונ בגיטיגט דיא מענטשן ווארום דאס וואס ער איז ברוגז אויף דיא רשעים איז נאר מחמת זיי פר מיידין אים פון צו משפיע זיין זיין גוטס אויף דער וועלט אונ דאס איז א גרוסר צער צו אזעלכי וואס זיין מדה איז צו זיין איין וותרן אונ מענטשן פר מיידן אים פון צוא

זה כתיב נוקם ה׳ ובעל חימה ורז״ל פירשו מה שפירשו (ועיין בע״ז פ״א) אך כפי דרכנו זה הפסוק מכריז על האמור דכיון שמדתו ית׳ להיטיב תמיד · ויש רשעים העושים מסך מבדיל בעונותיהם מלעבור השפע מתמלא חימה עליהם לעשות נקמה בהם לאבדם כיון שאינן שבים כדי שירד השפע ויתרבה טובתו לבריותיו ואדרבה עשה את האדם מפחד תמיד כדי שיהיה משועבד לעבודתו כלומר להטיב עמו ואם חטא לפניו מפחדו במקריות הזמן כדי שישוב לטוב לו · ובהיות כן היש ריע אהוב נאמן שיאהוב את רעהו וישתדל בטובו אף על פי שיצפה ממנו גמול שאיש את רעהו יעזורו · או היש אח שיחזיק לאחיו כל כך אע״פ שבשר אחד המה אשר מבטן אחד נוצרו ומצפה ממנו עזרה שלאחיו יאמר חזק · או שיש אב ואם שישתדלו כ״כ בטובת בנם אע״פ שמצפים ממנו כבוד והוד והדר ושיכלכלם לחם עד זקנה ועד שיבה כהקב״ה המשתדל כביכול להטיב עם בריותיו אע״פ שאינו מגיע לו כלום דכתיב אם צדקת מה תתן לו כו׳ ומה מידך יקח והוא מושל בכל מלכותו בכל משלה מלך מלכי המלכים ואדוני הארונים בורא יוצר ועושה הכל וכתיב מי הקדימני ואשלם ועכ״ז ברא עולמו בלבד להטיב עם בריותיו היש רחמן גדול ממנו היש מרחם ומטיב כמוהו · ולמה לא יתבייש האדם ויכסהו בושה וכלימה לעבור על צוויו ולבטל אחת ממצותיו חלילה · ילמוד האדם ממדתו לעבוד ליוצרו · מרת האדם שלא יעברו על דברו ולמה לא ינהג כן בבוראו שלא לעבור על דברו כאשר הוא חפץ בעצמו · מדת האדם שיתרבה כבודו ולמה הוא ג״כ לא ירבה בכבוד קונו מדת האדם שיכבדו אותו בניו ולמה הוא לא ישתדל לכבוד האב של כלם ה׳ צבאות שמו ולמה לא יתקנא האדם בהמלאכים שהם שוכני מרום והוא בעפר מושבו בהיות לאל ידו · להתגבר על מעלתם ולעלות על גבי מדרגתם כי מה מועיל קנאת אדם על חבירו להתגבר לעלות על גבי חומר כמוהו היתפאר טיט על טיט למעלה מסך היש שבח לאבן אשר בראש פינה על היותה על חברתה · אין לשבח כי אם יציר חומר נברא המתגבר במעשיו לעלות למעלה ממלאכי השרת ולהכין מושבו תחת כסא הכבוד · וכיון שבידך בן אדם לעלות

גֶעבִּין אוּנ גוּטְס צוּ טְאן · אוּנ אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט נָאט ב״ה אִיז אֵיין רֵייכֶער אוּנ אֵיין הֶער פוּן צָארְן דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אוֹיף דֶעם שְׁלֶעכְטִין מֶענְטְשׁ וָוארוּם זַיין מִדָה אִיז דָאךְ תָּמִיד גוּטְס צוּ טָאן · וְיֵשׁ אוּנ עֶס אִיז דָא רְשָׁעִים וָוס דוּרְךְ זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת מַאכִין זֵייא אַצְווִישְׁן שֵׁייד אַז דִי שֶׁפַע קֶען נִיט אַרָאפּ קוּמֶן וֶוערְט עֶר פִיל אוֹיף זֵייא אִין כַּעַס עֶר זָאל אִין זֵייא טָאן אַנְקָמָה צוּ פַר לִירִין זֵיי ווייל זֵייא טוּעֶן נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה כְּדֵי דִי שֶׁפַע זָאל אַרָאפּ נִידֶערִין אוּנ זַיין גוּטְס זָאל עֶר מֶערִין צוּ זַיינֶע בַּשֶׁעפֶנִישׁ אַדְרַבָּא עֶר הָאט בַּשַׁאפִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ תָּמִיד פָארְכְטִין פַר אִים צוּ טוּעֶן זַיין דִינְסְט כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִים גוּטְס טָאן אוּנ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט פַר אִים מַאכְט עֶר אִים שְׁרֶעקִין מִיט יִסוּרִים כְּדֵי עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טָאן אִיז דָאס אַלְץ פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁינְס טוֹבָה וֶועגִין ובהיות אוּנ אַז עֶס אִיז יוא אַזוֹ אִיז דֶען פַר הַאנְדִין אַזוֹ אֵיין וָוארְהַפְטִיגֶר לִיבְּהָאבֶּר וָוס זָאל לִיבּ הָאבִּין זַיין חַבֵר אוּנ זָאל פְלַייסִין אִים גוּטְס צוּא טָאן חָאטְשֶׁע עֶר הָאפְט דָאךְ אַז יֶענֶר זָאל אִים טובות אָפּ טָאן אָדֶער אִיז דֶען פַר הַאנְדִין אַזוֹ אַבְּרוּדֶר עֶר זָאל אַזוֹ פִיל לִיבּ הָאבִּין שְׁטִיצֶען דֶעם אַנְדֶערִין בְּרוּדֶר חָאטְשֶׁי זֵייא זֶענִין דָאךְ גִבָּארִין גְיוָוארִין פוּן אֵיין מוּטֶר אוּנ דָאךְ הָאפְט עֶר אַז דֶער בְּרוּדֶר זָאל אִים אוֹיךְ אַמָאל הֶעלְפִין אָדֶר אִיז דֶען דָא אַזֶעלְכֶע פָאטֶר אוּנ מוּטֶר וָואס זָאלִין זִיךְ אַזוֹ פְלַייסִין אִין דֶעם גוּטְס פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶר חָאטְשֶׁע זֵייא הָאפִין דָאךְ צוּ הָאבִּין פוּן זֵיי כָּבוֹד אוּנ נַחַת אוּנ זָאל שְׁפַּייזִין אוֹיף דֶר עֶלְטֶר אִיז דָם דֶען מִיגְלִיךְ אַז דִי אַלֶע זָאלִין זִיךְ פְלַייסִין אוֹיף דֶעם וִוי גָאט ב״ה פְלַייסְט זִיךְ כִּבְיָכוֹל צוּ טָאן גוּטְס דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען אוֹיךְ עֶר הָט גָאר נִיט דֶר פוּן · זוֹי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (אִם צָדַקְתָּ מַה תִּתֶּן לוֹ) וֶוען דוּ בִּיזְט גוּט אוּנ פְרוּם טוּסְטוּ דִיר זֶעלְבְּסְט גוּט דֶען גָאט ב״ה דַארְף עֶס פַר זִיךְ נִיט · עֶר הָט אַלְץ בַּשַׁאפִין אוּנ טוּט יֶעדֶערְן גוּטְס וֶוען אוֹיךְ יֶענֶר הָט נָאךְ בִּיז עֶרְשְׁט קֵיין גוּטְס גִיטָאן · אִיז דֶען דָא אוֹיף דֶר וֶועלְט אַזוֹ אֵיין בַּארִימְהַרְצִיגֶער וִוי גָאט ב״ה · ולמה אוּנ וָוארוּם זָאל דֶר מֶענְטְשׁ זִיךְ נִיט שֶׁעמִין עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף גָאטְס גִיבָּאט חָלִילָה · דֶער מֶענְטְשׁ גִיהֶער זִיךְ צוּ נֶעמִין אֵיין בֵּיישְׁפִּיל פוּן זַיין פִירוּנְג עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ אִין גָאטְס דִינְסְט אַזוֹ פִירִין · לְמָשָׁל דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל דָאס קֵיינֶר זָאל אִים נִיט זַיין דֶער ווִידֶער נוּא וִויא קֶען עֶר זַיין גָאט ב״ה דֶר ווִידֶר · דֶר מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבִּין פִיל כָּבוֹד וּבִפְרַט פוּן זַיינֶע קִינְדֶר אוּנ וָוארוּם זָאל עֶר נִיט אָפּ גֶעבִּין גָאט ב״ה פִיל כָּבוֹד · אוּנ וָוארוּם זָאל זִיךְ דֶר מֶענְטְשׁ מִתְקַנֵא זַיין אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין בֶּעסֶר זָאל עֶר זִיךְ מִתְקַנֵא זַיין אִן מַלְאָכִים

וואס

בסולם זו איך ולמה תאחר עליתך ולא די לזה אלא שאהה משבר מדרגות הסולם בקרדומות ע"י מעשיך הרעים שהם משברים וכורתים כחרב חדה ואיך תוכל נשמתך לעלות דרך שם במותך כי ברצותך לעלות תפול ממרומים לארץ נפילה בלי קימה ואל מי תקרא לעזרה להקימך · האם העבירות שעשית יעזרוך או הקטרוגים שמהם עשיתם יקימוך · ואם תשים פניך לרעיך אשר יפתוך לחטוא שיושיעוך עוד מי לך פה שתוכל לדבר עמהם ואם יצוייר שישמעו קולך יברחו בהחבא מפחד שומעם קול כאוב אשר מארץ יצפצף ולמה בהיות היכולת בידך להנצל מכל זה לא תשתדל כדי לבקש ישועת נפשך כי הרשעים שנאבדו מן העולם קח אותם למראה וראה מה שהגיע להם ופרוש מדרכיהם·ראה דור המבול דשרש חטאתם היו הגאוה שנתגאו(כארז"ל במדרש פ' בראשית) כי הגאוה היא שורש לכל עבירות שבעולם עד שאומר הקב"ה אין אני והוא יכולים לדור במדור אחד כארז"ל ותחזק עצמך בדבר הזה שלא לשמוע בקול יצרך לפתותך על הגאוה ובנוצחך אותו על הדבר הזה תוכל לנצחו בבל כי כיון שנעקר השורש הענפים נופלים מאליהם :

**והנני** מלמדך שלא תכנס ותכשל בטומאת הגאוה · תחלה שים נגד עיניך שאינך בן חורין שיש מושל עליך נמצא אתה בחינת עבד היש צחוק גדול מזה לעיני השמש עבד מתגאה ולמה תתן מקום להזכיר שפלותך · שנית אם לבשת בגדי משי ובהם אתה מתגאה דע שאין פחיתות גדול מזה שאתה תתגדל בדבר היוצא מהתולעים ואם מה שיוצא מהם מעלים אותך נמצא שאתה טפל להם · ואם בגדי צמר לבשת ובהם נתגאית היאומן שהבהמה גדולה ממך שעמה

וואס האבין זייער איין גרויסע מעלה · אונ ווען דער מענטש טוט זיך שטארקין אין תורה ומצות מען ער קומן נאך צו איין העכערע מעלה · וכיון אונ וייל דו האסט יוא אין די הענט אויף צו גיין אויף אזו איין הויכע מעלה ווארום זאלסטו שפעטיגין דיין אויף גיין · אונ נאך מער דורך דייני שלעכטי מעשים צו ברעכסטו די שטאפלען פון דעם לייטר מיט איין האקדען די שלעכטי מעשים צו ברעכין אונ שניידין אזו וויא אשארפי שווערד אונ ווי וועט דיין נשמה קענין דארט ארום ארוף גיין נאך דיין טוט ווארום אז זיא וועט וועלין אויף גיין וועט זיא אראפ פאלין פון דער הייך אויף דר ערד אזו אפאל וואס זיא וועט ניט קענין אויף שטיין אונ צו וועמן וועסטו רופין צו הילף אויף צוא שטעלין דיך · וועלין דיר דען העלפין די עבירות וואס דוא האסט גיטאן אדר דיא מקטריגים וואס דו האסט בשאפין מיט דייני עבירות אונ אז דו וועסט וועלין רופין דייני חברים וואס האבין דיך אן גירעט צו זינדיגין נוא וועמין וועסטו דען דארט האבין אז דו זאלסט קענין ריידין מיט זייא אונ ווען זיי וועלין הערין דיין קול וואס דו וועסט דענמאלט שרייען דא וועלין זייא אנטלויפין אונ וועלין זיך בהאלטין מחמת דעם פחד וואס זייא וועלין הערין דיין ביטער קול · אונ ווען דו האסט יכולת ניצול ווערין זאלסטו זיך ניט פלייסין צו זוכין די הילף פון דיין נשמה נעם דיר פר אשפיגיל דיא רשעים ווס זענין פר לארן גווארן פון דר וועלט אונ זעה ווס הט זיי גיגרייכט אונ שייד זיך אפ פון זייער וועג · ראה זעה דעם דור המבול ווס זייער עיקר עבירה איז גיוועזן ווס זיי האבן זיך בעל גאוה גיהאלטן ווייא עס שטייט אין מדרש דען די גאוה איז דער שורש פון אלע עבירות ביז גאט ב"ה זאגט אז כביכול איך אונ דער בעל גאוה קאנין ניט וואנען אין איין ארט אונ שטארק זיך אין דר זאך אז דוא זאלסט ניט צו הערין דיין יצה"ר וואס ער רעט דיך אן צוא גאוה אונ אז דוא וועסט אים מנצח זיין אין דער גאוה וועסטו אים קענין מנצח זיין אין אלי זאכין וואס ער וועט דיך אן ריידין ווארום אז דער ווארציל ווערט אויס גריסין דאס איז דיא גאוה פאלין שוין מסילא די צווייגין דס איז דיא איבריגי עבירות :

**והנני** אונ נון איך וועל דיך לערנין וויא אזוי דוא זאלסט ניט אריין גיין אונ נשטראבילט ווערין אין דר טומאה פון גאוה · צום ערשטן זאלסטו טאן פר דיינע אויגין אז עס איז דא איין געוועלטיגר איבר דיר אונ דוא בוסט אקנעכט איז דאך אגרוס גשפעט אז אקנעכט זאל זיך בגאוה האלטין · דאס אנדערי אוב דוא האסט אן גקלייד זיידינע קליידר אונ מיט זייא האלסטו זיך בעל גאוה זאלסטו וויסען אז עס איז נארישקייט דוא האלסט זיך בעל גאוה מיט אזוא אזאך וואס קומט ארוס פון ווערים אונ דאס מאכט דיך חשוב ממילא מאכסטו דאך זייא מער חשוב פון דיר · ואם אונ אוב דיא ביסט אן גקליד וועליני קליידר אונ מיט זייא האלסטו זיך בגאוה נוא איז דען צוא

און

שעסה אתה מתגאה · ואם בבכי פשתן היוצא השדה שנה שנה נהעטפת דע כי הוא צומח ואתה
חי מדבר מי גדול ממי ואם כן איך תוכל להתגאות בכל זה · שלישית שים נגד עיניך שלא
תעמוד ביופיך וכחך כל הימים אשר אתה חי על האדמה ובבא ימי הזקנה לא תוכל לנהוג דרכי
הגיאות והיית צחוק לכל מכירך באמרם הזה האיש המשתבח איך נפל ונשבר והיה לקש ·
רביעית חשוב בדעתך שדרכך כבהמה בשעה שאתה צריך לנקביך וגוף המהפך כל פרי טוב
הריח והגון לזבל ולסרחון יש לו מקום שיתגאה · חמישית העלה על דעתך ימי החולאים הבאים
עליך אשר לבך נשבר בקרבך וכחך סר מעליך ולשונך לחכך דבקה וכמרורות פתנים בלשונך
ואתה כארמון נופל וכעי מפלה א נופל על ערש דוי והרוח נודף והקדחת מלהך ואפיסת הכחות
נוברות ודם שבלב מתמעט ומלאך המות לפתח רובץ · ששית אמור בלבך אדם אשר הודו
והדרו עוד דק אשר גופו מכסה ואם יסתלק ויתהפך מה שבפנים בחוץ כל רואו עיניו יכסה מלהביט
דבר מאוס כזה ואיש אשר אלה לא יתגאה · שביעית תן דעתך באיש המנוגע מה מאוס לראוהו
ומה חרפה להביטו וכיון שלאיש יקרה זאת מה מקום יש לו להתגאות · שמינית בשוכך נגד
עיניך כי לא לעולם חוסן ב היש מבטיחך שתתנהג כל ימיך בגאותך ואם היום או למחר נפול
תפול המצא כל העולם שונאים לך ואין מנחם ואין מרחם עליך וכאשר עשית כן יעשה לך · תשיעית
שים נגד עיניך כל הגאים שקדמוך מה עלה בידם כי היו לקלון ולחרפה לכל באי עולם · ראה מה
שאירע לנבוכדנצר שגאותו גרם לו להתהפך לבהמה והמן מרוב גאותו ירד לתחתיות ארץ ודוד

א לשון הורגה ובממה ניבטים י"ז וסיסה מעי מפלה : ב המנון והנכסים :

גלייכין אז דיא בהמה איז חשובר פון דיר וארום דוא האלסט זיך בגאוה דורך איר און אוב ד
ביסט אן גיקליידיט מיט פלאקסני קליידר זאלסטו וויסן אז דאס איז אזאך וואס שפראצט ארוס פון
דער ערד און דוא ביסט איין מענטש וואס קען ריידען נוא ביסטו דאך בוודאי חשובר ממילא ווי
קענסטו דיך בגאוה האלטין מיט דעם אלעמין · שלישית דאס דריטע דענקע אז דוא וועסט ניט
בלייבן ביא דיין שיינקייט און דיין כח אלי טעג וואס וועסט לעבין און אז עס וועלין קומען דייני
אלטי טעג וועסטו דיך ניט קענין פירען מיט גיאות און וועסט ווערין איין שפעטונג צוא אלי וואס
קענין דיך זייא וועלין זאגין דאס איז דער מענטש וואס ער פלעגט זיך תמיד לויבין אצונד זעהט ווי
אין ער אראפ גיפאלין פון זיין מעלה · רביעית דאס פערדי זאלסטו זיך מיישב זיין אז בשעת דוא
דארפסט גיין דיין צורך טאן ביסטו גלייך ווייא אבהמה און אזוא איין גוף וואס ער פאר קערט
אלע גוטי און גשמאקי עסין ווארג צוא מוסט און מיאוסקייט האט ער זיך עפיס בעל גאוה צוא
האלטין · חמישית דאס פיפטע לייג דיר איבער דיא קראנקע טעג וואס קומען אוף דיר וואס דיין
הארץ ווערט צוא בראכין און דיין כח ווערט אפ גטאן פון דיר און דיין צונג ווערט בהעפט צו דיין
גומין און אין מול איז דיר ביטער און דוא פאלסט אוף דיין בעט פון ווייטאג און דער אטום
קלאפט אין דם בלוט פון דעם הארצין ווערט מינער און דער מלאך המות רוהט אוף דיין טיר ·
ששית דאס זעקסטי טראכט אין דיין הארץ אזוא אמענטש וואס גאר זיין שיינקייט איז אדינע הויט
וואס בדעקט זיין גוף און אוב דיא הויט זאל זיך פאר קערין דאס וואס פון אינוויניג זאל זיין פון אוסן
וויניג דער וואס וואלט דאס גיזעהן וואלט צוא גמאכט זייני אויגן פון קוקין אוף אזוא אמיאוסי זאך
און אמענטש וואס האט דאס דאזיגי אין זיך ווייא קען ער זיך בעל גאוה האלטין · שביעית דם זיבטי
שטעל דיר פאר איין מענטשן וואס ער איז מצורע וואס פאר איין מיאוסקייט עס איז אים צוא זעהן
און וואס פאר אחרפה עס איז צוא קוקין אוף אים און ווייל אז ציא אמענטש קען זיך טרעפן דאס
דאזיגי נוא ווייא קען ער זיך בעל גאוה האלטין · שמינית דאס אכטי דוא זאלסט גדענקן אז ניט אוף
אייביג איז דיין שטארקייט איז דען דא אזעלכיר וואס זאל דיר צוא זאגין אז דוא וועסט זיך פירען
מיט דער גאוה ווייל דוא וועסט לעבין און אז דוא וועסט היינט אודער מארגין אראפ פאלין פון
דיין מעלה וועלין אלע לייט דיר שונאים זיין און קיינער וועט דיך ניט טרייסטען און קיינער וועט זיך
אוף דיר ניט דער בארעמן און אזוא ווייא דוא האסט גטאן אזוא וועלין זייא דיר טאן · תשיעית דאס
ניינטי צוא קענין דייגע אויגן דיא אלע וואס זענען גוועזן פאר דיר וואס האבען זיך בעל גאות
גיהאלטען וואס איז זייער סוף גוועזן דען דיא זענען גיווען צוא שאנד צוא אלע לייט פון דער וועלט

המבול היו לקללה לכל באי עולם באומרם מי שפרע מדור המבול·עשירית שים תמיד נגד עיניך שנאותך אינך יכול לנהוג בה כי אם בהקיץ ובעת שתישן יכולים לסבבך צעירים ממך לימים ועליך יצחקו ויתנו עליך רוק בפיהם ירימו קול בחרופים וגדופים ואתה מושלך כאבן דומם אין קול ואין עונה היש בזיון גדול מזה · הי"א אם תרעב היש כח בגאותך להחזיקך ולהעמידך בלי אכילה ושתיה לא כן כי פניך משתנים וכחך סר מעליך וכי איש אשר חייו תלוים על פת לחם יש לו מקום להתגאות · הי"ב אם המתגאה מתגאה בחכמתו ישים נגד עיניו חכמות הראשונים כגון ר"ע שהיה דורש על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות ודואג ואחיתופל שהיו שואלים על מגדל הפורח באויר ג שלש מאות שאלות וחכמת ריב"ז שלא הניח דבר שלא למד עד שיחת מלאכים שיחת שדין ושיחת תמרים כמו שהאריכו רז"ל בהפלאת תורתו וחכמתו וכן בחכמת כל חכמי התלמוד וכו' · ובהעלות כל אלו החכמים בדעתו יכיר חסרונו וריקותו ושפלותו ואפלתו וישפיל גאותו · ואם מתגאה בעושרו ישים נגד עיניו עושר המלכים ויועצי ארץ ויראה שהוא כלא חשוב · ואם מתגאה בגבורה יאמר בדעתו כיון שלא הגעתי לגבורת יהודה ושמשון אשר מקולם נפלו ערים בצורות ויעתק צור ממקומו מה גבורה יש לי כדי שאוכל להתגאות וגם יחשוב כי בזקנותו סר כחו מעליו · ואם ברוב בנים מתגאה וכי כלם חכמים כלם נבונים כלם עשירים כלם בלי מום הם ועוד וכי מובטח הוא שלא ימותו בחייו הרי רבי יוחנן היה מכריז

ג משנה פ"ד דאהלות · ופי' תיבה הפורחת כמגדל תלויה בחבלים · וי"מ ראשו של למ"ד למעלה היא גבוה מכל שאר האותיות :
ד זה עצם של בן עשירי שמתו לו כל בניו :

זעה וואס האט זיך גיטראפין צוא נבוכדנצר וואס זיין גאוה האט אים גורם גיוועזן ער זאל פאר קערט ווערין צוא איין בער אונ המן מחמת זיין פיל גאוה האט ער גינידערט אין דער הונטערשטער גריב פון גיהנם אונ דער דור המבול איז גיווארין צוא איין קללה צוא אלע לייט וואס קומען אוף דער וועלט מיט דעם וואס מיר שעלטין צוא אזעלכין וואס איז משנה דיבור (מי שפרע מדור המבול) דר וואס איז ווארין גיצאלט פון דעם דור המבול דער זאל ווערין גיצאלט פון דעם וואס איז משנה דיבור · עשירית דאס צעהנטי טוא קענין דייני אוגין אז מיט דיין גאוה קענסטו מער ניט צוא ברוכן נאר אז דוא ביסט וואכינדיג אבער אין דער צייט אז דוא שלאפסט קענין דיך ארום רינגלין יונגערי מענטשין שפעטין אויף דיר אונ דוא ליגסט וויא איין שטיין: איז דא אגרעסירער בזיון דער פון · האחד עשר דם עליפטע אז דוא ווערסט הונגעריג דאט דיין גאוה קראפט צו שטארקן דיך אונ צו דער האלטין דיך אן עסן אונ טרונקן עס איז דאך ניט אזוי דיין פנים ווערט פאר ענדערט אונ דיין כח ווערט אפ גטאן פון דיר נוא אזוי אמענטש וואס זיין לעבן הענגט אן אוף אשטיקעל ברוט גיהער ער זיך דען בגאוה האלטין · השנים עשר דאס צוועליפטע אוב דער וואס האלט זיך בגאוה איז דאס מחמת זיין חכמה זאל ער בארעכענען דיא חכמה פון דיא ערשטע תנאים דהיינו רבי עקיבא וואס אוף איטליכען תג וואס שטייט אין דער תורה האט ער גידרשת בערג הלכות אונ דואג אונ אחיתופל וואס אוף דער הלכה פון (מגדל הפורח) האבין זייא גיפרעגט דרייא הונדרט שאלות·אונ די חכמה פון רבי יוחנן בן זכאי וואס ער הט ניט גלאזט קיין שום זאך וואס ער האט ניט גילערינט דיא רייד פון מלאכים פון שדים פון ביימער אזוא וויא אונזערי חכמים האבען פיל גישריבן פון דיא וואונדער פון זיין תורה אונ אוך אין דער חכמה פון אלע בעלי הגמרא אונ אז ער וועט אוף ברענגין אוף זיין דיעה דיא אלע חכמים וועט ער קענין זיין חסרון זיין נידריקייט אונ זיין פינסטערקייט אונ וועט נידעריג מאכין זיין גאוה · ואם אונ אוב ער האלט זיך בגאוה מיט זיין עשירות זאל ער זעהן דם עשירות פון די מלכים פון דער וועלט דען וועט ער זעהען אז ער איז גאר ניט חשוב מיט זיין עשירות. ואם אונ אוב ער האלט זיך בגאוה מיט זיין גבורה זאל ער זיך טראכטן וויל איך האב ניט גיגרייכט צוא דער גבורה פון יהודה אונ שמשון הגבור וואס פון זייער קול איז איין גפאלן פעסטע שטעט אונ אשטארקער פעלזין הט זיך אוועק גרוקט פון זיין ארט מחמת זייער גשריי נוא וואס פאר איין גבורה האב איך אז איך זאל מיך דר מיט בעל גאוה האלטין אונ אוך זאל ער טראכטן אז אוף דער וועלט וועט זיך דר כח פון אים אפ טאן· ואם אונ אוב ער האלט זיך בעל גאוה מיט פיל קינדר זאל ער טראכטן זענין זיי דען אלע חכמים אלע פאר שטאנדיגי אלע עשירים אלע אן אמום אוך איז ער דען בטוח אז זייא וועלין ניט

ואמר דין גרמא דעשיראה ביד ד' כאמז"ל ועוד אם ימיתו כלם מיתת עצמם היה לו לשמוח במיתתם. דאפשר אחד יפיל במים ויחנק או יפול מן הגג וכאלה כאלה המקריות שמתגלגלים בעולם או יתקצצו בתופתם · ואם ביופיו מתגאה וכי יכול להיות יפה יותר מיוסף ולא נתגאה ואם היה בתכלית היופי ישים בדעתו כי בימי הזקנה והשיבה פניו משתנה וקטניו מתרבים וצעירים ישחקו בו כי אז דומה לקוף כאחז"ל במדרש קהלת · הי"ג ישים דעתו תמיד בשורשו כי ילוד אשה הוא ועבר במקום השתן ב"פ א' כשהולידו אביו שנית כשיולדתו אמו ולאיש אשר אלה לו נשאר לו צד להתגאות · הי"ד גדולה מכולם יזכיר תמיד יום המיתה ואז בלי ספק יכנע לבבו הערל ויחלש כחו ויסתלק גאותו · הט"ו יאמר בלבו מי שמקוה ברוב תאותו שיתהפך במותו מיד לרימה משום שאז בשרו עליו יכאב איך יוכל להתגאות כמו שפי' החסיד כמהר"ר יוסף יעבץ ז"ל על משנה מאד מאד הוי שפל רוח שתקות אנוש רימה כלומר תקותו שיתהפך מיד לרימה · הרי ט"ו דברים כמנין גאוה שישים האדם נגד עיניו לשבר גאון עוזו · גם ישים האדם נגד עיניו כי השפל לא יפול לעולם שכן תראה שכל יושב על הארץ אינו יכול ליפול כיושב על כסא שיפול וישבר מפרקתו וכן יסתכל באילן שהשורש הטמון בארץ המובחר שבו והענפים כל כך שמתפשטין ועולים מתרככים ונחלשים כי דקות המה · ישים דעתו בשמיר שמשבר הרים וסלעים ושמירתו היה בחלוש שבמתכות תיבה של עופרת שהוא דבר רך ולא היה יכול לשברו · הנה הבהמות והחיות אשר כח אבנים כחם נצודים ונלכדים ביד האדם והיתוש והשלשול מרוב דקותו ושפלותו אף על פי שמזיקין לאדם אינו יכול לצודם. הבט וראה בארזים הגבוהים שמסבת גובה קומתם קוצצים אותם לבנינים וחציר גנות הסמוכות לארץ אין מי שיגע בהם ראה העפר הדק והנוצה מרוב קלותם ושפלותם ברוח קימעא עולים למעלה וראשי האילנות הגבוהים נוטים למטה · הבט בתורה וראה אברהם אבינו ע"ה שהמשיל עצמו לעפר ואפר דבר שלא

שטארבין בייא זיין לעבין מיר גיפונין רבי יוחנן האט אום גירופין אונ גיוויזין דאס איז דאס ביינדיל פון מיין צעהנטין זון וואס בייא מיר איז גישטארבין · אונ אוך איז מיגליך אז איינער זאל אריין פאלין אין וואסיר אריין אונ זאל דער טרונקען ווערן אודר ער זאל אראפ פאלן פון איין דאך אונ דאס גלייכן וואס קען זיך טרעפין אוף דער וועלט . ואם אונ אוב ער האלט זיך בגאוה מיט זיין פיל שיינקייט זאל ער זיך טראכטין קען איך רען שענער זיין פון יוסף אונ ער האט זיך דאך ניט בעל גאוה גיהאלטען · אונ אוב ער איז זייער שיין זאל ער טאן אין זיין דיעה אז אוף דער עלטער ווערט פאר ענדערט ווערין זיין פנים אונ זייני קנייטשין ווערין זיך מערין אין יונגע קינדר ווערין שפעטין אום אים ווארום דענסטמאלט ווערט ער גלייך זיין ווי איין אף אזוא ווי אונזערע חכמים האבין גיזאגט אין מדרש קהלת · השלשה עשר דאס דרייא צעהנטע זאל ער טאן תמיד זיין דיעה אין זיין שורש דען ער איז גיבארין גיווארין פון איין אשה אונ איז איין בשר ודם אונ ווי גיהער אזוא א מענטש זיך בעל גאוה צוא האלטין · הארבע עשר דיא פערצטי איז גרעסיר פון אלי ער זאל תמיד גדענקען פון דעם טוט ווערט גיווים אונטערטעניג ווערין זיין הארץ אונ זיין גאוה ווערט אפ גיטאן ווערן פון אים · החמשה עשר דאס פופצענטע זאל ער טראכטען אזעלעבער וואס נאך זיין טויט ווערט ער פאר קערט צוא ווערים כמילא ווי קען אזעלעבער זיך בעל גאוה האלטין . הרי נוא האבטו פופצעהן זאכין ווי (גאו"ה) טרעפט אן פופצעהן דאס דר מענטש זאל טאן דיא פופצעהן זאכין אנטקעגין זיינע אוגין צוא צוא ברעכין זיין שטארקע גאוה · אוך זאל דער מענטש טאן דענקין אז איינער זיצט אוף דער ערד קען ער ניט פאלין ווי אזעליכער וואס זיצט אוף איין שטול . אונ אוך זאל ער קוקין אז דער ווארציל וואס איז אין דער ערד איז דס שטארקסטי אונ דיא צווייגין וואס גייען ארוס פון אים זענין וויך אונ קענין אפ גריסען ווערען · ער זאל זעהן דיא בהמות אונ חיות וואס זענין שטארק ווערין באצווינגין בייא דעם מענטש אין דיא הענט אונ פליגין וואס זענין גאר איידיל אונ קליין קען ער זייא ניט ראפין · חכם זעה דיא הויכי טענין ביימער כחמת זייער הויכקייט האקט מען זייא אפ צוא בנינים אונ דאס גראז פון דיא גערטנער וואס זייא זענין נידעריג רירט זייא קיינער ניט . זעה אין דער תורה אברהם אבינו ע"ה וואס ער האט זיך גיגליכען צוא ערד אונ אש האט ער זוכה גיוועזן צוא זיין איין מרכבה צוא דר שכינה · נבוכדנצר האט זיך בעל גאוה גיהאלטין אונ האט גיזאגט איך וועל ארוף גיין אוף דעם היכל האט דר נביא גיזאגט דו וועסט נידערין אריין נה גיהנם אין וייל ער הט זיך ניט בעל

גאוה

יועיל לכל דעפר ואפר מעורב אין שום הנאה כמנו דכתיב ואנכי עפר ואפר זכה להיות מרכבה לשכינה מעלה שאין למעלה כמנו וסמא״ל שהיה בשמים ונתגאה ומרד בבוראו השליכו הקב״ה לארץ · נבוכדנאצר נתגאה ואמר אעלה על במתי עב אך אל שאול ירד · הרי כל המתגאה ירד והמשפיל עצמו עולה · ראה לנח על שלא נתגאה באנשי דורו זכה לעלות למדרגת אדם הראשון יציר כפיו הקב״ה להיות אב לכל באי עולם דכלם בשם בני נח מתכנים דכל המשפיל עצמו מגביהים אותו מן השמים כדאיתא בזוהר פ׳ חיי שרה (דף קכ״ג) תוספתא זכאה איהו מאן דאזעיר גרמיה בהאי עלמא ה כמה איהו רב ועלאה בההוא עלמא והכי פתח רב מתיבתא מאן דאיהו זעיר איהו רב ומאן דאיהו רב איהו זעיר דכתיב ויהיו חיי שרה וכו׳ מאה דאיהו חושבן רב כתיב ביה שנה וזעירו דשנין חד אזעיר ליה שבע דאיהו חושבי זעיר אסגי ליה ורבי ליה דכתיב שנים · ת״ח דלא רבי קב״ה אלא לדאזעיר ולא אזעיר אלא לדרבי זכאה איהו מאן דאזעיר גרמיה בהאי עלמא כמה איהו רב בעלויא לדהוא עלמא עכ״ל · ואל יאמר אדם הנני קנה מדת השפלות כי רבה ויקרה היא ואלך בדרך שלבי חפץ אחר תענוגי בני אדם לשתות במזרקי יין ושפלותי יגן עלי · הבט וראה בנח אחר שהתורה העידה עליו מצדקתו ותמימותו דכתיב נח איש צדיק תמים וצדיק תמים כולל שפלותו וענותנותו ועכ״ז כיון שנמשך אחר היין כמה נתבזה עד שהכתוב קראו איש אדמה כלומר איש כולו אדמה כאחד הרקים מחובר להומר והכתוב מילל עליו דכתיב ויחל נח איש האדמה ויטע כרם וישת מן היין וישכר ויתגל וכו׳ · י״ג ווי״ן נזכרים בענין היין לשון וי ויללה כאחז״ל · שא נא עיניך וראה מ״ש מוהר״מ אלשי״ך ז״ל במוסר היין פ׳ נשא (דף קמ״ה ע״ג) וז״ל תוכחת מגולה לסובאי יין וזוללי בשר וגם בקרב ביהם ומה גם למתקדשים ומתועדים אל החניות כי יקראו איש את רעהו אל תחת הגפן ואל תחת התאנה ותחת כל עץ רענן נצב על עין המים באמור אליו לכה נרוה דודים עד הבקר מיין הרקח נתעלסה באהבים באשישי ענבים ו כי במה יודע איפוא כי אנשים אחים אנחנו באהבה מסותרת אם לא נגילה ונשמחה יחד ביין ישמח לבב אנוש כי כוס בידך מלא מסך אף שמריה אשתה למען בריתך וגם עליך העבור כוסי רויה ולקחתי מנהתי מידי למעני ויהי הקשר אמיץ ביני ובינך אהבת עולם מעתה ועד עולם כי נזכור אני ואתה עת יושבים צמדים שותים במזרקי יין כוס מלא ברכת ה׳ מלא הין וגם אתה אלי על היין הין ופי פערתי ואשאפה פעם אחד ולא אשנה כי לזאת יקרא חפצי בך וגם אתה את קבעת כוס המתי שתית מצית ומי כמינו ריעים אהובים אהבת עולם לא תשכח · ויקומו ויעשו כן המה וריעיהם כיוצא בהם ויהמו בבואם לשתות ושתו ולעו וירם לבם

ה משפיל עצמו בעולם הזה : ו כוסות יין :

גאוה גיהאלטין האט ער זוכה גיוועזן צו קומען אויף דער מעלה פון אדם הראשון אזוי ווי אדם הראשון וואס איז גיוועזן דר פאטער פון אלע מענטשין אזו אוך נח ווארום אלע לייט ווערן גרופן מיט דעם נאמין (בני נח) דיא קינדער פון נח ווארום דר וואס מאכט זיך נידעריג הייבט מען אים אויף פון דעם היכל אזו ווי עס שטייט אין זוהר · זכאה וואול דעם וואס מאכט זיך קליין אויף דר וועלט דר איז זייער גרוס אויף יענער וועלט האט רב מתיבתא גיזאגט דער וואס איז קליין דער איז גרוס אונ דער וואס איז גרוס איז קליין גאט ב״ה מאכט גרוס דעם וואס מאכט זיך קליין אונ מאכט קליין דעם ווס מאכט זיך גרוס וואל דעם ווס מאכט זיך קליין אויף דר וועלט איז ער גרוס אויף יענער וועלט · ואל דער מענטש זאל ניט זאגין איך וועל מיך שוין פירין אין דער מדה פון ענוה ווייל זיא איז זייער טייער נאר איך וועל טאן וואס מיין הארץ גלוסט תענוגים אונ טרינקן פיל וויין אונ מיין ענוה וועט מגין זיין אויף מיר גאט זאל נים מיך שטראפין · לוג אבר אונ זעה אין נח וואס איז גיוועזן איין אנגצר צדיק אונ זייער נידריג בייא זיך פון דעסט וועגין אז ער האט גטרונקן פיל וויין איז ער מבוזה גיווארין ביז דער פסוק רופט אים (איש אדמה) ער איז בהעפט צו דער ערד · זעה וואס ר׳ משה אלשיך שרייבט · עס איז איין מוסר צוא דיא וויין זויפירס אונ פלייש פרעסרס אין איינעני הייזר נאך מער צו דיא וואס טוען זיך איין זאמלין אין די גארקעכין דען איינר טוט רופן דעם אנדרין אונ זאגט צוא אים קום את לאמיר זיך גיין אן זעטין ביז אין דער פריא מיט וויין מיר וועלין זיך פרייען מיט בעכיר וויין ווארום דורך וואס וועט מען וויסן אז מיר זענין פריינד נאר אז מיר וועלין בנאנד טרינקין ווין וואס ער מאכט פרייליך דאס הארץ עס וועט זיין צווישין מיר אונ דיר איין אייביג ליבשאפט מיר וועלין גידענקין ווייא מיר זענן גזעסן אונ האבין גטרונקין וויין זייער

פיל

ויהיו כל איש מהם כמיהו כפרעה חשוב בעיניו כמלך כי תירוש ינובב ובין חמר אל מי תרמיתי
ואשוה יאמר ובגובה לבו ישתרר גם ישתרר על השתיה כדת גבורים לשתות יין · והנה כאשר
יראה הרואה אותם בראשיתם צידה ברך יברך כי יראה על כל כוס וכוס תילי תילים של ברכות
זה יאמר בנטותו את ידו אל גביע הקצף ז כה לחי תעמוד חי בשמחתך ביום חתונתך וזה
ישיב ויאמר גם את בדם בריתך כהנה וכהנה ק׳ ברכות הערוכות בפיהם ובשפתותיהם אף
כמרעיתם וישבעו יצא לבם ויחלו לשתות בכלים מכלים שונים רבים ונכבדים מהראשונים
וימלאו את כליהם כאשר יכלו שאת עד יגר מזה ואז יתהלל המתהלל באמת באמור מי כמותי
גבור לשתות יין במדה טובה מרובה ובמדה שאדם מודד בו מודדין לכל אחד מהמסובין עד
יצא מאפם ומכל היוצא מפיהם כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום · ואז למי אוי למי
אבוי זה נופל כשוכב בלב ים וזה קם והכה את רעהו באבן או באגרוף וזה יצוא יצא
ומקלל אשר שתה וישכרו עמו עד ששמחה לתוגה נהפכה וגם אהבתם כבר אבדה וימירו
את כבודם בפי חזיר בצואה עוברת ונחת שולחנם צואה בלי מקום עד אפס מקום והן
זאת רעתם כי מר הרכה והענוגה שברעותיהם במנעמיהם · זולת שתים רעות אשר אלה
ביין שגו בגזל ועריות · כי במשוך איש ביין את בשרו יבא עד ככר לחם ומלסטם את הבריות
כי על כן צוה לנו יתברך להמית בן סורר ומורה כי מוטב שימות זכאי וכו׳ · ותם לץ היין
הומה זימה כי מפנק ביין את בשרו האספסוף אשר בקרבו יתאוה תאוה ולגלות בשר ערוה
כי בהשליך נפשו אחרי גוו נמשל כבהמות נדמה וכו׳ עד יחדו ירננו כי ישישו בני מעיהם
בכל היוצא מפיהם כדבר אחת הנבלות ומה ירמזון עיניהם אשר הם זונים אחריהם כי יחמדו

ז כלומר שמגיה קלף סקנ״ס על ססולס :

פיל דאס ליבשאפט ווערט אייביג ניט פר געסין ווערין · אונ זיי דר היצין זיך פון דעם וויין אונ ווערן
דול אונ משוגע אונ זייער הארץ ווערט דער הויבין אונ איטליכיר פון זייא ווערט בייא זיך חשוב אזו
וויא פרעה ווארום דער וויין מאכט אים ריידין אונ טוט זאגין צו וועמין זאל מען מיך גלייכין · והנה
אונ דער וואס זעהט זייא אז זייא בענטשין איינס דאס אנדרי אויף איטליכין כוס ניט איינר דעם
אנדרין פיל ברכות דער טוט זאגין אויף דעם בעכיר וויין דו זאלסט דער לעבין איבר אאר זאלסטו
זיין גיזונד אונ דר אנדרר ענפערט אים דו זאלסט אויך דר לעבין אונ פיל הונדרט ברכות דר נאך
אז זייא ווערין שון זאט פון דעם וויין גייט שון אוועק זייער הארץ אונ הייבין אן צו טרינקין אין
גרעסרי בעכערס דענמאלט לויבין זיי זיך איינער קעגין דעם אנדרין אונ זאגט ווער איז אזו שטארק
וויא איך צו טרינקין וויין מיט אגרוסין כוס ביז דר וויין גיסט ארוים פון זייער מויל מיאוסי רייד · ואז
אונ דאמאלט דר פאלט איינדר אונ דר שטייט אויף אונ שלאגט זיין חבר מיט א שטיין אודער מיט דעם
פויסט אונ דר גייט ארוס אונ שעלט די וואס האבין גיטרונקין אונ האבן זיך מיט אים אן גישיכורט ביז
די שמחה ווערט פר קערט צו טראערקייט אונ זייער ליבשאפט איז אוס אונ פר בייטן זייער כבוד אין
שאנד · חוץ וואס דר פון קומט נאך ארוס ערגרי זאכן גזל אונ ניאוף ווארום. אז דר מענש פר ברענגט זיין
צייט אונ לאזט זיך אין שכרות אריין ווערט ער זייער ארום ביז ער קומט אויף בעטיל ברוט אונ ער
איז דאך אבר גיוואנט צו טרינקן בגזלת ער לייט אונ דריבער האט גאט גיהייסן טייטין איין בן סורר
ומורה וויל ער איז גיוויינט פרעסין אונ זויפין ווערט ער בוודאי צום סוף בגזלנן לייט וועט ער
דענסמאלט גיטייט ווערין דורך דעם ב״ד האט די תורה גזאגט לאז ער בעסער גיטייט ווערין אז
ער איז נאך זכאי אונ ניט אז ער ווערט שוין זיין חייב מיתה אונ אויך זנות קומט ארוים פון שכרות
ווארום מחמת ער טרינקט פיל וויין רייצט אים אן דער יצה״ר צו מזנה זיין ער איז דאמאלט גלייך
וויא א בהמה וואס האט קיין בושה ניט · כי דען ווער איז וואס האט זיך אריין גילאזט אין טרינקען אונ איז ריין
גבליבן פון איין עבירה · אונזר ערשטער פאטר אדם הראשון האט גזינדיגט דורך וויין ווי דיא חכמים
זאגין דר עץ הדעת איז גיוועזן איין בוים וואס אויף אים האט גיוואקסן וויין טרויבן האט חוה אוים גיקוועטשט
דיא וויין טרויבין אונ האט אים גיגעבין טרינקן האט עס גורם גיוועזן דעם טויט אויף אלע מענטשען
אונ נח האט גפונען חן אין דיא אויגין פון גאט דער נאך האט ער גישולדיגט מיט דעם וויין וואס ער
האט גטרונקין אונ איז גשטראפט גיווארן · אויך נדב ואביהוא די קינדר פון אהרן זענין אריין גיגאנגן
אין בית המקדש אנגטרונקן וויין זענין זייא גישטראפט געווארן · אונ אז אפילו די לייט פאר

לבותם ויפעלו גיותם · כי מי שלח ידו ביין ונקה · כי אבינו הראשון חטא כאחז"ל גפן היתה תזה סחטה ענבים ונתנה לו ויסת הוא וכל זרעו · ונח מצא חן בעיני ה' ויאשם ביין ונפגע ואצילי בני ישראל (בני אהרן) שתויי יין נכנסו ועברו ונענשו ומורם מהם כיוצא בהם · והן אמת כי אשר שתו וישכרו בימים ראשונים אשר היו לפנינו כאשר נכון היה בית ה' וארמון על משפטו חטאתם לא כבדה מאד כי רוב טובתם התעה אותם ועל כן רבים שתו נימא · אך עתה כי הנה בעו"ה רבים ישתו לא ניכא כי אל ישמח ישראל אל גיל כו' יראה כי אזלת יד כי נפלה עטרת ראשינו וגלינו מארצנו ומי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות ברע ובושת הפנים כיום הזה כי שחה לעפר נפשנו דבקה לארץ בטננו · ואף לזאת יחרד כל לב כי מה ראו על ככה ומה הגיע אליהם השמחים אלי גיל ישישו כי ימצאו יין להתהולל בו · ולו חכמנו נשכילה זאת קרענו את בגדנו תלבש שק ואפר ונזעק זעקה גדולה ומרה עד פור התפוררה גויתנו ואדמתנו ויקרא זה אל זה ויאמר לכו ונשובה אל ה' בצום ושק ואפר ואל תתן פוגת לו עד יכונן ועד יקים את סכת דוד הנופלת ולא די שלא יעשה כן כי אם שתחת היותם כאבלי אם ח כל ימיהם ולבלתי מלא שחוק פיהם הלא יאמרו נקחה יין ונסבאה שכר והיה כזה יום מחר ולא אמרו איה ה' היש ה' בקרבנו אם אין · כי עונותינו היו מבדילים בינינו ובין אלהינו הלא נכלם כי אוי לאותה בושה אוי לה לאותה כלימה ואבחר דרכי ואתנה שכר לאובד ויין למרי נפש ואשבה משומם ואבכה בצום נפשי ואפר כלחם אוכל ושקויי בבכי עד ישקיף וירא ה' מן השמים לתקן עולם במלכות שדי וישמח ה' במעשיו וישראל ישמח בעושיו עכ"ל · גם שא נא עיניך וראה מ"ש הסמ"ג ז"ל (דף י"ד ע"א) על מצות השמר לך פן תשכח את ה' אלהיך בעניני גאוה וענוה ח"ל אזהרה שלא יתגאו בני ישראל כשהקב"ה משפיע להם טובה ויאמרו שבריות שלהם ועמלם הרויחו כל זה ולא יחזיקו טובה להקב"ה מחמת גאונם שעל זה עונה זה המקרא ואומר בפרשת ואתחנן ובתים מלאים כל טוב אשר לא מלאת וכו' ואכלת ושבעת השמר לך פן תשכח וכו' · וזה הפירוש שפירשתי מפורש בסמוך פן תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת

ח כמי שמתאבל על אמו :

ציטן האבען יוא גטרונקן ווין איז נאך דם בית המקדש געשטאנען אונ זיי האבין פיל גוטס גהאט אין דיא עבירה נאך ניט אזו גרויס גיוועזן מחמת זייער פיל גוטס האט זייא פאר פירט · אך אבער אצונד אז בעו"ה דאס בית המקדש איז חרוב גיהער מען בוודאי ניט צו טרינקן ניט אזו אן שיכרין זיך ווארום די קרון פון אונזר קאפ איז אראפ גיפאלין אונ מיר זענין פר טריבן גיווארן אונ וועלכער וואס בגערט לעבין אונ האט ליב זיינע טעג דר דארף זעהן אין דעם בייז אונ די בושה וואס הט אונז גיגרייכט פר ציטען דען אונזער לייב איז איין גיבוגן ביז צו דר ערד עס איז באהעפט אונזר בויך צו דער ערד אונ אויך אויף דעם גיהער ציטרין איטליכעס הארץ אויך די מענטשין וואס פרייען זיך אז זייא גפינען ווין צו טרינקען אונ אן צו שיכרין זיך מיט אים · ולו אונ הלואי וואלטין מיר גיטאי מיט הכמה אונ גזאגט לאמיר ווידער קערין צו גאט מיט פאסטין אונ תשובה דאס גאט ב"ה זאל אן בויטן אונ אויף ריכטן דם בהמ"ק ניט גינוג וס זיי טוען ניט אזו זאגן זיי נאך לאמיר קופן ווין אונ לאמיר זיך אן טרינקן מיט אלטן ווין אונ דעם אנדרן טאג טוען זיי אוך אזו אונ פארכטן ניט פר גאט · כי דען אונזרי זינד האבן גימאכט אצווישן שייד צווישן אונז אונ צווישן אונזר גאט פר וואר מיר וואלטן זיך גידארפט שעמן דען ווי איז צו דר בושה ווי איז צו דר שאנד נייערט מען גיהער צו געבין ווין צו אזעלכין וואס האט אביטער גמיט אונ צו מעורר רחמים זיין ביז גאט וועט זיך דער בארימן צו פארעכטין די וועלט דורך זיין אלמעכטיגן קיניגרייך אונ גאט וועט זיך פרייען מיט זיינע ווערג אונ דיא ישראל וועלין זיך פרייען מיט זייער בשעפר · גם אויך זעה וס דר (סמ"ג) שרייבט פון גאוה אונ ענוה אויף דער מצוה (השמר לך פן תשכח את ה' אלהיך) היט דיך טאמר וועסטו פאר געסין גאט דיין גאט · שרייבט ער דאס איז איין פאר זאג אז דיא ישראל זאלין זיך ניט בעל גאוה האלטין אז גאט ב"ה גיט זייא פיל גוטס אונ זאלין ניט זאגין אז דורך זייער כח אונ מידעקייט האבין זייא דס אלץ מרויח גיוועזן אונ זעלין ניט מחזיק טובה זיין צוא הקב"ה דען אויף דעם שטייט אין פסוק (ובתים מלאים כל טוב אשר לא מלאת) אונ הייזר וס זענין פיל מיט גוטס וס דו האסט זייא ניט דער פילט (ואכלת ושבעת השמר לך פן תשכח) אונ וועסט עסין אונ טרינקין היט דיך טאמר וועסטו פר געסין גאט דיין גאט אונ דער פירוש שטייט אין פסוק (פן תאכל ושבעת) טאמיר וועסטו עסין אונ ווערסט

זאס

ובקרך וצאנך ירביון וכסף וזהב ירבה לך וגו׳ ורם לבבך ושכחת את ה׳ אלהיך המוציאך מארץ מצרים וגו׳ ואמרת בלבבך כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה וזכרת את ה׳ אלהיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל. ומכאן אזהרה שלא יתגאה האדם במה שחננו הבורא הן במכק הן ביופי הן בחכמה אלא שיש לו להיות עניו מאד ושפל ברך לפני ה׳ ואנשים ויהודות לבוראו שחננו זה המעלה · ובמוסר השירה כתיב הלה׳ תגמלו זאת וגו׳ הלא הוא אביך קנך הוא עשך ויכוננך · ושבח הכתוב הענוה שנאמר והאיש משה עניו מאד · ואמרינן בירושלמי דמסכת שבת פ״א מה שעשתה חכמה עטרה לראשה עשתה ענוה עקב לסולייתה ט שנאמר ראשית הכמה יראת ה׳ וגו׳ · ונאמר עקב ענוה יראת ה׳ ואף שתשרה שכינה על הענוים שנאמר את דכא ושפל רוח · ודרשינן במסכת סוטה שכל המשפיל עצמו מעלה עליו הכתוב כאלו הקריב כל הקרבנות כולן שנאמר זבחי אלהים רוח נשברה ולא עוד אלא שתפלתו מקובלת שנאמר לב נשבר ונדכה וגו׳ · ואני דרשתי עוד כי אפילו משאלות לבם ותאותם שומע הקב״ה וממלא רצונם ואע״פ שלא התפללו על זה שנאמר תאות ענוים שמעת ה׳ תכין לבם תקשיב אזניך תפלת ענוים לא נאמר אלא תאות · תכין לבם כלומר מה שהושבים בלבם · צאו וראו מה שפירש דוד מלך ישראל ואנכי תולעת ולא איש חרפת אדם ובזוי עם כלומר יש לי לדמות עצמי לתולעת שהוא תחת העפר בחרפה כך כשאדם מת העפר למעלה מראשו ולכך היה שפל לפני האלהים שהיה מפזז ומכרכר לפני בוראו כמו שאמר למיכל והייתי שפל בעיני ולפני אנשים כשקלל אותו שמעי בן גרא אמר הניחו לו וכל זה גרמה לו הענוה היתירה · והאריכו רבותינו בגנאי גסי הרוח במסכת סוטה שנקראו תועבה כדכתיב תועבת ה׳ כל גבה

ט פירוש למעלה :

זאט ווערין אונ וועסט האבין פיל גוטס (ואמרת בלבבך כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה) אונ דו וועסט זאגין אין דיין הארץ. מיין קראפט אונ מיין שטארקי מאכט האט מיר איין גישאפט דאס גוטס זאלסטו אזו ניט זאגין נאר דו זאלסט גדענקין אז גאט האט דיר גיגעבן קראפט צו איין זאמלין גוטס · מכאן פון דאנין איז איין אזהרה אז דער מענטש זאל זיך ניט בגאוה האלטין מיט דעם וואס גאט הט אים גיגעבן געלט מיט שיינקייט מיט קלוג שאפט נאר ער גהער זיין אגרוסר עניו אונ נידריג פר גאט אונ לייט אונ צו דאנקין זיין בשעפיר וואס ער האט אים גיגעבין די מעלה · אונ דער פסוק לובט די מדה פון ענוה (והאיש משה עניו מאוד) אונ משה רבינו איז זייער אגרוסר עניו גיוועז · אין ירושלמי שטייט וואס די חכמה האט גמאכט פר אקרון צו איר קאפ האט די ענוה גמאכט פר איין טריט צו איר שוך · עס שטייט אין פסוק (ראשית חכמה יראת ה׳) די פארכט פאר גאט איז די אן הייב פון חכמה אונ ביא ענוה שטייט (עקב ענוה יראת ה׳) די פארכט פון גאט איז די טריט פון ענוה די ענוה איז פיל גרעסיר פון (יראת ה׳) אונ די שכינה רועט אוף די ענוים דען אזו שטייט אין פסוק איך וועל רוען מיט דעם וואס האט אנידריג גמיט אונ אויך דרשית דיא גמרא אז דער וואס מאכט זיך נידעריג איז גלייך וויא ער איז מקריב אלי קרבנות ווארום עס שטייט (זבחי אלהים רוח נשברה) דער וואס האט איין צו בראכין גמיט איז גלייך וויא ער שעכט קרבנות צו גאט אונ נאך מער זייער תפלה ווערט צו גיהערט וויא עס שטייט אין פסוק (לב נשבר ונדכה) איין צוא בראכין אונ איין צו שטוסין הארץ (אלהים לא תבוזה) טוט גאט ניט מבזה זיין · ואני מען קען דרשנין אז גאט הערט צו אפילו זייער גיבעט פון דעם הארץ אונ דער פילט זייער ווילין האטשי זיי זעגין נאר ניט מתפלל דרויף ווי עס שטייט (תאות ענוים שמעת ה׳) דאס גלוסטיקייט פון די ענוים האסטו גאט צו גיהערט כלומר האטשי זיי בעטין גאר דרויף ניט נאר זיי גלוסטין דער צו הערט עס אויך גאט צו · צאו וראו זעה וואס דוד המלך האט גיזאגט (ואנכי תולעת ולא איש) איך בין איין ווערמיל אונ קיין מענטש גלייך זיך צו אווערמיל וום איז אונטר דר ערד אזו אוך אז דר מענש שטארבט איז די ערד העכר פון זיין קאפ אונ דרום האט ער זיך נידריג גיהאלטין פאר גאט אזו וויא ער האט גיזאגט צו זיין ווייב מיכל אונ איך בין נידריג אין מיינע אויגין אקעגין גאט אונ אקעגין לייט איז ער אייך נידריג גיוועזן ווארום אז (שמעי בן גרא) האט אים גישאלטין האט ער גיזאגט לאזט אים שעלטין אונ הרגית אים ניט · והאריכו אונזרי חז״ל האבין זייער פיל גישריבין אין דעם גנאי פון בעלי גאוה דען זיי ווערין אן גירופין אום ווירדיג אונ וועלין ניט זעהן אין דער נחמה פון ציון אונ אונזרי הכמים ז״ל

האבין

לב ולא יראו בנחמת ציון כדכתיב כי אז אסיר מקרבך עליזי גאותך ולא תוסיף לגבהה עוד בהר קדשי והשארתי בקרבך עם עני ודל והסו בשם ה׳ ואינו רוצה לומר עם עני ממש שהרי כתיב לי איים יקוו ואניות תרשיש בראשונה להביא בניך מרחוק כספם וזהבם אתם אלא ר״ל עם עניו וכן תרגם יונתן עם ענוותן · ואמר בספר משלי גאות אדם תשפילנו ושפל רוח יתמוך כבוד ואמרו רז״ל מאד מאד הוי שפל רוח שתקות אנוש רמה ומותר האדם מן הבהמה אין כי אם עבודת הבורא יוצר הכל ולעשות לו נחת רוח עכ״ל · ולמה יתלבש האדם בגאוה שהוא לבוש מלכו דכתיב ה׳ מלך גאות לבש בהיות הדבר גלוי ומפורסם לכל מי שיש לו מוח בקדקדו שהלובש פורפירא של מלך מתחייב בנפשו ונמצא זה הורג עצמו בידיו ונדון במשפטי גיהנם עם חבריו המאבדים עצמם לדעת · נקוט כלל זה בידך שכל המתגאה כל ימיו מכאובים ודאוגים כי הוא מרוב גאותו ורום לבבו כלם באין נגדו וכאלו חייבים לעבדו ולקום מפניו כעבד לפני רבו ולישב ראש על כל נשא ורם בין זקן ונשוא פנים בין כ״ג הנכנס לפני ולפנים · ובעיני כל רואיו חשוב כקליפת השום ואין מי שישגיח עליו לכבדו כנפל טמון ובבואו במקום אנשים אפילו קטן שביניהם לא קם ולא זע ואם ידבר אין שומע ובראותו בזיונו מחזיר עורף להלוך הלאה ואין אומר ואין דברים מאיש או תינוק לשלחו לשלום · ובראותו כך כלימה יכסה פניו וכראש פתנים בקרבו מרוב בושתו כי כפי גאותו וחשיבותו בעיני עצמו כל זה קוצים כסוחים בצדו · ונמצא שכל עת ורגע מתמלא עברה ולבו מלא דאגה ורוב שמחתו תוגה באומרו איך איש שר ואוהב חושבים אותו כאויב · ומאורעות אלו תמיד לו ערב ובוקר וצהרים עד שמרוב צערו נופל על ערש דוי · צועק אוי ואין עונה וכדי שירחמו עליו מודה ומכריז ואדם אין ואין עונה באומרם לא כן בדיו כ אלא מפני שקרקע עולם הזיקתו · והחיים הרחיקתו מידה ועוזב ובאמת הוא כוזב · ואם יקום ממטתו ישוב לשטותו · ומניחים אותו סולד בחילה אולי יהיה לו מחילה· ואם ימות באולתו מיתתו כפרתו והוא משתומם על

כ לא המה כזכיו ·

האבין געזאגט זאיי דייער נידעריג בייא זיך ווארום דאס האפען פון אמענטש איז ווערים אונ דאס וואס אמענטש איז בעסר פון אבהמה איז גאר נישט נאר ווען ער דינט דעם בשעפיר אונ טוט אים אן נחת רוח · ולמה אונ ווארום זאל דער מענטש זיך אן קליידין מיט גאוה ווס דאס איז דאס קלייד פון איין מלך ווארום עס שטייט גאט ב״ה קיניגט ער איז אן גיקליידיט מיט גאוה אונ די זאך ווייסט דאך איטליכיר אז דער וואס קלייד זיך אן אין דעם מלכות קליידר איז חייב מיתה ממילא דער וואס האלט זיך בעל גאוה הרגית זיך אליין אונ וועט גימשפט ווערין אין גיהנם מיט אזעלכי וואס הארגינן זיך אליין · נקוט דעם כלל נעם דיר אז דער וואס האלט זיך בעל גאוה האט ער אלי זייני טעג קריינקונג אונ דאגות ווארום מחמת זיין גאוה אונ זיין שטאלץ זענין אלי מענטשן קעגין אים ווי נישט אונ ער רעט זיך איין גלייך וויא אלי זענן מחויב אים צו דינין אונ אויף צו שטיין פאר אים אזו ווי אקנעכט שטייט אויף פאר זיין האר אונ זאל זיצין העכיר פון אלי גרויסי לייט אונ באמת איז ער חשוב בייא דעם וואס זעהט אים ווי איין שאליכץ פון קנאביל אונ עס איז ניט דא אזעלכיר וואס זאל פרעגין אויף אים אונ אז ער קומט צווישין לייט אונ טוט ריידין וויל קיינר ניט צו הערין אונ אז ער זעט זיין בזיון קערט ער זיך אום אוועק צו גיין אונ קיינר זאגט אים ניט גייא גזונד · ובראותו אונ אז ער זעט אזו ווערט בדעקט זיין פנים מיט שאנד אונ פון וועגין בושה איז אים אינוויינינ אזו ביטער וויא גאל ווארום לויט בייא אים איז אפ גישאצט זיין חשיבות אונ זיין גאוה איז דס אלץ בייא אים וויא דערנער אזו איז ער אלי צייט פיל מיט צארין אונ זיין הארץ איז פול מיט דאגה אונ דאס טרעפט אים אלי טאג ביז דאס פון וועגין זיין פיל צער פאלט ער אין איין קריינק אריין אונ ליגט אויף דעם קראנקין בעט · צועק ער שרייט וויא אונ קיינר ענטפערט אים איז ער מתודה אונ שרייט אונ קיינר קערט זיך צוא אים ניט ווארום זייא זאגין וואס ער איז מתודה איז ניט באמת נאר מחמת ער איז קראנק איז ער מתודה אונ פאר לאזט אלע זיינע מעשים אבער אז ער וועט אויף שטיין פון זיין בעט וועט ער ווידער קערין צוא זיין שטות אונ לאזן אים ליגין אין פארכט אונ ציטרניש · אונ ער פאר ווינדערט זיך אויף דעם ווס ער זעהט דאי והוא אונ ער זאגט וויא זאל אזו אמענטש וויא איך ליגין אליין אונ אז ער טוט זעהן אז קיינר קערט זיך ניט צו אים שיקט ער נאך דאקטורים אונ אז ער האט קיין געלט ניט פאר קויפט ער זיין קלייד

פאכיר

על המראה איך איש כמוני בדד כאיש אשר שודד · ובראותו כן על ידי מסן כל רופא הוא דורשו ואין לו מכר לבושו · אולי יעלה רפואה למחלתו אשר גרם בגאותו · ולמה אתה בן אדם אתה בונה בגאותך בית מושב׳ רופאים ומשכנות זקנות המזורות ל בלבנה · הבאות להרים קינה באוי ואבוי · על כל בית ומבוי · בהבל שבפיהן מקוננות ובלבן סלות שונות בוכות בעיניהן ושמוח שמחות בקרביהן · מצדיקות בפיהן ברוך מי שגזר כך לכל בריה ומתי יבא אכילת הבראה לקיים מצות מנחם אבלים באומרן להן האדם הבל הבלים קחו נחמה בגבבכם כי כך יארע לכם זקן ונער הכם ואיש בער :

**פרק ג** יבין הקורא ויסתכל השומע אתה בן אדם קח נא ספר מוסר ושים אמרי בלבבך שא נא עיניך וראה בתכונת גופך וממנו תלמוד ליישר אורחותיך יראו עיניך הליחה הנובעת מנחירך והמים הסרוחים המתהוים בגופך ומקור השתן והרעי היוצא ממנו בחיים חיותו ובהתגבר על חום טבעי שבו קצת חמימות ממיני הקדחת המקריות המתגלגלות ובאות משנה פניו ותשלחהו לחרפות וארמון קומת הגוף תשפילהו לעי מפלה · ואם פרוח יפרח בעוד בשרו שאת או ספחת או אם יקרהו מפגעי הזמן פצע וחבורה ומכה טריה משימהו כנבלה מוסרחת אשר מריחו ינוסו למרחקים בהכרזה וטמא טמא יקרא ועליו ישרוק הזבוב ויתגבר הרימה חמרים המרים והבאש ערשו ועל ליבן סדיני מטתו בהרות בכתמי הנדה מדם הסרחון הנובע ממנו והוא כהלל דומם בלי הרגשת הדבור וכגולם בלי צורה וכנוד נפוח מבלי שיוכל עין רואה להעיד על צורת פניו עם ההוטם והוא גונח בקרבו לצמאון המים מאש הקודחת בו כתנור בוער ואין נשימתו נשמעת אפילו לקרובים אליו מרוב חולשתו ודקות הנשימה כדי שימלאו שאלת תאותו ויכלה בחולה ולא יחמול עד שיצא נפשו חבל בחבל כחבלי היולדה · ואם יאריך בחליו ימים רבים על מטתו יראו עיניו כידו א וחמת שדי ישתה בימים הרבים ההם ויצטמק גופו עד שיראו לחוץ בליטת עצמותיו ואבריו כאלו שתה מי המרים המאררים כסוטה וישתנה צורתו ויתהפך כקוף בפני אדם וכל רואיו לא יכירוהו · ואפי׳ אשתו ובניו המורגלים עמו יכחשו בו לאמר אין זה אבינו אשר גדלנו ואשתו מיללת ואומרת אוי כי איננו כי כקטן הנולד

ל כניס כמתקנלות לפוות לאור הלכנס א סכרו :

פאסיר וועט ער זיך דער מיט קענין היילין וואס ער האט גורם גיוועזן מיט דיין גאוה · אונ דוא מענטש ווארום זאלסטו דורך דיין גאוה בויען איין הויז דיא דאקטורים זאלין דארט זיצין אונ דיא אלטי וויבר וואס קומן קלאגין מיט זייער מויל אונ אין הארץ האבין זייא אנדרי רייד מיט זייערי אויגין וויינין זיי אונ אינווייניג פרייאן זיי זיך אונ זאגין ווען וועט ער שוין שטארבין מיר זאלין מקיים זיין דיא מצוה פון צוא טרייסטין אבלים מיר וועלין צוא זייא זאגין דער מענטש איז גאר הבל נעכט אטרייסטונג אין הארץ · דרום גיהער דער מענטש זיך ניט בעל גאוה צוא האלטין :

**פרק ג** יבין הקורא ער זאל פאר שטיין דער וואס לייענט אונ זאל קלוג ווערין דער וואס הערט דוא מענטש נעם אן מייני שטראף אונ טוא מייני רייד אין דיין הארץ באטראכט דיין גוף וועסטו דיך לערנין גוט צו מאכין דייני וועגין לאזין דייני אויגין זעהן דיא ליחה וואס קוועלט פון דיין נאז אונ דיא מיאום וואסיר וואס ווערט אין דיין גוף אונ וואס עס גייט ארויס פון דיר ביא דיין לעבין ובהתגבר אונ ווען עס שטארקט זיך אביסעל היץ פון דיא מיני קדחת וואס קומט אפט אוף דיא לייט ווערט שוין פאר ענדרט זיין פנים אונ זיין גוף ווערט איין גיבויגין אדר ווען עס שפראצט אין זיין לייב אגישווילעכץ אוואונד אבייל אדר אמכה מאכט עס אים איין ריח רע אנטלויפין דיא מענטשין פון אים אונ דיא פלוגין טוען אויף אים שמוצרין קלויבען זיך אויף אים אונ זיין בעט ווערט פאר מיאוסט · והוא אונ ער ווערט אזו ווי אדער שלאגנער מען פילט גארניט זייני רייד אונ ווערט ווי איין שטיק ליים קיין מענטש קען אום ניט דער קענין אונ ער טוט זיפצין פון דארשטיקייט פון דיא היץ וואס ברענט אין אים אונ זיין קול ווערט ניט גיהערט מען קען ניט הערין זייני רייד פון חלשות שלאפקייט אונ זיין אטום גייט זייער שטיל ביז די נשמה גייט פון אים ארויס מיט גרויס וויא טוּנ · אונ אז זיין קריינק גידויערט פיל טעג ווערט ער זיין בראך אונ זיין גוף ווערט איין גישרומפין ביז זייני ביינער ווערין ארויס גיזעהן גלייך אזו ווי א סוטה אונ זיין גישטאלט ווערט פר ענדרט אונ ווערט אויס וויא איין אף אונ אלי וואס זעהן אים דער קענין אים ניט ואפילו אונ אפילו זיין ווייב אונ קינדער וואס זענין מיט אים גיוואוינט גיוועזן לייקענין אין אים אונ זאגין דאס איז ניט אונזר פאטער אונ זיין ווייב קלאגט אונ זאגט וויא גישריגין ער איז שוין גישטארבען ער איז גלייך וויא א קינד אונ האט

הגולד דמי ותואר פנים אין לו וכנפל טמון בתוך מטתו מוצנע וחדל אישים בבטול ההרגשות ומניעות החושים עד יקוצו מפני חייו ומרבים עליו בתפלה בארבע פינות הבית לפנות הבית ממנו ולבערו מן העולם ושישוב לעפר כמו שהיה · ולאיש אשר אלה לו ואשר כזה יקרה לו איך יתפאר בתואר צורתו ואיך יתרומם בגופו המפואר וברום קומתו ואיך יתגדל בזרוע עוזו לאמר ידי רמה וכח עוצם ידי עשה לי את החיל הזה · ואיך יתגאה ברוב עושרו ובבגדי החמודות שעליו ואיך ישמח בהתגברו על חבירו על שער בת רבים ואיך יגיל בטובו ורוב בניו ואיך ישיש בכבוד שמקבל מאחרים ואיך יתחזק בבריאותו ואיך ירים קול בכעס על חבירו ואיך ירגיל עצמו בטעימת המעדנים ובמשתה היין · ואיך יתאוה לטיולים בגנות ופרדסים תחת כל עץ רענן בשקתות המים במקום נהרים יאורים תחת צללי אלה ואלון לשמוע שריקות קול צפור כל כנף ואיך יתקן ערשו בסדיני פשתן הדקים ואיך יתעדן בשינת השחר ואיך יערב לנפשו קול שרים ושרות ואיך יתיפה בקשוטי היופי ואיך יסוך בשרו בשמן המור ומיני ריח הטוב ואיך ישמח בצחות לשונו ואיך יחליץ עצמותיו בקלות המרוצה אשר ברגליו כאחד הצבאים אשר בשדה ואיך ימלא שחוק פיהו · ביון שעל כל זה נופל הצער והדאגה והיגון והמניעה והביטול כנז"ל · ועתה שמע בקולי איעצך ויהי אלהים עמך ויכלו בטוב ימיך ושנותיך בנעימים ותקבל שכר טוב בעמלך בעה"ז ובעולם שכלו טוב עולם שכלו ארוך בעשותך כל הכתוב לעיל על צד ההיתר והרצון הטוב · יתפאר האדם בתואר צורתו ובצלם רמות תבניתו להלל לשבח ולפאר ליוצר יצורים אשר ברא את האדם מעין דוגמא של מעלה ויכוין על כל רואיו שיעלו צורתו בדעתם עלי משכב להיות להם בנים יפים כמותו לעמוד ביצרם כיוסף וכו' יוחנן דהוה יתיב בשערי טבילה על הכוונה הזאת כנודע · ויתרומם האדם בקומת גופו להיות עומד בפרץ על כל צרה שלא תבא על הצבור להראות קומה ולהטיל אימה על הקמים לצער רבים או יחיד ויתגדל ברוב עוזו להחזיק ביד נמוכי הרוח ולכל נרדף בצרה ולעזור עני ואביון ולכל אלמנה ויתום . ויתגאה ברוב עושרו ובבגדי החמודות שעליו תכלת וארגמן בתתו פיזור לאביונים ולהיות

קיין גישטאלט ניט אונ ליגט אין בעט אונ זיין הרגשה איז שוין בטל גיווארין ביז זייא ווערין פאר אומערט פון וועגין זיין לעבין אונ טוען תפלת ער זאל שוין שטארבין מען זאל אים שוין אויס ראמין פון דר שטוב · ולאיש אונ צו אמענטש וואס האט דאס דאזיגי אויף זיך וויא זאל ער זיך בריממן מיט זיין צורה אונ וויא זאל ער זיך גרויס האלטין מיט זיין שיינעם גוף אונ מיט זיין גרוסי הייך אונ מיט זיין שטארקייט צו זאגין מיין שטארקיר כח האט מיר איין גיזאמילט דאס גוטס אונ וויא זאל ער זיך בגאוה האלטין מיט זיין פיל עשירות אונ מיט די שיינע קליידר אונ ווי זאל ער זיך שטארקין אויף זיין חבר אונ וויא זאל ער זיך פרייען מיט זיין גוטס אונ מיט זיינע פיל קינדר אונ מיט דעם כבוד וואס פרעמדי געבין אים וויא זאל ער ריידין מיט כעס צוא זיין חבר אונ וויא זאל ער זיך גיוויינין צו עסין זיסי שפייז אונ וויין טרינקין · ואיך אונ וויא זאל ער גלוסטין צוא שפאצירין אין גערטנר צו הערין דאס קול פון פייגל אונ וויא זאל אים זיס זיין דאס קול פון זינגין אונ שפילין אונ וויא זאל ער זיך צירין מיט שיינים צירונג אונ וויא זאל ער זיך שמירין מיט בשמים פון גוטין ריח אונ וויא זאל ער זיך פרייען מיט זיין לויטר לשון אונ וויא זאל ער לויפין וויא איין הירש אין פעלד אונ ווי זאל ער דר פילן זיין מול מיט גילעכטיר אז נאך דעם אלימען קומט צער אונ זארג אונ טרויעריקייט אזוא וויא פריער איז גישטאנין · ועתה אונ אצונד הער צוא מיין קול איך וועל דיר איין עצה געבין אונ גאט וועט זיין מיט דיר אונ דוא וועסט אוס לעבין דייני טעג אונ יארין אין גוטין אין זיסקייט אונ וועסט נעמין אגוטין שכר פאר דיין מידיקייט אויף דער וועלט אונ אויף עוה"ב אז דוא זאלסט פון דאס אלץ וואס אובין שטייט גיניסען אויף איין גוטען ארט דאס איז דר מענטש זאל זיך פרייען מיט זיין צורה אונ זיין גישטאלט צוא לויבען אונ בשיינען גאט ב"ה דאס ער האט בשאפין דעם מענטש פון דעם גלייכניש פון מלאכים . אונ דער מענטש זאל זיך דער הייבן מיט זיין גוף אז עס קומט ח"ו איין צרה אויף איין צבור זאל ער צו העלפין אונ צו ווארפין איין פארכט אויף דיא וואס ווילען מצער זיין פיל לייט אדער איין מענטש · ויתגדל אונ זאל זיך שטארקען מיט שטארקייט צוא שטיצען דיא וואס האבען אנידריג גימיט אונ צוא איטליכען וואס ווערט נאך גיאגט פון זיין חבר אונ צוא העלפין איין ארימאן איין אלמנה אונ איתום אונ מיט זיין פיל עשירות זאל

מחזיק ביד חושקי תורת ה׳ תמימה ולהרבות צדקה וג״ח ולהטיל בכיס ת״ח ולהלביש ערום מבלי לבוש ולפדות שבוים ולעשות נדבות לכל כלי הקודש ולהוציא הוצאות לקנות ספרים ושילמדו אחרים ולזון ולפרנס לכל שואל ולקבוע ישיבות לחלוק עמהם כזבלון ויששכר · וישמח בהתגבר על חבירו בשער בת רבים אם כונתו לבטל דברי תועה אם דבר נגד עניי עמו או אם הבל יפצה פיהו בדברו דבר הגורם קלות בתורה בעצמו או איזה מהחופי ללומדיה וכדומה לדברים אלו · ויגיל ברוב בניו ובטובו על שתנו השם בבנים ונתן בו היכולת לגדלם לתורה כדי שיעבדו אותו ויקדישו שמו בכל לבבם ובכל נפשם · וישיש בכבוד שמקבל ליישר אורחותיו באומרו בינו לבין עצמו מאמר הפייטן חטאי אלו ידיחון בם שכני אזי ברחו ורחקו מגבולי ואין מכבדים אותי כי אם בחושבם כי חסיד אני ואם ירגישו אחד מני אלף המעשים המכוערים יברחו למרחקים פן יזיק להם טומאת הבל פי · ונמצא הכבוד מביאו לתיקון מעשיו וראוי שישמח וישיש בו כיון שמדריכו אל היושר שלא יראו בו ערות דבר הגורם מניעת הכבוד · ויתחזק בבריאותו לקיים והגית בו יומם ולילה שהתורה מתשת כחו של אדם · ולעמוד על קיום המצות ולשמש תלמידי חכמים ולהלוך בשליחות מצוה · וירים קולו בכעס על חבירו למנעו מעבירה ולשבור זרוע רשע ולייסר לעוברים רצונו של מקום · ויתענג במעימת המעדנים והמשקים הערבים ניסוך יין במים הקרים על נפש עיפה ודבש וחלב תחת לשונו לברך לבורא הכל על כל מין ומין מעין ברכתו · ולענג שבתות וימים טובים כאחז״ל קדשו במאכל ומשתה וכסות נקיה ולשתות במשתה היין בסעודה של מצוה לגמרה של תורה וברית מילה וסעודת בת ת״ח לת״ח וכדומה · ויתאוה לטיולים בגנות ופרדסים לבקשת התבודדות ב לעיין ולהבין ולהשכיל במושכלות התורה להשיג סודותיה · ולשמוע שריקות קול צפור כל כנף לתת הודאה לבורא עולם ה׳ שהכל ברא לכבודו וכלם אומרים לפניו שירה בצפצוף פיהם לפרסם כי אין אלוה מבלעדי ה׳ · ויתקן ערסו בסדיני פשתן הרקין לנוח בהם בשבתות בחגים ובמועדים לכבוד השם ולכבוד

ב לסוח בחידות :

ער געבין צדקה צוא ארימע לייט אונ זאל מחזיק זיין די וואס לערנין אונ צוא טאן גמילות חסדים אונ בקליידין דעם וואס האט ניט קיין קליידר אונ קופין ספרים צוא בארגין אנדרי צום לערנין אונ צוא שפייזין דעם וואס בעט עסין אונ מאכען ישיבות צוא טיילין זיך מיט זיא מיט דעם עולם הבא פון זייער לערנין אזוא וויא שבט זבולון מיט יששכר אונ צוא שטארקען זיך אז זיין חבר האט גירעט קעגין די ארמי לייט אדער ער האט גירעט אזעלכי רייד קעגין דער תורה אונ נאך דאס גלייכין · ויגיל אונ זאל זיך פרייען מיט זייני פיל קינדר אונ מיט זיין גוטס וואס גאט ב״ה האט אים גלייט זעליגט מיט קונדער אונ האט אים געהאלפן ער זאל מגדל זיין זיא זאלן לערנן תורה כדי זיי זאלן גאט דינן אונ זאלן הייליגן זיין נאמין מיט גאר זייער הארץ אונ מיט גאר זייער לייב · אונ זאל זיך פרייען מיט דעם כבוד וואס ער איז מקבל כדי דורך דעם צוא רעכט פארטיגען זייני וועגען כדי לייט זאלען פון אים ניט זעהן קיין שלעכטע מעשים וועלן זיא אים שון ניט חעלן קיין כבוד אן טאן · ויתחזק אונ זאל זיך שטארקען מיט זיין גיזונדקייט מקיים זיין דעם פסוק (והגית בו יומם ולילה) דו זאלסט ריידן אונ טראכטען אין דער תורה טאג אונ נאכט אונ מקיים צוא זיין די מצות וואס מען באדארף צוא זיא שטייען · צוא בדינען תלמידי חכמים אונ צוא גיין אין שליחות מצוה · אונ זאל ריידן מיט כעס ווען ער דארף צוא פאר היטן פון איין עבירה אונ צוא ברעכען דאס שטארקייט פון דעם רשע אונ צוא שטראפען די וואס זענען עובר אויף גאטס רצון אונ זאל זיך זעניפטיגען מיט זיסע שפייז אונ זיסע געטראנק פון וועגען צוא לויבען דעם וואס האט אלץ בשאפען אויף איטליכען מין זיין ברכה אונ צוא מענג זיין שבת אונ יום טוב וויא אונזרי חכמים ז״ל האבען גיזאגט דו זאלסט הייליגען שבת אונ יום טוב מיט עסין אונ טרינקען אונ קליידר אונ צוא טרינקען וויין אויף א סעודת מצוה דהיינו אום שמחת תורה אונ אויף א סיום מסכת אונ אויף א ברית מילה אונ אויף אזא א חתונה וואס איין תלמיד חכם נעמט איין בת תלמיד חכם אונ נאך אזעלכע גלייכען · ויתאוה אונ זאל גלוסטין צוא שפאצירן אין גערטנער דארט צוא זיין אליין ער זאל קענין טראכטען אין דער תורה צוא גרייכין אירע סודות אונ צוא הערין דאס שטוצען פון פייגיל פון וועגין צוא געבין א לויבונג צום באשעפר פון דער וועלט וואס ער האט אלץ בשאפען פון זיין כבוד וועגין אונ אלע זאגין שירה פאר אים מיט דעם פיפצין פון זייער מויל אז

היום המקודש · ויתערן בשינת השחר כשעפר עם העומדים בבתי ה׳ בלילות ונדד שינה מעיני כל הלילה על התורה ועל העבודה ויהי באשמורת הבוקר שגברה עליו השינה ונפל למשכב או יישן וערבה שנתו · ויערב לנפשו שורים ושירות לזמר ולהלל לפני בוראו בספור מקצת נפלאותיו · ויתיפה בקשוטי היופי להיות מתוקן בהתפללו לפני בוראו על דרך הכון לקראת אלהיך ישראל ולכוין שלא ימצא רבב על בגדיו ובכל עת יהיו בגדיו לבנים להתפלל בכסות נקיה ובגדים מיוחדים לזה · וישמח בצחות לשונו להיות דורש ברבים דברים ערבים לשומעיהם ולהגיד לעם את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון · ולנצח בצחות לשונו ונועם שפתיו ומוצא דבר למינין ואפקורסים אשר אמרו ללשוננו נגביר שפתינו אתנו מי אדון לנו להפיל דבריהם ארצה והבל הבלים שבפיהם ולהשיסם לרפש וטיט ויסך בשרו בשמן ערב ומיני הבושם שיעור להעביר מעליו סרחון הזיעה וכדוסה הגורם שלא יתקרב אדם אצלו בדברו אליו ויתרחק ממנו וימאס בדברי תוכחתו וחידושי תורתו ומוסריו · ויחליץ עצמותיו בקלות המרוצה לרוץ בדבר מצוה ואפילו קלה כדברי התנא הוי רץ למצוה קלה · ולמהר לברוח מן העבירה עד למרחקים ולרוץ להציל נפש עשוק מהרודף ולמהר הליכתו בכל דרך מצוה · ולדלג בהרים לבער קוצים מן הכרם · וימלא שחוק פיהו לשמח חתן וכלה ובשמעו ישועות השם ומפלת אויביו ובשמעו שמועות מגאולתנו ומפדות נפשנו ושמועות חרושי התורה ודקדוקי מצות שנתחדשו · ואם כה תעשה תרויח בעולם הזה ותקבל שכר טוב לעה״ב · הטה אזנך ושמע ללמוד מוסר מיום אתמול כי יעבור ליום שאתה עומד בו כי כל מה שעשית אתמול בתענוגי גופך מה בידך תקח היום ואם גם היום תעשה ככה גם זה יעבור למחר עד שבסוף יסיך יעלה חרס בידך ונמצא הוצאת כל ימי חייך להבל וריק והכינו אבריך כלי מות לשאת בידך בצאתך מן העולם לעשות נקמה בנפשך עמהם · פוק דון בנפשך ואמור בינך לבין עצמך היוכל ארץ לסבול לתקן ולהכין בעצמי נקמות לי מה שאין צר ואויב יכול לשער לעשות בי תחת אשר בידי וברשותי,

עס איז ניט ראקיין גאט חוץ אים · אונ זאל צוא רעכטין זיין בעט מיט ריינע לייליכער אום שבת אונ יו״ט פון גאטס וועגין אונ לכבוד דעם הייליגען שבת אונ יו״ט · ויתעדן אונ זאל זיך נעמען מיט דעם שלאף פון דער פריא דענמאלט אז ער האט אגאנצי נאכט גילערינט אונ גאט גידינט אונ אז ער ווערט אין דער פריא שלעפעריג אונ פאלט אנידער אונ ווערט אנטשלאפען דענמאלט זאל אים זיס זיין זיין שלאף ויערב אונ עס זאל זיס זיין צוא אים גיזאנג אונ שפילען צוא זינגען אונ לויבען זיין בשעפר צוא דער צייט אטייל פון זייני וואונדער אונ זאל זיך צירען מיט ריינע קליידער בשעת אז ער וויל תפלה טאן אונ זאל מכוין זיין עס זאל ניט גיפונען ווערין קיין פלעק אוף זייני קליידר אונ זאל האבען בזונדערי קליידער דער צוא · וישמח אונ זאל זיך פרייען מיט זיין לוטער לשון אז ער זאל דרשנין פאר פיל לייט זיסע רייד פון דער תורה אונ צוא זאגין צום פאלק דעם גוטן וועג וואס זייא זאלין דרינען גיין אונ מיט זיין שיין לשון מנצח צוא זיין דיא אפיקורסים ער זאל ווייזען אז זייערי רייד זענין גאר גישט · ויסך אונ זאל שמירן זיין לייב מיט גוטן בוסל אונ בשמים כדי עס זאל פון אים אראפ גיין דער שוויים אז מענטשין זאלין זיך ניט דער ווייטערין פון אים אונ וועלין הערין זיינע שטראף רייד אונ זייני נייע זאכין וואס ער זאגט אין דר תורה אונ זאל גיך לופן אין אדבר מצוה אונ זאל זיין גיאיילט צוא אנטלופען פאר איין עבירה גאנץ ווייט · ולרוץ אונ זאל לופן מציל זיין אנפש פון איין רוצח וואס וויל אים ראבעווין · אונ אל זיך לוסטיג מאכין צוא משמח זיין חתן וכלה אונ אז ער וועט הערין דיא הילף פון גאט אונ חידושי תורה וועלכי וואס זענין באנייט דורך דיא חכמים · אוב דוא וועסט אזו טאן וועסטו זיך פרייען אוף דער וועלט אונ וועסט נעמן אגוטן שכר אוף יענער וועלט · הטה נייג דייני אוהערען אונ פאר נעם צו לערנין זיך אליין מוסר פון דעם נעכטיגן טאג אוף היינטיגין טאג ווארום די אלע תענוגים וואס דוא האסט דיר אן גיטאן נעכטיגין טאג וואס קומט דיר היינט דער פון ארוס אונ אז דוא וועסט היינט אוך אזו טאן וועט דיר מארגין דער פון אוך ניט ארוס קומן ביז צום סוף פון דיינע טעג וועט דיר פון אלע פריערדיגי טעג ניט ארוס קומן אזוא האסטו פאר טראכט אלע דייני לעב טאג אין גארישקייט · פוק גייא אונ משפט מיט דיין לייב אונ זאג דיר אליין קען עס דיא ערד טובל זיין אז איך זאל מיר אן גרייטין זעלכי נקמות וואס קיין פיינט וואלט מיר זייא ניט גיקאנט

להוציא כל יום מחיי בתורה ובמצות ולקבץ על יד מעט כפי יכלתי והשגת דעתי · ואם איתי מבין בתורה לפחות לחשוב מחשבה לעשות ומחשבה חקב"ה מצרפה למעשה ומעשי ומחשבותי בספר נכתבים כמעשי ממש לקבל עליהן שכר משלם כמו מעשה ונמצא אני מרויח בכל יום ומסגל טוב אשר עין לא ראתה אלהים זולתך במקום שאין היד שולט בו להשביע בצחצחות נפשי בצאתי מן העולם ואני בורא מלאכים במעשי ומחשבותי הטובים ללוות אותי בצאתי מן העולם ולהצילני מכל מזיק מחבל ומשטין להכריז לפני בברוך אתה בצאתך ובשלום בואך עד הביאני אל המקום אשר הכינותי במעשי הטובים תחת כסא כבוד בוראי להתעדן מזיו שכינת עוז · ואם כה תחשוב כל יום לשים בדעתך דע באמת שתמאום בחטאתך ותבקש הדרך הניתן מנוחות לנפשך · וכיון שביד האדם וביכולתו לתקן ולהכין כל טוב לנפשו אפילו ע"י מחשבה טובה בלבד כמדובר והוא לא כן עושה היש קץ לרעתו המגיע לנפשו בהתפרדה מן הגוף הנגוף אשר שמע לעצתו לטנפו במעשיו המכוערים להטותו אל דרכי העונג ורבוי המאכלים להרבות הזבל בקרבו ברוב אכילה ושתיה יום יום להעלות אידי ג העשן האף והחימה מהאכילה אשר הרבה הזבל והזוהמא לטנף משכן המוח והלב ששם מושב הנשמה ולגרשה משם ולהמליך במקומה נפש חיוני כבהמה דמותר אדם מן הבהמה אין לבד הנשמה הטהורה · לכן בן אדם המיל עליך כי אין שום בריה יוכל להצילך ממשפט חרון אף והחימה אשר טפחת ורבית מיום היותך על הארמה עד אשר חשכו מאורי שמש אורך שהיא פרידת הנפש מהגוף · כי ההצלה בידך מסורה וברשותך נתונה לשוב יום אחד לפני מיתתך ולעשות לך הצלה אין כמוה כי בידך הכל ומידך נותנין לו שכר טוב מעמלך אשר עמלת בדברים בלבד באומרך חטאתי עויתי פשעתי על כל מה שאמרתי ודברתי בשפתי חלקות ועל מה שעברתי על המצות · וכיון שבדברים בלבד יכול אתה להציל ממות נפשך כדכתיב קחו עמכם דברים ושובו אל ה' אם נתרשלת

ג קיצור :

גיקאנט טאן אן שטאט וואס איז בייא מיר אין דיא הענט אונ אין מיין רשות צוא פר ברענגין אלע מייני טעג מיט תורה אונ מצות אונ איין צוא זאמלען ביסלעך וויים נאך מיין יכולת אונ נאך מיין פאר שטאנד · אונ אוב איך פאר שטייא ניט אין דער תורה קען איך טראכטין מחשבות צוא טאן מצות אונ גאט ב"ה איז מצרף איין מחשבה צוא איין מעשה אונ איך וועל פר די מחשבות מקבל זיין שכר וויא פאר איין מעשה כמילא וועל איך אלע טאג מרויח זיין אזעלכים גוטס וואס קיין אוג האט עס נאך ניט גיזעהן נאר גאט אליין אזוא איין ארט וואס קיין שום האנט הט דארט קיין שליטה ניט צוא זעטין דארט מיין נשמה מיט לוטערקייט אז איך וועל אוועק גיין פון דר וועלט אונ וועט מיך מציל זיין פון איטליכין מזיק אונ משטין צוא אום רופין פאר מיר גיבענטשט ביסטו אין דיין אום גיין אונ מיט שלום איז דיין קומין ביז מען וועט מיך ברענגין צוא דעם ארט וואס איך האב מיר אן גיגרייט מיט מיינע מעשים אונ וועל זיין אונטער דעם כסא הכבוד פון מיין בשעפר אונ וועל זיך דארט זענפטיגען פון דעם לוטערקייט פון זיין שטארקע שכינה · אונ אז דו וועסט אזוא טראכטען זאלסטו וויסען באמת אז דוא וועסט זוכין דעם וועג וואס וועט געבן רוא צוא דיין נשמה · וכיון אונ וויל אז עס איז בייא דעם מענטש אין דיא הענט אונ אין זיין יכולת אן צוא גרייטין זיך אלץ דס גוטס אפילו דורך אגוטע מחשבה אליין אזו וויא מיר האבין פריער גיזאגט אונ ער טוט ניט אזוא איז דען דא איין סוף צום בייז וואס וועט גרייכין צוא זיין נשמה דענמאלט אז זיא וועט זיך שיידין פון דעם גוף וואס זיא האט צוא גיהערט זיין עצה איין ריכטען זיא מיט זיינע שלעכטע מעשים : לכן דרום דוא מענטש דער בארים זיך אוף דיר ווארום קיין שום בריה וועט דיך ניט קענין מציל זיין פון דיא משפטים אונ רוגזה וואס דוא האסט אוף דיר גיצויגען פון דעם טאג אן אז דוא ביסט גיוועזן אוף דער ערד ביז דיין נשמה שייד זיך פון גוף דען דאס איז אין דיין האנט אונ אין דיין רשות תשובה צו טאן איין טאג פר דיין טוט דען עס איז אלץ אין דיינע הענט אונ מען גיט דיר גוטן שכר פאר דיין כידעקייט וואס דוא האסט זיך גימיט מיט רייד אליין דער מיט וואס דוא זאגסט (חטאתי עויתי פשעתי) אויף דעם אלעמען וואס איך האב עובר גיוועזן אוף אלע מצות · וכיון אונ וויל דוא קענסט מיט רייד אליין זיך מציל זיין פון דעם טויט אזו וויא עס שטייט אין פסוק (קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳) נעמט מיט אייך רייד אונ קערט ווידר צו גאט אונ אז דוא האסט זיך דער צו אוך גיפוילט איז דען דא איין צאל צוא דיא יסורים וואס זענין אן

גם מזו היש קץ למשפטיך המוכנים לנפשך · הבט וראה באבינו הראשון אברהם ראש המאמינים אשר משלש שנים הכיר לבוראו וטרח ועמל כל ימיו לעשות רצון בוראו ומסר עצמו בכבשן האש באהבתו אותו ית׳ ונסיונות אחרים גדולים כמוהו אשר גירשו מארצו וממשפחתו ומבית אביו ואע״פ שהבטיחהו על הממון והשם והבנים שהדרך ממעטם לא קיים מאמרו ית׳ בעבור מה שהבטיחהו כי אם וילך אברם כאשר דבר אליו ה׳ לקיים דברו בלבד ולא ע״מ לקבל פרס ואף שאחר שהובטח הגיעו לו מהצרות רעב כי בא עליו וירד מצרימה והגיע למות נפשו באמרו והרגו אותי ואותך יחיו ונלקחה אשתו בבית פרעה הרשע ומשם הצילה השם בנגעים גדולים · ואחר זאת לא שלו מרדיפת המלכים אשר רדפוהו והשם הציל אותו ומיד שמע צרה כי נשבה אחיו ורדף ונסתכן להצילו · ולא שקט מזו כי אחר הדברים האלה הודיעו לו מגרות בניו ועבדום וענו אותם ד׳ מאות שנה ושם הוגד לו גליות אחרות שעתידין בניו לעבוד וידאג נפשו בקרבו מצרת זרעו · אחר זו נולד תוגרא ד בביתו משרה עם הגר וקשה וצער גדול מחלוקת בבית ממלחמת גוג ומגוג כארז״ל עד שבא לכלל ששרה אשתו מסרה עליו דינה לשמים באמרה לו חמסי עליך והוא סבל ושתק · על כל זאת בא אליו צווי המילה להתוך בשר ערלתו וקבל באהבה ולא נתרשל אף שהכיר בצער הגדול אשר יעבור עליו להעביר על בשרו הרב חדה ועכ״ז לא בעט ולא הרהר אחר מדותיו יתברך כיון שכל זה היה הפך מה שהובטח ואדרבה הרבה אהבה על אהבתו ולא סר מדרכו יתברך כל ימי חייו וצוה כך לבניו אחריו · הבט וראה כמה טרח אברהם אע״ה להשיג השלימות ואתה אף שכל ימיך הלכת אחר ההבל אם תשיב בדברים להתוודות על עונותיך אפילו באחרית ימיך תשלים נשמתך שבמקום שבעלי תשובה עומדים אין

ד מחלוקת :

גיבריט צו דיין לייב · הבט לוג און זעה אן אונזער פאטער אברהם דר ערשטר פון די גלייבריש ווס ער האט דער קענט זיין בשעפר פון דרייא יאר אן און האט זיך מטריח געווען צוא טון דעם ווילן פון זיין בשעפר און האט זיך איבר געענטפרט אין קאלך אויבן מחמת ער האט גאט ליב געהאט און אנדרי גרויסי נסיונות ווס ער האט געהאט דען ער הט אים געהייסן אוועק גיין פון זיין לאנד און פון זיין משפחה און פון זיין פאטרס הויז און חאטשי ער הט אים מבטיח געוועזן אז ער וועט האבן געלד און איין שם און קינדר פון דעסט וועגן האט עס אברהם ניט געטאן פון וועגן דעם נאר ער איז גגאנגן מקיים צוא זיין דיא רייד פון גאט און ניט פון וועגן נעמין דעם שכר דער פאר · ואף און אויך דער נאך אז גאט האט אים שון מבטיח געוועזן דאס אלץ האט ער גליטין גרויסי צרות דען ער האט גנידרט קיין מצרים און איז געוועזן אין סכנה אזו וויא ער האט גזאגט צו שרה איך האב מורא אז מען וועט מיך הרגנין און זיין ווייב איז גנומן געווארן צו פרעה און גאט האט זיא מציל געוועזן און האט פרעה געשלאגן גרוסע שלעג · ואחר און נאך דעם האט ער אויך קיין שלוה ניט געהאט ער האט געהערט אצרה אז זיין פריינד לוט איז גפאנגן געווארן האט ער איין געשטעלט זיין לעבין אים מציל צו זיין און דער נאך האט אים גאט גלאזט וויסן אז זייני קינדר וועלין זיין אין גלות און מען וועט מיט זייא ארבטין און מען וועט זייא פייניגן פיר הונדרט יאר און דארט איז אים גזאגט געווארן אנדרי גליות וואס זיינע קינדר וועלין האבין האט ער זיך גזארגט אויף דער צרה פון זייניע קינדר · אחר נאך דעם איז געווארין איין מחלוקת אין זיין הויז פון שרה מיט הגר און דער צער ווס מחלוקת איז אין שטוב איז ערגר פון אלץ און דאס מחלוקת איז אזו גרוס געוועזן ביז עס איז גקומן דער צו אז שרה האט איר דין איבר געגעפרט צו גאט זיא הט אים גזאגט (חמסי עליך) מיין אונרעכט וואס איך האב פון הגר איז אויף דיר דו ביסט שולדיג דרינין און ער האט גליטן און האט געשוויגן נאך דעם אלימין האט גאט אים גיבאטן ער זאל זיך מל זיין און ער האט עס מקבל געוועזן באהבה און האט זיך ניט גפוילט חאטשי ער הט געוואוסט אין דעם גרוסן צער ווס ער וועט האבן דער פון און האט ניט מהרהר געוועזן נאך זיינע מדות יתברך האטשע דאס אלץ איז דאך געוועזן פאר קערט פון וואס גאט האט אים צו גיזאגט אדרבא ער האט נאך געווזין ליבשאפט אויף זיין ליבשאפט און האט ניט אפ גיקערט פון גאטס וועג וייל ער האט גלעבט און האט נאך גיבאטין צו זייני קינדער נאך אים אז זייא זאלין דינין גאט · הבט זעה וויא פיל אברהם אבינו האט זיך מטריח געוועזן צו דער פילן גאטס ווילן און דו מענטש חאטשע דוא ביסט אלי דייני טעג נאך גיגאנגן נאך דעם דאזיגן נארישקייט אז דו וועסט ווידר קערן מיט רייד צוא מתודה זיין אויף דיינע זינד אפילו צום סוף פון

צדיקים גמורים יכולים לעמוד · אם לא תשמע לעצה זו דון בנפשך אם יש מקום לרחם עליך ביום אשר יביאו אותך במשפט :

**פרק ד** יוצר הרים ובורא הברואים צורי מחסי וגואלי בעלותי על לבבי החסדים והרחמים שהגדלת לעשות עמי מיום שיצרתני ועד עתה ואני הסכלתי עשו לעבור על כל אשר צויתני לשמור תסמר שערת בשרי אחז לבבי פלצות ויתפרדו כל עצמותי אחזתני רעדה · ואסלדה בחילה באומרי מה אשיב בעת שיביאני לדין לפניך וירשיעוני בבית דינך הצדק מה ששורת הדין נותן לקצוב עלי כמשפטי העונש בהיותי כפוי טובה עם מי שהרבה להטיב עמדי טובות אשר לא יוכל רעיון לסופרם כי רבו עד שאין באים לכלל מנין ובראותי הרע הגדול אשר עשיתי מת רוחי בקרבי · ובראותי שאין רפואה למכתי כמעט נתיאשתי מן הרחמים אך יעצוני כליותי לברוח ממך אליך קודם יחשכו כוכבי נשפי להסתופף ולהסתתר עצמי בצל כנפיך שתכפרני ברחמיך ותטבילני בים הסדך וטהרני בגודל חסדך והכין משכן נשמתי תחת כסא כבודך כי ידעתי שלא יצרתני כ"א להטיב עמדי כמדתך להטיב בלי הפסק רגע ועל זה בטחתי לברוח ממך אליך למסור עצמי בידך כי ידעתי שתחשבני כשוגג או אנוס על עברי מצותיך כיון שכלי הגוף האטום אשר כחומר קרוץ הם גרמו לי כל זאת · ונפשי א אשר בקרבי גולה וסורה לא יכלה למנוע בחירתי ולהצילני בעת בואי לעבור רצונך כי לא יכלה לברוח ממני ולמנעני מהטיא לך כי חיוב צווי עליה להיות סגורה בקרבי עד זמן שגזרת עליה לשבת שכונה בי · ואני במעשי המכוערים והמטונפים גרמתי לבת מלך ב לסבול טינוף מעשי כי הוצרכה לבא

א נשמתי : ב שנשמה שהיא בת מלכו של עולם :

דייני טעג וועסטו גאנץ מאכן דיין נשמה ווארום אויף דעם אורט וואס די בעלי תשובה שטייען אין גן עדן קענן רעכטע צדיקים ניט שטיין · אונ אזב דו וועסט ניט צו הערן צו דער דאזיגר עצה זאג אליין אוב מען גהער זיך אויף דיר דער בארעמן אז מען וועט דיך ברענגן צו משפט :

**פרק ד** יוצר הרים דער וואס האט בשאפן די בערג אונ האט בשאפן אלי בשעפניש מיין בשעפיר מיין בשיצער אונ מיין אויס לייזיר ווען איך טוא אויף ברענגן אויף מיין הארץ די גנאד אונ דער בארימקייט וואס דו האסט געטאן מיט מיר פון דעם טאג וואס דו האסט מיך בשאפן ביז אהער אונ איך האב נארישקייט געטאן צו עובר זיין אויף דעם אלץ וואס דו האסט מיר געבאטן צוא היטן טוט זיך אויף שטעלין די האר פון מיין פלייש פר פחד אונ מיין הארץ טוט אן האפן אציטערניש אונ מייני אלי בייער ווערין צו שיט אונ עס האפט מיך אן אציטערניש · ואסלדה אונ איך טוא איים לובין מיט פארכט אין מיין מאן זאגין וואס וועל איך ענטפרין אין דער צייט אז מען וועט מיך ברענגן פר דיר צום דין אונ מען וועט מיך שולדיג מאכין אין דיין גרעכטין בית דין וואס דער משפט וועט מיט ברענגין אויס צו זעצין מיר שטראף ווייל איך האב גלייקנט אין דעם גוטץ וואס ער הט געטערט מיט מיר גוטס צו טאן זעלכי גוטס וואס קיין מחשבה קען עס ניט ציילין אונ אז איך זעה דאס שלעכץ וואס איז אין מיר שטארבט מיין נשמה אין מיר ווייל איך זעה אז צוא מיין מכה איז ניט דא קיין רפואה אונ האב מיך כמעט מיאש גיוועזן פון גאטס רחמנות · אך נאר מייני נירין האבין מיר איין עצה גיגעבין צו אנטלופין פון דיר צו דיר איידר עס וועלין פינסטיר ווערין מייני שטערין צוא בשיצין זיך אונ צו פאר בארגין זיך אין דעם שאטין פון דייני פליגיל אז דו זאלסט מיר פר געבין מיט דיין רחמנות אונ זאלסט מיך טובל זיין אין דעם ים פון דייני חסדים אונ זאלסט מיך ריינגין אונ זאלסט אן גרייטין דאס רואונג פון מיין נשמה אונטער דיין כסא הכבוד ווארום איך ווייס אז דוא האסט מיך נאר בשאפין פון וועגין דו זאלסט מיט מיר גוטס טאן אזו וויא דיין מדה איז גוטס צוא טאן אן אויף הערונג אונ אויף דעם האב איך מיך פר זיכרט צו אנטלופין צו דיר אונ זיך איבער צו ענפרין אין דייני הענט ווארום איך ווייס אז דו וועסט מיך רעכינין גלייך וויא איך האב גטאן דיא עבירות אום געריין אודר וויא איינר איז גנייט עובר צו זיין אויף דייני מצות ווארום ווייל דער גוף וואס איז פון ערד ער האט מיר גורם גיוועזן איך זאל זינדיגין אונ מיין נשמה וואס איז אין מיר קען ניט אפ האלטין מיין בחירה אונ מיך מציל צו זיין אין דער צייט אז איך קום עובר צו זיין אויף דיין ווילן ווארום זיא קען ניט אנטלופין פון מיר ווארום זיא איז פר שלאסין אין מיר ביז דר צייט וום דו האסט גיוועזן זיא זאל רוען אין מיר · ואני אונ דורך מייני מעשים האב איך גורם גיוועזן צוא דר נשמה

וואס

לבא עמי במצור ולהאיר באברי לחזקם ולאמצם לפעול כפי רצוני ובחירת נפשי ואנסתיה והכנסיתה בחלאת טומאת עונותי וכיון שכך הרביתי לפשוע וכי יספיקו מימי המבול הרותחין לטהרני ואם אש ששרף לסדום יכול להתיך עובי חלודי זוהמתי וכי מכות שבאו על המצרים יוכל למרק עונותי ואם מכת הטחורים והעכברים שבאו על הפלשתים יכפרו על פשעי וכי כל מכה וכל חולי שנברא בעולם אף שיבואו עלי בחדא מחתא ג יוכלו לטהר נאופי · ובראותי עצמי מלא אשמות לא אוכל מלט חשבתי מחשבות להתיעץ בנפשי עצמה אף שהרעותי עמה לטמאה במעשי ואומר לה · נשמתי נשמתי הטהורה והחכמה אשר ממרומים ירדת לעשות שכינה במשכן בתי חומר ד ולך נגלה תעלומות הכמה ושערי בינה מסורים בידך וממך לא נעלם מ"ש בתורה כי כתוב לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו ואעפ"י שעשו עמהם רעות כך גזרה הכמתו יתב' להטיב עמהם כיון שגרו בארצם: גם אעפ"י שהגדלתי אני לעשות עמך רעה לא תתעב אותי לכנוע עצה כמני ליעצני בדרכי הישועה לשוב לקונו כי אין לי פנים לשוב בלתי עצתך לכן אל תכנע טוב ממני כי גר היית בארצי · ותען ותאמר לי אעשה כדבריך כיון שבקרבך ישבתי ובך נהישנתי עד שהורגלתי בעל כרחי להסכים ללכת במעגלותיך המסוכנים ובדרכיך המקולקלים עד שהייבתי ראשי למלכו של עולם אבי שבשמים וגם אני כמוך בהצטרכות רפואות להעביר ולטהר החלודה שהבאת עלי וקודם שנתעוררת אתה גופי לבקש ממני עצה על זאת קדמתיך זמן רב בזאת וגמרתי בעצמי ואמרתי כי הצרי והרטיה המצטרך על מכאובינו אינו אלא דבר קל · כי כפי רוב רחמי בוראנו כך גודל קלות תשובתנו אף שנתגדל כל אחד מעונותינו כרום המגדל שבנו פושעי עולם אחר המבול ובלבל השם לשונם למנוע פשעם ואולי ישובו להטיב באחריתם · ומשם למדתי רוב חסדיו כי חפץ ה' שיושיע אדם עצמו בצחות לשונו לומר לפניו ודוי דברים דכתיב קחו עמכם דברים ושובו אל ה' · ועל העצה הזאת אנו כותבים וחותמים לעשות ובוא

ג כלומר בכת אחת : ד ר"ל משל על הגוף שמחומר קרוץ :

וואס זי איז איין בת מלך צו ליידין מייני מעשים דען זיא מוז קומין מיר צוא לייכטן אונ מייני אברים צוא שטארקין אונ פעסטין אז זייא זאלין טאן וויא מיין ווילין איז אונ האב זיא אריין געבראכט אין דר קרענק פון מייני זינד · וכיון אונ וייל איך האב אזו פיל גיזינדיגט וועט דען גנוג זיין אלי זידיגע וואסער פון מבול צו ריינקין מיך אונ דס פייער וואס האט פאר ברענט סדום וועט דען קענן ריינעגן דעם זאוויר פון מיינע עבירות · ובראותי אונ וייל איך זעה אז איך בין פול מיט זינד וואס איך קען זיי ניט דר טראגין האב איך גיטראכט מיר איין עצה צו האלטן מיט איר אליין חאטשי איך האב שלעכט געהאנדילט מיט איר וואס איך האב זיא מטמא גיוועזן מיט מייני מעשים · אונ האב גיזאגט צוא איר מיין נשמה דיא ריינע אונ דיא קלוגע וואס ביזט גקומין פון היכל צו רוען אין דעם גוף אונ צו דיר איז אנפלעקט די חכמה אונ די טויערין פון פאר שטאנד זענין איבר געגעבן אין דיינע הענט אונ ווייסט וואס עס שטייט אין דער תורה זאלסט ניט פר אום ווערדיגען קיין מצרי ווארום דוא ביסט גיוועזן אגר אין זיין לאנד אונ חאטשי זיי האבן גיטאן שלעכטץ מיט דיא ישראל · אונ אזו דו אוך האטשי איך האב דיר גיטאן אגרוסע רעה זאלסטו מיך פארט ניט פר אום ווערדעקין צו פאר מיידן פון מיר דיין עצה דוא זאלסט מיר איין עצה געבין וויא ארום קען איך ווידער קערין צו מיין בשעפר ווארום איך מיים ניט וויא ארום ווידר צו קערין אן דיין עצה דרום זאלסטו ניט פאר מיידן גוטס פון מיר ווארום דוא ביסט גיוועזן אגר אין מיין לאנד · ותען ענפערט דיא נשמה אונ זאגט איך וועל טאן אזו וויא דייני רייד וייל איך בין בייא דיר געזעסין אונ האב מיך אזו גיעלטרט ביז איך בין גוויינט גיווארין איבר דאנק צו גיין אין דיינע וועגין וואס זענען מסוכן ביז דו האסט גמאכט שולדיג מיין קאפ צו גאט ב"ה מיין פאטר אין היכל אונ איך בדארף אוך היילונג צוא ריינקין דעם זאוויר וואס דו האסט אויף מיר גבראכט אין גוף נאך איידר דו האסט בגערט פון מיר איין עצה האב איך דיך גיווארענט מיט דעם דאזיגען · אונ בייא מיר איז גיבליבן די דעה אונ האב גיזאגט אז די רפואה וואס מיר בדארפן האבן צו אונזר חייא טאג דס איז גאר איין גרינגע זאך דען נאך דס פיל רחמנות פון אונזר בשעפער אזו גרוס איז דאס גרינגעקייט פון אונזר תשובה חאטשע איטליכע זינד פון אונזרע איז זייער גרויס דען גאט וויל אז דער מענטש זאל זיך אליין העלפין עד זאל זאגן ווידוי אזו ווי עס שטייט אין פסוק נעמט מיט אייך רייד אונ קערט ווידר צו גאט אונ לאמיר ביידי קומן פר אונזר בשעפר מיט רייד אים איבר

**נבא** אני ואתה לפני בוראנו ברורין דברים לפיס לפניו וכה נאמר · רבון כל העולמים אבינו אב הרחמן כשם שהכרנו גודל חטאתינו ועונותינו כך שמענו והכרנו וידענו גודל חסדך ורבו רחמיך ועוצם רחמנותך ועל זאת בטחנו להסיר מסוה הבושת מעל פנינו לבא לדפוק בשערי חסידותיך שתושיע ותשמע צעקת המבקשים ישועת המחילה ושואלים רחמים מבריכת החסד ה׳ להשפיע אל היסוד לתת למלכות החסדים · מלך רחמן אתה ורצונך וחפצך לרחם ולחונן לשבים אליך כי על התשובה יסדת עולמך כי אינך חפץ במות המת ואם ח״ו לא יועיל לט התשובה נמצא ח״ו בראת דבר לבטלה כי לצדיקים העושים רצונך אין להם צורך בה · ובהתקבל אותנו יתפרסם על ידינו שאתה רחום וחנון ארך אפים כו׳ ואם חטאנו בגודל סבלותינו אנו פעלנו כחומר ואתה פעול כאלוה כי אין אלוה מבלעדיך למחול וכגודל פשעינו בכפלי כפלים גודל רחמיך · ואם ח״ו מחייבים עונותינו לנעול דלתי רחמיך ממנו רבון העולמים איך תראה בנין הגוף אשר יצרת בצלם אלהים והנשמה אשר מאצלך חוצבה מבוזים ומבוסים כמשרפות סיד במשפטי שאול ואבדון · ומה תקוה לנו לצאת משם לעולם בהיותנו הגורמים כל זאת · ע״כ על חסדך נסעדנו ועל רחמיך בטחנו שלא נשוב ריקם מלפניך בעשותנו הנוגע לנו לעשות כפי יכולתנו והשגת ידינו לתקן אשר העוינו והרשענו ואתה עשה כאשר אתה אלהינו אשר בראתנו · במקום אשר אכלנו ושתינו במשתאות אשר לא כדת אנו ממרקים אותה בתענית וסגופים עד שיתמעט הבשר שנתגדל מאותם המאכלים ויתך החלב שנתרבה בהם · ובמקום אשר ראו עינינו ראיות נכריות יראו עינינו באור תורתך ולהסתכל בצורות אותיות קדושיך המאירים את העינים תורת ה׳ תמימה מאירת עינים · ואם שמעו אזנינו דבר נוולים ודברים בטלים וכדומה תמורת זה נעשה אזנינו כאפרכסת ו לשמוע תמיד בקול תורה ובדברי חכמים וחידותם : ואם הגדלנו לשוננו ברע ודברי חלקלקות תמורת זה אנו רודפים בשיח שפתותינו לשום שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו · ואם ידינו גנבו וגזלו תמורת זה אנו פושטים אותם לחונן דלים · ואם רגלינו רצן

פירוש לאיטרות המשמיעים מספירה לספירה · ו פי׳ כלי שעל הרחיים שנותנין לתוכה החיטין לטחון :

צו בעטין · אונ אזו וועלין מיר זאגין · רבון דר האר פון דער גאנצר וועלט אונזר פאטר דר בארמיגר פאטר אזו וואול וויא מיר האבן דר קענט די גרייס פון אונזרי זינד אזו האבן מיר גיהערט אונ דער קענט, אונ מיר ווייסין דיין גרוס גנאד אונ פיל רחמנות אונ אויך האבן מיר זיך פר זעכערט צו קומן אונ צו קלאפין אין די טויערן פון דיין חסידות אז דו זאלסט העלפן אונ הערן דאס גשרייא פון דיא וואס בעטן דיא הילף אז דו זאלסט זייא מוחל זיין דיא זינד ווארום דו ביסט איין דר בארמיגער קיניג אונ דיין ווילן איז צו דר בארימן אונ צו לייט זעליגן צו די וואס קערין ווידר צו דיר דען אויף דר תשובה האסטו גיגרונדר פעסטיגט די וועלט ווארום דו ווילסט ניט אז דר רשע זאל שטארבין אונ אויב דיא תשובה וועט אונז ח״ו ניט העלפן מכילא האסט בשאפן ח״ו די תשובה אום זוקט ווארום די צדיקים בדארפן זיא דאך ניט אונ אז דו וועסט אונזר תשובה אן נעמן וועט נתפרסם ווערין דורך אונז אז דו ביסט איין דר בארמיגר אונ איין לייט זעליגר דו דער לענגרסט דיין צארין · אונ אוב מיר האבן גיזינדיגט מיט אונזר גרוס נארישקייט האבן מיר גיטהערקט וויא אזעלכר וואס איז אוים ליים אונ דוא טוא וויא איין גאט גיהער צו טאן ווארום עס איז ניט דא קיין גאט חוץ דיר אונז מוחל צו זיין אונ אזו וויא די גרייס איז פון אונזרי זינד אזוי איז דיין גרוס רחמנות פיל טאפיל מאל אזו פיל · על כן דרום לעהגן מיר זיך אן אויף דיין גנאד אונ דיין רחמנות אז מיר זאלן ניט צוריק קערן פון דיר ליידיג אז מיר וועלן טאן וויא ווייט אונזר יכולת גרייכט צו פר עכטין וואס מיר האבן גזינדיגט אונ דו טוא וויא גאט אונזר בשעפר · במקום דער פאר וואס מיר האבין גיגעסין אונ גיטרונקין ניט וויא רעכט איז וועלן מיר אונז לייטערין מיט תעניתים ביז אונזר פלייש זאל גמינערט ווערן אונ דס חלב זאל גמינערט ווערין · אנשטאט וואס אונזער אויגן האבן גיזעהן וואס ניט רעכט וועלין מיר זעהן אין די ליכט פון דיין תורה אונ אויב אונזערי אויערין האבן גיהערט מיאוסע רייד וועלין מיר צו הערין תמיד אין דיא רייד פון די חכמים אין תורה · אונ אויב מיר האבן מיט אונזר צונג גירעט שלעכטי זאכין אונ שמייכלדיגע רייד דער פאר וועלין מיר מיט דעם ריידין פון אונזר מויל מאכן שלום צווישן איין מענטש מיט דעם אנדרין אונ צווישן מאן אונ ווייב · אונ אויב אונזרע הענט האבן גנגביה אונ גזילה וועלן מיר אום שטרעקן אונזרי הענט צו געבן צדקה צו ארמי לייט · ואם אונ אויב אונזרע

פים

לדעה ירוצו לכל דבר מצוה · ואם חשב לבנו מחשבות זרות לתקן זה נחשוב תמיד באלהותו להדבק בך · ובדרך זה אנו מתקנים כל מה שהרשענו · ובהיותנו בתים כל מה שהרסנו אב הרחמים תן מרחמיך עלינו והושיענו שאם כעבדים תחשבנו לפניך חננו כמו שחונן הרב את עבדיו ואם כבנים אנו רחמנו כרחם אב על בנים שאע"פ שמרבים פשע ואשמה מכסה על פשעיהם לקרבם אצלו ובהתקבל אותי כי הרביתי לפשוע ממני יראו וילמדו לשוב כל חוטאים שבעולם · גם כן בן אדם ראה גם ראה ענין סדום ועמורה ובזה תתחזק אל התשובה אף שהרבית לפשוע כי לא תוכל להרבות בפשעים כאנשי סדום אשר העיזו להכריז בעריהם המחזיק יד עני ואביון ישרף ועי"ז שרפו הנערה על שעברה על גזרתם · והיו באים על הזכר ועל הבהמה ועשו כל תועבות שבעולם כמחז"ל בסנהדרין ועכ"ז לא אבדם הקב"ה מיד עד שגילה הדבר לאברהם אולי יבקש להם זכות עד שאם היו בכולם י' צדיקים היו נצולים ואם היו שבים היה מקבלם אף שגדלה עונותיהם לשמים · וידע שאין ספק שידע הקב"ה שלא היה בסדום עשרה והיה יכול לאבדם מיד אך הודיעו לאברהם כדי לפרסם עד כמה מגיעים רחמיו על הרשעים כדי שילמדו הדורות לשוב ואל יתיאשו בעבור רוע עונות אין דור רע בעולם כדור המבול אשר אמרו לאל סור ממנו ודעת דרכיך לא חפצנו ועשו רעות אשר לא יסופר כנודע ועכ"ז לא הרחיקם הקב"ה מלקבלם עד שאמרו רז"ל שהיה מרעיש עליהם את ההרים אולי יראו וישובו · הרי שלעולם אין דלתי התשובה ננעלים וידו פשוטה לקבל שבים · וכיון שכן איך ימצא החוטא מקום להתנצל עצמו לאמר לא יכולתי לשוב כי יראתי שלא ירצה הקב"ה בתשובתי בראותו שדור המבול וסדום אם היו שבים היה מקבלם תם עשה עמהם אופנים שישובו · איך ראוי לכל אדם ובפרט לשב בתשובה כדי שלא יחזור לקלקולו להחזיק בלבו אמונת יום הדין הנורא שעתיד לתת דין וחשבון על כל מעשיו ולחשוב בזה תמיד לא יסור ממחשבה זו עד שירגיל כ"כ שידמה בעיניו שהיום או מחר מעותד לתת דין על חטאיו וזהו מביאו שלא לחטוא ואם יחטא יאשם מסבת תוקף יצרו

פיס ווענן גילאפין צו שלעכטס וועלין זייא לויפן צו אלי דבר מצוה · אונ אויב אונזר האַרץ האט גיטראַכט שלעכטע מחשבות וועלן תמיד טראַכטין אין דיין געטליכקייט צו בהעפטין זיך אן דיר אונ אזו וועלין מיר פאַר ריכטין אלץ וואס האבין פאַר דאַרבין · אונ אז מיר וועלן בויען וואס מיר האבן צו פירט דער באַרמיגער פאטר גיב פון דיין רחמנות אויף אונז אונ העלף אונז דען אויב מיר ווענן בא דיר ווייא קנעכט דער באַרים זיך איבר אונז ווייא איין העער דער באַרימט זיך איבר זיין קנעכט אונ אויב מיר ווענן ווייא זין דער באַרים זיך איבר אונז ווייא אפאטר איבער זיינע זון ווען אויך זייא זינדיגן בדעקט ער אויף זייערע זינד אונ אז דוא וועסט מיין תשובה מקבל זיין וועלין אלי זינדיגער זעהן אונ וועלין זיך אויך לערנין תשובה טאָן · גם אויך דוא מענטש זעה ווייא עס איז גיגאנגין מיט סדום אונ עמורה וואס גאט ב"ה האט גיוואלט זייא זאלין תשובה טאָן אונ דורך דעם וועסטו זיך שטאַרקין צו תשובה האַטשע דוא האסט פיל גיזינדיגט ווארום דוא קענסט דאך ניט אזו פיל עבירות טאָן ווייא דיא לייט פון סדום וואס זייא האבין אויס גירופין אין די שטעט אז דער וואס וועט שטיצין איין אָרימאן זאל פאר ברענט ווערין אונ דריבר האבין זייא פר ברענט איין נערה וויל זיא האט עובר גיוועזן אויף זייער גזירה אונ זייא האבין גיטאן אלי אום ווירדיקייט אונ פון דעם וועגין האט זייא גאט פאַרט ניט גימאכט פאַרלירין תיכף ביז ער האט דאס מגלה גיוועזן צוא אברהם טאמר וועט ער אויס זוכין איין זכות אונ אויב עס וואלט גיוועזן צעהן צדיקים צווישן זייא וואלטין זייא ניצול גיווארין אונ ווען זייא וואלטן תשובה גיטאן וואלט ער זיי אז גינומן האטשע זייערע זינד האט גיגרייכט ביז אין הימל · און עס איז ניט דא קיין ערגירער דור אין דער וועלט ווייא דער דור המבול איז גיוועזן זייא האבין גיזאגט צו גאט קער דיך אפ פון אונז אונ פון דייני וועגין ווילען מיר ניט וויסן אונ האבן גיטאן שלעכטס וואס עס איז ניט צו דר ציילן אונ פון דעסט וועגין האט גאט זייא מעורר גיוועזין צו תשובה ווייא אונזערי חכמים ז"ל האבין גיזאגט ער האט אויף זייא גימאכט שטורמען דיא בערג טאמר וועלין זייא מורא קריגן אונ וועלין תשובה טאן פון דאגין איז גידרונגן אז די טירין פון תשובה ווערן קיין מאל ניט פאר שלאסין אונ זיין האנט איז אויס גשטרעקט צו מקבל זיין דיא וואס טוען תשובה · וכיון אונ וויל עס איז יוא אזו ווייא קען דער זינדיגער זאגן איך האב ניט גיקאנט תשובה טאן ווארום איך האב מיך גפארכטן טאמר וועט גאט ב"ה ניט

וועלן

המנח מוכרח שמיד יתחרט וידאג על עונו ביודעו באמת שעתיד לתת דין וחשבון על מה שעשה ויבקש רפואת התשובה ויסתגף את עצמו בסגופים שהם קשים כמות ואם ישוב לחטוא ישוב לחזור כי אסונת הדין והחשבון מכריחו לזה · ובראות עצמו פעם ושתים בצער התענית והסגופים בעבור חטאיו יפרוש מן העבירות וימאס בהן באמרו וכי בשביל תענוג רגע או שעה של עבירה אני מצטער בתעניות וסגופים שהם קשים כמות ימים ולילות מוטב לי לנעור ביצרי ולהצטער עצמי מעט בהרחיק עצמי מתענוג החטא שהוא מעט עד רגע מלהצטער עצמי זמן רב בסגופי התשובה · גם כדי להרחיק האדם החטא ממנו ישקול בדעתו שאין עונג החטא כגודל החרטה שעתיד להתחרט ממנה ולמאוס בחיוו איך ככה עשה · כיצד אם חושק באשה על רוב יופיה ישים נגד עיניו כשתזקין ונתרבו בה הקמטים ופניה כקוף חוורת ורום קומתה נכפפת ונעשית כחטוטרת הגמל וליחות החוטם נופלות מנחיריה תמיד ופיה עקומה ונמוכה בלי שינים וכשאוכלת פיה מלא רוק · ואם ישכב עמה בימי נעוריה בראותו אותה בזקנותה יקלל יומו וימאס חייו איך מלאו לבו להגיע גופו בגופה · גם ישים נגד עיניו שכל יופי האשה היא עור דק עד מאוד שעל פניה ואם תתפשט עורה מחמת נגעים או מכה ותראה בשר חי תחתיה כמה מהמיאוס ליגע באותו הבשר הלח אשר היד נדבק בה מעובי הליחה · ובשומו כל זה בדעתו בעת שיפתהו יצרו על אשה תמאס בעיניו ויתרחק ממנה כמטחוי קשת :

**ואם** יצרו יפתהו לשכב עם זכר משכבי אשה ישים נגד עיניו כשיתמלא זקן הנרבע ובפרט אם יפגעו שניהם יחד בזמן הזקנה כמה מהביוש והבושה והחרפה והכלימה והקלון בזוכרם איך שכבו זה עם זה · ועוד אין שום אחד מהם יכול להתפאר ברבים בפני חבירו בעשיית מצותיו ואפילו עשה תשובה כי מגיע לו מן הקלון להתפאר בפני מי שהכעים לבוראו עמו כי עולה על זכרונו עת המעשה אשר נטמא לו וכלימה תכסה פניו · ובפרט אם הרובע עני והנרבע עשיר איך יכול להתחנן לו שירחמהו דמה יכיר בפניו כדי שיכמרו רחמיו עליו שאין לו פנים לזכור איזה זכות שבו שאדרבה מעורר זכירת מעשיו הרעים והעשיר מוסיף עליו שנאה אשר טמאו הבזוי הזה · ואם הדבר בהפך שהרובע עשיר והנרבע עני בועט בחיוו העשיר איך נגע בגוף הנגוף הזה · ומה גם בראות עצמו תכלת וארגמן לבושו והעני הנרבע בבלואי הסחבות מעוטף מכסה את פניו ומעלים עיניו ממנו כי נופלים פניו ארצה מהביט בו וישלחהו לחרפות · ואיך בשום האדם נגד עיניו מקריים אלו אשר הם תחת האפשר להיות וקרוב לודאי יתגבר יצרו עליו לשכב עם זכר כי מיד בעלות על דעתו כל זה יקרש דמו בקרבו · ומה גם בחושבו גודל הדופי והמיאוס והזרות מהמעשה עצמו · ואם לבא על החיה והבהמה יפתוהו ישים נגד עיניו איך ירמה צורתו אלהים לצורת שור או חמור שבהיותו מתאוה שכיבה זו מתאוה להיות כמוה ולהיות עליה כדוגמת חמור בחמורתא והוא מדגנות והדופי והזרות והמיאוס · ובפרט בחושבו איך יחבק באהבת היצר עור מלא שערות ואם הוא עת להפיל גללים תטילם עליו בעת המעשה זר מעשהו וישימהו סביב מלא צואה ואיקולמה סביא אני בעצמי לבזיונות אלו מוטב למות בהיותי אדם ולא להדמות עצמי כבהמה · והנה בן אדם בעשותך כל זה יתגבר וימלך היצר הטוב בגופך ויגרש הצר הצורר בקרבך באופן שלא יוכל עוד להרים ראש עד שיענה אמן בעל כרחו

וועלן זיין תשובה אן נעמן דאס איז קיין טענה ניט וויל ער וועט דאך אז דיא לייט פון דער המבול אונ פון סדום וואלטין תשובה גיטאן וואלט ער זיא אויך אן גנומן · גם אויך כדי דער מענטש זאל זיך דר ווייטערן פון צו זינדיגן זאל ער זיך איבער לייגין · דאס דער פערגעניגן פון דער עבירה איז ניט ווערט דיא קריינקונג אונ חרטה וואס ער וועט אויף דעם האבן ער וועט זיך דאס לעבן פר מיאסין וואס ער האט אזעלכים גיטאן אם אויב ער גלוסט צו אשייני אשה זאל ער זיך פאר שטעלין אז זיא וועט אלט ווערין אונ איר פנים וועט זיין ווי א אין אף אונ דיא ליחה וועט פאלין פון איר נאז אונ איר מויל וועט זיין קרום אן ציין אונ אז ער וועט זיא זעהן וועט ער פר שעלטין זיין טאג וואס ער האט נאר אן גרירט אין איר אונ אז זיין יצה"ר רעט אים אן צוא איין אשה אונ ער וועט דאס אלץ נאך דיינקין וועט זיא פאר מיאוסת ווערין אין זייני אויגין אונ וועט פון איר אנטלויפין ווי א פייל פון בויגן · והנה אונ דוא מענטש אז דוא וועסט אלץ טאן מיט איבערלייגונג וועט דער יצר טוב זיך שטארקן אונ וועט קיניגין אין דיין גוף אונ וועט פאר טרייבין דעם יצה"ר אז ער וועט ניט קענין קיין קאפ אויף הייבין ביז ער וועט מוזין מיט גיוואלד ענפרן אמן אונ אז עס וועט אזו גידויערין א צייט וועט דער יצה"ר אויך פאר קערט ווערן צו גוטין אונ דאס וועט דיך ברייננן צו איין

רעכט

ובהמשך זמן יתהפך לטוב כי הצדיקים עושים החומר צורה · וביאך זה לקנות דבקות גמור בהקב"ה כאברהם אבינו ע"ה שקראו אוהבי דכתיב זרע אברהם אוהבי על הדבקות שהיה עמו עד שמלאו לבו להקריב בנו רך ויחיד קרבן לפניו ולא איחר על הדבר לעשותו אע"פ שהיה חביב לו מנפשו כי נגד אהבתו יתברך היה הכל לפניו אין · וביד האדם להיות כאברהם יצחק ויעקב אבותינו הקדושי' אשר בוראם מתפאר עמהם שהרי אין דור ודור שאין ל' צדיקים כאברהם אע"ה שעליהם העולם עומד כארז"ל הרי ביד האדם הוא להשלים סנין הל' · ודע שאין אדם יכול להתפאר ולהתגדל עצמו כ"א בעשות תורה ומצות להדמות ליוצרו ושמלאכי השרת ישמשו לפניו ולמלוך בש"י עולמות לזה יקרא אדם כי מה התהלל ברעה הרשע כי אין כוחו מגיע כי אם לפעול מה שעקרב ונחש או חיה וכלב שוטה פועל או מה שפועל הדומם· שהרי פעולות הרשע להכות ולקלל אלה וכחש ורצוח וגנוב ודורס ובועט ומזיק לחבירו ובמה יתפאר על זאת · שגם אבן נופל על האדם ושוברו קוץ נכנס בו ככאיבו עשב מר אוכל וכמררו או חתול נושכו ומסכנו כלב שוטה נובח אהריו וכבעתו חיה רעה דורסו וכטריפו נחש נושכו וממית וצרעה עוקצו ותופרו יתושים ופרעושים מצערים אותו רפש טיט טובעו מים מחנקו אש שורפו אבן סוקלו שור מנגחו א"כ מה גדולה עושה הרשע להדמות א"ע לדומם ולצומח ולבעלי חיים המזיקים · בזאת יתהלל המתהלל להלל לשבח לפאר ולרוכם ליוצרו להדמות עצמו לשרפי מעלה להטיב עם הכל להדמות לבוראו הטוב וכטיב הוא · לעסוק בתורה להדמות לידידיו לרדוף אחרי המצות להיות דומה להסידיו · לעשות צדקה וג"ה להיות דומה ליראיו · לשמש ת"ח ולפזר כמונו להיות דומה לאוהביו לזה יקרא איש כעשות דברים שאין בכל הברואים יכולים לעשות זולת מן האדם · אוי לאדם שאין משים כל זה נגד עיניו · או למי שהשעה משחקת לו ואוי למי שאינו חושב ביסורין · אוי למי שאינו חושב כי צל יכיו עלי ארץ · אוי למי שאינו חושב כי הוא נד מלא ליחות · אוי למי שאינו חושב בחולאים ובצערים · אוי למי שאינו חושב כי עפר הוא ואל עפר ישוב · אוי

רעכט בהעפטונג אין גאט ב"ה אזו וויא אברהם אבינו ע"ה וואס גאט האט אים גרופן מיין ליבהאביר סהמת דעם בהעפטונג וואס אברהם האט זיך בהעפט צו אים ביז ער האט גוואלט מקריב זיין זיין יונגן אונ איינציגן זון פאר איין קרבן צו אים אונ האט ניט ווידר געפעניגט פון צו טאן עס האטשי זיין זון איז אים ליבער גוועזן פון זיין לייב נאר קענן זיין ליבשאפט השם יתברך ברוך הוא איז ביא אים אלץ גוועזן וויא ניקט · וביד אונ איטליכר מענטש האט אין דיא הענט צו זיין ווי אברהם יצחק ויעקב אונזרי היילגי עלטרין ווס זייער בשעפר בארימט זיך מיט זייא ווארום עס איז ניט דא קיין דור אז עס זאל ניט זיין דרינן דרייסיג צדיקים וויא אברהם אבינו ע"ה וואס אוף זיי שטייט דיא וועלט · ודע זאלסט וויסן אז קיין מענטש קען זיך ניט בארימן נאר מיט דעם וואס ער איז מקיים די תורה אונ מצות ווארום קען זיך בארימן דר רשע מיט בייזדען זיין קראפט איז מער ניט ווי אשלאנג אודר איין חיה רעה אודר איין שטיין דער כח פון דעם רשע איז צו שלאגן אונ שעלטן אונ פאלש שווערין אונ ליגן זאגן אונ גנבנין אונ מזיק זיין צוא זיין חבר אונ וואס האט ער זיך דער מיט צוא בארימען דען אשטיין פאלט אוך אויף אמענטשן אונ צוא ברעכט אים זייני אברים איין דארין נייט ארייין אין אים טוט אים וויא · אודער איין היה גיט אים אבים אונ מאכט אים קראנק איין כלב בילט אויף אים אונ דער שרעקט אים אשלאנג גיט אים אבים אונ טייט אים נוא וואס פר אגדולה איז דאס צום רשע ער זאל זיך גלייכן צוא זעליכי זאכין ווס זענן מזיק לייטען · בזאת נאר דער מיט גהער זיך יוא בריכן דער וואס וויל צו לויבן אונ דר הייבן זיין בשעפיר ער זאל זיך גלייך מאכין צו דיא אייבערשטי מלאכים צו בגיטינן מיט אלי צו גלייכן זיך צו זיין בשעפיר צו לערנין תורה צו נאך יאגן נאך מצות צו טאן צדקה אונ גמילות חסד צוא בדינין תלמידי חכמים אונ זיי צוא שטיצען פון זיין געלד צוא אזעלכין מעג מען רופין מענטש וויל ער טוט זעלכע זאכן װאו אנדרי בשעפניש קען דס ניט טאן · אוי וויא צוא דעם מענטשין וואס ער טראכט ניט דאס אלץ וויא איז צוא דעם וואס ער דענקט ניט אין די יסורים וואס קענין אוף אים קומן וויא איז צוא דעם וואס ער טראכט ניט אז זייני טעג זענין אזו וויא דער שאטן אוף דער ערד · וויא איז צוא דעם וואס ער טראכט ניט אין די קרענקין אונ צער וואס קען אוף אים קומן · וויא איז צו דעם וואס ער טראכט ניט אז ער איז פון ערד אונ וועט ווידר קערין צוא ערד · וויא איז צו דעם וואס

ער

למי שאינו חושב בבעתותא דמלאך המות · אוי למי שאינו חושב ביציאת הנשמה · אוי למי שאינו חושב בצער של חיבוט הקבר · אוי למי שאינו חושב בצער הרימה והתולעה · אוי למי שאינו חושב ביום הדין · אוי למי שאינו חושב במשפטי גיהנם · אוי למי שאינו חושב במיתות משונות ובגלגולי הנשמה אוי לאדם שאינו משים תמיד נגד עיניו העתיד כהוה ז כמאמר התנא שחכם יחשב הרואה הנולד והנולד היא שעתיד להיות רימה ותולעה ומעותד לכל מקריות רעות · לכן כל איש חכם יתן נגד עיניו שאין בידו להשתמר עצמו מהמקריים היכולים לבא ובזה יעמוד באימה ופחד וביראת אלהים נגד עיניו שאפשר יבא עליו מיחוש הראש המבטל כחות גופו או אפשר שילקה בשחפת ובקדחת תמיד או בירקון או בעורון או יתמלא כל גופו שחין פורח או שאר חולאים שבעולם או יחזור עליו הגלגל לבא לידי חסרון עד כדי להם ולדפוק בדלתי שונאיו יען כי מזי רעב מכריחו לזה · או אפשר יהיה מוכה אלהים כל ימיו על ערש דוי · א"כ איך יכול אדם להתגאות בחכמתו וגבורתו ועשרו ובבריאותו וביפיו וברוב בניו כיון שהוא מעותד לכל מין חולי שבעולם מעותד לכל בושה וכלימה · מעותד לבזיונות מעותד לחרופים וגדופים המעותד לשפלות המעותד לשמוע קללות מאנשים אשר ידם תקיפה עליו · המעותד לבחור מות מחיים מתוך צער ודוחק · מעותד להיות שנוא מאשתו ובניו אם יחזור עליו הגלגל לרעה · המעותד למיתת בניו בחייו מעותד לראות בניו ובנותיו מתים בהופתם' המעותד לפחדים · מעותד להתוך בבשרו התיכות או איברים מחמת מכה או נגע · המעותד למות מיתה משונה סקילה שריפה הרג וחנק או חיה האכלתהו או דגי הים או קבורת חמור יקבר · המעותד לשפטים ע"י בני אדם המעותד ליסורים קשים · המעותד לראות ביעתותא דמלאך המות · המעותד למות · המעותד לחיבוט הקבר הקשה · המעותד לרימה ותולעה · המעותד לחזור לעפר המעותד לחזור באויר העולם אם הרבה בחטאות ואשמות · המעותד למשפטי גיהנם · המעותד לגלגולים · וכיון שכן אוי למי שאינו משתדל לעשות החומר צורה אוי מי שחפץ להיות בהינת בשר ודם נמשל כבהמה אוי להמתאוה לפעול בתוך מעיו ליהות סרוחות ורעי מההמדת רבוי אכילה ושהיה כבהמת יער וכשרץ השורץ על הארץ · אוי המתאוה להרבות בשינה להדמות לפגר מת אוי האוהב הבטלה שדומה לאבן דומם · אוי המתאוה השיחה בטלה להדמות כאוב ח מארץ מצפצף · אוי המתאוה למושב לצים ומיני הוללים אוי לגוף שיוצא מן העולם ריק מזכיות ומלא עונות · אוי לרגלים שלא הלכו ביושר אוי למעים שנהנו מן הגזל · אוי לידים שנתעסקו בדברי שקר · אוי לעינים שלא הלכו באמונה אוי לאזנים שלא קבלו תוכחות אוי לפה שלא עסק בתורה אוי לבשר שלא

ז פי' יחיה נגד עיניו כנולד נכיות : ח סוא מכשון אוב או ידעוני וסכ מכמיעים קול נמוך מהחת לארץ :

ער טראכט ניט אין דעם שרעקניש פאר דעם מלאך המות · ווייא איז צו דעם וואס טראכט ניט אין צער בשעת דיא נשמה גייט ארויס פון מענטש ווייא איז צוא דעם וואס טראכט ניט אין צער פון חיבוט הקבר · ווייא איז צו דעם וואס טראכט ניט אין דעם צער וואס דער מענטש ראט אין קבר · ווייא איז צוא דעם וואס טראכט ניט אין דעם יום הדין · ווייא איז צוא דעם וואס טראכט ניט אין די יסורים פון גיהנם · ווייא איז צוא דעם וואס טראכט ניט אין די מיתות משונות וואס קענן קומן אויף דעם מענטשן · ווייא איז צוא דעם וואס בשעת אז ער טוט אזאך טראכט ער ניט וואס עס וועט דער פון זיין · לכן דרום גיהער איטליכער קלוגער מענטש טראכטן אז ער קען ניט אפ היטן זיך פון דיא אומגליקן חס קענין אויף אים קומן אונ דורך דעם וועט גאטס פארכט זיין קענין זייני אויגין דען עס איז מיגליך אז עס זאל אויף אים קומן וועלכע אומגליק ח"ו ממילא וויא קען דער מענטש זיך בעל גאוה האלטן מיט זיין חכמה אונ גבורה אונ עשירות מיט זיין שיינקייט אדר מיט זיינע פיל קינדר אז ער איז גרייט צוא אלע אומגליק פון דער וועלט צו שאנד צוא לעכטרונג צוא נידעריקייט צוא די דינים פון גיהנם · וכיון אונ אז עס איז אזו ווייא צוא דעם וואס קען זיין אין דער מעלה פון א מענטש אונ איז גינליכען צוא א בהמה ווייא איז צו דעם וואס ער גלוסט פיל עסן אונ טרינקען וויא דיא בהמה ווייא איז צו דעם וואס גלוסט פיל שלאף ווייא צוא דעם וואס הט ליב ליידיג צו גיין ווייא צו דעם וואס טוט ריידן דברים בטלים ווייא צו דעם וואס טוט זיצן מיט די שפעטערס · אוי ווייא צו דעם גוף וואס גייט אוועק פון דער וועלט ליידיג פון זכיות אונ פול מיט עבירות ווייא דיא פיס וואס זענין נים גיגאנגין מיט רעכטפרטיקייט ווייא צו די גידערים וואס האבין הנאה גיהאט פון גזל · ווייא דיא הענט וואס האבין עוסק גיוועזן אין פאלשע זאכין · ווייא דיא אויגן וואס האבין גיזעהן שלעכטס וואס מען בדארף נים · ווייא דיא אויערין וואס האבן נים

ניהערט

נתינע ביראה או ליצר שלא נכנע לפני בוראו · או ללב שלא עבד לבוראו שעתיד לעמוד בנזיפה · אשרי הנותן יראת בוראו נגד עיניו תמיד · אשרי העוסק בקיום המצות ובג"ח · אשרי המקיים והגית בו יומם ולילה · אשרי המדקדק במצות ומכוין בכוונתם · אשרי לומדי תורה ויד עני ואביון · אשרי האוהב לרדוף מצות · אשרי המשמש ת"ח דגדולה שימושה אשרי המטיב עם כולם · אשרי מי שהוא עלוב · אשרי מי שהוא שפל ועניו · אשרי המעביר על מדותיו · אשרי מי שאינו כועס · אשרי השומע חרפתו ואינו משיב · אשרי המאמין בתורה שבע"פ ובתורה שבכתב · אשרי המטהר ומקדש עצמו כשרפי רום · אשרי המקשר נפשו ברוחו ורוחו בנשמתו ונשמתו בהקב"ה · אשרי הראש שעליו תפלין ופאה · אשרי העינים המסתכלים בתורה ובצורות אותיותיה הקדושות · אשרי החוטם המריח כדי לברך לבוראו · אשרי הפה ולשון שאינן פוסקים תורה מהם ומרבים בדברי שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו · אשרי הגרון שמרבה בהרמת קול בשירים ותשבחות והלל לשבח ליוצרו · אשרי הלב החושב תמיד ביראת בוראו · אשרי הכליות היועצות לעשות כל טוב · אשרי הגוף הלובש ציצית ומתעטף בטלית · אשרי הזרוע שקושר תפלין · אשרי הרגלים ההולכים לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ולבקר חולים וללות את המת ולהכניס כלה לחופה · אשרי העקבות שמתנענעים לקדושה · אשרי הרעיון והמחשבה החושבות אופנים להשיג השלימות · אשרי הידים העמלים בעבודה לנצוא להם חוקם באמונה · אשרי האצבעות הכותבים חדושי התורה ומראין לתינוק ללמדו ספר · אשרי אדם שבוראו משתבח ומתפאר בו · אשרי אדם שבוראו שואל בשלומו בכל יום כאבא אומנא אשרי אדם שבוראו מבטל רצונו מפני רצונו הצדיק מושל יראת אלהים · אשרי אדם שבוראו מבטל כל גזרות קשות ומכפר לדור בעבורו · אשרי לאדם שכביכול מצטער במותו · אשרי אדם שבמותו מלאכים יוצאים לקראתו בהכרזות יבוא שלום כחתן הנכנס להופה · אשרי אדם שעליונים ותחתונים מושפעים בזכותו וכלם בוכים ומתאבלים בהעדרו מן העולם · אשרי אדם שבוראו מתקן לו חופה בג"ע · אשרי אדם שבוראו מטייל עמו כביכול בג"ע · והנה כיון שביד האדם להשיג מעלות אלו איך לא ישים נגד עיניו שאין ראוי לעזוב הרבה בעבור המועט שהם תענוגי העוה"ז

גיהערט שטראף בייד וויא דעם מויל וואס האט ניט גילערנט תורה · וויא דעם גוף וואס האט זיך ניט גמיט אין גאטס פארכט · וויא דיא גדאנקען וואס זענען ניט אונטר טעניג גוועזן פאר דעם בשעפר וויא דעם הארץ וואס האט ניט גדינט גאט · אשרי וואל דעם וואס טוט די פארכט פאר זיין בשעפר קעגין זיינע אויגין תמיד · וואל דעם וואס כטערט זיך טאג אונ נאכט אין דר תורה · וואל דעם וואס בעמיט זיך מקיים זיין מצות אונ גמילות חסד. וואל דעם וואס איז מדקדק אונ טוט זייא מיט כוונה · וואל דעם וואס שטיצט לומדים אונ ארמי לייט · וואל דעם וואס האט ליב נאך צוא זוכין מצות · וואל דעם וואס איז משמש תלמידי חכמים · וואל דעם וואס האנדילט גוט מיט אלע מענטשין · וואל דעם וואס איז שעמעמטיג · וואל דעם וואס איז איין ענו · וואל דעם וואס ער צערינט ניט · וואל דעם וואס הערט זיין שאנד אונ ענפרט ניט · וואל דעם וואס גלייבט אין דער תורה · וואל דעם וואס ריינגט זיך אונ היילגט זיך · וואל דעם וואס קניפט אן זיין נפש רוח אונ נשמה אן גאט · וואל דעם קאפ וואס לייגט תפילין אונ טראגט פיאות וואל דיא אויגין וואס קוקין אין דער תורה וואל דער נאז וואס שמעקט בשמים צוא מאכין אברכה אונ לובן גאט · אשרי וואל דעם מויל אונ דיא צונג וואס לערנין · אונ מאכין שלום צווישן איין מענטש מיט דעם אנדרין אונ צווישן מאן אונ ווייב · וואל דעם האלז וואס טוט לובין זיין בשעפיר · וואל דעם הארץ וואס טראכט אין פארכט פון גאט וואל דיא נירין וואס געבין עצות צוא טאן גוטס · וואל דעם גוף וואס קלייד אן ציצית אונ וויקעלט זיך איין מיט אטלית · וואל דעם ארום וואס מען לייגט צו תפילין אויף אים · וואל דיא פיס וואס גייען אין שול אונ בית המדרש אונ מבקר חולים זיין אונ מלוה זיין אמת אונ פירין איין כלה אונטר דער חופה · וואל דיא פיס וואס שפרינגען קדושה · וואל דיא מחשבות וואס טראכטען גוטץ · וואל דיא הענד וואס בעמיהן זיך עהרליך צו ערנרין · וואל דיא פינגר וואס ווייזן אקינד אין אספר וואל דעם וואס זיין בשעפר ברימט זיך מיט אים · אשרי וואל דעם וואס זיין בשעפר פאר גיט צוא דעם דור זייערי עבירות פון זיין זכות וועגין · וואל דעם צדיק וואס דיא וועלט ווערט גישפייזט אין זיין זכות · והנה אונ וויל או אמענטש קען גרייכן צוא דיא מעלות וויא זאל ער פאר

לאזין

העוברים ואין בידו מאומה · ובפרט בראותו בחוש הראות המקריות הרעות המעורר לו בנוער ואין בכחו לסתעם מלבוא עליו · לכן שמע עצה וקבל מוסר לעזוב כנוחת עה"ז שאין בהם קיום · ויעבור פחד היסורין על פניך למען תשחק ביום אחריתך כשתנוח נשמתך בצרור החיים שהיא מנוחה ועידון אשר עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו :

**פרק ה** יודע הלבבות ובוחן הכליות המבין בכל דרכי איש החושבים עלי משכב על רוע מזלם ומתרעמים על מדותיהם ומחכים למות באומרם מה זאת עשה אלהים לנו לגרוע מדרגתנו ממדרגת עשירים והב להם הממלאים בתיהם כסף ואנחנו בחוסר כל ואנו אחד בראנו ולמה נשתנינו · אין מקום להתרעם ואין מקום להרהר על זה כי אין דעת שיוכל להשיג דעתו ית' ודרכיו כדכתיב כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי והוא הארץ והוא בלבד היודע מה שעושה וכל אשר חפץ עושה בשמים ובארץ · אבל מה שאנו יודעים באמת שכל דרכיו משפט אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא · גם ידענו נאמנה שכל מה שהוא עושה אע"פ שנראה רע בעינינו הוא להטיב עם האדם כי כל כונתו ית' שיעבדו אותו כדי להרבות בשכר ולהגיעו למדרגת המלאכים המקדשים שמו · וידיעה זו יביאנו לפתח התשובה כפי השגת שכלנו · כי האנשים אשר הם עניים אולי בגלגול אחר הרבו אשמה והחזירם בעה"ז שיסבלו צער העוני למרק כל מה שעשו לשעבר ולהטיב עמהם באחרונה ברב טוב הצפון לצדיקים · או הם אנשים שמכיר בהם בתכונת טבעם כפי חיוב המזל שנולדו שאם יהיו עשירים יתרחקו מן הויושר ויבחרו ברוע לחטוא ולהחטיא אחרים עמהם עד שיתחייב כובד עונותיהם לטורדם מעולם הבא באפס תקוה לכן גזר להם העוני לטוב להם · או אפשר שהם נשמות עליונות הגונות להגין על הדור ומצערן בעניות כדי שיסבלו עונות הדור והדור אוכלים בעבורם · על דרך כל העולם ניזון בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין מע"ש לערב שבת · או יהיה הסבה שהוא ית' חפץ לזכות את בריותיו ועשה עניים כדי שיזכו עמהם

לאזין דאס פיל פון וועגן וויניג דאס איז דיא תענוגים פון עולם הבא וועגן דיא תענוגים פון עולם הזה וואס גייען אוועק · דרום הער צוא די עצה אונ פאר נעם מוסר צו פאר בייען די תענוגים פון עולם הזה פון וועגן דוא זאלסט זיך פריען אין דיין לעצטן טאג אז דיין נשמה וועט רוען אין גן עדן וואס דאס איז אזו אנגענעמליכקייט וואס קיין אויג האט עס ניט געזעהן נאר גאט אליין דאס וועט ער טאן אונ געבן צוא דיא וואס האפין צוא אים :

פרק ה יודע הלבבות גאט ב"ה ווייסט דיא הערצער אונ פרובט אויס דיא נירין ער ווייסט וואס דיא מענטשין טראכטין אויף דעם וואס זיא האבן אשלעכט מזל אונ זענן מתרעם אויף דעם וואס גאט האט זיא צו גטיילט אונ זאגין וואס האט עס גאט אונז גיטאן מינערין אונז פון די עשירים וואס פילן זייערי הייזר גאלד אונ זילבר אונ מיר זענין זייער ארום אונ איין גאט האט דאך אונז אלע בשאפין · עס איז דרויף ניט מתרעם צוא זיין וארום עס איז ניט צוא גרייכען דיא דיעה פון גאט יתברך אזו וויא עס שטייט אין פסוק דען מיינע מחשבות זענין ניט אזוא וויא אייערי מחשבות זאגט גאט אונ ער איז דער הער אונ נאר ער אליין ווייסט אונ וואס ער וויל דאס טוט ער אויף דעם הימל אונ אויף דער ערד אבער מיר ווייסן באמת אז אלע זייני וועגן זענין מיט דין ער איז אבגלייבטר גאט צוא בצאלן שכר אונ טוט ניט קיין עולה ח"ו ער איז איין גרעכטר גאט · נאך אויך ווייסן מיר גיווים אז וואס ער טוט איז עס נאר צוא בגוטיגען מיט דעם מענטשין דען נאר זיין כוונה איז מען זאל אים דינן כדי ער זאל דער פאר דיא מענטשין פיל שכר געבין אונ דער מענטש דארף תשובה טאן · דען דיא וואס זענין ארום האבין אפשר אין יענעם גלגול זייער פיל זינד גיטאן אודר דיא זענין אין אטבע גיבארן גיווארין ווען אז זיי זאלין זיין עשירים וואלטין זייא גטוען שלעכטס אונ זינדיגן אונ נאך אנדרי אויך מאכין זינדיגען דרום איז גאט ב"ה אויף זייא גוטר דאס ארומקייט פון זייער טובה וועגין · אודר איז מילגיך אז זייא האבין גרוסע נשמות וואס דארפין מגין זיין אויף דעם דור אונ זיי זאלן ליידין די עבירות פון דור אונ דם דור זאלין לעבין אונ גשפייזט ווערין דורך זייער זכות אזו ווי עס שטייט אין בת קול הט גיזאגט נאר די וועלט ווערט גישפייזט אין זכות פון ר' חנינא בן דוסא אונ ר' חנינא בגייט זיך מיט איין קליינע מאס באקסירען פון איין ערב שבת צום אנדרין מחסת זיין גרויס ארומקייט : אודר ווייל גאט ב"ה וויל טובה זיין דיא עשירים דרום

בשאפט

וינצל מדין גיהנם כמו שהשיב ר' עקיבא לטורניסרופוס הרשע בשאול לו אם הקב"ה אוהב עניים מפני מה אינו מפרנסן וכו'. ובחר לגזור על אלו להיות עניים יותר מזולתם בהכיר בהם שאלו יסבלו העוני ולא יבחר מחנק נפשם משא"כ זולתם. והוא על דרך שאמרו רז"ל ראוי היה רעב לבא בימי שאול ובראותו יתברך שהיו גרופית א של שקמה ולא יכלו שאת הביאם בימי דוד שיכלו לסבול. או עשה עניים להכין משכן לשכינה דמאנין תבירין ב דיליה הם דכתיב אני את דכא. ועשה עניים דוקא אלו בהיותם ראוים לפעולה זו כאשר הוא היודע. או אפשר שעשה עניים ועשירים לצורך ישוב וקיום העולם שיהיו עבדים ונעבדים שאל"כ מי יזרע ומי יקצור וכן כל מלאכת הישוב. וגם מתרבה הכבוד ובושת פנים בעולם כי העניים לעולם מכבדים לעשירים ומתביישים מהם מה שאין כן עשיר מעשיר דשניהם שוין ובזה לא יחדל כבוד מקרב הארץ. וגם מתרבה המוסר והיושר דאין ספק שעשיר לא יוכל להוכיח לעשיר כמותו אך כיון שיש מקום לייסר לעני על שאין ידו תקיפה מתפרסם מציאות המוסר בעולם ומרגילים בו. ובזה יש מקום לקצת עשירים לייסר עשירים אחרים אשר תעו מני דרך בסיוע קהל העניים המיוסרים. וגם עם זה עשירים מישרים אורחותם כדי שיוכל לייסר שלא ימצאו מקום לומר לו טול קורה מבין עיניך. ואין מקום להקשות ס"ם ומה חטאו אלו מאלו שלאלו עשה עניים ולאלו עשה עשירים. דלפי זה אין לדבר סוף וכיצד יהיה כיון שמוכרח להיות עניים ועשירים מהסבה שהזכרנו ומה גם שלאלו שעשה עניים לא אבדו כלום שבשביל העניות אינם רואים גיהנם כמרז"ל וגם מתרבה שכרם לעה"ב יותר מהעשיר ובזה נשתוה הדבר ביניהם שהרי העשיר בעבור עשירתו בעה"ז נחסר לו לעה"ב עני בעבור חסרונו בעה"ז מתרבה שכרו לעה"ב הרי שניהם שוין לטובה. וגם אם העשיר נהג בעה"ז כעני שעזב תענוגי ההבל ועסק בתורה ובג"ח ונדבק בעניים להחזיק ידם במזון לא יחסר לעה"ב מסבת עשירוות. שהרי רבינו הקדוש שהיה עשיר גדול ולא נהנה מן העולם אפילו באצבע קטנה וכי נאמר שבעבור עשירותו חיסרו לו מעה"ב חלילה. או אפשר לומר מעין התשובה השלישית הוא שעשה עניים לתועלת שאר ההמון. דבר או רעב כי יבא בעיר או איזה מן הגזירות ויצעקו אל ה' בצר להם כיון שהעני רוחו נמוכה ודעתו שפלה ברעתו צועק בקול מר בנפש חפצה ובדבקות גדול ושומע אל אביונים ה' ותפלתם לא בוז

א כגומעה כבכיה קטנה נקראת כן. ב כלים נשברים וכוה מכל לנשברי לב.

בשאפט ער ארמי לייט כדי דיא עשירים זאלין געבין צדקה אונ זאלין ניצול ווערין פון גיהנם וויא רבי עקיבא האט געענטפערט צו טורנוסרופס הרשע אז ער האט אים גפרעגט אויב הקב"ה הט ליב די ארמי לייט פר וואס איז ער זייא ניט מפרנס האט אים רבי עקיבא גיענפערט כדי ער זאל מיט זייא מזכה זיין דיא עשירים. אונ דרום האט ער גמאכט די פאר ארמי לייט אונ ניט אנדרי וויל ער וייסט אז זייא ווערין קענין ליידין דאס ארומקייט אבער אנדרי וואלטין זיך אפשר אמעשה אן גיטאן מחמת ארומקייט אודר ער האט דרום גימאכט ארמי אונ רייכע כדי עס זאל זיין אויף דר וועלט קנעכט אונ הערין ווארום זונסט ווער וואלט גזייעט אונ ווער וואלט גישניטן אונ אויך אלע מלאכות פון דער וועלט ווערט אויך ווערט דורך דעם גימערט דער כבוד אונ די בושה אוף דער וועלט ווארום די ארמי טוען אן כבוד די רייכע אונ שעמן זיך פאר זייא. ואין אונ זאלסט ניט פרעגן פר וואס זענן דיא ארום אונ דיא זענן רייך דאס איז קיין קשיא ווארום אז עס וועט זיין פאר קערט וועסטו פאר קערט פרעגין אונ וויא דען זאל זיין עס מוז דאך זיין ארמע אונ רייכע מחמת דעם טעם וואס מיר האבין פריער גישריבן אונ בפרט צו די ארמע ווערט זייער שכר גימערט אוף עולם הבא מער פון דעם עושר אונ דער מיט ווערט גליך דיא זאך צווישן זייא. אונ אויך ווען דער עושר האט אויף דער וועלט פר לאזט זיינע גארישע תענוגים אונ האט גילערינט תורה אונ עוסק גיוועז אין גמילות חסד ווערט ניט גמינערט זיין שכר אוף עולם הבא. שהרי ווארום רבינו הקדוש וואס איז גיוועז א גרוסר עושר קען מען דען זאגין אז פון וועגין זיין עשירות האט מען אים חלילה גימינערט זיין שכר פון עולם הבא. או אדער מען קען זאגין דאס גאט האט בשאפין ארמע לייט פון וועגין אז עס קומט חלילה איין מאכה אדער איין הונגער אין שטאט וייל דער ארימאן הט אנידרג גמיט שרייט ער צוא גאט מיט אביטר קול מיטן גאנצין הארץ אונ גאט ב"ה הערט צוא דיא ארמע לייט אונ דערבארימט זיך אונ אויף עוה"ב גיט גאט ב"ה זייא שכר דער פאר וואס זייא זענן אויף דער וועלט וויא פועלים וואס ארבעטין אונ נעמין שכירות אזו נעמן זייא זייער שכירות

אויף

ומרחם על בריותיו בעבורם ולעה״ב נותן להם שכר פעולתם שהם בעה״ז כפועלים לפעול פעולת בע״ה ולערב יחלק שלל · ובמה מעלה להם שזכו היותם פועלים של מקום לפעול על ידם הצלת העולם · ואע״פ שמדת העני להתרעם כאשר שמעתי באומרו מה אני בעולם הריני בו כדבר המותר שאין בו צורך שהגני שקוע בכור העוני ואני כמכשול לפני העשיר וכאבן נגף · ואף גם זאת מלבד צער החסרון והשנאה נפשי עגומה ואוי לי מיוצרי כי מה אשיב ביום שיביאוני למשפט לפניו כי אין ביכולתי לקיים שום מצוה ויום הולך ויום בא ואיני מרויח לא ממון ולא מצוה והריני כרע לשמים ורע לבריות · דע העני שתועה אתה מדרך השכל בדבר הזה · דע כי אין אדם בישראל יחד עשיר ואביון שאינם שוין בכל יום במצות אלו מאור הבוקר ועד לילה מיד שקם ממטתו אפילו עני שבעניים מברך אל בוראו מאשר יצר ואילך כי אין לזה מעצור בעבור העניות · גם בצאתו מביתו מקיים מצות מזוזה כי רבה היא בהיותו מעמידה בפתח ואינו בועט להסירה · גם מצות מעקה וציצית ותפלה ועניית קריש וברכו וקדושה וטלית ותפילין · ואחר זה לימוד תיקונו מקרא או משנה כפי ידיעתו · נט״י לאכילה וברכת המוציא וברכת המזון ואיזה ג״ח אם בא לידו שהוא דבר שאין בו חסרון כיס והזן את אשתו ובניו עושה צדקה בכל עת יחשוב לו כאמרו רז״ל · ואפילו על מה שהוא בעצמו אוכל חסיד על זו יתקרי דכתיב גומל נפשו איש חסד · כארז״ל על פסוק זה · וברכת אשר יצר כשעשה צרכיו וערבית ומנחה וגם מקיים בכל יום כל מצות ל״ת כיון שאין עובר עליהן · אלה המצות מקיים אפי׳ עני שבעניים בכל יום · ושאר מ״ע התלוים בממון כלולב וכדומה מחשבתו לקיים נחשב למעשה · ובהיות כן מה מקום נשאר לעני לומר איני יכול לקיים שום מצוה בעבור עניותי וא״כ מה אני בעולם הרי מוסיף בכל יום ויום שכר העה״ב להיות חוזר כל יום לקיימם אלא כיון שהורגל בהן נראה לו כאלו אינו עושה כלום ומשולל ממצות הוא · ומה גם שאף שלא יוכל לקיים כל זה האמור מסבת תוקף עניותו המעכבו הרי מקיים אותו במחשבה בלבד דמחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה כארז״ל · ואתה העני כיון שבכל יום ויום בהיותך על האדמה אתה מוסיף מצות על מצות להרבות שכר עה״ב למה תקוץ בחייך אע״פ שהוא חיי צער ולמה לא תשמח עם תוספת המצות

אויף עולם הבא · וויא גרויס איז זייער מעלה וואס דורך זייא קומט הילף אויף דער וועלט : ואע״פ אונ האטשי דר ארימאן איז מתרעם ער זאגט איך בין אויף דער וועלט וויא איין איבעריגע זאך איך בין איין גזונקן אין ארומקייט איך בין וויא איין שטיין וואס מען שלאגט זיך אן אין אים אונ הויז דעם האב איך קיין יכולת ניט מקיים צו זיין קיין שום מצוה אונ דיא טעג גייען אוועק אונ איך בין ניט מרויח קיין געלט אונ ניט קיין מצות אונ איך בין גלייך וויא איינער וואס איז שלעכט פאר גאט אונ פר לייט · דע זאגט דער מחבר זאלסט וויסן דו ארימאן אז דוא ביזט אין טעות דען אלע מענטשן צווישן דיא ישראל איין עושר אונ איין ארימאן זענען גלייך אין די מצות וואס איך וועל דא אויס רעכינן · דען תיכף וויא ער שטייט אויף פון שלאף דער ארומסטער מענטש לויבט ער צוא זיין בשעפר פון דער ברכה אשר יצר ביז אין סוף אלי ברכות ווארום דאס קען איין ארימאן זאגין גלייך מיטן עושר · אויך איז ער מקיים דיא מצוה פון מזוזה אויך דיא מצוה פון ציצית אונ דאווענן אונ ענטפערין קדושה אונ ברכו אונ אמן יהא שמיה רבא אונ טלית אונ תפילין אונ דר נאך לערנין מקרא אונ משנה לויט זיין שכל אונ וואשין זיך צום עסין דיא ברכה פון המוציא אונ בענטשין אונ אז עס קומט אים צוא האנדין אגמילות חסד וואס בדארף קיין געלט קאסטין טוט ער עס אונ וואס ער שפייזט וייב אונ קינדער ווערט גירעכינט וויא ער טוט צדקה אלע צייט וויא אונזערי חכמים ז״ל האבין גיזאגט אונ אפילו וואס ער אליין עסט ווערט ער דרויף אן גירופן חסיד · אונ דיא ברכה פון אשר יצר אז ער טוט זיין צורך אונ מנחה אונ מעריב אונ אלי מצות לא תעשה וואס ער איז ניט עובר אויף זייא איז גלייך וויא ער איז זייא מקיים · דיא דאזיגי מצות קען מקיים זיין אפילו דער גרעסטער ארימאן אונ דיא איבריגי מצות עשה וואס ער קען וויא ניט מקיים זיין אן געלט דהיינו לולב אונ צדקה · אונ דם גלייכין אז ער האט אמחשבה זייא מקיים זיין איז דאס גירעכינט פאר גאט גלייך וויא ער איז זייא מקיים · ובהיות אונ אז עס איז יוא אזו זאל דר ארימאן ניט זאגין איך קען ניט מקיים זיין דיא מצות וועגין מיין ארומקייט אונ וואס בין איך אויף דער וועלט · ווארום ער מערט זיך נאך שכר דער מיט וואס ער זוכט אלי טאג דיא מצות מקיים זיין אונ

שאתה מרויח בכל יום אם בכל יום היית מרויח ממון היית מצפה ליום מחר להוסיף עוד אע"פ שבמותך תניח הכל ואוכלים זרים חילך כל שכן וק"ו בנו של ק"ו שיש לך לשמוח תמיד ולהתפלל לפני המקום על אריכות ימיך להוסיף עוד על שכר הנצחי · וביודעך זאת ראוי שתסבול צער העוני באהבה · ושים בלבבך שצער העניות מעט בערך השכר שאתה מרויח בכל יום שאתה חי · ואם תצטער שעניותיך גורם לך מניעת כבוד הבריות ואף גם זאת בזיון ושנאה כדכתיב כל אחי רש שנאוהו · שים נא נגד עיניך שכל הכבוד שמור לך לעה"ב לפני רבי המעלה מלאכים צדיקים קושרים כתרים · מה שאין כן כבוד אנשי עירך שהוא כבוד ב"ו שהיום כאן ומחר בקבר ובפני אנשי חומר ומעוטים ומה בידך תקח מזה הכבוד · ואם ישנאוך מסבת עניותך מה בכך מה איכפת לך כיון שבוראך אוהב אותך ומשרה שכינתו עליך כדכתיב אני את דכא אם היית יודע שאהבת בוראך תלויה באהבה שלהם שאם הבריות אוהבים אותך גם הוא אוהבך ואם לאו לאו אז היה ראוי שתבחר מחנק לנפשך אבל אינו כן ולמה תצטער ממניעת כבוד ב"ו ושנאה ואהבה · ואם צערך שאין דבריך נשמעין דכתיב וחכמת המסכן בזויה שים נגד עיניך שהקב"ה שומע בקולך שנאמר כי שומע אל אביונים ה' · ואם צער שלך על שאין מתחברים עמך להביאך עמהם במסיבה ואתה יושב בדד · שים נגד עיניך ששכינה גבך ללותך דשכינה שורה על מאנין תבירין כנודע · ועוד יש ג"כ לשמוח שאם היית מיסב עמהן מרבים בשיחה וברוב דברים לא יחדל פשע ונמצא היותך בדד פרח החטא ממך · ואם תצטער שאין מזמינין לך בשום סעודה כבדה או קלה · שים נגד עיניך תענוגי ג"ע המוכנים לך וביותר שאת על צער תאות המאכלים שלא יזמינוך לאכול מהם · אך יש לחקור על מה שעינינו רואות מעשה בכל יום הלא תראה ב' עניים אהובים כשבת אחים גם יחד בהיותם בחסרון הלבנה · רצוני לומר בחסרון הלבנים ג ואם מתעשר אחד מהם שוב אינו משגיח באוהבו העני ואדרבא

ג פס מטבע כהרן ישמעאל :

בייא גאט ב"ה איז דאס גירעכינט גלייך וויא ער איז זייא מקיים נאר עס דאכט זיך אים ער טוט נאר קיין מצוה ניט ווייל ער קען ניט טאן אלי מצות אונ ווען ער קען אפילו ניט מקיים זיין אטייל מצות ווענן זיין ארומקייט איז גאט ב"ה מצרף אגוטי מחשבה צו איין מעשה וויא אונזערי חכמים ז"ל האבין גיזאגט · ואתה אונ דוא ארימאן חאטשי דוא לעבסט אין צער ווארום זאלסטו זיך ניט פרייען מיט דיא מצות וואס דו מערסט אלי טאג וויא וואלט גיוועזן דוא זאלסט מרויח זיין געלט איין טאג וואלסטו זיך בוודאי גיפרייט חאטשי אז ווערסט שטארבין ווערסטו אלץ איבער לאזין איז דאך שוין אפשיטא אז דוא בדארפסט זיך צו פרייען אונ צוא בעטין גאט ער זאל דיר דער לייגערין דייני יארין כדי דוא זאלסט דיר נאך מערין שכר לעולם הבא · וביודעך אונ אז דוא ווייסט דאס בדארפסטו צוא ליידין מיט ליבשאפט דאס ארומקייט אונ רעכין אז דאס איז נאר ווייניג קעגין דעם שכר עוה"ב וואס דוא ביסט מרויח אלי טאג · ואם אונ אויב דוא ביסט זיך מצער וואס דיין ארומקייט איז גורם אז לייט גיבען דיר קיין כבוד ניט אפ אונ זעגין דיך מבזה אונ האבין דיך פיינט · לייג דיר איבר אז פיל כבוד איז דיר גהיט אויף עולם הבא אבער וואס איז דער כבוד פון איין בשר ודם אונ אויך וואס ווערסטו דיר מיט נעמין פון דעם כבוד · ואם אונ אויב זייא האבן דיך פיינט איבער דיין ארומקייט וואס האט עס דיך גנוג אז דיין בשעפר האט דיך ליב וויא עס שטייט אין פסוק איך טוא רוען מיט דעם ארומן אונ מיט דעם וואס האט אנידריג גמיט אונ חארום זאלסטו זיך מצער זיין ווס לייט גיבען דיר קיין כביד ניט אפ אדער ווס זיי האבין דיך פיינט · ואם אונ אויב דוא האסט צער ווס דייני רייד ווערן ניט גיהערט ווי עס שטייט (וחכמת המסכן בזויה) די חכמה פון ארימאן איז מבוזה זעה אבער אז גאט ב"ה הערט דיין קול וויא עס שטייט (שומע אל אביונים ה') גאט הערט צו דיא ארמע · אונ אויב דוא האסט צער וואס לייט בהעפטין זיך ניט מיט דיר זעה אז דיא שכינה איז בייא דיר צוא בלייטין דיך אונ בדארפסט זיך פרייען דוא זיצט ניט מיט זייא ווערסטו גאר מיטן פון ריידען להד"ר רכילות ליגענט דברים בטלים ואם אונ אויב דוא ביסט זיך מצער ווייל מען בעט דיך אויף קיין שום סעודה ניט בעטראכט דיא תענוגים פון דעם גן עדן וואס זענין דיר אן גיגרייט וואס דער תענוג איז זעהר גרוס · אך נור עס איז צוא קלערין אויף דעם וואס מיר זעהן גמעט אלי טאג דאס צוויא ארמי לייט האבין זיך זייער ליב אזו וויא ברידר אונ אז איינר ווערט

רייך

מואס בו ומתנכר עמו ועושה עצמו כאלו לא ידעו מעולם · במקום אשר היה ראוי להודות לשבח לבוראו שגדלו ורוממו ונתן יכולת בידו לרחם על אוהבו להחזיק בידו ולכסות חסרתו יען אשר מקודם יכתיקו סוד ואיש את רעהו יעזרו בחסרונם · ולמה לא יתן בדעתו שעכשיו שהעשיר לא נתחדש בו דבר מחודש ועדיין שוה לחבירו בכל דבר ועדיין שוה לחבירו בכל אבריו · וכי יעלו בו אבר כנשרים לעוף בהם השמים וכי נתחדש בגופו גבורת הארי וקלות הצבי וכי נהרבו שינוי ושאר אברי גופו · וכי אם היה פסח או סומא יתרפא סומיו וכי נתעלה וקנה שלימות המלאכים שלא לאכול ולשתות ושלא להוציא רעי ומי השתן כמעשה הבהמה · וכי קנה חכמה ורוח הקודש · וכיון שהוא משולל מכל זה אעפ״י שהעשיר וכמו אז הוא עתה ואם יחזור וירד מנכסיו חוזר לכמו שהיה א״כ מה מקום להתגאות על חבירו הרש בעבור דבר נפרד ממנו שבא לידו דרך השאלה שהוא הממון אף שבעניותם יושבים כשבת אחים גם יחד · אין זאת כי אם כרוע לב מסבת פתוי היצר המתחיל להרגילו אל המרידה בדברי חלקלקות לאמר הרחק מעל העני דרכך ואל יכנס לפתח ביתך מכמה סבות · חדא דצ״מ מתים מעין הרע ואחד מדרך ארץ כדרז״ל ועינו של העני הזה יכלה אותך ואת כל אשר לך · ובפרט מקנאתו לך ששניכם הייתם במצב אחד ואתה עלית למרומים והוא בין הדומים* טוב לזה שלא תכיר פניו דחייך קודמים לחיי חבירך · סבה שניה שבכל משתה של שמחה שתזמינהו בראותך אותו תזכור ראשונות הדלות והעוני שהיית בו ותאנח בשברון מתנים ויהפך שמחתך לתוגה · סבה ג׳ אם יארע פעם שלא תתן לו שלום מחמת טרדת שלוחך בממון לארץ מרחקים מיד צעוק יצעק בבכיה וממסור דינו לשמים בקול מרה ויגיע אליך רעה הלא טוב לך להתנכר עמו ולהת לו מתת יד ע״י אחרים · כל זה מפתהו יצרו לפתוח עמו בעבירה לשנוא מי שהקב״ה אוהב שהקב״ה אוהב עניים · ואחר זה מפתהו למנוע ממנו מתן בסתר בפתוים אחרים וכיון שמכניסו ברשותו בעצת שנאה לעני חבירו מפתהו אח״כ בכל עון ופשע אשר מחייב יכולת

רל בפל מלשון כדס רגליו :

רייך פרענט ער שוין ניט אויף דעם חבר און מאכט זיך גלייך וויא ער האט אים נאר ניט גיקאנט פון אייביג אנשטאט וואס ער וואלט גקערט דאנקן און לובין זיין בשעפיר וואס האט אים יכולת גיגעבין דער בארמין זיך אויף זיין ליב האביר אים צוא העלפן ווארום זאל דער עושר ניט טראכטן ער איז נאך אצונד אויך גלייך צום חבר אין אלי זייני אברים האט ער דען גקריגין פליגל איז ער דען גוווארין שטארק וויא אלייב און גרינג וויא אהירש · און אז ער איז אבעל מום ווען דען זייני מומים פאר היילט גיווארן איז ער דען גיווארין איין מלאך ער זאל ניט דארפין עסן און טרינקן האט ער דען זיך גישאפט חכמה און רוח הקודש · וכיון און וויל ער האט דאך ניט דיא אלי זאכן איז ער דאך דער זעלביגער וואס ער איז פריר גוועזן און אז ער וועט ווידער ארום ווערין וועט ער ווידר זיין וויא פריער ממילא גיהער ער זיך בוודאי ניט בעל גאוה האלטין קעגין זיין חבר דער ארום מאן פון וועגין דם געלט ווס עס איז אים נאר אנטליגן · אבר דם איז נאר מחמת שלעכט הארץ וואס דער יצה״ר רעט אים אן מיט שמייכעלדיגי רייד צוא שטערין דאס ליבשאפט ווס נייא האבין גהאט און רעט אים אן דער ווייטר דיך פון דעם ארום מאן אז לאז ער נים אריין ניין אין שטוב מחמת פיל טעמים · חדא איינס איבער עין הרע דאס אויג פון דעם ארום מאן וועט דיך פאר לענדין מיט אלץ וואס דיא האסט דען ער וועט דיך מקנא זיין ווארום איר זענט ביידע גלייך אין איין שטאנד און דוא ביסט דער הויבן גוווארין און ער איז גיבליבן ארום דרום איז בעסיר אז דוא זאלסט זיין פנים ניט זעהן ווארום דיין לעבין איז דיר טייערער פון זיין לעבין · סבה ב׳ דער אנדרר טעם איז ווארום אז דו וועסט אים בעטין אוף דיין שמחה און וועסט אים זעהן וועסטו זיך דער מאנין אין דיין ערשטי ארומקייט און וועסט זיפצין וועט דיין שמחה פאר שטערט ווערין · סבה ג׳ דער דריטר טעם איז אז עס וועט זיך טרעפין איין מאל וואס דיא וועסט אים ניט געבן שלום מחמת דייני טירדות וועט ער תיכף שרייען און וועט זיין דין איבר ענפרין צו גאט וועט דיר דער פאר גרייכן שלעכטס דרום איז בעסער דו זאלסט זיך פרעמד מאכין פאר אים און געבין אים איין נדבה דורך אנדרי · כל זה אבער דאס איז אלץ פון דיא איבר רידונג פון יצה״ר דאס ער זאל פיינד האבין דעם וואס גאט ב״ה האט ליב ווארום גאט ב״ה האט ליב ארמי לייט און דער נאך וועט

ער

המסון לעשותם · לכן אחי שמע מוסרי ואל תקשיב לדברי יצרך תן הודאה לבוראך שהגדיל עמך להעשירך מה שלא עשה עם חבירך ואמור בלבבך לא לחנם עשה אלהים ככה כ״א לנסות אותי לראות אם אני בועט בעניים כיון שהכרתי בצערם והדין נותן לרחם עליהם בכל יכולתי ולהראות להם תמיד פנים שוחקות בכל עת ולקרבם בכל שמחה שיזמין לי הקב״ה ולחזקם בדברים טובים ודברי נחומים ולהקריבם אל התועלת באופן שלא יגיע להם מהביוש כדי שיחזיק הקב״ה הממון בידי בהיותי בנסיון שהכניסני · כי בעשותי הפך זאת יראה ה׳ ורע בעיניו ויחזיר הגלגל לכמות שהיה להשפילני ויהרומם מזל העני חברי ומה פנים יהיה לי אחר כך לבא אצלו שירחמני מאחר שנתאכזרתי עמו ביום עלותי מאר״ש מצרים · וגם שאר עשירים לא ירחמו עלי באומרם כאשר עשית כן יעשה לך · והנה בראותי דור הולך ודור בא ואיש אשר לו בת חביבה כבבת עינו שלימה בכל ושמורה ותדד שינה מעינו בלילה לא ישכב וביום לא ינוח מלסבב בשוקים וברחובות לדרוש על בן העשירים לתתה לו במוהר ובמתן כל אשר יגזרו עליו סרסורי לדבר עבירה · לכן בני החכם אל תקנא לבך בבני העשירים באותם שהם מושללים מכל חכמה ורקים מכל דבר הנוגע לשלימות הנפש והגוף ובהם לא כתב ולא לשון ואפילו לשון צחות דברי בטלה ומלאים רשע ופשע עכ״ז תכלת וארגמן לבושם והולים זהב מכים למלאות תאותם על כל דבר פשע ככל אשר תאוה נפש החוטאת ועכ״ז כל איש אשר לו בת יחידה יפה וברה מריבים עליו מי יזכה שיפול בחלקו הר האפל הזה ובמאזנים לעלות להרבות בממון ולהרבות עמו במנחות ובמתנות · ואתה אשר הלוך הלכת בדרכי השם ונכסוף נכספת בעסק התורה והמצות ולא חסרת חכמה שלא למדת ושלימות שלא קנית ועכ״ז סחובי הבלאות לבושיך וטלאי על גבי טלאי מנעליך ואין איש משגיח עליך ואין מי יאמר מה מעשיך ואין מי יחמוד חכמתך הדבוקה בנפשך שאין יד שולט בה להסירה מעליך · ואפשר יסיתך יצרך להתרעם על מזלך לומר תוהה ד על הראשונות למה לא במזל בן העשיר נולדתי

ד מתמרס

עד אים אן ריידן מיט אנדרי איבר ריידונג ער זאל אים שון גאר קיין נדבה ניט געבן אונ וויא ער וועט אים אריין ברענגין אין זיין נעץ אונ אין זיין עצה אז ער זאל פיינד האבין זיין ארמין חבר וועט ער אים דער נאך איבר ריידן ער זאל טאן אלי עבירות וואס מען קען מיט געלט טאן · לכן דרום מיין פריינד הער צו מיין מוסר אונ הער ניט דיא רייד פון יצה״ר אונ גיב אלוב צוא גאט וואס האט דיך רייך גמאכט אונ טראכט אין הארץ ניט אום זוסט האט גאט אזוא גיטאן נאר פון וועגין צו פרובן מיך צוא זעהן אויב איך וועל העלפין ארמי לייט אונ איך גיהער מיך מרחם צוא זיין אוף זייא מיט גאר מיין יכולת אונ תמיד צוא ווייזין זייא אפרייליך פנים אונ זייא מקרב צו זיין אין אלי שמחות וואס גאט ב״ה וועט מיר צוא שיקין אונ צוא שטארקין זייא מיט גוטי רייד אונ צו געבין זייא מיט אזו איין אופן אז זיי זאלין ניט מבויש ווערין כדי גאט זאל דאס געלט איבר לאזין אין מיינע הענט ווייל איך וועל בשטיין אין דעם נסיון וואס גאט האט מיך גיבראכט · כי אבר אז איך וועל טאן פאר קערט וועט דאס גאט ניט גיפעלין וועט ער מיך ווידער מאכין ארום אונ דאס מזל פון מיין חבר וועט ער דער הייבן אונ מיט וואס פאר איין פנים וועל איך דער נאך קומן צוא אים ער זאל זיך איבר מיר דער בארמין אז איך בין אקעגין אים אזו איין אכזר גיוועזן בשעת אז איך בין רייך גוועזן אונ אויך דיא איבריגי עשירים וועלין זיך ניט דער בארמין איבר מיר ווייל זייא וועלין זאגן צו מיר אזו ווי דו האסט גטאן צוא ארמי לייט אזו וועט מען דיר טאן · והנה אט נון וויל איך זעה אלע טאג דער וואס האט אטאכטער וואס זיא איז אים גליבט וויא זיין אויג זוכט ער פר איר צו קריגן איין זון פון איין עושר צו גיבן אים זיין טאכטער מיט פיל געלט גרן אונ מתנות אונ זוכט גאר ניט אקינד וואס קען לערנין · לכן דרום זאג איך דיר זאלסטו ניט מקנא זיין אין דיא קינדר פון די עשירים וועלכי וואס זענין לער פון אלי חכמות אונ לידיג פון תורה אונ מ״ות טובות אונ קענין ניט שרייבן אונ ניט רעכט ריידן נור זייא זענין שעהן גקליידיט אונ פאר ברענגן געלט צו דר פילן זייערי תאוות אונ פון רעסט וועגין ווער עס האט איין איינציגי טאכטר גיט אים פיל געלט אונ מתנות ואתה אונ דוא וואס נייסט אין גאטס וועג אונ גלוסט אין תורה אונ מצות אונ עס פעלט דיר ניט קיין חכמה אונ פון רעסט וועגין גייסטו אין גיסיינע קלידיר אונ קיין מענטש גיט אויף דיר

אף שאהיה ריק כסוהו כיון שחסרונו מעלהו וחכמת שלימותו הורידני עד תהום רבה ולמה לא אבחר מחנק נפשי בראותי חמור עולה בסולם ואני בעסק הבכה · דע ההבדל בינו לבינך · ידוע תרע שיש כלי שיר עשוי כדלעת ובה שקוע עץ ארוך ומשערות של זנב הסוס סוליכין ומביאין בה ותוליד נענוע ערב מאד לשומעיה עד שמעורר לב נשים וטף ואנשים משוללי הדעת אל הריקוד ולשמוח באותו קול · בחושבם שקול הערב ונעימות התנועות הוא מהבלי עצמו · והריק השומע קול הברה שבו חומד וחושק בכלי זו ואומר בלבו מי יזכני שיהיה כלי זה לחלקי בתוך ביתי יומם ולילה כדי להתייחד עמו אני והוא יחד להודיע לי לשון נעימותו ועריבות דבריו ואשמחה ואגילה בשיריו ובזמריו · ומוציא הוצאות להגיע לו השעה ומצפה העת שהמנגן יניח לנגן להתייחד עמה חדר בחדר מרוב חשק אהבת הקול ששמע בו · ויהי העת שהמנגן סיים לנגן והניח הכלי בזוית הבית תלויה נתן זה החומד ממון הרבה להביא כלי שיר זה אצלו והתחיל לנשקו ולחבבו וקרב לפניו יקר המנחות והתחיל לדבר עמו לשמוע נעימות דבריו ונועם אמריו ואין קול ואין עונה ואין כס"ף · ממשמש בכלי לעוררו פוגע ידו בשערות זנב הסוס הקשור בו ואז מתפרסם לו דדבר דומם הוא וכי אומרים לאבן ולעץ הקיצה לדבר · מיד ממרט זקני וטופח על פניו והולך ובוכה מצטער כל יומו לאמר איך אבד ממון וזמן וכח להלוך אחר דבר דומם ומצטער על זה כל ימי חייו עד שמת ביגון ואנחה · כך בן העשיר המשולל מכל הכמה דומה לכלי הניגון הזה שהמנגן מקיש ומנענע בו ואותו נענוע גורם להוליד נעימת קול הגורם הריקוד והשמחה כשם שאב הבן בעטפו בבגדים החמודות וכסף וזהב יכסהו ומושב הגדולים יניחהו ואל בית המשתה יביאהו וכל רואיו חומדים בו בחושבם כי ממנו הכל וכשלימות לבושו כך שלימות חכמתו ומדותיו · וכ"ז בעוד שאביו מנענעו בכח עושרו ובמות אביו או מאבד ממונו נתגלה חרפתו ומיעוט ידיעתו ונשאר כעץ שתול במקום אשר חרבו מימיו הולך ודל עד שעליו נשרות כלם ונשאר עץ יבש לא יועיל כ"א לבשל הקדירה להדליק המדורה והולך נע ונד · והיה כי ירעב בוחר להיות פחמי או בורסקי או נושא סבל · אוי לאב ואם שביד מי מסרו בתם ועל מי הוציאו ממון ורבוי הדורונות ומוהר ומתן לרוב · בוכים כל ימיהם על צרת

ניט אכטינג אונ קיינר גלוסט ניט צו דיין חכמה אפשר וועט דיר דער יצה"ר אן ריידן צו מתרעם זיין אויף דיין מזל וייל דער זון פון דעם עושר וואס ער איז איין נישט האט זייער גוטס אונ איך בין אין דעם פינסטערין מזל · דו זאלסט וויסן דעם חילוק צווישן דיר אונ אים · עס איז דא איין כלי זמר איין פידיל אונ דער שמיציק ווערט גימאכט פון האר פון פערד אונ אז מען פירט דעם שמיציק אויף דעם פידל גייט ארויס איין קול עס דער וועקט דאס הארץ פון ווייבר אונ קליינע קינדר צוא טאנצין אונ צוא פרייען זיך מיט דעם קול וויא מיינין אז דאס זיסי קול איז פון דער פידל אליין אונ גלוסט צוא דער כלי אונ טראכט זיך ווער וואלט מיך מזכה זיין דיא כלי זאל זיין אין מיין הויזטאג אונ נאכט איך זאל מיך פרייען מיט זיין גיזאנג · ויהי אונ אז דער שפילער האט אויף גיהערט צוא שפילין אונ האט אויף גיהאנגען דעם פידל אין אווינקעלע אונ דער וואס האט גיגלוסט דער צו האט אן גהויבין מיט דר פידיל צו ריידן כדי ער זאל הערין איר זיסע רייד ווארום ער האט גמיינט אז דיא פידל שפילט אליין אבר עס איז קיין שום קול פון איר ניט ארוס גיגאנגן האט ער פר שטאנען אז נאר דיא האר פון פערד מאכין דעם קול איז ער שון גיוואר גיווארין אז דער פידל האט קיין קול ניט · הט ער תיכף חרטה גיהאט אויף זיין נארישע מיינונג וואס ער האט פריער גימיינט · כך אזו איז דער זון פון דעם עושר וואס האט אין זיך קיין שום חכמה ניט ער איז גלייך צוא דעם פידיל וואס דער שפילער מאכט מיט דיא הענד אין איר אונ דאס מאכט אז דיא פידיל שפילט מיט איין שיין קול אזו דער עושר בעקלייט זיין זון שיינע קליידר אונ בדעקט אים מיט גאלד אונ ברייגט אים אויף שמחות אונ דיא וואס זעהן אים גלוסטען אין אים ווארום זייא טראכטין אז וויא זיינע קליידר איז זיין חכמה אונ זייני מידות · אבער אז דער פאטער שטארבט אדער אז ער ווערט אן זיין געלט ווערט אנפלעקט זיין חרפה וואס ער ווייסט גאר ווייניג אין דער תורה אונ בלייבט איין דארער בוים וואס נוצט מער ניט נאר צוא קאכן אדער אן צוא צינדן אפייער פון אים · והיה אונ אז דר זון פון דעם עושר האט ניט פון וואנין צוא לעבין ווערט ער אטרעגר דיא שווער אונ שווינגער זעהן אין וועלכע הענט זיי האבין איבער גיענטפערט זייער טאכטר אונ אוף וועמין זייא האבין זיך גילאזט קאסטן אזו פיל געלט אונ מתנות אויף דעם אז זייער טאכטר זאל האבין צרות אונ זייער

הבת ועל איבוד ממונם ויאבדון נפש על שלא חשקו בת"ח כי אם לזה אשר עלה חרס בידו דאגה בעולם הזה ומכשול לעה"ב · והבת מיללת ולאביה ואמה מקללת כי בביתה אין לחם ואין שמלה אין קול קידוש והבדלה ובליל פסח אין הגדה בכל העדה · עד שכלים שנותיהם ביגון ואנחה ובאים עד עמוקה שוחה · אך עתה הבחור החכם השלם ודל דומה למרגניתא דלית לה טימי דומה כנופך ספיר ויהלום הנתון בתיבה של עץ קטנה מהקלים שבעצים מושלכת בטיט חוצות כל הרואה אותה עובר עליה ואם נכשל בה ירמסנה ברגליו ואין עולה על זכרונו מאמר התנא אל תהי בז לכל דבר עד שעבר אחד ירא אלהים וסר מרע וירם את התיבה לקיים אל תהי בז וכו' ובחיקו הניח אותה ולא חש לטיט שעליה כי לא חמד כי אם לראות מה בתוכה ויפתח את התבה ונתמלא הבית אורה והעשיר עושר רב עד שעלה למדרגות האדירים ובאותו עושר סיגל מצות ומעשים טובים ושמחו הוא ואשתו ובניו וכל משפחתו בעולם הזה בעושר ובשם טוב ומתו בשמחה להלוך לנחול שכר עה"ב · כן האיש הישר הנותן בתו לת"ח אף שלבושו קרעים ועטופי כלים רעים ואין משים לבו על זה באומרו כי אין אלו דברים דבוקים בגופו כי הוא רואה מה שבתוכו ובהסיר אותו עיטוף מעליו מראה תוארו ואור תורתו ובין נכבדים יושב ובקהל קדושים דורש תגזרת דינו בכל העולם הולך והוא יושב על כסאו כולם מוכנים לעיבדו מכינים פרנסתו מלמד דרך את העם לעבוד לבוראם להנחילם עולם הבא אהוב למעלה ונחמד למטה · אשרי אשה שככה לה · אשרי איש שכך בחר להלקו אף ע"פ שיהיה ריק מכל · התנו החכם ירוממהו · ותורה ודרך ארץ ילמדהו · ובין חכמים יושיבהו · עד שנוהגים בו כבוד וקמים מפניו כהלמיד חכם · זהו בחייו · ובמותו דורש עליו בקב"ץ רב ורב עם הדרת מלך מספר בשבחיו עד שבכת תורתו שאומר עליו מרחיק מעליו כל צר ומשטין ומוסרו ביד מלאכי שלום להוליכו למנוחות שאננות · אם כן אתה הבחור החכם כיון שאתה נמשל למרגלית שבתיבה כמדובר איך יש מקום לעלות על לבך קנאה במי שהוא ריק מכל

געלט זאל גיין לאיבוד אונ דיא טאכטר קלאגט וואס זייא האבן איר גיגעבין אזו איין מאן ווארום אין איר שטוב איז גישטא קיין ברויט אונ קיין קלייד זיא הערט ניט קיין קידוש אונ הבדלה אונ פסח הערט זיא אפילו דיא הגדה ניט זאגן · יוא אבר דוא בחור דער חכם וואס קען יוא לערנען איז גלייך צוא אפעריל וואס האט קיין שאץ ניט ביקט גלייך וויא דיקענטין וואס ליגין אין אקליין הילצערין קעסטלי איין גישמירט אין ליים דער וואס זעהט עס גייט דרויף איבר אונ טרעט עס מיט זייני פיס ביז איינר אקלוגער איז פאר בייא גיגאנגין אונ האט אויף גיהויבין דאס קעסטלי אונ האט עס ארין גילייגט אין זיין שוים ער האט גיוואלט זעהן וואס ליגט איניווייניג אונ ער הט גיעפנט דאס קעסטלע איז גיווארין זיין שטוב דער פילט מיט ליכטיקייט אונ איז זייער רייך גיווארין אונ מיט דעם עשירות האט ער פיל מצות אונ מעשים טובים גיטאן אונ ער מיט זיין משפחה האבין זיך גיפרייט מיט דעם עשירות אונ מיט דעם גוטין שם אונ זענין גישטארבן מיט שמחה צו ירשנן שכר עולם הבא · כך אזו אויך דער ערליכער מאן וואס גיט זיין טאכטר צוא איין ת"ח האטשי זייני קליידר זענין צוא ריסין נאר ער זעהט וואס אין אים איז אונ אז ער טוט אפ דיא צוא ריסיני קליידער ווייזט ער זיין גישטאלט אונ דיא ליכטעקייט פון זיין תורה אונ זיצט צווישין אנשים נכבדים אונ ער דרשית אין היילגי קהלות אלע זענין אן גיברייט צוא באדינין אים אונ אים מפרנס צוא זיין ער לערינט דעם פאלק דעם וועג וויא זייא זאלן דינין זייער באשעפיר ער זאל זייא מאכין ארבין עולם הבא ער איז גילובט אין הימל אונ איז גלוכטיג בייא לייט וואל דער אשה וואס זיא האט אזו איין מאן וואל דעם שייער וואס האט זיך אויס דער ווילט אזו איין איידים אונ האטשי ער איז איין פראסטיר מענטש וועט זיין איידים דר חכם אים דר הייבין אונ וועט אים לערנין תורה אונ דרך ארץ אונ נאך אזוינע גוטע מדות · אונ ער וועט אים מאכין זיצין צווישין די חכמים ביז מען וועט אים אויך נוהג כבוד זיין אונ מען וועט אויף שטיין פאר אים · זהו דאס איז בייא זיין לעבין אונ אז ער שטארבט דרשית דער איידים איבר אים אונ דער ציילט זיינע שבחים ביז ער דער ווייטרט פון אים אלי מקטרגים דורך דעם כח פון זיין תורה אונ ענטפערט אים איבר אין דער האנד פון דיא מלאכי שלום זייא זאלין אים פיהרן צו רואונג אונ צוא שטילונג · א"כ אתה הוא בחור חאס דוא ביסט אתלמיד חכם וויא זאלסטו מקנא זיין דעם בחור וואס איז ליידיג פון אלעמין וועגין

בעבור לבוש שעליו דבר שאינו דבוק עמו כחכמתך שדבוקה בנפשך ואם לשעה אין חודש לך האמת יורה דרכו וסוף הכבוד לבא לא כן השקר שאין לו רגלים לנפילתו בלי תקומה על אחת כמה וכמה · ודע שהרע הסר הזה שאין עשיר בוחר לתת בתו לת"ח היא עצת אשתו המפתתו לדבר הנראה לעינים דכיון שדעתן של נשים קלות עליהן אינן רואות את הנולד ובוחרת שמחה לשעה אעפ"י שאחר כך אנחה ותלך ע"י זה לחרפות ולדראון עולם · ולכך אמרו רז"ל אל תרבה שיחה עם האשה שכל המרבה שיחה עמה גורם רעה לעצמו ובוטל מדברי תורה וסופו יורש גיהנם · עוד אמרו רז"ל כל ההולך אחר עצת אשתו יורד לגיהנם · והטעם מהסבה שאמרו דכל עצתן אינו אלא כי אם בדברים הנוגעים להנאת הגוף הנגוף ולכל מה שמתאוות החומר העכור ובכל דבר הקשה שהיצר מפתה · והאיש הירא מהקב"ה בועט בעצת האשה ובוחר בדברי חכמים וחידותם למסור בנותיהם לת"ח ויזכה לבני בנים ת"ח או מלומדי דרך ארץ יראי שמים · ומעולם אין בתו באה לידי עוני דת"ח לחזורי אפתחא אינו בא · וכמה הפליגו חכמים על זה ודבריהם ידועים עד שאמרו רז"ל כל הנותן בתו לעם הארץ כאלו כופתה ונותנה בפני ארי · הביטו וראו באברהם אע"ה גדול בענקים מלך מלכים ח כבד במקנה בכסף ובזהב הלא שלח לרבקה כי אם נזם זהב בקע משקלו ושני צמידים עשרה זהב משקלם · וכי אברהם שהיה מופלג בעושר שלח דבר מועט כזה · עוד יש להבין מה יוצא לכתוב בתורה מה שלח לה שהוא נזם זהב וכו' דמה יוצא מידיעה זו · אלא נכתב זה ללמדנו שהכלה ואביה ואמה לא יקחו החתן לשם ממון כי אם בעבור השלימות שבנפשו ולכן אברהם אע"ה שלח לה דבר מועט לרמז לרבקה שלא יעלה על לבה לחשוק ביצחק בעבור רוב עשרו כי אם על שלימות נפשו וחכמתו של תורה דבזה תזכה לבנים מקבלי תורה בסיני בשני לוחות אבנים · וכדארז"ל במדרש דזה רמז לה אברהם בשני הצמידים כנגד ב' לוחות התורה וי' זהב משקלם רמז לעשרת הדברות הכתובים בהם כלומר אם תחשוק בו אפאם היה עני שולח מועט רק בעבור צדקתו מוטב ואם לאו אל תקרב לפתח ביתו · ורבקה הצדקת הבינה הרמז והודה נגד רצון אחיה ואמה הרשעים

ח כמו שדרשו רז"ל על פ' אל עמק שוה הוא עמק המלך שנתקבצו כל המלכים וקבלו לאברהם למלך עליהם :

די שיינע קליידר וואס ער גייט דיא קליידר זענין דאך אזאך וואס איז ניט בהעפט מיט אים אונ דיין חכמה איז בהעפט אין דיר אונ ווען אצונד פארשט קיינר דיך ניט אבר דער כבוד וועט דיר קומן צום סוף אונ דאס פאלשקייט פאלט אונ האט קיין תקומה ניט · ודע נאלסט וויסן אז דאס שלעכטץ וואס דער עושר וויל ניט געבין זיין טאכטר צוא איין תלמיד חכם דאס איז אפט דיא עצה פון זיין ווייב וויל דיא דיעה פון דיא ווייבר זענן גרינג דרום זעהן זייא ניט וואס פון דעם קען ארויס קומן אונ זייא זעהן דער עושר גייט שיין אן גיטאן און דער תלמיד חכם אין צו ריסינע קליידר ווילן זייא בעסיר דעם עושר חאטשי דער נאך וועט דאך זיין דער פון זיפצונג אונ שאנד · לכן דרום האבן אונזערי חכמים גיזאגט דוא זאלסט ניט פיל ריידין מיט איין אשה דען דער וואס טוט פיל ריידין מיט איין אשה דען דער וואס טוט פיל ריידין אפילו מיט זיין ווייב דער איז זיך גורם שלעכטץ אין מבטל פון לערנין אונ יירשת דעם גהינם · נאך האבין אונזרי חכמים גיזאגט דער וואס גייט נאך זיין ווייבס שלעכטי עצה דער נידרט אין גיהנם וויל אלי זייערי עצות זענין נאר אויף דיא נאכן וואס גייען אן צוא דער הנאה פון דעם גוף · והאיש אבער דער מענטש וואס פארכט זיך פאר גאט דער הערט ניט דיא עצה פון זיין ווייב אונ פאלגט דיא חכמים צוא געבין זייערי טעכטער צוא תלמידי חכמים אונ וועט זוכה זיין צוא איניקליך ת"ח אדער צום ווייניגסטן וועלין זייא גילערינט זיין דרך ארץ אונ גאטס פארכטיגי אונ זיין טאכטער וועט ניט קומן צו ארומקייט ווארום עס טרעפט ניט אז תלמידי חכמים זאלין ארום גיין אין די הייזר אונ אונזערי חכמים האבין דר פון זייער פיל גישריבן · תביטו זעהט אז אברהם אבינו וואס האט גיהאט זייער פיל גאלד אונ זילבער אונ האט צוא רבקה גישיקט נאר אקליינע מתנה כדי ברמז צוא זיין אז זיא זאל ניט דריבער גלוסטין אין יצחק פון וועגין זיין פיל עשירות נאר פון וועגין זיין חכמה אונ תורה ווארום דורך דעם וועט זיא זוכה זיין צוא האבין גוטע קינדר וואס וועלין מקבל זיין דיא תורה אוף דעם בארג סיני מיט דיא לוחות אזו וויא עס שטייט אין מדרש · אונ אז דוא וועסט גלוסטין אין יצחק נאר פון וועגין זיין צדקות איז רעכט אונ אוב ניט זאלסטו ניט קומן אין מיין הויז · דיא צדיקת רבקה האט פאר שטאנין אונ האט אזוא גיטאן חאטשי עס איז גיוועזן דער ווידער דעם רצון פון איר ברודער אונ איר מוטער וואס האבן

געליסט

התוספים את הממון ומואסים בדרכי ה׳ · כי חשקה ביצחק להתדבק עצמה בגוף הקדוש אשר מסר נפשו על אהבתו בהקב״ה לזכות עמו לזרע מקבלי תורה · גם דע המשכיל כמה מהגנות הדע אדם שמסבת צער או דוחק העניות מתאוה למות שזהו נראה כאלו קיים כל החיובה סוטל עליו לקיים וכבר השלים עצמו · וגורם לעורר הדין עליו למעלה לבקר פנקסו ומוצאים אותו חסר מכל וגוזרים עליו יסורין תוספת על מה שיש לו · ומה גם שהמתאוה למות נראה כלועג על דברי חז״ל שאמרו על כרחך אתה מת וזה מורה שהמיתה אינה ע״כ של אדם והלועג על דברי חכמים נידון בצואה רותחת כמרז״ל · גם המתאוה למות הוא כאילו קץ בקיום המצות בעבודת בוראו שאם הוא היה שמח לעבוד להקב״ה בהיותו עושה מצותיו בכל יום לא היה חושב שום צער בעולם בערך מה שמרויח בכל יום לעבוד לבורא דאין שמחה גדולה מזה · והוא משל לאדם שמ׳בטח להיות עשיר גדול אחר שיעבוד ז׳ שנים עבודת פרך שכל אותה עבודה חשוב בעיניו כאין בערך מה שעתיד לקבל בעבורה להיות עשיר · אך אם רואה אדם עצמו שיצרו מתגבר עליו בכל יום כדי לחטיאו ומתיירא פן ילכד ברשתו אז יתפלל ליוצרו שיצילהו מיצר הרע ואם באולי יצרי יפתני מצד בחירתי לחטוא אני לפניך מתאוה אני למות קודם זמני ולא להיות רשע לפניך רגע אחד · זה המתאוה המיתה על צר זה נקרא עובד אלהים לא המתאוה ומתפלל עליה מתוך צער או דוחק המגיע לגוף · עוד מהרעה חולה שהמתאוה למות באומרו שטוב מותו מחייו נמצא אומר שהקב״ה ח״ו עושה רעה במה שאינו ממיתו ושכוונתו להנקם מן האדם ח״ו כסברת המינין ולא נעלם שלא ברא הקב״ה עולמו כי אם להיטיב עם בריותיו וכדכתיב אמרתי עולם חסד יבנה·וצריך שיחשוב שכל פרצה או תקלה או מיני יסורין הבאים עליו הם לטוב לו למרק איזה עון שבידו מגלגול זה או גלגול אחר או להרבות שכרו למען ישחק וישמח באחריתו· ועוד המחכים למות מעידין בעצמם שאין מאמינים לא במשיח ולא בדין ולא בחשבון ולא בשכר ועונש · לפי שאם תקוע בלב עיקר צפית לישועה והיה מקוה לה יום יו

גגלוסט דם געלד הט זיא אויף זייא ניט גפרעגט כדי זיא זאל זוכה זיין צוא האבין מיט אים אזעלכי קינדר וואס זאלין מקבל זיין דיא תורה · גם אויך דו קלוגר וייס וואס פאר אחרפה דאס איז צוא אמענטש וואס מחמת צער פון ארומקייט גלוסט ער צוא שטארבין דען דם זעהט אוים גלייך ער האט שוין מקיים גיוועזן אלץ וואס ער בדארף מקיים זיין אונ ער האט שוין גאנץ גימאכט זיין נשמה אונ איז גורם מען זאל אין הימל זוכן זיין בוך אונ מען גיפינט אים אז ער איז חסר פון אלעמן אונ מען איז אויף אים גוזר מער יסורים אונ אויך דער וואס וויל שטארבין דער שפעט אוים דעם וואס דיא חכמים האבין גיזאגט (על כרחך אתה מת) איבר דאנק מוזטו שטארבין דאס שטארבן איז ניט מיט דעם מענטשינס ווילן אונ דער מענטש וואס שפעט אוים דיא רייד פון חכמים דער ווערט גימישפט מיט איין שווערין עונש · גם אויך דער וואס גלוסט צו שטארבין איז גלייך וויא ער מיאסט דיא מצות אונ גאטס דינסט ווארום ער זאל זיך פרייען צוא דינין גאט ב״ה וואלט ער ניט גיטראכט אין קיין שום צער אויף דער וועלט · ווארום עס איז ניט דא קיין גרעסערע שמחה דער פון וויא איין מענטש וואס האפט צוא ווערין איין עשיר נאך דעם אז ער וועט זיבען יאר ארבעטין איז דאך דיא ארבעט ביא אים גירעכינט פאר נישט קעגן דעם וואס ער וועט דער נאך איין עשיר ווערן · אך אז דער מענטש זעהט זיין יצר הרע איז זיך מתגבר אין אים זאל ער מתפלל זיין צוא זיין בשעפר אונ מעג אזו מתפלל זיין אויב מיין יצה״ר וועט מיך וועלין איבר ריידין איך זאל פאר דיר זינדיגן וויל איך בעסר דוא זאלסט מיך פון דער וועלט אוועק נעמין פאר מיין צייט אונ ניט זיין איין רשע פאר דיר אפילו איין רגע · דער וואס טוט אזו דער ווערט אן גירופן גאטס דינער ניט דער וואס טוט עס מחמת דעם צער פון גוף · עוד נאך איז שלעכט וואס איינר זאגט מיין טויט איז בעסיר פון מיין לעבין ממילא זאגט ער דאך אז גאט ב״ה טוט אים שלעכט דער מיט וואס ער טייט אים ניט אבער דער אמת איז דאך גאט ב״ה האט בשאפן דיא וועלט צוא בגיטין מיט זייני בשעפניש אונ יסורים וואס קומין אויף אים זענין אלץ פון זיין טובה וועגין סדי זאל אפ קומען דיא עבירות וואס ער האט גיטאן אודער צוא מערין זיין שכר כדי ער זאל זיך פרייען אין זיין לעצטי צייט · ועוד אויך דיא וואס האפין צו שטארבין גלייבן ניט אין משיח אונ אין דין אונ חשבון שכר אונ עונש ווארום אז ער זאל האפין משיח וועט קומין איז דאך מיגליך אז באלד

זאל

למה בוחר מות מחיים שאפשר מחר יבא וינצל מצרתו · תם אני מאמין בשכר הצדיקים ועונשי הרשעים אחר מותם איך מתאוה למות להנצל מכל צרה הן אמת שנצול מצער עה"ז אבל הולך בצער גדול ממנו כפלים במשפטי גיהנם על מה שעשה כי אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא ובפרט ביעתותא דמלאך המות ביציאת נשמתו וצער חיבוט הקבר אין זאת אלא שכופר בכל זה וסובר שבמותו ישוב עפר כמו שהיה ואין דין ואין חשבון על גוש עפר · ועז"א התנא ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך כלומר אל יבטיחך כדי להחטיאך באומרו בלבהך שאולה תחזור לעפר ואין דין וחשבון על עפר ונמצא שהשאול בית מנוס לך להנצל מכל עונש · כמו שפירשתי באורך בחיבורי פירוש על פרקי אבות אשר לי · גדולה מזו כל המתאוה המיתה בעבור שהוא בצער נמצא כל היום בתערומות עם הקב"ה שאינו ממלא תאותו וחושבו לאויב לו ח"ו וזה מביאו להיות תוהא על הראשונות ולמאום בתורה ובמצות ולבו מלא כפירות · ובהיות שמאס בחייו שוב אינו מתאוה בעבודת הבורא וכמת מחשב עצמו ואינו חש על חיי שום אדם ותמיד הדאגה דבוקה בלבו עד שמרוב הדאגה מתבלבל דעתו ומכח שטותו כופר בפרהסיא וכל מה שבלבו מוציא לחוץ עד שיכלו ימיו ברע וימות באין מוסר · לכן צריך האדם להיות שמח תמיד על איזה מצוה שקיים ואיך עבד לבוראו עוד יום אחד · ויחשוב בדעתו כי הצער והדוחק שעומד בו אין בערך מה שהרויח מהמצוה בעבור שיהיה חי על האדמה · ובהיות דעתו על זה לא ישגיח על צער ויהיה כרודף כל היום לבקש לקיים מצוה ויוציא זמנו בזה וישכח רישו · צא וראה אדון הנביאים ואב לחכמים משה רבע"ה שבקש להיות כחיות השדה וכעוף הפורח באויר (כדאיתא במדרש פ' וזאת הברכה) ושיניהנו הקב"ה בעה"ז ולא למות · ולמה כך נתאוה כך כדי להיות בעה"ז עוד כדי לעבוד לבוראו ולעשות מצוהיו אעפ"י שלא חסר דבר מן התורה שלא קים אלא היה מתאוה לחזור ולקיים מתוך אהבה וחבה שהיה עם קונו ולא היה חושש על הצער להיות כחיה או עוף בערך עבודת הבורא ועל זה הרבה בתפלות שיניחנו בזה העולם לפי שכיון שאדם מת נעשה חפשי מן המצות דכתיב במתים חפשי וגם לא המתים יהללו יה · ומה מרע"ה שקיים כל התורה כולה ובמותו היה הולך תחת

זאל קומען משיח וועט ער דאך שוין ניצול ווערין פון זיינע צרות · אוך ווען ער זאל גלייבן אין שכר פון צדיקים אונ אין עונש פון רשעים נאך זייער טויט וויא גלויבט ער צוא שטארבין כדי זיך מציל זיין פון צרות ער גייט דאך צוא איין צער וואס ער איז פיל מאל גרעסר דם איז דער משפט פון דעם גיהנם אויף דיא עבירות וואס ער האט גיטאן וואורום עס איז דאך ניט דא אמענטש וואס זאל ניט זינדגין אונ בפרט דאס שרעק פון דעם מלאך המות אונ דער צער פון חיבוט הקבר · מוז זיין ער לייקענט אין דעם אלמען · גדולה נאך מער דער וואס וויל שטארבין האט תמיד תערומות אויף גאט וואס ער דער פילט אים ניט זיין ווינש אונ דאס וועט אים ברענגין חרטה צוא האבן אויף דיא מעשים טובים וואס ער האט פריער גיטאן אונ פאר מיאסין אין תורה אונ מצות · ובהיות אונ מחמת ער פאר מיאסט זיין לעבין גלויבט ער שוין ניט אין דר דינסט פון דעם בשעפער אונ רעכינט זיך וויא אמת ביז עס ווערט מבולבל זיין דיעה אונ מחמת זיין שטות לייקענט ער בפרהסיא אין גאט ב"ה אונ וואס ער האט גיהאט אין הארץ טוט ער ארויס ריידין ביז ער וועט שטארבין אן מוסר · לכן דרום מוז דער מענטש זעהן זיך צוא פרייען אז ער איז מקיים עפים אמצוה אונ זאל זיך פרייען מיט זיין לעבין וייל ער דינט דעם בשעפר נאך איין טאג אונ זאל טראכטין אז דעם צער אונ איינגשאפט וואס ער האט איז דאס פיהל ווייניגר פון דעם שכר וואס ער איז מרויח פון דיא מצות וואס ער טוט · אונ אז ער וועט דאס טראכטין וועט ער ניט פרעגין אויף זיין צער אונ וועט זוכען מצות מקיים צוא זיין אונ וועט דרינען פאר ברענגין זיין צייט אונ וועט פאר געסן זיין ארומקייט · צא גייא אונ זעה דער גרעסטיר פון דיא נביאים אונ דער עלצטר פון די חכמים משה רבינו ע"ה וואס ער האט גוואלט גאט זאל אים לאזין לעבין אויף דער וועלט כדי צוא דינין דעם בשעפיר אונ צו טאן מצות תאמשי ער האט ניט אויסין גילאזט איין מצוה ער זאל זיא ניט מקיים זיין נאר ער האט גיגלויבט נאך אמאל זייא מקיים צוא זיין מחמת גרויס ליבשאפט וואס ער הט גהאט צוא זיין בשעפיר אונ האט דרויף גימערט תפלה טר זאל אים לאזין אויף דער וועלט וואורום אז דער מענטש שטארבט ווערט ער פרייא פון מצות מקיים זיין · ומה אונ ווען משה רבינו וואס הט מקיים גיוועזן גאר דיא תורה אונ נאך זיין טוט איז ער גיגאנגין אונטר דעם כסא הכבוד פון דעסט וועגן

כסא הכבוד ובמדרגות שאין בריה יכולה לעמוד · ועל כל זה רצה לסבול צער גדול בעוה״ז ולא למות כדי לעבוד לבוראו עוד זמן · ק״ו בן בנו של ק״ו כל אדם שהוא ריק מכל המצות ומלא עונות שבמותו מעותד לכל עונשים שאעפ״י שיעמוד בכל צער ודוחק שבעולם צריך שלא יבקש למו כי אם לבקש רחמים על חייו ולא יחוש לשום צער שבעולם בערך שמרויח בכל יום לקיים איזה מצוה ולפחות מה שמתפלל לפניו תפלת השחר ותפלת הצהרים וערבית · ודע שהחולי הזה נולד באדם מהבטלה שאדם שהוא בצער אפילו עני החוזר על הפתחים כשמתעסק באיזה עסק העסק טורדו מלחשוב בעומק צער שהוא בו ומבטלו מלבקש למות · וכמה הגדילו רז״ל לדבר על ענין הבטלת כמה רעה כנודע וצוו שחייב אדם ללמד את בנו אומנות ובכלל כוונתם שהוא כדי שימצא במה יתפרנס ג״כ למונעו מלחשוב מחשבות זרות ולהרגיש בצערו כדי שלא יבקש המיתה בפיו · ות״ח עסק תורתו מונעו מכל זה אם יהיה עוסק בה תמיד ולא יתעסק בבטלה שהרי התורה ביקשה מהקב״ה שיעסקו בה מתוך רוחק כארז״ל · ועינינו הרואות שעוסקים והולכים ואינם עוזבים אותה אין זה כי אם שאין משגיחים בצערם מתוך מה שעובדים לבוראם בעסק תורתו :

# פרק ו

יודע הלבבות ובוחן הכליות ורואה בדאגת לבות בני אדם מסבות מקריות המאורעות רעות גזר אומר ע״י נבוניו רבותינו חכמי התלמוד ז״ל שאמרו אין אדם נתפס על צערו א כאשר הוכיחו מאיוב שאחר שפער פיו והרחיב לשון כלפי מעלה עד שהבריו הוכיחוהו בדברים קשים לכבוד המקום ועכ״ז הרה אף ה׳ בהם על שדברו עמו קשות באומרם איוב לא בדעת ידבר ודבריו לא בהשכל · ואע״פ שאין אנו יכולים להכחיש הטבע המחייב לאדם צער ודאגה בהגיע מהמאורעות הזמן ולבטלו מעסק מילי דשמיא כתורה וכמצוה כמאמר החכם

א כ״ש נתפש האדם על הקב״ה ע״י צערו אין הקב״ה מעניש :

האט ער פארט געוואלט בלייבן אויף דער וועלט צו דינען זיין בשעפיר נאך א צייט · איז שון אפשיטא איטליכער מענטש וואס נאך זיין טויט איז ער אן גבריים צו געבין דין וחשבון געהער בוודאי בעטין גאט ער זאל אים דער לענגרין זייני יארין אונ זאל ניט זארג האבין אויף קיין שום צער אויף דער וועלט קיינען דעם וואס ער איז מרויח אלי טאג מצות אונ צום ווייניגסטין וואס ער דאווינט אין דער פריא אונ מנחה אונ מעריב · ודע זאלסט וויסן אז אמענטש בעט דעם טויט אויף זיך קומט עס מחמת ער גייט בטל ארום ווארום דער וואס איז עוסק עפים אין איין עסק האט קיין צייט צוא טראכטין שטארק אין דעם צער וואס ער איז דרינען · אונ אונזערי חכמים האבין נייער פיל געשענט דעם וואס גייט ארום בטל אונ האבין גזאגט אמענטש איז חייב צוא לערנין זיין זון איין מלאכה כדי ער זאל האבין מיט וואס זיך מפרנס צו זיין אונ אויך ער זאל ניט טראכטין פרעמדי מחשבות אונ צו פילין אין זיין צער · דרום זאל ער אים לערנין אמלאכה וועט ער ניט ארום גיין בטל אונ וועט פר געסין אביסל אין זיין צער וועט ער שון בוודאי ניט בעטין דעם טויט אויף זיך · ות״ח אונ צו איין תלמיד חכם פר מייד אים דאס לערנין פון דעם אלמין דען דיא תורה האט געבעטן פון גאט ב״ה אז מען זאל אין איר עוסק זיין פון איינג שאפט אזו וויא אונזערי חכמים האבין גיזאגט אונ מיר זעהן דאך אז דיא ת״ח זיצין אונ לערנין האטשי עס איז זייא זייער איינג ווייל זייא פרעגין ניט אין זייער צער מחמת דעם וואס זייא דינען דעם בשעפיר מיט זייער לערנין תורה :

פרק ו יודע הלבבות דער וואס ווייסט דיא הערצער אונ שאפט מיט דיא בייזע טרעפונג וואס טרעפן זיך דעם מענטשין דער האט גזאגט דורך זיינע חכמים פון דער גמרא אז איין מענטש ווערט ניט גיטאפט אויף זיין צער · כלומר ווען אמענטש איז מתרעם וואס ער האט פיל צער שטראפט אים ניט גאט דער פאר · כאשר וויא מיר גיפינען ביי איוב דאס ער האט גיעפינט זיין מזיל אונ האט גירעט קעגין גאט ברוך הוא ביז זיינע חברים האבין אים גישטראפט איז גאט ב״ה ברוגז גיוועזן אויף זייא ווייל זייא האבין מיט אים גירעט הארטי רייד אונ אויף איוב איז ער ניט ברוגז גיוועזן ווייל ער האט גירעט מחמת צער · ואע״פ אונ האטשי מיר קענין ניט לייקענין דיא טבע וואס איז מחייב דעם מענטשין צער אונ זארג אז עס טרעפט אים אומגליק אונ איז אים בוודאי מבטל פון תורה אונ מצות אזו וויא דער חכם האט גיזאגט דיא תורה פון דעם וואס זארגט איז נאר פון דיא לעפצין כלומר מחמת דאגה קען ער ניט לערנין דרום בדארפין מיר זוכן אופנים ווי ארום דער

דרך הלצה תורתו של דוא״ג מהשפה ולחוץ · ירצה תורתו של מי שהוא דואג מסבת איזה צער לומר באין מבין ודבריו לא בהשכל כי אם מן השפה ולחוץ עכ״ז צריכים אנו לבקש אופנים ממיני תנחומים לאדם הדואג לבא עמהם נגד הטבע כדי שיוכל האדם לעבוד לבוראו בשמחה שהיא עבודה ראויה ולא ישגיח לשים לב אל המקרה שפגע בו · והנה עתה נזכיר קצת מהמקריות הבאים על האדם מדופי הזמן בלתי נאמן כדי להזכיר אח״כ נחמתם אלו הן · טלטול · רדיפה מאחיו וקרוביו · מחורף · מגודף · בנים שאין ממלאים מקום אבותיהם · חסרון בנים · בנים שאין הולכים בדרכי אביהם הצדיקים · בנים סוררים · אויבים ושונאים לאדם · עניות · אומנות מגונה בעל יסורין · מיתת בניו בחייו · כהות עינים · אשה רעה קשה מכולם · וכן רבים כאלו רבו מספר · והנה אלו המקריות ויותר מהם נתחלקו בגדולי עולם צדיקים גמורים שהעולם נברא בעבורם · אברהם ראש המאמינים שפרסם אלהותו בעולם היה נרדף מנמרוד ויצא בטלטול מארצו וממולדתו אל ארץ אשר לא ידע תמול שלשום · וכן יצחק ויעקב הגיע להם מהטלטול יצחק לגרר ארץ פלשתים יעקב לחרן · יצחק המנוסה כהו עיניו וכן כמה מחסידי עליון חכמי התלמוד כגון רב ששת ורב יוסף יעקב בחיר שבאבות היה נרדף מאחיו עשו הרשע ומכל אנשי ביתו הקרובים ויוסף הצדיק נרדף מאחיו הצדיקים · מרע״ה רדפוהו דתן ואבירם עד שנתחברו עם קרח ועדתו ורדפוהו וגדפוהו עד שחשדוהו בא״א כארז״ל · גם הגיע לו צער שאליעזר וגרשם לא מלאו מקומו ויהושע ירש מקומו · ליהושע ראש הכובשים לא היו לו בנים כי אם בנות · בני עלי ובני שמואל לא הלכו בדרכי אביהם · חזקיה הצדיק היו לו בנים סוררים דוד ראש למלכים ביקש בנו להרגו גם לו נתרבו האויבים והשונאים כדואג ואחיתופל וכדומה ובקשו להמיתו · הלל ורבי חנינא בן דוסא ורבי אלעזר בן פרת וכאלה רבים פגע בהם מדת העניות ואומנות קשה · כהלל הענין שהיה חוטב עצים ור׳ יוחנן הסנדלר מתעסק במנעלים וכאלו מהשלמים שנתעסקו באומניות כאלה כנודע · רבינו הקדוש שלא הניח כמותו נתייסר בחולאים קשים שנים הרבה רבי יוחנן מתו לו כל בניו בחייו · כמה מחסידי עליון פגעו באשה רעה כנודע מכמה מעשיות שבתלמוד ובמדרשי׳ · כלל העולה שכל חולי וכל מכה וכל מיני מקרה רע שבעולם תמצא שהגיע לקדושים אשר בארץ המה דוק ותשכח · ובהיות כן בפגוע אחת מהנה

מענטש זאל זיך טרייסטין כדי ער זאל קענין דינען זיין בשעפר מיט שמחה ארעכטע דינסט אונ זאל ניט פרעגין אויף דיא טרעפונג וואס בגעגינט אים · והנה אונ אצונד וועל איך ריידין פון דיא טרעפונג וואס קומען אוף דעם מענטשין כדי איך זאל אויף שרייבין זייערי טרייסטונג אונ דאס זענין זייא · ער ווערט נאך גיאגט פון זיינע ברידר אונ קרובים ער ווערט גילעסטערט פון לייט · ער האט קינדר וואס זענין ניט גוט אדער ער האט קיין קינדר נאר ניט ארומקייט · שווערי מלאכה · איין בעל יסורים · דיא קינדר שטארבין בייא זיין לעבין · טונקעלי אויגן · אשלעכט ווייב · והנה דיא טרעפונג אונ נאך גרעסערי דער פון דיא זענין צוא טיילט גיווארן צוא גרויסע צדיקים אברהם האט מפרסם גיווען גאטס נאמין אויף דער וועלט איז גיווען איין נרדף פון נמרוד אונ אזו אויך יצחק איז גגאנגין קיין גרר אין לאנד פלשתים יעקב קיין חרן · יצחק וענין גיווען טינקל זיין אויגן אונ אזו אויך פיל פון דיא חסידים פון דער גמרא דהיינו רב ששת אונ רב יוסף זענין בלינד גיווען · יעקב דער בעסטיר פון דיא אבות איז אנטלאפין גיווארן פאר זיין ברודער עשו הרשע אונ יוסף הצדיק איז גיווען אנרדף פון זייני ברידער די צדיקים צו משה רבינו עליו השלום האבן דתן ואבירם זיך בהעפט מיט קרח אונ זיין עדה אונ האבין אים גילעסטערט יהושע האט קיין זין ניט גהאט דיא קינדר פון עלי הכהן אונ דיא קינדר פון שמואל הנביא זענן ניט גיגאנגין אין דיא טריט וועגין פון זייערי פעטער חזקיה הצדיק האט גהאט שלעכטי קינדר דוד המלך האט זיין זון אים גיוואלט הרגין אונ האט גיהאט פיל שונאים הלל אונ רבי חנינא בן דוסא אונ רבי אליעזר בן פרת אונ נאך פיל אזעלכי זענין גוועזן זייער ארום אונ האבין גיטאן אשווערי מלאכה אזו גליך וויא הלל וואס האט גהאקט האלץ אונ רבי יוחנן הסנדלר האט גנייט שיך אונ נאך וועלכי גלייכן פיל צדיקים וואס האבין עוסק גוועזן אין וועלכי מלאכות · רבינו הקדוש איז געשטראפט גיווארין מיט שווערי קראנקהייט פיל יאר בייא ר׳ יוחנן זענין אלי קינדר גישטארבין פיל גרוסי חסידים האבין גיהאט בייזי ווייבער אזו וויא עס איז גישריבין אין דער גמרא · דער כלל דער פון איז דאס פיל שלעכטי טרעפונג האט גיטראפט צו דיא צדיקים · ובהיות אונ אז עס איז יזא אזו עס טרעפט צו וועלכין מענטשין יסורים ח״ו אזו וויא עס זענן

לאיזה אדם או רבים יחד כאשר באו לנחום איש גם זו כדאיתא בתענית וכמו שהגיע על איוב תם וישר וירא אלהים וסר מרע אין לו מקום לדאוג ולהצטער על הדבר הקשה שבא עליו פן יחשדוהו לבלתי הגון כיון שפגעו בו מהחולאים והחסרונות · כי יש מקום לו להתגבר במענה פיו ולהשיב לחושדו דבר הרי לחסידי עליון אירע כמ״ני · ובהם יתנחם כל אדם ויסיר דאגה מלבו בנושאו ק״ו בעצמו לומר אם לידידי ואהובי עליון הגיע להם כך וכך וקבלו בשמחה אנכי עפר ואפר עאכ״ו · ובזה יקנה שמחה והוזק בלבו ויסיר דאגתו ויעבוד לבוראו ויגיל ברעדה וילך בטח ולא נתייאש מחייו · ואתה בן אדם אחר אשר אתה ידעת שכל חולי או מכה ומקרה רע נתחלק בין חביבי עליון למה תקוץ בחייך אם הגיע לך רדיפה או טלטול או חירוף או גדוף או שונאים או אויבים או חולי או יסורין או מיתת בנים או מום או אשה רעה · או בנים בלתי הגונים הרבה במוסר עמהם עד יום מותם להזהירם למוטב · זאת החיוב עליך בלבד ובזה את נפשך הצלת ואיש בעונו ימות · שהרי להם בא המאורע הרע להרבות שכרם ולך למרק עון ולמה תקוץ ממנו כיון שהיית חייב לאותו מקרה · וזהו משל לכי שהיה חייב לאוהבו חוב גדול ובראותו אוהבו שיכבד עליו החוב בא וצערו בהכות אותו וכוונת הכאתו כדי שבעבור שהכהו למחול לו החוב · שבודאי ראוי להייב הזה שישבח על המכה ועליו לשבח לאוהבו על מה שהכהו · כך האדם חייב להקב״ה על מה שחטא לפניו ועכ״ז זן ומפרנס אותו כי אין בו מעשים לאכול מדיליה וכראות הקב״ה שמתרבה החוב על האדם מכהו ביסורין לנכות החוב · שודאי חיוב על האדם להודות להלל ולזמר על אותה מכה שבא עליו כי אין ספק שלטובתו בא · ובעלות זה על לבבך תהיה כל ימיך בשמחה ולא יטריד לדאגת המקרה

גיקומן פיל יסורים צוא נחום איש גם זו אונ אויף איוב וואס ער איז גיוועזן אגרויסער צדיק · גיהער דער מענטש זיך ניט מצער צוא זיין טאמר וועט מען אים חושד זיין אז ער איז איין רשע וויל עס האבין אים גיטראפן דיא קראנקהייט זאל ער זיך ניט מצער זיין ווארום ער קען ענפרין פאר וואר צוא דיא גרוסי חסידים האט זיך אויך גיטראפן אזוא וויא מיר אונ מיט זייא זאל זיך איטליכיר מענטש טרייסטין אונ ער זאל זאגין מה דאך צוא דיא גיליבטי צדיקים וואס גאט ב״ה האט זייא ליב האט אזעלכי יסורים גיגרייכט אונ זייא האבן עס אן גינומן מיט שמחה · איך וואס איך בין ערד אונ אש איז שוין אפשיטא אונ דער מיט וועט ער אפ טאן זיין דאגה אונ וועט דינין צו זיין בשעפיר אונ וועט זיך ניט מייאש זיין פון זיין לעבין · ואתה אונ דו מענטש וויל דוא ווייסט אז אלי קראנקהייט אונ שלעכטי טרעפונג איז צו טיילט גיווארין צווישין דיא גליבטי פון גאט ווארום זאלסטו פר מיאוסן אין דיין לעבין אז עס האט דיר גיטראפין אז דוא ביסט נע ונד אדר מען האט דיך גילעסטערט אדער האסט שונאים קראנקהייט אדער יסורים אדער דייני קינדער שטארבין אדער דוא האסט עפיס אמום אדער אבייז וייב · ווען דוא האסט קיין גוטי קינדער זאלסטו זייא שטראפין ביז אין זייער טויט צוא ווידער קערין זייא צוא גוטין דאס איז אויף דיר גיווארפין אונ דר מיט האסטו זיין לייב מציל גיוועזן אונ דער מענטש וואס וויל ניט הערין שטראף דייר וועט שטארבין דורך זייני עבירות · דען צוא דיא צדיקים קוקט עס צוא מערין זייער שכר אויף עולם הבא אונ צוא דיר זאנין זייא גיקומן אפ צוא מעקין דייני זינד אונ ווארום זאלסטו דאס פאר מיאוסין אז דוא ביסט שולדיג דאס זאל קומין אויף דיר · וזהו דאס איז וויא איינער איז שולדיג צוא זיין גוטען פריינד אגרויסין חוב אונ אז ער זעהט אז דער חוב איז אים צוא שווער איז ער גיקומין צוא דעם וואס איז אים שולדיג אונ האט אויף אים גישריגין מיט בייזין אונ דיא כוונה איז גיוועזן כדי מחמת דעם זאל ער אים מוחל זיין דעם חוב גיהער דאך דער בוודאי צוא פרייען זיך אוף דעם אונ דארף נאך צו לובין צוא זיין פריינד אויף דעם שרייאין אונ בייזערין אזו אויך דער מענטש איז חייב צוא גאט ב״ה אויף דעם וואס ער האט גיזינדיגט פאר אים אונ פון דעסט וועגין שפייזט ער אים אונ אז גאט ב״ה זעהט אז דער חוב ווערט גימערט שטראפט ער אים מיט יסורים כדי צוא מינערין זיין חוב נא גיהער דאך דער מענטש בוודאי צוא דאנקין אונ צוא לובין אים אויף דיא יסורים וואס קומין אויף אים וואס דאס איז בוודאי פון זיין טובה וועגין · ובעלות אונ אז דוא וועסט דאס איבר טראכטען וועסטו תמיד זיין פריליך אונ קיין דאגה וועט דיך ניט שטערין פון גאטס דינסט אזו וויא מען גיהער אים צו דינן צו גלויבין צו לערנין תורה אונ מצות מקיים זיין מיט אירי דקדוקים אונ ער

זאל

למנע לעבוד לבוראך כאשר יאות לעובדו לעשות התמדה בתורתו ולרדוף אחר מצותיו לקיים אותם בדקדוקיהם · ואל יעלה על דעתך כדעת השוטים אשר שמעתי באזני אומרים מובטחים אנו לעה"ב עם מה שאנו מתפללים שחרית מנחה וערבית ואנו עסוקים כל היום במלאכתנו ואין אנו גונבים וגוזלים ואין אנו רוצחים ולא זונים בנשי חברינו ואין אנו מריעים לשום אדם · ובהבטחה זו אין עוסקים בתורה ואין רודפים אחר מצותיה ואין חוששין על כבוד הכמים כ"א לפנים ואין מרחמים על העניים כ"א בעל כרחם · ואני אמרתי לשוטים אלו הן אמת שהן מצות גדולות מה שאתם עושים אבל אינם מספיקות להשלים נפשכם לשתהיו ראויים לראות גן עדן אפי' מרחוק וכ"ש וק"ו שעדיין לא הגעתם בקיום זה לכלל יהודים · משום שהשלש תפלות שאתם מתפללים חדא שהרגל בהן רגליכם מוליכות אתכם להתפלל וראיה שהיא תפלה בלא כוונה וכמה מחשבות ובלבולים בראשיכם ובמהירות כמשליך משא מעליו וברבוי דברים כל איש עם חבירו בתוך התפלה מעניני הבלי הזמן · ועוד דהליכה זו להתפלל כל אחד משום שמתבייש מחבירו שלא יקובל בעיניו · ועוד שאלו הם מצות הכרחיות בקיומם כיצד מוכרח הוא להתפלל כדי שלא להיות גרוע מעמים שהולכים לבית תפלתם · גם מוכרחים שלא לגנוב ולגזול ושלא לזנות מיראה שלא יתפרסם הדבר והם דברים קשים להשיגם ומכבת הסכנה הגדולה שבהן אדם מונע עצמו מלבקשם · גם מוכרחים שלא להרע עם שום בריה פן יתגבר עליו ויוציאהו מן העולם · לכן דעו כי אין אדם מובטח להיות מזומן לעולם הבא רק צריך להתפלל לפני הקב"ה בכל כוונת לבו ולמסור נפשו עליו ולכוין שמתפלל אליו משום החיוב הגדול המוטל עליו כי הוא אלוה שבוראו ובידו להחיותו ולהמיתו ובלהו אין אלהים · ולעסוק בתורתו בכל כחו על מנת לקיים · ואם בעל מלאכה הוא לקבוע עתים לתורה ובעת עשיית המלאכה יהא מחשבתו לתורה ואותה מחשבה מורה על החשק עליה · ואגב אורחיה מרויח דמחשבה זו מצטרפת למעשה כדכתיב לעשות רצונך אלהי חפצתי ותורתך בתוך מעי ירצה על ידי מה שאני חפץ במחשבתי בתורתך יחשב למעשה כאלו היא בתוך מעי · גם ישתדל בכחו בנפשו בממונו לקיים כל מצוה שאפשר לעשותה ושלא ינית גם שום מצוה מדברי קבלה ומדברי סופרים וגדרים וסייגים שעשו להודה והכל באהבה רבה ולהרבות בחסידות ולהיות

זאל ניט טראכטין וויא די שוטים וואס זאגין מיר וועלין האבין עולם הבא וויל מיר דאוונין שחרית מנחה מעריב אונ מיר זענין עוסק אין אונזר מלאכה אונ גנבנין ניט אונ גזלנין ניט אונ הארגנין קיינם ניט אונ זענין ניט מזנה אונ טוען קיין מענטשן קיין שלעכטס ניט אונ מהמת דעם פאר זיכרונג לערנין זייא ניט אונ יאגין ניט נאך מצות מקיים צו זיין אונ זארגין ניט דיא חכמים כבוד אן צוא טוען אונ דערבארמין זיך ניט אויף ארמי לייט נאר איבר דאנק · ואני אונ איך זאג צוא דיא שוטים אמת דאס וואס איר רעכינט אוס איז גרוסי מצות זייא זענין אבר ניט גנוג אז איר זאלט ווערט זיין אפילו צוא זעהן דעם גן עדן פון ווייטען אונ מכל שכן אז דורך דעם אליין דאט איר אויך ניט גיגרייכט צוא דעם כלל פון יהודים · ווארום דיא דרייא תפלות וואס איר דאוונט מחמת רגילות פירען אייך דיא פיס צום דאווינען אונ איר דאווינט אן כוונה אונ וויא פיל מחשבות האט איר בשעת דאווינען אונ זייער גיך וויא איינער ווארפט אראפ פון זיך איין משא אונ איינר מיט דעם אנדערין רעט אין מיטען דאווינען נארישקייט · אונ ווידער דריבער גייט איר דאווינען מחמת איינר שעמט זיך פאר דעם אנדרין ער זאל אים ניט האלטין פאר אשלעכטין · לכן דרום זאלט איר וויסען אז קיין מענטש איז ניט פאר זיכערט ער זאל האבין עולם הבא ער מוז מתפלל זיין מיט גרוס כוונה אונ זאל מכוין זיין אז ער איז מתפלל פאר גאט וואס האט אים בשאפין אונ אין זיין האנט איז אים לעבדיג צוא מאכין אונ צו טייטן אונ חוץ אים איז ניט פאר האנדין קיין גאט אונ מיט גאר זיין כח זאל ער לערנין תורה מקיים צוא זיין וואס דרינן שטייט אונ אויך איין בעל מלאכה זאל האבין גזעצטי צייטין צוא לערנין אונ בשעת מלאכה זאל זיין מחשבה זיין צוא דער תורה אונ גאט ב"ה איז מצרף דיא מחשבה צוא איין מעשה · גם אויך זאל ער זיך פלייסין מיט זיין כח אונ מיט זיין נפש אונ מיט זיין געלד מקיים זיין אלי מצות וואס ער קען טוען אונ זאל ניט אוועק לאזין קיין שום מצוה סאיי זעלכי מצות וואס מיר האבין איין קבלה דאס ווערט גירופין הלכה למשה מסיני אונ סאיי זעלכי וואס דיא חכמים האבן גימאכט כדי מען זאל ניט קומן עובר זיין אויף דער תורה אונ אלץ מיט גרוס ליבשאפט אונ זאל זיין פרום אונ גוט מיט גאט

את

טוב עם השמים והבריות ולתפוס דרכיו יתברך ללכת בהם כדכתיב והלכת בדרכיו · ולא יסור מלבו אהבתו יתברך ותורתו רגע עד שאם יהרגוהו על אהבתו ימסור את נפשו בשמחה · זה המזומן לחיי עה"ב · זולת כל זה הוא פתוי היצר הרע המפתה לאדם להרמות לו שבדברים הנהוגות בנשים קונה אדם עה"ב כדי לסמות עיניו שלא יחקור ולא יבין עוד גודל החיוב המוטל עליו לקיים כדי לקנות שלימות הנפש כדי שיזכה לעה"ב · לכן כדי שלא ילכד האדם ברשתו של יצה"ר המפתהו עד"ז ילך עם חכמים ויראים ובמקום ישיבתם ובהתחברם יחד על דבר מצוה ובראות רוב מעשיהם ודקדוקי חסידותם יתחכם ויבין שצריך הרבה כדי להשיג שלימות לנפשו לזכות לעולם שכלו טוב עולם שכולו ארוך ומשם ואילך לא יטה אזן עוד ליצרו כי הכירו לאויב לו בעצותיו הרעות והמקולקלות אשר יעץ לו בתחלה וכבר הכיר כי הבל המה מעשה תעתועים וכלי משחית לכלות נפשו ולהכינה ולהזמינה לשריפת אש בשאול תחתית שהנה עתה שנתחבר עם החכמים הכיר האמת כי רגלים לה להאמין בה :

**אשרין** לאדם המוציא כל ימיו בעבודת בוראו · אשריו לאדם שכל מחשבתו בהקב"ה ובתורתו · אשרי אדם שנענע אבריו בעסק התורה ובמצות · ודע כי אין טיפש כי אם המתחכם בספרים החיצוניים · אין סומא כי אם הרואה בהבלי העולם· אין חרש כהשומע בקול שירי עגבים ודברי תפלות ודברי בטלה · אין אלם כי אם לשון מדברת גדולות ודברי חלקלקות · אין שוטה כהשותק בדבר מצוה · אין מפסיד כ"א המרויח עונות ופשעים · אין קונה שם רע כ"א הקונה גדולות · אין קונה שפלות כי אם המתגאה · אין ישן תרדם כ"א הנעור בלילה ומפנה לבו לבטלה · אין עצל כהזריז לרוץ לרעה · אין עני כהמתעשר מן הגזל · אין חלש כהמתגבר ביצרו לעשות מה שלבו חפץ · אין מכוער כ"א המתקשט עצמו לעבירה· אין דאגה כי אם המשמח במשתאות של רשות · אין רוע מזל כ"א המתחבר עם אנשי מעלה מרגיזי אל · אין פחד כי אם המתייאש מן הפורעניות · אין יראה כי אם מי שאין יראת אלהים נגד עיניו · אין זיע כ"א מי שאין מזדעזע ונבהל מקללת חכם · אין רתת כ"א מי שאינו מרתת מיום הדין · אין הלהלה כי אם מי שאינו מתחלחל בזכור יום המיתה · אין בהלה כי אם מי שאינו

אונ לייט אונ צוא גיין אין דיא וועגין פון גאט אונ זאל ניט אפ לאזין איין רגע · דיא ליבשאפט זאל אזו זיין ביז אז מען זאל אים וועלין הרגנין איבר דעם ליבשאפט זאל ער זיך לאזין הרגנין מיט פרייד דער דאזיגיר איז אן גיברייט צוא עולם הבא אבר אז איינר טוט ניט אונ רעד זיך איין ער וועט בודאי האבין עולם הבא דאס איז פון דיא רייד פון יצר הרע וואס ער רעט אן דעם מענטשין בלינד צוא מאכין זייני אויגין ער זאל ניט פאר שטיין דעם חיוב וואס איז אויף אים מקיים צוא זיין ביז ער זאל זוכה זיין צוא עולם הבא · לכן דרום כדי דער מענטש זאל ניט פאלין אין נעץ פון יצר הרע · זאל ער גיין מיט דיא חכמים וצדיקים וויא זייא זיצין אונ אז ער וועט זעהן זייערי פיל מעשים טובים אונ פרומקייט דען וועט ער פאר שטיין אז מען מוז טוען פיל מעשים טובים אונ פיל מעשים טובים האבין כדי זוכה צוא זיין צוא עולם הבא אונ וועט שוין ניט צוא הערין זיין יצר הרע מיט זייני שלעכטי עצות דען אצונד אז ער בהעפט זיך צוא חכמים וצדיקים הט ער דער קענט דעם אמת וויא דער יצר הרע האט אים גיוואלט פאר פירין :

**אשריו** וואל צוא דעם מענטשן וואס פאר ברענגט אלע זיינע טעג אין דער דינסט פון זיין בשעפער · וואל צוא דעם מענטשן וואס אלע זיינע מחשבות זענין אין גאט ב"ה אונ אין זיין תורה וואל צוא דעם מענטשען וואס איז עוסק אין תורה אונ מצות · אונ ווייס אז דער איז איין נאר וואס זעהט אין דיא ספרים פון דיא אפיקורסים דער איז א בלינדער וואס קוקט אין דיא נארישקייט פון דער וועלט דער איז אטויבער וואס הערט זינגין לידער אונ ניבול פה איין שטומר דער וואס רעט שלעכטי רייד איין שוטה וואס שווייגט אין איין דבר מצוה עס איז ניט דא קיין גרעסערער שאדין פון דעם וואס טוט עבירות אונ שאפט זיך איין שם רע · דער וואס האלט זיך בעל גאוה דער שאפט זיך שפלות · עס איז ניט דא אזו איין ארום מאן וויא דער וואס איז רייך פון גזלה · עס איז ניט דא קיין שלאפער וויא דער וואס דער יצר הרע שטארקט זיך איבער אים · עס איז ניט קיין מיאוסער פון דעם וואס ציירט זיך פון וועגען איין עבירה עס הייסט ניט קיין שלים מזל נאר דער וואס בהעפט זיך מיט רשעים עס איז ניט קיין פחד נאר ביי דעם וואס איז זיך מייאש פון פורעניות ער דארף ציטערין דער וואס יוערט ניט דער שראקין פון דער קללה פון איין חכם

ער

נבהל בעלות על לבו משפטי גיהנם · ולא כן העובד אלהים ובתורתו עוסק ואחר מצותיו רודף הרי הוא חכם ופקח ושומע ובעל דברים ובן דעת ומרויח תמיד ובעל שם טוב ומרומם על כל מעלה והוא ער חריז ועשיר וגבור ויפה ושמח ורום המזל ובטוח מפחד ורתת וזיעה ובהלה וחלחלה :

**ואתה** בן אדם לסור ממוקשי מות יהיו עיניך פקוחות תמיד להבין ולהשכיל איך הקב"ה גומל לרשע רע כרשעתו כי אין להקב"ה לעשות ארובות בשמים ולהשמיע בקול מכריז ואומר הביטו וראו זהו שהבאתי על החוטא הוא בעבור רשעתו אלא יבין מעצמו על ידי רמז וישקול הפגע שפגע בו שהוא מעין החטא שבו נכשל · דלמה יגרע מן האלם שעושים בפניו רמזים והוא מבין והוא כמו מעשה בפועל ואין מבין · ובהיות האדם שוקל תמיד העונש נגד החטא שבו נכשל או הפשע אשר פשע ישתרש בלבו כי יש משגיח על כל דרכי איש והוא צעדיו יספור ובזה יכנע לבבו הערל על היראה בראות שיש רואה והוא בוחר בטוב ומואס ברע תם לא ימנענו בושת ב"ו מלקיים תורה ומצות שבהיות: מודה על השגחתו יתברך על כל מעשיו יתאמת לו יום הדין והחשבון· וייעצוהו כליותיו · ראיך יעכב לו בושה של ב"ו לבטל מלקיים דברי אל חי אשר ביום הדין והחשבון יגררו בחבלים לאיש אשר ממנו נתבייש נפות בנוד ופניו כשולי קדרה ומסרחונו יברח למרחקים ומה יאמר ומה יענה אז אם יוכל לומר רבש"ע מזה נתביישתי ולא ממך · מה צרה יגיע לנפשו · זה ישים האדם נגד עיניו בחיים היותו ולא יכלם ולא יתבייש משום אדם שבעולם נגד אהבתו יתברך וכמאמר התנא הוי עז כנמר וכו' לעשות רצון אביך שבשמים · עוד ישים האדם נגד עיניו כי יש לאל ידו להשלים עצמו בכל מיני שלמיות כי הוא גרוע ממלאכי השרת ומחיות הקודש ומסגולות המעלות הנמצאים בדומם וצומח ובבעלי חיים ולמה יתרשל כיון שכח בידו לעשות לקנות כל שלימות החסד ממנו ולכלול בו שלמית כל הבריאה אשר ברא אלהים · הנה יש יתרון למלאכי השרת מן האדם היותם בעלי כנפים ויודעים בעתידות ורואים ואינם נראים ובחיות הקודש מהירות הריצה כדכתיב והחיות רצוא ושוב כמראה הבזק . וע"י שמקיים האדם מצות ציצית דכתיב בו על ציצית הכנף פתיל קונה שליטותם

ער דארף שרעקין דער וואס שרעקט ניט פאר דיא יסורים פון גיהנם · ולא אבער דער וואס דינט גאט אונ איז עוסק אין תורה אונ אין מצות איז קלוג אונ פאר נעמט רייד אונ רעט צו צו אדבר מצוה אונ האט שכל אונ גיווינט תמיד תורה אונ מצות אונ האט איין גוטין שם אונ האט אלע מעלות אונ איז איין זריז אונ איין גבור אונ פריילך אונ האט איין הויך מזל אונ איז פאר זיכערט פון פחד אונ דער שרעקעניש : ואתה אונ דוא מענטש דייני אויגען זאלען אפען זיין צוא זעהען וויא גאט ב"ה בצאלט דעם רשע בייז חיא זיין רשעת איז ווארום גאט ב"ה בדארף ניט אום רופען מיט איין קול אונ זאגין זעהט ראס פורעניות וואס איך האב גיבראכט אויף דיא זינדיגער נאר ער זאל אליין פר שטיין אונ זאל וויסין דיא יסורים וועט ער זעהען אז זיי זענין קעגין דר עבירה וואס ער איז דרינען גישטרויכילט גיווארין . דלמה דען ווארום זאל ער ערגיר זיין פון דעם שטומין וואס מען ווינקט אים אונ ער פאר שטייט אונ אז דער מענטש וועגט תמיד דיא יסורים קעגין דיא זינד ווערט איין גיווארצילט אין זיין הארץ אז עס איז איין משגיח אויף אלע דיא מענטשען אונ ער ציילט זייני טריט אונ דורך דעם ווערט אונטער טעניג זיין הארץ אונ וועט טוען גוטס אונ פאר מיאוסין שלעכטס אונ אויך וועגען בושה וועט ער ניט מבטל זיין פון תורה אונ מצות ווארום וייל ער גלויבט אז השי"ת איז משגיח אויף אלע זיינע מעשים ווערט ביי אים אמת אז עס וועט קומען איין טאג חס ער וועט דארפען אפ געבין חשבון אויף זיינע מעשים · ראיך דען וויא זאל ער וועגען בושה פון איין בשר ודם מבטל זיין דיא רייד פון דעם לעבעדיגען גאט אין דעם טאג וואס ער וועט אפ געבין דין אונ חשבון וואס וועט ער ענפערין וועט ער דען קענין זאגין רבש"ע פאר דעם האב איך זיך גישעמט אונ פאר דיר ניט דאס זאל דער מענטש איבער טראכטען ווען ער לעבט אונ לאז זיך ניט שעמען פאר קיין מענטש קעגין דיא ליבשאפט פון גאט· עוד נאך זאל דער מענטש טראכטן אז ער האט כח זיין נשמה גליקליך מאכען ווארום זאל ער זיך פולען אז ער קען זוא אזעלכעס טאן ער זאל דורך דער זאך קענין שאפען אלערלייא שלמות · הנה נון דיא מלאכים האבין מער מעלה פון דעם מענטשין זייא זעהן אונ מען זעהט זייא ניט אונ די חיות הקודש האבען נאך מער

מעלה

להיות גם הוא בעל כנפים כמוהם · ובהתחכמותו בתורה רואה את הנולד דחכם רואה את הנולד במאמר התנא הרי ידע עתידות בחכמתו כמלאכים · וסגיע בכח תורתו למדרגת פנחס שהיה רואה ואינו נראה כרז״ל על פסוק ותקח האשה את שני האנשים ותצפנו · ובהיותו רץ במצות בהתמדה כדכתיב דרך מצותיך ארוץ וכמאמר התנא הוי רץ למצוה קלה מדמה עצמו לחיות הקודש הרצות · ובדומם הארץ מוציאה עץ פרי עושה פרי ומיני צמחים ופרחים ובכללם אבנים יקרות כנופך ספיר ויהלום המאירות ולילה כיום יאיר מכח אור מאורותם וכמה מהסגולות המעילות מוטבע בהן. כאבן האודם הנקרא רובי״ן שמועיל להריון כמו שכתבו חכמי הטבע בספריהם אבן הסמיראלד״ה הוא אבן קנאות שהנושאה עליו אם עושה זנות מיד נשברה מקנאה ואבן הסאפיר״ה סגולתה להחכים והפירל״ה סגולתה לתת חן לנושאה עליו בעיני כל רואיו וכן כל אבן ואבן יש סגולה מיוחדת לכל אחת ואחת · ואדם על ידי עסק התורה וקיום מצותיה כילל בו כל אלו הסגולות שע״י חדושי התורה שמחדש בכל יום ופרפראות לחכמה קונה שלימות הארץ המוציאה פירות ומיני צמחים ובעסק התורה בלילה כיום ישים קונה מאורות כל אבן יקרה דחכמת אדם תאיר פניו על ידי התורה שנקראת אור שנאמר כי נר מצוה ותורה אור · ובכח תורתו וצדקותיו מתפלל על ההריון כדכתיב ויעתר יצחק לה׳ ויעתר לו ותהר רבקה אשתו וקונה סגולת הרובי״ן · ובהיותו ת״ח מקנא על הזנות כפנחס וקונה סגולת האיסמירלד״ה · ובעסק התורה חוט של חן משוך עליו כדכתיב כי לוית חן הם לראשך כסגולת הפירל״ה ותורתו מוסיף חכמה על חכמתו דכתיב יהב חכמתא לחכימין כסגולת הסאפיר״ה דמחכים לכל נושא אותה עליו · וכן קונה על ידי התורה סגולות שאר אבנים טובות ומרגליות דוק בסגולתם בספרי המחקר ותשכח סגולתם באדם העוסק בתורה כי לא יכולתי לפורטם מפני יראת אריכות שדי בזה לתכלית כוונתנו · גם יש בצומח עשבים מחולפים בסגולתם יש מהם ממיתים ויש מהן מחיין לאדם כנודע מרז״ל במדרש דיש עשב מחיה מתים ובהן סגולת הרפואות לאין חקר ואדם בעסק התורה קונה סגולתם ממית מי שראוי להמית על דרך נתן עיניו בו ועשהו גל של עצמות · ומחיה מי שראוי להחיות כאליהו לבן הצרפית ואלישע לבן השונמית ויחזקאל שהחיה בני אפרים ורבי יוחנן לרב כהנא ורבי חייא לעבדו של תלמי המלך וכאלה רבי המעלה שהחיו מתים וכן עתיד להיות על ידי מלך המשיח · ובעוסקים בתורה ג״כ סגולת הרפואות לרפא כל חולי וכל מדוה בתפלתם לפני הקב״ה וכאלישע שרפא צרעת נעמן · ובבעלי חיים בלתי מדברים בהמות חיות ועופות

ונמצא

מעלה אונ אז דער מענטש איז מקיים מצות אונ איז קלוג אין דער תורה זעהט ער אויך וואס וועט זיין מילא איז ער דריגין וויא מלאכים · אונ מיט זיין תורה קען ער קומין צוא דיא מעלה פון פנחס דאס ער האט גיזעהען אנדערי אונ אים האט מען ניט גיזעהען אונ אז ער וועט תמיד לופען מצות מקיים זיין גלייכט ער זיך צוא דיא היילעגע חיות וואס זייא לופען · אונ דיא ערד האט איין מעלה וואס ברענגט ארוס פירות אונ ציהט אוס אלירלייא בליאונג אונ טייערי שטיינער אונ דער מענטש דער וואס לערינט תורה אונ איז מקיים מצות איז גלייך וויא ער ברענגט אויף פירות אונ אלערלייא בליהונג אונ אז ער לערינט ביא נאכט קריגט ער דאס ליכטיקייט פון די טייערי שטיינער ווארום דיא חכמה פון דעם מענטשין טוט לייכטען זיין פנים · אונ מחמת זיין צדקות איז ער מתפלל אויף איין עקרה אז זיא זאל טראגענדיג ווערען אונ גאט ב״ה הערט אים צו ער לערינט תורה ווערט אויף אים גיצויגען פון גאט איין חוט של חסד אונ האט חן ביא אלע אונ דורך דער תורה ווערט ער אלע מאל מער חכם אזוא וויא עם שטייט אין פסוק (יהב חכמתא להכימין) גאט ב״ה גוט קלוגשאפט צוא קלוגי · גם אויך איז פאר האנדין אין דיא קרייטיכץ דיא סגולה וואס קענין מאכין לעבידיג אזוא וויא עם שטייט אין מדרש אז עס איז דא אזוא אקראטאכץ וואס קען טוטע לעבעדיג מאכן אונ דער מענטש וואס לערינט תורה אונ איז אצדיק קען לעבעדיג מאכין גלייך וויא אליהו האט לעבעדיג גימאכט דעם זון פון דער אשה הצרפית אונ אלישע דעם זון פון דיא שונמית אונ יחזקאל האט לעבידיג גימאכט דיא קינדער פון אפרים אונ רבי יוחנן צוא רב כהנא אונ ר׳ חייא צוא דעם קנעכט פון תלמי המלך אונ נאך פיל זעלעכע גלייכען וואס האבען מחיה מתים גיוועזן אונ דר מלך המשיח וועט אויך מחיה מתים זיין . ובעוסקים די וואס לערנין תורה איז אין זייא דיא סגולה פון אלע רפואות דען מיט זייער תפלה היילען זייא אלע קראנקהייט אונ אלע וויא טאג אזוא וויא אלישע האט גיהיילט דיא קרעץ פון נעמן · ובבעלי אינ

אין

ינמצא בהן התחכמות והמצאות כשועל וכדומה מהן סגולת אריכות הימים הרבה כדכתיב וכתול ארבה ימים ב ויש מהן בסגולת הגבורה כארי וכדומה · ובבהמות הכמת המלחמה בקרנותיו כאשר המצא בספר שער השמים · ועל ידי עסק התורה קונה אדם סגולת החול דהתורה מאריכה ימיו של אדם דכתיב כי היא חייך ואורך ימיך וכתיב כי בי ירבו ימיך וכתיב עץ חיים היא למחזיקים בה · וקונה גבורת הארי דכתיב אני בינה לי גבורה · ולוחם במלחמתה של תורה ומנצחים זה לזה בפלפולים שע״ז נקראים בעלי תריסין כנודע · הרי על ידי דביקות האדם בהקב״ה ובתורתו משלים עצמו מכל מה שחסר ממנו מסגולות הטובות הנמצאים בכללות הבריאה כמדובר ובהיות כן שביד האדם לעלות על כל הבריאה אם ח״ו לא יעשה בזה כמה מהבושה והכלימה מגיע לו ביום הדין בראות עצמו נעדר מהדומם והצומח ובעל חי הבלתי מדבר ובהיות לאל ידו להשלים עצמו ולא עשה · זאת אשים על לבי אני הכותב על כן אני אוחיל לעשות ולקיים · והנה לרפואת הנפש הנני מציג לפניך מרקחת בדוקה · נעימה ומתוקה · לחלשות תשות כח הנשמה מועיל לכל חולי וכל מכה שלא יתקרב לאדם . לרבינו יהודה הריזי ז״ל · הוא ז״ל הביא בקיצור נמרץ כאשר הראה בספר התפוח · ואני הכותב הארכתי אותה בתוספת על תוספת ביתר שאת ויתר עז · וזה המרקחת אשר עמה תתרפא רפואות הנפש והגוף · קח ששה שרשים שורש יראת שמים ושורש שפלות · ושורש ענוה · ושורש ביישנות · ושורש רחמנות · ושורש גמ״ח · וענפי אילני השכלות וחכמות אלהיות · ועשבי מצות עשה ול״ת · ושבולת סייגים וגדרים · ופרחי הצדקה ופיוס דברים לעניים וצמחי הענוה והשפלות ופירות האמת ועסק התורה · ותכתוש הכל במכתשת החרטה והוידוים ותבשל הכל במי טבילה וטהרה · ותערבם בכף דמעות העינים וחרוק עליו בשמים של דקדוקי המצות וההסידות ויהיה מטגן בשמן שם טוב · ותשים כל המרקחת על עלי התשובה והחרטה על כל העונות ושכב על משכב היסורין וסוך עצמך במרקחת זו מבית ומחוץ ומיד תזיע זיעת מחילה וסליחה וכפרה ובזה רוטפש ג בשרך מנוער תשוב לימי עלומך וכנולד דמי · ומרקחת זו רמזה חכם שבחכמים שלמה המע״ה בדברים מעוטים באומרו בספרו הקדוש משלי חכמים וחידותם רפאות תהי לשרך ושקוי לעצמותיך

ב עוף סוף בשמו חול ולא נקנסה עליו מיתה לפי שלא טעם מעץ הדעת ולבסוף אלף שנים כוח חוזר לנערותו : ג פסוק כאיוב ופירשו בו לטוב ופש · ופש מלשון ופשתם כעגלי מרבק (מלאכי ג׳) :

אין די לעבידיגע בשעפעניש וואס קענין ניט ריידן געפינט מען קלוגשאפט ביי דעם פוקס אויך איז דא אזעליכע וואס לעבין לאנג וויא דער פוגעל וואס הייסט (חול) וויל ער האט ניט פאר זוכט פון דעם עץ הדעת אונ נאך טויזנט יאר ווערט ער ווידער יונג · דער לייב האט גרוס גבורה אונ דיא אוקסען שטרייטען מיט זייערי הערנר אונ דער מענטש וואס לערינט תורה קריגט ער די סגולה פון דעם עוף (חול) ווארום דיא תורה דער לענגערט זיינע טעג אונ קריגט דיא גבורה פון אלייב וויא עס שטייט אין פסוק (לי גבורה) דיא תורה זאגט ביא מיר איז דאס שטארקייט אונ שטרייט אין דער מלחמה פון דער תורה וואס זייא זענין זיך מפלפל אין דער תורה · אז עס איז יוא אזוא אז דער מענטש האט כח צוא זיין העכיר פון אלע בשעפעניש אוב ח״ו ער וועט עס ניט טאן וועט אים פיל בושה גרייכען אין דעם יום הדין אז ער וועט זעהן וויא ער איז ערגיר פון אלע בשעפעניש · והנה איך וועל דיר געבין אזיסע רפואה צוא דער נשמה צוא דיא וואס עיער נשמה איז שלאף · דורך דער רפואה וועט געהיילט ווערין דיא נשמה אונ דער גוף · נעם דיר ווארצלין פון יראת שמים פון שפלות ענוה בושה רחמנות אונ גמילות חסד אונ דיא צווייגין פון דעם בוים פון שכל אונ דיא אמתי חכמה אונ גראז דאס איז מצות עשה אונ לא תעשה אונ זאנגן זענין דיא גדרים וואס דיא חכמים האבען גימאכט אונ בליאונג דאס איז דיא צדקה אונ גוטע רייד צוא ארמי לייט אונ פירות דאס זענין מצות אונ תורה לערנין אונ זאלסט דאס אלין צוא שטוסען אין דעם שטייסעל פון חרטה אונ מתודה זיין אוף דיא זינד אונ קאך דאס אלין אין וואסיר פון טבילה אונ ריינקייט · והערבם אונ צוא מיש זייא מיט דיא טרערין פון דיא אויגען אונ וואָרף דרוף בשמים פון דקדוקי מצות אונ פרומקייט אונ עס זאל זיין גיפרעגילט מיט אגוטען שם אונ שמיר דיך פון אינווייניג אונ אויסען ווייניג דען וועסטו תיכף שוויצען אין שווייס פון מחילה אונ סליחה אונ פאר געבונג אונ וועסט זיין אן זינד גלייך וויא דוא ביסט ערשט גיבארען גיווארען : אונ דאס האט שלמה המלך מרמז גיוועזן אין ספר משלי (רפאות תהי לשרך) דיא תורה וועט דיך

איין

איין גשמה דאס ער זאל פאר שטיין און קלינגען און מיהען זיך צו דינען זיין בשעפר און זוכען אופנים וויא ער זאל אנטלויפן פון יצה"ר און דינען זיין בשעפר דאס זיין וועג זאל לייכטין אז ער וועט גיין צו עולם הבא מקבל זיין שכר צו בעמיהען זיך אין תורה און מצות און קומן אויף עולם הבא גאנץ אן אמום און זיצן אויף זיין ארט מיט כבוד און גדולה אין איין הויכר מעלה מיט פרייד און לויבן און צו זעהן דיא שכינה וויא דיא גרויסע צדיקים · ולזכות און כדי ער זאל זוכה זיין צו דעם אלמען זאל ער הערין דעם משל וועט ער פאר שטיין וויא עס איז זייער נאריש צו הערין דעם יצר הרע און וועט וויסן ווי גאט ב"ה דער לייננערט זיין צארין און ווארט אים זייער פיל און שטראפט אים ניט פאר די עבירות · משל דאס איז גיגליכן צו א מענטש וואס האט גיפלאנצט איין וויין גארטין און האט אים ארום גיצאמט און האט אים גירייניגט פון שטיינר און האט אין אים גיפלאנצט גוטע צווייגן און האט גימאכט אין אים איין קעלטיר דעם וויין אין אים אריין צו נעמין און האט גיהאפט עס זאל וואקסין וויין טרויבין און עס איז דארטן גיוואקסן שלעכטי טרויבן · וכראות וויא ער האט גיזעהן אז ער האט זיך בהנם גמידט האט ער גינומן איין האק און האט פאר דארבן דעם וויין גארטין ער האט אין אים ניט איבר גילאזט קיין ווארציל און קיין צווייג און האט צו בראכין זיין צאם און האט אים גימאכט וויסט · וכל זה און דאס איז אלץ וויל זיין רצון איז ניט ערפילט גיווארין דאס זאל דער מענטש איבער טראכטין און זאל אן שרייען זיין יצר הרע · דען מה דאך א מענטש וואס פלאנצט איין וויין גארטין און וויל ער האט זיך אום זונסט מטריח גיוועזן צערינט ער דרויף צו פאר דארבן אים האטשי דער וויין גארטין הט דאך קיין שכל און קיין חילן · קל וחומר מכל שכן גאט ב"ה וואס ער האט זיך מטריח גיוועזן מיט דעם מענטשין בריינגין אים אויף דער וועלט און אים שפייזן און מפרנס זיין און מציל זיין אים פון אלץ דאס בייז כדי ער זאל לערנין תורה און טאן מצות און האט גיהאפט עס זאל וואקסין גוטע וויין טרויבן תורה און מעשים טובים און ער האט גימאכט שלעכטי טרויבן

דאס

על שלא עשו רצונו משחית ומחבל משורש ועד ענף · ק"ו הקב"ה שראוי שיכעוס על החוטא מיד לעשות בו כליון חרוץ כיון שמסר הבחירה בידו לעשות מהטובות ולא עשה · וא"כ יחשוב תמיד בזה ויאמר אל לבו איש אשר אלוה זה לו איך יעבור דבר לבטל רצונו · כי סוף סוף אם איני שב לו עם מרותי ידינני · אתה כעסת מיד עד להשחית על שנתבטל רצונך גם אני כמוך לכעוס עליך להשחית על שלא יצא רצוני לפועל עמך · וכן הקונה עבד ויחלש אפילו שרואה רבו שאינו עובדו כי סר כחו מעליו ומה בידו לעשות עם כ"ז מרבה חמתו עליו עד להשחית וגרש יגרש אותו חוצה בלי חמלה באומרו לא די שאינו מועיל לעבדני אלא דצריך אני לשמשו ולשום עיני השגחתי עליו לזונו ולפרנסו · והקב"ה ברא את האדם עבד לעבדו בקיום מצותיו כדי להרבות שכרו והוא בריא אולם ובועט בו ובתורתו ומכעיסו יום ולילה לא ישבות · ועכ"ז אינו מוציא אותו חוצה מן העולם אלא כביכול משמשו להת עיני השגחתו עליו להחיותו לזונו ולפרנסו ולהגן עליו מכל רע ופגע · מי יודע כן מי שומע זאת ואינו יוצא לקראת נשק ללחום עם יצרו להתגבר עליו ולהפיל מועצותיו ארצה ולהדבק ביוצרו ברצונו ובחפצו ביראה ואהבה כיון שמכירו לאוהב ולמטיב לחונן ומרחם ומרבה לצפות לחוטא ולמזיד שישוב ויזכה לטובה מרובה ויקנה מקומו ויוצע הדומו בגן עדנו · במצב נשמות נשאות ורמות · וכדי להסתלק היצר מעליו ידבר אדם באבריו ויוכיח גידיו וישפט עם עצמותיו וכה יאמר להם · על משכבי בלילות יבהלוני רעיוני ויתפרדו כל עצמותי. ורעדה אחזתני · והלחלה הלבישני · ואחזה לבבי פלצות ס בשומי בשכלי משפטי שבילי וצעקתי אללי · בראותי במותי כליון חרוץ בגויתי · ודברתי עם ראשי ואמרתי · ראשי ראשי אם לא ידעת אם לא שמעת משפטי שמו אל המעותדים עליך · ביום אשר בקבר ישליכוך · בכלות העור אשר תכסה ובשרך מעליך נשאר עצם קדקדך כדלעת יבשה נקובה וחלולה ונעשית חור פתן ומאורות צפעונים ונחש ועקרב שם פונים · וקרא זה אל זה ועונים · כאן מעון תנים · ובידעך סקרה זה במותך איך תשא ראש בחייך כוף באגמון ע

ס רעדה : ע כמין מחט כשוף ולדין כו תנים :

דם הייסט שלעכטי מעשים וואלט דאך רעכט געוועזן ער זאל אים תיכף אום ראמין פון דר וועלט מיט צארין אונ גאט ב"ה טוט ניט אזו נאר ער ווארט ער זאל תשובה טאן אונ שפייזט אונ איז מחיה דעם וואס דער צערינט אים אונ היט אים פון אלעם בייז טאמר וועט ער תשובה טאן ווארום בייא אים איז דאך אין דער האנט תשובה צו טאן אונ פאריכטין זייני וועגן · גיהער זיך דער מענטש צוא טראכטין אונ זאל זאגין צו זיין הארץ איין מענטש וואס האט אזו איין גאט זאל עובר זיין אוף זייני רייד מבטל זיין זיין רצון אונ סוף סוף אז איך וועל קיין תשובה טאן וועט ער מיך משפטין מדה כנגד מדה · וכן אויך דער וואס האלט איין קנעכט אונ ער ווערט שוואך טרייאבט ער אים אוועק וייל ער זאגט ניט גינוג ער העלפט מיר ניט נור איך אים נאך בדינין אונ גאט ב"ה האט בשאפין דעם מענטש דאס ער זאל אים דינען ער זאל זיינע מצות מקיים זיין כדי מקבל זיין שכר אונ דער מענטש איז גיזונד אונ דער צערינט נאך גאט ב"ה טאג אונ נאכט אונ פון רעכט וועגין שאפט ער אים ניט אוועק תיכף פון דער וועלט נאר כביכול ער בדינט אים נאך אונ גיט השגחה אויף אים צוא מאכין לעבין אים אונ צו שפייזין אים אונ צו בשיצין אים פון אלי בייזע זאכן מי וועד איז דער ווס ווייסט דאס אונ גייט ניט מלחמה האלטין קעגין זיין יצר הרע אונ צו בהעפטין זיך אן זיין בשעפר מיט ליבשאפט וויל ער הט אים דר קענט פר איין ליב האבר פר איין בגיטיגר פר איין דר בארמיגר וואס טוט האפין צוא זינדיגע זיי זאלין תשובה טאן אונ זאל זוכה זיין פיל גוטס אונ זאלין זיך קויפין איין גוט ארט אין גן עדן · כדי אונ פון וועגן אפ צו טאן דעם יצר הרע פון זיך זאל דער מענטש זיך אליין שטראפין אונ משפטין ער זאל זאגין · אויף מיין גילעגר בייא נאכט האבן מיך דער שראקין מייני גידאנקין אונ אציטערניש האט מיך אן גיחאפט אז איך האב מיר בקלערט אין מיין שכל דיא משפטים פון מיינע מעשים · איין קלאג איז צוא מיר אז איך זעה וויא נאך מיין טויט וועט מיין גוף פר לענד ווערין · ודברתי אונ איך האב גירעט מיט מיין קאפ אונ האב גיזאגט מיין קאפ ווייסטו דען ניט די משפטים פון גאט וואס זענן אן גיברייט אויף דיר אז מען וועט דיך ארין לייגען אין קבר אונ דיין הויט וועט פאר לענט ווערין אונ דיין פלייש וועט פאר פוילט ווערין אונ אז דוא ווייסט דאס וויא טוסטו אויף הייבן איין קאפ בייא דיין לעבין · בייג איין דיין קאפ :

עיני

ראשך · עיני המאירות צופות פונות במאורות בעוד אור החיים בכם·אם לא הבינותם· שהמות בנה בנין בכי וקינה לעורר עליכם בקול תאניה בשכון עליכם ענגה ויחשכו כוכבי נשפכם · אוי ואללי לכם אריך דמעותיך כי חשכה גדולה נפלה בארמנותיך· ויאפל הבית והעליה כארץ שוממה וציה· אוי לבית שחלונותיו פתוחות לתנין גלגלי עיניך יססו כמים וישפכו לחוץ ונשארת כחורי הנמלים יוצאים ונכנסים· ואז אנה תראה ואנה תביט· כי הנה גלדי העין נתקרעו כגלדי בצלים מאליהם כלים וריח סרחון נודף וחברבר פ רודף לקבוע דירתו בהם· וביודעך כי זאת במותך איך תשא עיניך עוד לראות בהם וללקוט שושנים ומיני חידושי הבלי הזמן· תחשכנה עיניך מראות ואל יראה עוד במאורות· כיון שסופם נמשכות כבורות נשברות· הוטמי המהודרת לכבוד ולתפארת מה תועלת כי תריח בריח בשמים ופרחי שושנים· אחר שבמותך תסריח ושני נחיריך כביבין צ מתהפכים וכנחל שוטף נובע מהם כל מיני סרחון אשר תרצה לסתום ולא תוכל לברוח ואין מקימך· כי המות נמס בקדקדו ומשם מוצאו להשליך חוצה כל ליחה סרוחה ותולעה נסוחה· ואנה תברח ואנה תנוס להנצל מן המיאוס· וכיון דסופך לצרה זו וכזו וכזו מה כי תריח ומה כי תסריח כי אחר מותך אינך מריח· אזני המגינות את הראש ואיך בקבר יסתמו מעגלי השמיעה אין יוצא ואין בא כי אם שריקות השרצים ובתוכם רצים· וקול המולה מרימה ותולעה· וסוף סוף יתמלא עפר כבור מתמלא מחוליתו כתחלתו כך סופו· עפר חזר אל העפר ונתמלא מקום לקחתו שם· ולמי שמגיע לו כזאת במותו איך יערב לו בחייו קול שרים ושרות· הם כשני עדים להופכם לקול פחדים· פי המהללת וכקולמוס לשונך במרוצה מדברת אם לא תזכור כי במותך תהפך לאלמית בדד ושוממת ותחת מקור הרוק המתוק סרחון נובעת· לשונך שטוח ופיך פתוחה והנה שבר בה עוברת ולזבובי מות מעברת· והשנים הלבנות נקבצים לצד הפה עם עצם הלחיים כי נפרץ בנינם ונופלים מסדורם· וכמקור נרפש ומעין נשחת· כי מתהפכים מימיו רפש וטיט· אבל משם מתהוה כל דבר נושך ממית בארסו ומושך. ולפה אשר אחר מותו כזאת מגעת מה לה בחייו בדברים יגעת להמתיק דברים ולהנעים אמריו· כיון שאחרי מות שתיקה בצרה וצוקה ועם רימה ימתיק סוד וכתולעה לחשות בלי קול ודבור ככנור השבור. חלקת צוארי הדרת ארמוני ראיתיך בקבר כנחש כרוך סביבי תבונת עצמיך כחרוז וענק. ומוטל כמגדל נהרס ונפרץ יסודו מפוזר רגמיו מפורר· עשוי כמו גל לאשפה יתגלגל הנמצא בתוכו גלולים בלכתו. ואיה הדרך רוממות קומתך· ועתה בנפילה במו גוי מעלה סביבך שודדים· משפחות תולעים גדודים גדודים. במותך כמו כן בחייך. למה כן לחבוק ולנשק צוארי ידידים· פנים מאירים אדומים ויפים רחיצה מצפים ולבון חפצים בקרים ועתים קשוטים מתאוים· והנה במותם דהוקות צמוקות מיופי רחוקות. שחורות נשברות מתהפכות כשולי קדרות: זרועי הרמות כארזים נטועות ואצבעותי הנעימות כאילנות

פ מין נחש: צ סוג ליטר שיורדין שם כל השופכין והטינופות

עיני מיינע אויגן וואס לייכטין האט איר דען ניט פאר שטאנין אז נאך דעם טויט וועט אייער ליכטיקייט פינסטר ווערין אונ אז איר ווייסט דאס וויא טוט איר הייבין אייער בליק צוא זעהין דיא תענוגי עולם הזה תחשכנה מיין נאז וואס פאר אהילף איז וואס דוא שמעקסט דעם ריח פון בשמים אונ פון רוזען אז נאך דעם טויט וועלין דייני צווייא נאז לעכיר זיין וויא רינעם פון אלערלייא מיאוסע זאכין דען דער מוה וועט צו גיין אונ פון דארט ארויס גיין אונ וויל דיין סוף איז דער צוא וואס נוצט דיר דאס שמעקונג פון תענוגי עולם הזה· אזני מייני אויערין וואס אין מיין קאפ· אין קבר וועט איר שוין ניט הערין אונ דיא ווערים וועלין קריכין אין אייערע לעכיר אונ צום סוף וועלין זייא דער פילט ווערין מיט ערד אונ וויא זאל אים בייא זיין לעבין זיס זיין דער קול פון גיזאנג אונ שפילין· פי מיין מויל וואס ריכט זיך אונ רעט גיך זאלסטו דען ניט דייגקין אז נאך דיין טוט וועסטו ווערין שטום דיין צונג וועט זיין פאר שפרייט אונ דיין מויל וועט זיין אפין אונ דיינע ציין וועלין פאר שלאסין ווערין אונ נאך וואס טויג דעם מענטש בייא זיין לעבין זיס מאכין זייני רייד אז נאך דעם טוט וועט דאס מויל שווייגין אין צרות אונ מיט דיא ווערים וועט ער האלטין זיין סוד· חלקת דאס גלאטקייט פון מיין האלז דאס שיינקייט פון מיין גוף איך זעה דיך אין קבר וויא איין צוא בראכינר טארים· פנים מיין ליכטיג אונ רויט פנים נאך דעם טוט ווערט עס איין גישרומפין אונ שווארץ וויא איין טאפ· די הובי ארעם אונ מייני זיסי פינגר וואס זענין גיצירט מיט פינגרליך פון טייערע שטיינער נאך דעם טוט וועלין זיי גיפאלין אונ צוא בראכין וויא צוא בראכיני שפענדליך אוף דר

סרוחות · בטבעות ספיר ויהלום כלולים · ובמותם נפולות נשברים כפולות בקנים רצוצות · עלי חוץ מושלכות בחלול עצמם · כל רואיו ישתומם בראותם בתוכם יתושים מתהוים . ומיני שרצים חרידהם מלאים ובמיני גוריהם במעיהם הם באים ויורדים ועולים כורזיר בסולם ובבטחה ובהשקט כמושב לעולם . תא חז"ה ובך אחוה סוחך כשיש לבן מיופי הלובן אין כתם בו ואין פגם בקרבו מראהו כמראות הצובאות כך מבהיק ומבריק ואין בו דבר לריק · כי כל יופי בך נמצא וכל מבקש מצא ובמותך איך נהפך כלוח הקצבים מלאה עצבים מלובלבת בדמים שחורות כדיו הם דומים מאסיפת זבובים נמאס לפנים כפרעוש וכנים ושטח החזה כשטח אשפה אשר חתול וכלב מת שם נספה . כי הבשר שעליך נתמרק וניתק כמרק הנמאס ונשפך עלי ביב ועל טיט סרוחות כריסי כרי כערמת חטים סוגה בשושגים בחייך ומלאת בו מלאת אוכל ומשקה לרוב לא יספר · האוצר אשר מלאת מכל מה שראו עיניך לא חסרת דבר · הלא אספת לך המקריות אשר ישינוך במותך בטנך כנוד יבקע והוא כבקעה וכשוחה עמוקה בעמק הבכה וזרמת סוסים מלאה גרושה כאשפה סרוחה ברחישת שרצים : יתמה הרואה ויברהו בהחבא · וכיון שכן למה תרבה צואתך להכין על פניך מסוה הבושת כשיתבקע בקבר ונותן בצורתך הגללים שבה הכנסת ובמה תרחץ אז כי תצעק אי שמים והבור רק אין בו מים ק׳ רגלי ושוקי קלי המרוצה במהירות ובמרוצה בחיים חיתכם ובאשפות קבורתכם בעצים יבשים וכמטות הלושים · אפלים ורקים חלולות נקובות כחורי פתנים וטוחם נמסים מכפנים · כשתן נמאסים בשולים על אשים ובחורם קינן עכברים אישים · אבל בן אדם ראשך בתפלין תעדה · ועיניך תמיד תחזינה מישרים באור התורה ואזנך תשמענה דברי תוכחה · וחוטמך יריח לברך לבורא · ופניך מאירים בתורה · ופיך יהגה אמת ולשונך יגדיל להודות שיר בשבחי המקום ושניך לא יאכלו גזל ועושק · וחזך נתכסת בציצית ובבטנך לא הכנסת כי אם דברים המותרים ומלאת אותה מאכילת מצוה ורגלך לטוב ירוצו · אז נתקדשו כל אבריך ונעשה בנין גופך דוגמת מקדש מוכן להשראת השכינה בו · כי כל כלי המקדש נרמזים בגוף כנודע ר׳ ובזה בהכנסך לקבר הוא דוגמת גניזת הארון הקדש ואין רמה

ר׳ וכמו שדרשו חז"ל מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו : אמר מנחם בן שלמה לוי המפרש נ"ל שכיון למה שכתב הרמב"ם ז"ל בפרקי הנהגה פ"ח וז"ל ודע כי משכן לבד הוא משכן ארון הגנוזים בו לוחות העדות והאריך שם ע"ש · וכתחלתו שכתב לנגנו ר׳ אברהם ביאר יותר ואמר · דע כי אברהם ירחמך האל כי המשכן וכליו הם המשל על גוף נכבד · והתחיל בארון · דע כי הארון הוא משל על הלב בלי ספק והלוחות שהם נתונים בארון הם המשל כמה על השכל האנושי שהוא נתון בלב · ואומרו והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה הם משל כזה על הריאה שהיא סוככת בכנפים על הלב להחיותו · והשלחן הם משל כזה על הכבד כמו שהשלחן נתון עליו המאכל והמחתה כך הכבד מקבל עליו האצטומכא שהמנחת עליו שהיא מלאה במאכל ובמשתה שהוא מכלם ומתלקם לכל איברי הגוף · ומנורה הם משל כזה על המרה כי כמו שהמנורה מאירה במשכן כך המרה מאירה על הגוף כולו · ומזבח העולה אשר נאמר בו אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה הם משל כזה על החום הטבעי הנתון באדם כל עולם לא יחסר ממנו עד יום מותו · ומזבח הקטורת הם משל כזה על הנפש המשכלת על השכל כאלוהי שהוא נתון במוח · והמסך הם משל כזה על המסך המבדיל בין איברי הנשימה לאיברי המאכל · והאדנים הם משל על הגידים והעורקים · והבריח והמים שבו משל על הליחות הנגררות בגוף והיריעות הם משל כזה בעור המכסה את הגוף · והקרשים הם משל על בשר הגוף שהוא מחזיקו · ונראה שהקרסים ג"כ משל על העצמות שהם דומים בגוף כלו · עכ"ל · ונ"ל שמפרש שבוודאי לזה נתכוון הכהן אבן עזרא שכתב בפ' תרומה ואם נתן לך השם חכמה בלבך תבין סוד ארון והכפורת והכרובים וכו׳ ומסיים והיודע סוד נשמתו ותכונת גופו יוכל לדעת דברי העולם העליון כי האדם כדמות עולם קטן וכו׳ · ע"ש ותמצא שכיון לזה :

באם : כריסי מיין בויך וואס ווערט גיפילט מיט עסין אונ טרינקן אונ וואס דיא אויגן האבן גזעהן איך וועל דיר דער ציילין וואס ווערט דיך גרייכין נאך דיין טוט דער בויך ווערט צוא שפאלטן ווערין אונ ווערים וועלין דארט קריכן אונ ווארום זאלסטו מערין קויט אין דיר מיט וואס וועסטו זיך דערנמאלט אפ וואשין · רגלי מייני פיס וואס איר לויפט גיך בייא דעם לעבן אונ אין קבר זענט איר דערנמאלט אפ וואשין ... וויא דאר האלין אונ אין אייערי לעביר טוט זיך נעסטין די עכברים · אבל אבר דוא מענטש אוב וועסט צירין דיין קאפ מיט תפלין אונ דייני אויגן וועלן זעהן אין דער תורה אונ דיין נאז וועט שמעקין דעם ריח פון מצות אונ דיין פנים וועט לייכטין אין דער תורה אונ דיין מול וועט רייידן אמת אונ דיין צונג וועט לויבן גאט אונ דייני ציין וועלין ניט עסין קיין גזל אונ דיין ברוסט וועט זיין בדעקט מיט ציצית אונ אין דיין בויך נאר אזעלכי עסין אונ טרינקן וואס זענין מותר אונ פון אכילת מצוה אונ דייני פיס וועלין לופין צוא גוטן דערנמאלט וועלן גיהייליגט זיין אלי דייני אברים אונ דאס בנין פון דיין גוף וועט זיין גליך וויא דער משכן דיא שכינה זאל רוען אין אים ווארום אלי כלים פון דעם בית המקדש זענין מרומז אין דעם גוף · אזו וויא עס שטייט אין דיא הייליגע ספרים · ובזה אונ דורך דעם אז מען וועט דיך אריין לייגין אין קבר וועט דאס זיין גלייך וויא דער

ארון

שולט בו ואתה כחי ממש ביתר שאת ותופך גנח בקבר שלם עד בא עת התחייה תשמתך למעלה מכל הצבא שבמרום מקום אשר עין לא ראתה וכו' · וכיון שבידך להעלות עצמך במעלות אלו למה תשמע לקול יצרך המתגרה בקרבך כי בעת צרה עזוב יעזוב אותך לחרדה ביד מלאכים אכזרים אשר אין להם חמלה · ואיך תראה ברעה אשר ימצא את עמך הם אברי גופך בראותך הנקמות הגדולות המגיע להם ואין מציל · איך תראה כפיפות בראשך · סמיות בעיניך · חרושות באזניך · שחרות בפניך · סתמיות בחוטמך . אלמיות בפיך · כריתות בלשונך שבירות בשניך . סגירות בצוארך · תגרות ברגליך · מיד אשר אין מידם פדיון . ואז תזעק אוי ואין עונה צועק ואין פונה . מבקש פדיון ואין פודה · תתחנן על ההצלה ואין מציל · ואנה תפנה ואנה תראה אוהב או קרוב או בן או בת שירחם עליך · כי בכל מקום אשר תשא עיניך לראות היש מציל שם תראה חרדה ופחד מחודשים ואימות מות ומלאכי חבלה כדמות החיות המשונות והשרצים הטמאים · כי בעת רואך אותם והנה חשכה גדולה נופלת עליך ויתפרקו כל חוליות נפשך לפרקים ותרגיש צער ואימה כעת אשר נבהלת בצאת נפשך מן הגוף מראית מלאך המשונה הנראה לך להבריח נפשך ממסגר גופך ע"י אמות ופחדים ורעדות · הטוב לך כי תעשוק אבריך למוסרם לגלות בלי פדיון בעבור תענוג היצר שהוא רגע ונמצא אתה מחליף תענג רגע בעבור נקמות אין חקר · ומשפטים משונים אין מספר מיני מיתות משונות לרוב אין מנין · ובהיות שאין אתה מרחם על עצמך איך תבקש הצלה ורחמנות מהמלאכים האכזרים הממונים עליך לא יביטו לראות לא יטו אוזן ולא לב להבין · ואתה לא חסת על עצמך ואיך המוטבעים ש באכזריות ירחמו עליך · אדרבא ירבו חימה ילבישו נקמה יעלה רוגזם וחמתם בהתגברות כחם עד להשחית ולבלתי השאיר בגופך שארית · בראותם איך העזת לבקש מאחרים רחמים והוא לא ריחם על עצמו יען שבידו לרחם ולא ריחם מה מקום הניח לאחרים שירחמו עליו . ובפרט היות הבקשה עם מי ששונא שם רחמנות · הוא שטן הוא מלאכי חבלה הוא יצה"ר ואדרבא עושים עמו הכעסים שמורים לו מעין הצלה כגון שיאחוז בחירגא דיומא ת כדי שלא יפול לשוחה עמוקה עד התהום שמראים לו תחתיו · והוא בחושבו כי מקום האחיזה יש בו ממש מיד ממהר לתפוס ובידו אין מאומה ונופל נפילה פתאומית בשאול תחתית אחר שהובטח אל ההצלה דאין צער גדול מזה · וכאלה רבות מהכעסות לאין מספר עד שמרוב המצוקות והאימות מתאוה לכליון חרוץ בנפשו שתשוב לאין להיות בכלל אותם שלא חיים ולא נדונין · כדי להציל מכאבי וממכאובי המשפטים כי אין לסבול · אוי לאדם שיוותר נוח לו להיות כמקודם דלא הוה או אחר שהיה ישוב לאין ולא יעמוד לדין על מעשיו · כך תצעק וכך תכריז על כל מכה ומכה הבאה עליך משבט המוסר

ש פי' לפי טבע התולדה : ת פירוש מה שמתרגם מן הרקיע הנראה בחמה :

ארון הקודש איז בהאלטין גיווארן אונ קיין ווערים וועלין אין אים ניט געוועלטיגן אונ דוא וועסט גלייך זיין ווייא אלעבדיגער אונ דיין גוף וועט זיין גאנץ ביז דיא צייט פון תחיית המתים אונ דיין נשמה וועט זיין העכיר פון אלי מלאכים · וכיון אונ וייל דוא האסט אין דיא הענט צוא גרייכן אזעלכי מעלות ווארום זאלסטו הערין צו דעם קול פון דיין יצר הרע וואס רייצט דיך אן צוא טאן שלעכטס דען אין דער צייט אז עס וועט ח"ו קומין אויף דיר אצרה וועט ער דיך פאר לאזין אין דיא הענט פון דיא מלאכים אכזרים וואס זייא האבין קיין דער בארימקייט ניט אונ וועסט זעהן אין דעם ביז וואס וועט גרייכין צוא דיין גוף אונ דו וועסט ניט קענין מציל זיין וועסט זעהן דיין קאפ איין גיבויגין · דייני אויגן בלינד · דייני אוהרין טוב · דיין נאז פאר שטאפט · דיין מויל שטים · דיין צונג פרשטומט · דייני ציין צוא בראכן · דייני פים הינקענדיג · דערנאך וועסטו שרייען אוי אונ קיינער וועט דיר ניט ענפרין · דוא וועסט בעטין הילף אונ קיינער וועט דיך ניט מציל זיין אונ וויא הין וועסטו דיך קערן אונ וויא וועסטו זעהן אליב האבר אודר איין קרוב וואס זאל זיך דר בארמין איבר דיר אין אלי ערטיר וואס דוא וועסט זעהן וועסטו זעהן אציטרניש אונ אנגייאי פארכט אונ מלאכי חבלים ווא דאס גישטאלט פון חיות אונ שרצים אז דוא וועסט זייא זעהן וועט אויף דיר פאלין אגרוס פארכט ווייא אין דער צייט וואס דוא ביסט דר שראקין גיווארין אז דיין נשמה איז ארוס גינאנגן פון דיין גוף · הטוב איז דיר גוט אז דוא זאלסט בארובין דייני אברים פון וועגין דעם תענוג פון יצר הרע צו פאר בייטין איין תענוג פון איין רגע אויף פיל יסורים אן איין צאל אונ אז דוא האסט אויף דיר אליין קיין רחמנות ניט וויא וועסטו וועלין דיא מחבלים זאלין אויף דיר רחמנות האבן וואס זייא זענין מלאכי חבלה · דערמאלט וועסטו זאגן ווייא איז צו דעם רשע עס וואלט פר אים

מהמכותים האכזרים אשר בידם את מסור סוסגר וקשור בבית מקיר וחשך וצלמות · צלמות ולא סדרים כותליה מלאים זוהמא רותחת מסיגי עונותיך ומליחות סרחונות חטאתיך · תחתיה אש גפרית אוכלת · ומלמעלה זפת וסיד רותח בוערת · וצורות משונות כדמות השרצים המכוערות ושעירים מלאים עינים ושערות תראה בכל מקום שתפנה · ואם אין בשום מקום תפנה עכ"ז לא תנצל · כי הדמיונות המשונות בתוך עיניך ישימו · ואף אם עיניך תסיר לא תנצל כי גזרת הבורא שתראה אשר לא הרצה יען שבהייך הכעסת בתשובה לא שבת כיון שהרשות נתונה לשוב · ואל תעלה על דעתך בן אדם לומר גופי ואברי היכל ה' היכל ה' היכל ה' הם א ואיך יפול בו הרקבון והפזור והפרוד וההריסה והפחד והבזיון והרימה והתולעה · כי מצלם אלהים יברחו · כי זר הבא אל הקדש יומת · דע כי ההטאים והעונות הפכו היכל לאשפה ומעיני הישועה שבתוכו לביבין · כי נתרבו בהם ריח הסרחון מחלאת זוהמתן · ונשתחרו כותלי ליבון הסיד שעליהם ויופי משכיותם לבהרות בהרות כמראה נגעי הבתים המטמאים הבית והכלים · והיה נצרך לארמון נופך כמאטאטא השכר לבער הקדש מן הבית וישימה בתה וארוג קורי עכב"ש בכל זויותיה וציפוי רצפי יופיה שם למרמס והיה לבער ושולחניה מלאו קיא צואה בלי מקום ומנורותיה כבו ומזבחותיה טמא וזבח עליהם גורי פשעיה ושהיטתם תריבנה בשלח ב של מלאך המות מלאה דם ברבוי פגימותיה · עד כי רוע התרועעה כותליה · פור התפוררה עמודיה מוט התמוטטה רצפיה · ונתרבו טלטוליה בטלטולא דגברא ומעיניה מלאו דם · ועוד הוסיף יצרך הורבן בהיכל גופך והוציא כרת בתוכו כל ידים הרפנה מעשות מצות · וכל לבב ימס אם יחשוב ביראת בוראו · ונבהלו צירים והבלים יאחזון כיולדה יהילון · אם בתורתו יעסוק · והמלמד תורה יהרג וכל גומל חסד יחנק · עד שגדולה הצעקה בהיכל הוי ארץ צלצל כנפים ג אוי היכל וארמון המהודר לבני"ם נפלו ושהרות נבנה מעיינות נסתמו וכיבין עמדו · משכיות כהו ובהרות באו עד שגדלה בו החלודה כפין כפין · ואתה בן אדם כיון שעונתיך גרמו להמליך אויב ד בהיכל גופך . ונמסר הבית והכלים ה ביד צר · עד שצריך בהן שטיפה והדחה במימי היסורין והמשפטים כבול תסבול · עד כי נבול הבול מהרעות הבאות עליך · אוי לעינים המעותדות לראות בעל כרהם בנקמי חבריהם

א כמו שפירשתי למעלה בהמשכן וכליו הם רומזים לגוף האדם: ב פירוש נתרבו כמו וחיתו מעבור בשלח (איוב לג) ג (מיכאיה יח) ובפירש"י שם ארץ מצוללת בכנפי מיפות · והמשל הוא כאן על האדם שיש לו כנפים לעוף בשמים נהכמה לדמות למלאכי מעלה והוא משפיל עצמו ע"י עונותיו · ד סטר ברע: ה כל הגוף והאיברים :

בעסיר גיוועזן ער זאל גאר ניט גיוועזן זיין אויף דר וועלט אודר ער זאל ווידר קערין צו ניכטס אזו וויא א בהמה אונ זאל ניט שטיין צום דין אויף זייני מעשים אזו וועסטו שרייען בייא איטליכי מכה וואס וועט אויף דיר קומין פון דיא מלאכי חבלה וואס וועסט זיין אין זייער האנד · אונטר דיר וועט ברענן פייער אונ אויף דיר וועט ברענין פעך אונ הייסיר קאליך אונ שרעקליכי צורות אזו וויא דם גשטאלט פון שרצים אונ שדים אונ אוב דוא וועסט זיך ניט קוקין אויף קיין שום אורט פון דעסט וועגין וועלין די שרעקליכי צורות שטיין פאר דייני אוגין וויל בייא דיין לעבן האסטו דער צערינט גאט ב"ה אונ קיין תשובה האסטו ניט גיטאן · וואהה אונ דוא מענטש וויל דייני זינד האבין גורם גיוועזן צו מאכין הערשין דעם פיינד דעם יצר הרע אין דיין גוף אונ גאר דייני אברים זענן איבר גיענפרט אין די הענד פון דעם שונא ביז מען מוז זייא וואשין אונ שווענקין אין וואסיר פון יסורים מוזטו זייא ליידין ביז דו וועסט מיד ווערין פון דעם בייז ווס וועט אויף דיר קומן · אוי וויא איז צו די אוגן וס חעלין מוזין צו זעהן די נקמות פון זייני אברים · וויא איז צוא דעם האלז וואס וועט ליידין דאס לאסט פון דיא זינד · וויא איז צום מויל וואס וועט מוזין זאגין איהרי זינד צוא מקבל זיין זייער עונש וויא איז צום פנים וואס חעט ליידין פר שעמונג · וויא איז צוא דיא איבריגי אברים וואס וועלין ליידין די יסורים · ואל אונ דער יצר הרע זאל דיך ניט פר זיכערין אז דער מענטש וואס איז בשאפן גיווארין אין גאטס פארים קען אין אים ניט קומין פולקייט אונ ווערים אונ נימ קיין וויא טאג פון יסורים · דען זאלסט וויסן אז דיא זינד האבין פר טריבין דעם צלם אלהים פון דיין פנים דען א אין בהמה אודר אחיה איז טוט איז איר גישטאלט ניט פר ענדרט ווארום פון איר איז כמער נים אפ גטאן נאר דער רוח היוני אבער דער מענטש איז בשאפין גיווארין אין גאטס פארים אונ אז דר רשע שטארבט ווערט דער פארים פון גאט אפ גיטאהן פון איהם אונ זיין פנים ווערט פר ענדרט · אבר בייא דיא צדיקים איז קיין הילוק ניט ביי זייא צווישן נאך דעם טוט אדר ביים לעבין נאר

וואס

האברים. אוי לצואר המעותדת לסבול משאת החטאים ככובד אבן ונטל החול והעופרת. אוי לפה העתידה להגיד עונותיה לקבל עונשן. אוי לפנים שיסבלו ירקון הכלימה. אוי לשאר כל האברים הנמצאים במלחמת משפטים אלו. ואל יבטיחך יצרך שאדם אשר בצלם אלהים נברא אין יכול ליפול בו הרקבון והתולעה ולא ישלוט בו כאב המשפט. כי החטאים גירשו צלם אלהים מעל פניך. תדע בהמה או חיה שמתה אין לה שינוי פנים כי כמו שהיתה בחייה כך צורתה במותה. והטעם כי לא נסתלק ממנה במותה כי אם רוח החיונית הגורם לה תנועת ההליכה. לא כן האדם אשר בצלם אלהים נברא כי חכיב אדם שנברא בצלם. ובמות אדם רשע מסתלק הצלם מעליו ופניו משתנים. ונראה ההשתנות בו מהיות שהגיע לו העדר במותו בהסתלקות הצלם. לא כן הבהמה. אבל הצדיקים אין הפרש בהם במותם לחיים כי אם הדבור בלבד כארז"ל אין פניהם משתנים במותם אדרבה פניהם מאירים וכדכתיב במשה רבינו ע"ה (לא כהתה עינו ולא נס לחה) כי ה' אלהים עמהם לעולם. ישים אדם נגד עיניו תמיד במענה בלדד השוחי (איוב י"ח) העונש המגיע למרגיזי אל ובזה יכניע יצרו וגרש יגרשהו מקרב. אור רשעים ידעך ו ולא יגה שביב אשו ז אור חשך באהלו ונרו עליו ידעך ח יצרו צעדי אונו ותשליכהו עצתו ט כי שלח ברשת ברגליו ועל שבכה יתהלך י יאחז בעקב פח יחזיק עליו צמים כ טמון בארץ חבלו ומלכדתו עלי נתיב ל סביב בעתוהו בלהות והפיצוהו לרגליו יהי רעב אונו מ ואיד נכון לצלעו נ יאכל בדי עורו יאכל בדיו בכור מות ס ינתק מאהלו מבטחו ותצעידהו למלך בלהו' ע תשכון באהלו מבלי לו יורות על נוהו גפרית פ מתחת שרשיו ייבשו וממעל ימל קצירו צ זכרו אבד מני ארץ ולא שם לו על פני חוץ. יהדפוהו מאור אל חשך ומתבל ינדוהו. לא נין לו ולא נכד בעמו ואין שריד במגוריו. על יומו נשמו אחרונים וקדמונים אחזו שער ק אך אלה משכנות עול וזה מקום לא ידע אל ר הנך רואה הרעות ואם לשעה תראהו בשלוה דע שס"מ מגיע לו כך. ודע שהרשע פועל ברשע בראותו שמיד כשעושה הרעה אינו מגיע לו כאב הראש או העינים ואין מרגיש רע בשום אחד מאיבריו ואין אוחזתו אשא דגרמי ש כקדחת תדירי ובזה מחזיק בטומאתו. וזהו משל לאוכל דבש שנתערב בו סם המות שמחזיק לאכול מסבת מתיקות השעה אבל ס"ס עושה הסם המות פעולתו ופתע פתאום מת בלי תקוה. ועוד אל תבטח במה שאינו מגיע רע לחוטא מיד. שאם יהיה כך נמצא הקב"ה מבטל הבחירה שאין מקום לצדיק להחזיק לו טובה ולא לרשע שפורש מן העבירה דמוכרח לפרוש משום שמיד נלקה ומה יכול לעשות. ועוד טעם שרוצה הקב"ה לשלם לו בזה העולם איזה מצוה שעשה שאינו מקפח שכר שום בריה וטורדו מן העולם. ויש

ו כלומר נשמות הרשעים יקפצו ממקומו: ז ולא ישיב להאיר עוד. רק יהיה כחשך כגיהנם תמיד: ח כי האור של גיהנם יהא חשוך בהלבי הוא הגיהנם ונרו הוא נשמתו יענש בו: ט ובפולס הזה יענש כהירלה ללכת ככח ילרו לעדיו ולא יוכל לכשלים חפצו: י שבכה הוא רעשה כמעשה רשת כלומר ברשתו אשר טמן לאחרים ילכד בה: כ יחזקו עליו אנשים כלמאים לגזול ולעשוק: ל תכל מלודתו אשר ילכד בה כמו שטומנים תכל למלכודת העופות: מ יהא רעבים אונו בה בניו כמו לאבית אונו: נ ושבר במתניים כמו הקדחה סקרה: ע בה השדים: ס כלומר שיפול אח"כ בחלאים ובכור מות הוא ראש החלאים ונסרו אומרים כמו שנקראת מן כלע: ע בם השדים: פ לפי שאכן באהל שלא היה שלו כ"א מהגזל לפיכך יזורם לשון פיזור של טבו גפרית. צ יכרת קציר שלו. ק על יום רעה שלו יתמהו הראשונים שראו אותו בכבודו וממשלתו וגם האחרונים שישמעו ממנו ויאחזם רעדה. ר כלומר זה הוא סופם של כל רשעים. ש לא סקדחם השורף כעלמות.

וואס זייא קאנין ניט ריידין. בר זייער פנים ווערט ניט פאר ענדערט אדרבא זייער פנים לייכט אזוי וויא עס שטייט ביא משה רבינו זייני אויגין זענין ניט טונקל געווארן אונ זיין ליחות האט אים ניט גיטריקינט ווארום גאט איז מיט זייא אויף אייביג. ודע אונ זאלסט וויסן אז דער רשע טוט שלעכץ אונ זעהט אז עס גרייכט אים ניט תיכף וויא טאג פון דעם קאפ אודר דיא אויגין אונ פילט ניט קיין בייז אין קיין שום אבר אונ קיין קדחת האט אים ניט אן דורך דעם שטארקט ער זיך אין זיין רשעת אונ דאס איז געגליכן צו איינים וואס עסט האניק וואס אין אים איז געמישט סם המות דס ער עסט עס מחמת עס איז זיס אבר צום סוף טוט דער סם המות זיין פעולה אונ ער שטארבט פלוצלונג אן האפנונג. אונ דרום שטראפט גאט ניט תיכף דעם רשע אויף דער עבירה ווארום זונסט וועט בטל ווערין דיא בחירה דעם צדיק וועט ניט קומן קיין שכר אונ אויך ניט דעם בעל תשובה וואס ער שייד זיך פון דער עבירה ווארום ער מוז זיך אפ שיידין פון איר וויל ער ווערט תיכף גישטראפט האט ער קיין אנדרי ברירה ניט. ועוד אונ נאך איין טעם איז וואס גאט שטראפט ניט דעם רשע תיכף ווייל ער וויל אים דר פאר בצאלין אויף דער וועלט שכר פאר איין מצוה וואס ער האט גיטאן אונ זאל נאר קיין עולם הבא ניט האבין. ויש אונ עס איז דא וועלכי רשעים וואס טוען שלעכץ ווייל זייא זעהן תלמידי חכמים אונ גאטס פארכטיגי זענין אין ענגשאפט אבר דאס איז נאך

רשעים מואסים בטוב בראותם תלמידי חכמים ויראי ה׳ במצוק ובמצור · ואדרבה זהו מצודה להם ללוכדם ביום הדין שהיה להם להיות הדבר הזה לפתח תקוה לקחת מוסר בנפשו ולומר אם לעושים רצונו כך לעוברים רצונו עאכ״ו · ואם לא היום למחר · ויאמר הרשע בלבבו איך יתכן שאני מבעים לבוראי והוא מטיב עמי אין זו כי אם לשלם לי איזה זכות שבידי ולטורדני מעולם הבא · ובחושבו כן ישוב מדרכו הרעה בראותו בעיניו כי מרה אחריתו · והפתח לרשע שיביאהו אל התשובה ירגיל עצמו לרחם על הבריות ובפרט על העניים · שרחמנות זה יביאהו לרחם על עצמו באומרו אם על אחרים אני מרחם ואיך איני מרחם על נפשי · ואל יקוץ מדברי העני המרבה אליו דברים בהתחננו אליו · ישים בדעתו אם אני קץ משעה אחת שמגיד צערו עאכ״ו הוא שכל ימיו בצער ובדוחק תדירי · גם ישים תמיד נגד עיניו בחסדיו של הקב״ה עמו לשעבר ובהוה · שאם ישים נגד עיניו מה שיוצרו שומרו בבטן אמו מה הודאות יספיקו להודות לו· ואם יזכור שהוציאו מאפילה לאורה מה הלולים יספיקו להללו ואם יבין שבכל יום זן ומפרנס אותו מה שבחים יספיקו לשבחו· ואם ידע שמצילו תמיד מפגעים רעים מה הדורים· יספיקו להדרו ואם יתבונן בחיים שנותן לו מה פארו׳ יכול לפארו· ואם יראה נפלאות שעושה עמו בכל יומים מה גדולות יוכל לגדלו ומה הרוממות יספיקו לרוממו· עאכ״ו כפולה שאפילו בעת שמכעיסו משמרו מכל רע ופגע מחזיר לו נשמתו לבקרים אע״פ שיודע שיחזור להכעיסו כיום אתמול וכי יש אלוה גדול מזה · כל זה ישים אדם נגד עיניו וימנע עצמו מלחטוא ואם חטא יתחרט וישוב · ואם לא ישוב על מי יבטח ביוצאו מן העולם להלחם עם השטנים אשר פעל בחטאיו · מי הוא היוצא למלחמה ומוליך עמו שונאיו לעוזרו · מי הוא המרחם על עצמו ומרורות פתנים בקרבו · מי הוא המרחם על

בניו

צוא דיא רשעים איין זאך זייא צו בשולדין אין יום הדין דער פון וואלטין זייא זיך בדארפט נעמין איין מוסר אונ זאגין ווען צו דיא וואס טוען גאטס ווילין איז אזו איז שוין אכל שכן וואס וועט זיין צו די וואס זענען עובר אויף זיין ווילין אונ ווען ער שטראפט מיך ניט היינט וועט ער מיך מארגן שטראפין · ויאמר אונ דער רשע זאל טראכטין אין זיין הארץ וויא קען דאס זיין דאס איך דער צערין מיין בשעפיר אונ ער בגיטיגט מיט מיר דאס איז מער ניט נאר ער בצאלט מיר פר עפיס אזכות וואס איך האב אונ זאל מיר קיין עולם הבא ניט גיבן אונ ער וועט אזו טראכטן וועט ער ווידר קערין פון זיין שלעכטין וועג וויל ער וועט זעהן זיין סוף וועט זיין ביטר · והפתח אונ דר אנפאנג וויא ארום דער זאל תשובה טאן דאס איז ער זאל זיך גוויינין צו דער בארמין זיך איבר לייט אונ בפרט אויף ארמי לייט דען דאס רחמנות וועט אים ברענגין אויף זיך מרחם צוא זיין וויל ער וועט זיך טראכטין ווען איך דער בארעם מיך איבר אנדרי וויא זאל איך מיך אויף זיך אליין ניט דר בארמין אונ ער זאל ניט אבשלאגין דיא רייד פון דעם ארום מאן אז ער בעט פון אים ער זאל טראכטין ווען איך ווער אזו פאר אומערם פון איין שעה וואס ער זאגט מיר זיין צער איז שוין אכל שכן דר ארום מאן זעלבסט וואס ער איז תמיד אין דעם ענגשאפט · אוך זאל ער תמיד טראכטן אין דיא חסדים וואס גאט ב״ה האט אים גיטאן ביז אהער אונ אצונד דען אז ער וועט בטראכטין וואס ער האט אים בשאפין אונ האט אים גהיט אין זיין מוטרס בויך וואס פר איין לוב אונ דאנק וועט אים גנוג זיין צוא דאנקן דער פאר · אוך אז ער וועט גידענקן וואס ער האט אים אום גצוגין פון פינסטרקייט צו ליכטקייט וואס פאר איין לוב וועט גנוג זיין צוא לובן אים · אונ אז ער וועט איבער קלערין אז אלי טאג שפייזט ער אים אונ מפרנס וועט ער דען גנוג האבין צייט ער וועט לעבן צו לובן אים אונ וואס ער איז אים תמיד מציל פון שלעכטי פגעים אונ דאס לעבן וואס ער גיט אים אונ דיא ווינדר וואס ער טוט מיט אים אלי טאג מיט וואס פאר איין גרויסקייט קען ער אים גרייסן אונ דער הייבן מכל שכן אז אפילו אין דער צייט וואס ער דער צערינט אים היט ער אים פון דעסט וועגן פון אלירליי בייז אונ קערט אים אום זיין נשמה אלי פריא האטשי גאט ב״ה ווייסט אז ער וועט אים ווידר דער צערנין אזו וויא פריער נוא איז דען דא איין בעסרר גאט · כל זה דס אלץ זאל דער מענטש טאן קעגן זייני אויגן אונ זאל פאר מיידין פון צוא זינדיגין אונ אויב ער האט גיזינדיגט זאל ער חרטה האבין אונ תשובה טאן · אבער אז ער וועט ניט טאן קיין תשובה אונ אוף וועמין וועט ער זיך פאר זיכרין אז ער וועט אוועק גיין פון דער וועלט צוא מלחמה האלטן מיט די חיצונים וואס ער האט גמאכט דורך זייני זינד · מי ווער איז דער וואס גייט ארויס מלחמה

האלטן

בניו ושוחטם בידיו · מי הוא המבקש עידונין ומנוחות לנפשו ושורפם באש עונותיו · מי הוא' המבקש כסות בקרה ושוכב על השלג · מי הוא המבקש אריכות ימים ותבהר מחנק נפשו · מי הוא המבקש לשכון בטח ועורך מלחמות על עצמו · מי הוא הרוצה לשכב על כרים וכסתות ושוכב בין עקרבים · מי הוא שאוהב מאכלים ערבים ואוכל סם המות · מי היא החפץ במשקים מתוקים ושותה מי ראש ולענה · מי הוא אוהב שינה מתוקה ושוכב בין הקוצים ועקרבים · מי הוא החפץ חיים והולך בדרכי מות · מי הוא המתאוה בגן אלהים וחופר למצא פתח לכנוס בגיהנם · שהרי אדם שעוזב עבודת הבורא נמצא יוצא מן העולם להלחם במקטריגיו בעזרת שונאיו היוצאים עמו הם העברות שעשה · ונמצא אין מרחם על עצמו · ושוחט בניו בידיו על שמתים בעונו · וגורם שרפה לעצמו באש גיהנם · ונידון בצינים ופחים בגיהנם אש ושלג ומתכסה שם בכסות חושך וגורם לעצמו קצרות ימים ונמצא מחנק עצמו בידיו ע"י חרבו של מלאך המות המטול · ומכין משפטי גיהנם בנפשו ויושב בין עקרבים בקבר · ושם מאכלו כנחש עפר לחמו · ושותה כוס התרעלה מהליחות היורדים ממוחו ונכנסים בפיו · ושכיבתו על הקוצים מנשיכת התולעים וגורם אל עצמו מיתת עולמית ודין גיהנם תדירי :

**אשר** ע"כ הרוצה לנצח שונאיו מן העולם הם השטנים והמקטריגים העומדים לטרוף נפשו · יצא מזויין בתורה ובמצות · הרוצה לרחם על עצמו יתאכזר עליו להתיש כחו על עבודת בוראו · הרוצה לרחם על בניו ישעבדם בעול היראה ועסק התורה · הרוצה בעידונין ובמנוחות יברח מהם · הרוצה כסות בקרה יקום בעוד לילה בלילות הארוכות לעסוק בתורה · הרוצה באריכות ימים יקצרם בעיניו באומרו היום הנני כאן ומחר לקבר · הרוצה לישב בטח יכתת רגליו מעיר לעיר לבקש ממי ללמוד · הרוצה לשכב בלי פחד יקיים בעצמו אשרי אדם מפחד תמיד · הרוצה מאכלים ערבים פת במלח יאכל · הרוצה במשקים מתוקים מים במשורה ישתה הרוצה בשינה מתוקה ינער כל הלילה לחדש חדושי תורה · הרוצה בחיים ימות עצמו על התורה

האלטין און פירט זייני שונאים צו הילף ווער איז דר וואס דערבארימט זיך ניט אויף זיינע קינדער און שעכט זייא מיט זיינע הענט ווער איז דער וואס זוכט תענוגים און רוא צוא זיין נשמה און פאר ברענט זייא מיט דעם פייער פון זייני זינד · ווער איז דער וואס וויל לאנג לעבן און דער הערגט זיך זעלבסט · ווער איז דער וואס וויל רואין זעכירליך און ברייצט מלחמות אויף זיך זעלבסט · ווער איז דער וואס וויל ליגען אויף בעט געוואנט און לייגט זיך צווישן שלאנגן · ווער איז דער וואס האט ליב זיס עסין שפייז און עסט סם המות · ווער איז דער וואס האט ליב זיסי שלאפף און לייגט זיך צווישן דערנער · ווער איז דער וואס וויל לעבן און גייט אין דיא וועגין פון טוט · ווער איז דער וואס וויל זיצין אין גן עדן און מאכט זיך אוועג צוא גיין אין גיהנם · שהרי דען דער מענטש וואס פאר לאזט די דינסט פון גאט · גייט ארויס פון דער וועלט צוא מלחמה האלטין מיט זיינע מקטריגים מיט דער הילף פון זייני פיינט וואס גייען ארויס מיט אים דאס זענין דיא עבירות וואס ער האט גיטאן און ער דער בארימט זיך ניט אויף זיך אליין און שעכט זייני קינדר מיט זיינע הענט זייא שטארבין דורך זייני זינד און ער פאר ברענט זיך אין דעם פייער פון דעם גיהנם און ווערט דארט גימשפט מיט קעלט און היץ פייער און שנייא · ער וארגט זיך מיט זיינע הענט דורך דער שווערד פון מלאך המות און גרייט אן יסורים פון גיהנם אוף זיך אליין און זיצט צווישין דיא שלאנגן אין קבר און איז זיך גורם יסורים פון גיהנם · אשר דרום דער וואס וויל מנצח זיין זייני שונאים דאס זענין דיא מקטריגים זאל ער ארויס גיין גיוואפנט אין תורה און מצות · דער וואס וויל זיך מרחם זיין אויף זיך אליין דער זאל זיין איין אכזר אויף זיך אין דער דינסט פון זיין בשעפר · דער וואס וויל זיך דער בארימן איבר זייני קינדר זאל אוף זייא לייגן דיא יאך פון יראת שמים און תורה לערנין · דער וואס וויל תענוגים און רוא דר זאל אנטלויפן פר זייא · דער וואס וויל לאנגי טעג זאל ער זייא קארץ האלטין אין זייני אויגן ער זאל טראכטין היינט בין איך דא און מארגין אין קבר · דער וואס וויל זיצן זיכר דער זאל בעמיהן זייני פיס פון איין שטאט אין דער אנדרי צוא לערנין תורה · דער וואס וויל ליגן אן פארכט דער זאל מקיים זיין אין זיך (אשרי אדם מפחד תמיד) וואל דעם מענטשין וואס פארכט זיך פון איין עבירה · דער וואס וויל זיס עסין זאל ער עסין ברוט מיט זאלץ · דער וואס וויל זיסי משקים דער זאל טרינקן וואסיר · דער וואס וויל זיסי שלאף זאל ער זיין וואכינדיג בייא נאכט צו לערנין תורה · דער וואס וויל לעבין דער זאל

לקיום אדם כי ימות באהל וימסור עצמו על קדיש השם · המתאוה לגן אלהים ימנע עצמו מטיולים בגנות ופרדסים · הרוצה להיות מכובד בשמים יבזה עצמו על התורה · ע"ד אם נבלת בהתנשא ת הרוצה להיות חביב בעיני המקום יהיה שונא כל עושה רשעה · הרוצה מלאכים יצאו לקראתו במותו אל יצא לקראת חבירו לחלוק ישמע חרפתו וישתוק · הרוצה לקנות שם טוב יאבד שמו לבל יזכר בין מרגיזי אל · הרוצה לרוץ לראות כל מה שיש תחת השמים מנבראים ודבריו משונים ירבה בישיבה עם החכמים והם יודיעו לו בחכמתם תבנית כל הברואים · הרוצה ללמוד חכמות מטעיות יאטם אזנו מלשומען· הרוצה להיות שורר על עצמו יברח מן השררה · הרוצה בכבוד יברח ממנו · הרוצה בעושר יפזר מעותיו לעניים הרוצה בגבורה יתיש כחו בתורה · הרוצה בחכמה ילמד מכל אדם · הרוצה להרבות בנים בני קיימא ימעט עצמו מבעילות אסורות · הרוצה לשכב בטח על הארץ ישכב · הרוצה בית משכית וכותלי מבצר ירגיל עצמו לישב באהל כאורח נטה ללון · הרוצה רבוי יינות יזיר עצמו מן היין · הרוצה לידע טעם כל מאכל ומשקה ירגיל עצמו בתעניות · הרוצה בתאות המשגל יזדווג עם אשתו מליל שבת לליל שבת · הרוצה ביופי ישחיר פניו על התורה · הרוצה בחן ילבש שחורים · המתאוה מלבושי רקמה ילבש שק על מתניו על עונותיו · המתאוה לקול שירים יקונן על סופו שעתיד לחזור לעפר ורימה · המתאוה לשחוק יבכה תמיד על מה שהכעים לבוראו · המתאוה משתאות ימעט במאכלו · המתאוה לצחות לשון יחזיק בשתיקה כי ברוב דברים לא יחדל פשע· המתאוה עצלות לא יניח עצמו כל היום מלגמול חסד· המתאוה נשים לא יסתכל אפילו בפני אשתו· הרוצה לשמוח ידאג תמיד על כי מחוסר קורץ והויתו נפסדת · החפץ בברכה יתרחק מברכת רשע שהרי רבקה נעקרה שלא יאמרו ברכת לבן עשתה פירות · החפץ לראות בחופת בניו ובנותיו ומשתדל על זאת יניח השתדלותו ויבטח בשם ה׳ · הרוצה לקדש עצמו יתעסק במת מצוה שאין לו קוברים · הרוצה לשמור שבת יחללוהו על פקוח נפש · הרוצה להקביל פני השכינה אל יסתכל בפני רשע · הרוצה להחיות נפשות רבים אל ירחם על רשעים דרחמי רשעים אכזרי · הרוצה להעמיד תלמידים ימנעם מללמוד בספרי אפיקורסים הרוצה לקרב הגאולה ירחיקנה מדעתו שאינה באה כ"א בהסח הדעת· החפץ במתנות ישנא אותם· המתאוה להיות כמלאכים ישים עצמו כבהמה לבל יתגאה· החפץ בשכר עוה"ב יתרחק משכר עוה"ז · החפץ בתחיית המתים ימית עצמו על התורה בעוה"ז ואל יחית מרבית ויחיה בתחיית המתים :

## פרק ט יתודה האדם ויעזוב החטאים והעונות והפשעים שעשה ואל יפסוק מלבקש רחמים

ת דרשו ע"ז רז"ל אם נבלת עצמך על ד"ת סופך להנשא :

זיך מיטן איבער דער תורה קלומר ער זאל זיך פיל סיגופים אן טאן · דער וואס גלוסט צו זיין אין גן עדן זאל ער זיך פאר מיידן פון צוא שפאצירן אין גערטנער · דער וואס וויל זיין געערליכט אין הימל זאל ער זיך מבזה זיין איבר דר תורה · דר ווס וויל זיין גליבט ביי גאט ב"ה זאל ער פיינט האבין אלי וואס טוען שלעכטס · דר וואס וויל זיך קויפען אגוטען שם זאל ער זעהן זיין נאמין זאל ניט דר מאנט ווערין צווישן דיא וואס דער צערנין גאט · דער וואס וויל זעהן וואס איז דא אונטר דעם הימל פון בשעפניש אונ פאר שידענע זאכין זאל ער זיצין מיט ת"ח אונ זייא וועלין מיט זייער חכמה אים מודיע זיין · דער וואס וויל הערשין איבר זיך זעלבסט · זאל ער אנטלויפען פון דיא הערשאפט · דער וואס וויל כבוד זאל אנטלופן דער פון · דער וואס וויל עשירות זאל פאר טיילן זיין געלד צוא ארמי לייט · דער וואס וויל שטארקייט זאל שלאף מאכין זיין כח אין דער תורה · דער וואס וויל האבן חכמה זאל זיך לערנן פון אלי מענטשן דר ווס וויל ערציהן לבני קיימא קינדר זאל זיך היטן פון בעילות אסורות · דר ווס הט פיל תאוה צו וויין זאל זיך אפ שיידן פון טרינקן וויין · דר ווס הט צו פיל לוסט צו מאכלים אונ משקאות זאל זיך גיוויינן צו פאסטין· דר ווס הט צו פיל לוסט זאל זיך נוהג זיין פרישות · דער וואס וויל שיינקייט זאל שווארץ מאכין זיין פנים איבער דער תורה · דער וואס וויל האבין תכ זאל זיך אן קליידן אין גמייני קליידר · דער וואס האט לוסט צו טייערי קליידר זאל אן קליידן איין זאק אויף זייני לענדין צוא קלאגן אויף זייני עבירות · דער וואס גלוסט גיזאנג זאל קלאגן אויף זיין סוף וואס ער וועט ווידר ווערין צוא ערד אונ ווערים · דער וואס גלוסט צוא פרייד זאל תמיד וויינן דרויף וואס ער האט דר צערינט זיין צו בשעפר :

פרק ט יתודה האדם דר מענטש זאל מתודה זיין אונ זאל פאר לאזין די זינד וואס ער האט גיטאן

סה' והוא ית' בוראי ירחם כי חנון הוא · וכה יאמר :

**אנא** ה' אלהי ואלהי אבותי אשר בראתני אל יצא פעולתך לריק להחזירני כלא היית בעבוד שהכעסתיך · כי גלוי לפניך כיון דמחוסר יצרתני שהחוסר מטנף בכל מקום אשר ינע תע"ז בראתני לעזרני בבואי לחזור ממעשי הרעים כדי להטיב עמי כי ע"ז בראתני ובאתי לפניך כי אין מי שיכול לתקן שברי כמוך כי האומן שעשאני יודע מקום השבירה לתקן · ועוד אמרתי תע"ז באתי כי אין מי שמכיר צרת נפשי אלא אתה והמכיר בצרה מהר מרחם · לכן קבלני בתשובה שלימה לפניך ועשה למענך אם לא למעני כיון שטרחת בי כל כך עד שגדלתני לבא לכלל זה לבא לפניך בתשובה לכן רצה תשובתי ונקני מכל סיג וחלאה וחלודה שבנפשי · יען שלא יהיה הלבוש שהלבשתני מלא כתמים לפניך · ואהיה מן השבים אליך בכל לב אם תעזרני לשוב כי אין בי כח לבדי לנצח מלחמה חזקה כזאת מיצרי הלוחם בקרבי בכל כלי זעמו · אבל מגערתך ינום ויברח ובעזרתך בטחתי ובאתי עדיך · יר"מ ה' אלהי שתצילני מיצר הרע אחר שובי לפניך שלא יתגרה בי עוד בחזקה · רק ליעשות לב בשר · מלבד שאם יתגרה בי אחרי שובי הוא יתגרה בכל כחו לאבדני באופן שלא אשוב עוד וכיון שמגדיל לעשות כל כך מה שלא צוית לו אף את הקהה את שניו לגרשהו מעלי מכל וכל · ואם אי אפשר זה תעמוד לימין אביון לעזרני לבל יצא מחשבתו של רשע בפועל · ומכל צרה וצוקה שהביא עליו בטועציו על שהחטיאני לפניך הצילני · ותכונן מעשה ידי לעשות מלאכות השייכות להן במלאכת הקדש כגון לכתוב ספרים ולקשור תפילין וציצית · ותרפא את מכותי ואת מכאובי אשר הכה בי אויבי מכות אכזרי · ולא ישמע בכי וזעקה בביתי ולא שוד ושבר בגבולי מקול בכיה וצעקה מאברי הצועקים עלי לאמר למה זה רמיתנו באמור אלינו כל היום סייעוני לעבירה כי טוב לכם · ועתה הם צועקים אלי לאמר הבא לנו רופא מובהק לרפא אותנו · ובקשתי ולא מצאתי אלא אתה ובלתך אין רופא מכיר ברפואתם · לכן רפא את שברם ותפור הקרעים שגרמתי להם כי

אין

אונ זאל נית אויף הערין צוא בעטען דער בארימקייט פון גאט אונ גאט ברוך הוא וועט זיך בוודאי מרחם זיין איבער אים ווארום ער איז איין דער בארעמיגער גאט · אונ אזוא זאל ער זאגען · אנא איך בעט דיך גאט מיין גאט וואס דוא האסט מיך בשאפען לאז דיין ווערק נית אום זונסט זיין צו ווידער קערען מיך גליך וויא איך בין גאר נית גיוועזן וויל איך האב דיך דער צערינט דען דו האסט מיך בשאפען אום ליים דוא ווייסט דאך אז ליים רעכט איין איטליכס ארט וואס עס רירט אן דרום איז דאך קיין חידוש נית וואס איך האב גזינדיגט · אונ דרוף האסטו מיך בשאפען דאס איך וועל קומען חרטה האבן אוף מיינע בייזע מעשים זאלסטו מיר העלפען דער צוא אצונד בין איך גקומען פאר דיר ווארום עס קען קיינער נית פאר ריכטן מיין בראך אזו ווי דוא וויל דוא האסט מיך בשאפן דרום ווייסטו צו פאר ריכטען דאס ארט פון דעם בראך אונ אוך קיינער ווייסט נית די צרה פון מיין לייב נאר דוא אונ דער וואס דער קענט אין דער צרה דער דר בארימט זיך גיך · לכן דרום זאיי מקבל מיין תשובה טוא דאס פון דיינט וועגין אויב נית פון מיינט וועגין אונ ריינינג מיך פון אלערלייא ראסט אונ זאוויר וואס איז אין מיין נשמה כדי דאס קלייד דער גוף זאל נית זיין פאר דיר פול מיט פלעקין אונ איך זאל זיין פון דיא וואס טוען תשובה צו דיר מיט דעם גאנצן הארץ אוב דוא וועסט מיר העלפען תשובה טאן ווארום איך אליין האב קיין מאכט נית צוא מנצח זיין אזו איין שטארקע מלחמה וואס מיין יצר הרע האלט מיט מיר אבער פאר דיין געשרייא וועט ער אנטלופען · אונ אוף דיין הילף האב איך מיך פאר זיכערט אונ בין גקומען צו דיר · יהי עס זאל זיין דער ווילן פון דיר גאט מיין גאט דוא זאלסט מיך מציל זיין פון דעם יצר הרע ער זאל זיך מיט מיר מער נית רייצען מיט שטארקייט · שטייא ביי מיין רעכטע האנט צוא העלפען מיר אז ער זאל מיך נית מאכען פאר לירען ח"ו אזו ויא זיין מחשבה איז · פון אלע צרות פון ענגשאפט וואס ער ברענגט אוף מיר מיט זיינע עצות וויל איך האב גזינדיגט פאר דיר זאיי מיך מציל · ותכונן אונ שטארק מיינע הענט צו טאן די היילינגע מלאכות וואס גיהער צו די הענט דהיינו צו שרייבן ספרים אונ צו ליינען תפילין אונ ציצית אונ זאלסט היילען מיינע שלעק אונ מיינע וויטאג וואס מיין פיינט האט מיך גשלאגן מיט שלעק פון אכזריות · אונ קיין שום גוויין אונ געשרייא זאל נית גהערט ווערן אין מיין גבול וואס מייני אברים שרייען אוף מיר ווארום האסטו אונז מרמה גוועזן דו האסט אונז גזאגט העלפט מיר צו טאן די עבירות וועט איך גט זיין אונ אצונד שרייען זייא צו מיר גיב אונז

ארעבמן

אין תופר כמוך לתפור ישן להחזירו חדש ממש · ואהיה מן יראיך ומעושי רצונך באהבה שלא על מנת לקבל פרס כדי שתקבלני לפניך בכ״ום קב״ל שכר מכל מצות אשר אעשה לפניך מכאן ואילך ומכל אשר עשיתי מקודם · אך השכילני שכל טוב מלפניך למען אשכיל לקיים מצותיך בכוונתם כאשר עם רצונך ולמען אעשה כל המוטל עלי לעשות ולמען אפנה בכל דרכיך עד היום אשר תאספני אליך ותוציאני מן העולם משלום אל שלום ע״י מלאכי שלום · ואמצא חן וחסד בעיניך ובעיני כל רואי כדי שלא יעכבוני מלעבדך וכדי שיהיו דברי מקובלים בספרי להם כי מקבל שבים אתה · ובעוד נשמתי בי בהיים אשר קצבת עלי כונן מענה לשוני ליסר לאותם אשר נטוי מני דרך והלכו חושך ולא אור כדי להיות מהמזכם את הרבים · והטהר מחשבות לבבי שלא אהיה נאה דורש ואין נאה מקיים · וכאותם המחמירים על אחרים ומקילים על עצמם והיה עם פי בעת הטיפי א ועם לבבי בעת מחשבתי כדי שיהיו פי ולבי שוין לטובה · והיה עם ידי בעת מעבדי שלא יצא תקלה ממעשי לא לי ולא לאחרים · ועם רגלי בכל שבילי שלא לעבור במקום טומאה נעלמת ממני · ואל אומר לפניך דבר שאינו הגון ושלא כרצונך כי איני יכול להוציא כל דברי במשקל מאזני צדק · ואל יבהלוני חלומות רעים יען שלא הדאג לבי עלי לבטלני מלעבדך בשמחה כי אתה יודע רבון העולמים שרצוני לעשות רצונך לכן הרחק ממאתים וארבעים ושמנה אברי דבר המבטלני מדרכיך הטובים והמליך עלי יצר טוב לשמור חקיך ולעשות רצונך בהתמדה כי נהייתי ונחליתי להלחם ביצרי הרע מלחמה חזקה ועצומה כמלחמת גוג ומגוג מעודי עד היום הזה כי לא נפל בו השינה והתרדמה אפי׳ רגע א׳ כי תמיד נלחם בחוקה וכל זמן שמזקין כחו מתגבר עליו כמדת הנחש והחזיר ואע״פ שנתיישן עמי מצאתיהו שונא חדש בקשתי אהבתו וכרתי ברית עמו שלא יזיקני ומצאתיהו חופר גומות מאחרי להפילני נפילה בלי תקומה ראיתיהו בחנתיהו שאין לבטוח עליו · ובאתי בתפלה לפניך שתרחיקהו ממני או להופכו לאוהב לי לעשות הברה עם יצרי הטוב שילכו שניהם יחד לבית המדרש

א מלשון מכתוב ומטיף לך יין פירושו דיבור :

ארעכטן רופא ער זאל אונז היטן פון אונזערי זונד האב איך גזוכט אונ האב ניט גפינען נאר דיך גאט ב״ה אונ חוץ דיר קען קיין שום רופא זיי ניט היילן דרום היול וייער בראך אונ פאר נייא די ריסען וואס איך האב איין גריסן ווארום דוא קענסט פאר נייען אלטע זאכן גאר וויא נייא · ואהיה אונ איך זאל זיין פון די וואס פארכטן זיך פאר דיר אונ טוען דיין ווילן מיט ליבשאפט אונ ניט וועגין שכר · דוא זאלסט מיר געבן שכל מקיים צו זיין דיינע מצות וויא דיין ווילן איז אונ איך זאל גיין אונ דיינע וועגין ביז דעם טאג וואס דוא וועסט מיך ריפען צוא דיר אונ פיר מיך פון שלום צו שלום דורך דיא מלאכים פון שלום אונ איך זאל גפינן חן וחסד אונ דיינע אוגן אונ אין די אוגען פון דיא וואס זעהן מיך זיי זאלן מיך ניט שטערין פון צו דינען דיך אונ מיינע רייד זאלן זיין אן גנומען צו מענטשן ווען איך וועל זיי שטראפן צו וואס זייא נייגין אפ פון גוטן וועג איך זאל זיין פון די וואס זענין מזכה רבים אונ ריינינג מיינע מחשבות איך זאל ניט זיין ווי דיא וואס שטראפן אנדערי אונ זענין עס אליין ניט מקיים צו אנדרע זענין זיי מחמיר אונ פר זיך אליין זענין זיי מקיל · והיה אונ זייא מיט מיין מול בייא מיין רייךן אונ מיט מיין חארץ בייא מיין טראכטן מיין מול אונ מיין הארץ זאל גלייך זיין צו גוטן אונ זאיי מיט מיינע הענט אז איך וועל עפיס טאן עס זאל ניט קומען קיין שטראכלונג ניט צוא מיר אונ ניט צו אנדרע אונ מיט מיינע פיס בשעת מיין טרעטן איך זאל ניט גיין אוף איין שלעכט ארטי אונ איך זאל ניט זאגן אזאך וואס איז ניט רעכט אונ ניט וויא דיין ווילן איז אונ שלעכטע חלומות זאלן מיך ניט דער שרעקין · מיין הארץ זאל זיך ניט זארגן וועל איך דיך קענין דינן בשמחה דען דו ווייסט אז מיין ווילן איז צו טאן דיין ווילן : לכן דרום דער ווייטער פון מיינע צווייא הונדרט אכט אונ פערציג אברים פון אזו איין זאך וואס קען מיך אפ פירען פון דיין גוטן וועג אונ מאך איבער מיר קינגין דעם יצר טוב צו היטן דיין גזעץ אונ צו טאן דיין ווילן תמיד ווארום איך בין שוואך צו האלטן מיט מיין יצר הרע אזו איין שטארקע מלחמה תמיד שטרייט ער מיט מיר אונ וואס ער ווערט עלטר ווערט זיין כח גשטארקט אזו וויא איין שלאנג אונ חאטשע ער האט זיך געלטרט מיט מיר איז ער מיר אשונא איך האב מיט אים כורת ברית גוועזן אונ ער גראבט אונטער מיר איך זאל קיין תקומה ניט האבן אונ איך בין גקומן בעטן פאר דיר אז דוא זאלסט אים דר ווייטערן פון מיר ·

וקבל

המדרש · וקבל תפלתי ככתוב שמעה תפלתי ה׳ ושועתי האזינה אל דמעתי אל תחרש ותשים חלקי מיושבי בית המדרש ותצילני כל ימי מלהכשל לכנס בעצת רשעים מלישב במושב לצים בבלי דעת · ותן לבי נשבר ונדכה ושפל רוח לפני כל בני אדם כדי שלא ילכדני גאותי וכעסי לאבד מה שהרווחתי בתשובתי · ולמקללי נפשי תדום כדי שיהיו הקללות בצרי לרפואת כפרת כל מה שהעויתי לפניך רבון העולמים · ושמרה לפי מחסום שלא להשיב חורפי דבר לסבול עונות נעורי ושלא יוכל שום בריה להזיקני כדי שלא יבטלני מלעבדך נגד המזיק · ויחד לבבי לאהבה וליראה את שמך כי חפץ חסד אתה · ויהיה דרכי מתוקנים נגד פניך כדי שמסני יראו וכן יעשו לעבדך · גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך כדי לגלות ליראי שמך עומק סודו תורתך · ואתה יוצרי וגואלי עורך שולחן לכל בריותך ומלאת פני תבל תנובה לתת חיים לעם עליה ומזון להולכים בה תמציא ברחמיך הרבים ובחסדך הגדולים מזונתי ופרנסתי שלימה בשפע גדול ובדרך כבוד בהיתר ולא באיסור בנחת ולא בצער מידך ולא מיד ב״ו כדי שלא יהיה לי עיכוב המזונות סבת בטול מצותיך · ואל יעכב עלי שום קטרוג לפרנסתי כי בך בטחתי שתרחיקם מלקטרג על מזונותי כיון שכוונתי בהם לבל יהיה עיכוב וביטול לעבדך · ותן לי בנים ובנות שיקדישו את שמך בעולמך ותתפאר עמהם בפמליא שלך לומר ראו בריות אלו שבראתי בעולמי וכל מלאכי רום יתאוו ויבאו לשמוע מפיהם חדושי תורה · ויהיו יפים ומתוקנים בכל אבריהם בלי שום מום ראוים להקריב על גבי המזבח כאהרן קדוש ה׳ · ואל ישלוט בהם לא עין הרע ולא בחירת בני אדם ולא שום פגע ונזק אנס״ו · ואל יתהלל שמך בי ואל תעשני שיחה בפי הבריות על איזה דבר דופי אך שימני שיחה בפי הבריות לדבר מעשי הטובים כדי שילמדו לשמור ולעשות כמוני בראותם כח התשובה שהרכבתני וקבלתני והגדלתני ברבוי מעשים טובים וזכיות אין מספר שיעור העונות שהרביתי שהפכת אותם לזכיות בתשובתי · ה׳ שמעה בקולי תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני · ענני ה׳ ענני בעת ובעונה הזאת ורחם עלי ועל נפשי ועל כל נפשות ביתי ותייחד לבבי לאהבה וליראה את שמך תמיד כל היום בלי פיסוק רגע ותבשרני בשורות טובות ממעונך · והרפאני רפואה שלימה רפואת הנפש ורפואת הגוף · והנני דעה בינה והשכל לדעת את שמך הגדול · יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי ·

ברוך שומע תפלת השבים :

**ואם** ח״ו רבש״ע הרביתי לפשוע עד שגדלו עונותי לשמים ועשו פגם רב עד שרבו הקטרוגים עלי לאין מרפא כי חייבו כובד עונותי לנעול לפני דלתי התשובה ומדת הרחמים נהפכה לדין גמור וכיון שכן כל דברי תחנונותי ישא רוח ותעניותי נחשבים לאין כאיש המוסגר במאסר שאינו אוהל ושותה בעבור שאין לו. עכ״ז רבונו של עולם איני זז כחבתך להיות מהמקוים

וקבל אונ נעם אן מיין תפלה אונ גיב מיין חלק פון דיא וואס זיצן אין בית המדרש אונ זאיי מיך מציל פון צוא זיצן אין זוצונג פון דיא שפעטערס אונ מיין הארץ זאל זיין נידעריג פאר איטליכן מענטש אונ מיין כעס זאל מיך ניט מאכן פאר לירן וואס איך האב מרויח געוועזן מיט מיין תשובה אונ מיין לייב זאל שווייגן צו דיא וואס שעלטן מיך אונ פאר גיב אלץ וואס איך האב גזינדיגט פאר דיר ויהיו אונ מיינע וועגן זאלן רעכט אונ גוט זיין אז ליט זאלין זעהן אונ זאלין אוך אזו טאן צו דינן דיך · אנפלעק מיינע אויגן אונ דען וועל איך זעהן וואונדערליכע זאכן אין דיין תורה כדי צו אנטפלעקין די סודות פון דיין תורה · ואתה אונ דו מיין בשעפער דוא גרייטסט שפייז צוא אלע באשעפעניש אונ האסט דער פילט די וועלט מיט פרוכט צוא געבן שפייז צוא דיא אלע בשעפניש זאלסטו מיט דיין פול רחמנות אונ גרוסע חסדים שיקן מיין שפייז אונ מיין פרנסה מיט גרוס שפע אונ מיט כבוד בהיתר אונ ניט באיסור מיט נחת אונ ניט פון קיין בשר ודם כדי איך זאל ניט דארפן מבטל זיין דייני מצות אונ קיין שום קטרוג זאל ניט מעכב זיין מיין פרנסה · ותן אונ גיב מיר אזעליכע זוהן אונ טעכטער זיי זאלן הייליגען דיין נאמן אונ זאלסט זיך מיט זיי ריהמן צווישן דיינע מלאכים אונ זייא זאלן זיין שיין אונ גיראטין אין אלע זייערי אברים אן איין שום מום · אונ קיין עין הרע זאל אין זיי ניט שולט זיין קיין שום פגע אונ שאדין אמן סלה · ואם אונ אוב ח״ו מיינע זונד האבן גמאכט אגרוסען פגם איך קען שון ניט גהיילט ווערן וויל מיינע עבירות האבן מחייב גוועזן צו פאר שליסן פאר מיר די טירן פון תשובה אונ דיא מדת הרחמים איז אויף מיר פאר קערט גווארן צוא מדת הדין אונ אלע מיינע רייד וואס איך בעט וועט דער ווינט אוועק טראגן אונ מיינע תעניתים העלפן ניט · עכ״ז רבש״ע פון דעסט וועגן טרעט איך ניט אפ פון דיין ליבשאפט אונ טו האפן

אונ

אונ ווען זייא וועלין אפילו זיין צדיקים וועלין זייא דיא פעטיר ניט קענין מציל זיין פון דעם עונש ווייל זייא האבין זיך אויף דעם סומך געוועזן · כיתה שמינית דיא אכטי כיתה טראכט זיך זייערי עלטרין זענין געוועזן גרויסי חסידים אונ הייליגי אונ האבין זיך מוסר נפש געוועזן אויף קידוש השם אונ מחמת דעם זכות פון אונזערע עלטרין וועט גאט ב"ה אונז מציל זיין פון דעם גיהנם · אבר זייער טעות איז בשייד אין דיא רייד פון אונזערי חכמים ז"ל דאס אברהם האט ניט געקענט מציל זיין צו ישמעאל אונ יצחק האט ניט געקענט מציל זיין צו עשו האטשי עס איז דאך ניט דא אזעלכי צדיקים ווי זייא זענין געוועזן אונ אדרבא דער וואס קומט ארוים פון צדיקים איז זיין עונש נאך טאפיל ווייל ער האט זיך געהאט פון וועמן צוא לערנין אונ האט ניט געלערינט · כיתה תשיעית די ניינטי כיתה טראכטין זייא זענין צדיקים פיל מיט מצות ווארום דאס וואס זייא האנדלין פון וועגין פרנסה דאס איז א מצוה אונ דאס וואס זייא שעלטן ניט קיין מענטשן אונ דאס וואס זייא שטייען אוף גאנץ פריא צוא זייער ארביט דרום זאגין זייא אוב מיר זינדגין אפילו וועלין דיא עבירות בטל ווערין צווישן דיא פיל מצות · אבר זייער טעות איז בשייד דען דער עיקר איז דיא זעקס הונדערט אונ דרייצעהן מצות וואס שטייען אין דר תורה אונ תורה לערנין · אונ אפילו דר וואס איז זיי מקיים אויב זייא זינדגין רעכינט גאט ב"ה ניט אפ איין עבירה פאר איין מצוה דאס מיינט דער פסוק גאט ב"ה נעמט קיין שוחד · כיתה עשירית דיא צעהנטי כיתה זינדגן ווייל זייא זאגין ווער וועט אונז זעהן · אבר זייא האבן אגרויסין טעות ווארום דיא השגחה פון גאט ב"ה איז אין גאר די וועלט אונ דר דור המבול האבין אוך אזו געזאגט זענין זייא פרלארין געווארין פון דער וועלט אונ גאט ב"ה האט געוויזן צו אלי מענטשין פון דער וועלט אז ער זעהט אלי וועגין פון דעם מענטש · כיתה אחת עשרה די עלפטי כיתה זאגין אפשר וועט משיח קומן אין מייני טעג אונ גאט ב"ה וועט מוחל זיין דיא זינד צוא דעם דור פון משיח אזו וויא עס שטייט אין ילקוט ישעיה וועל איך ניצול ווערן פון אלי זאכדאס · דאס קען מען זייא אפ ווענדין ווארום אפשר וועט ער ניט קומן פאר זיין לעבין אונ אפילו ווען מען וועט אים מוחל זיין דיא זינד וועט ער דאך קיין שכר ניט האבין אזו וויא דער וואס האט מקיים געוועזן דיא מצות אין גלות אונ וויא פיל בושה וועט ער דענסמאלט איין נעמן · כיתה השתים עשרה דיא צוועליפטע כיתה זענין איין כת רמאים דען זייא זינדגין אונ טוען תשובה אונ זאגין דיא זינד איז שון אונז מוחל געווארין דרום וועלן מיר נאך איין עבירה טון אונ ווידר תשובה טון אוף דעם אופן וועל איך פאר זוכין אלי עבירות אונ אז איך וועל שטארבין וועל איך קיין זינד ניט האבין · אונ

ווייער

דכיון שכוונת תשובת העבירה ראשונה כדי לחזור ולחטוא אפשר ימיתנו הקב"ה מיד כששב מעבירה ראשונה כדי שלא יחזור לחטוא ונמצא גורם לו קצרות חייו · ועוד שעל זה כיון השלם באומרו האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקים בידו לעשות תשובה כיון בכפל אחטא ואשוב לכת הזו שעושה בערמה לחטוא ולשוב ולחזור לחטוא ולשוב כדי לסלק בכל עון ראשון כדי שבסוף לא ימצא בידו עון · ועכ"ז אומר אין מספיקים בידו לעשות תשובה ואם כן מה מועיל בתקנה זו · כת י"ג מתחזקים לחטוא באומרם לית דין ולית דיין · והסתירה לזו דמצאנו ראיה כמה רשעים נתפסים בעונשין מעין חטאם כמכות המצרים שהוכו בעשר מכות כל מכה מקבילת למה שעשו עם ישראל כדאיתא במדרש וכן נפל המן בשחת שכרה וכן רבים לאין חקר וכל זה מורה באצבע דיש דין ויש דיין · ואם תראה חוטאים שאינם נלכדים מיד ברשת עונותיהם הקב"ה מאריך אף ולבסוף גובה מסנו · ואם מת בשלום לרע לו לשלם לו בגיהנם דקשה מדין העולם הזה על שחטאיו כבדים וקשים · כת י"ד מתחזקת לחטוא בראותם שאע"פ שבשלו בעונות ודרכיהם מקולקלים נושאים חן בעיני בני אדם ומצליחים במעשיהם ובזה אומרים דדכינו ומעשינו רצויים לפני המקום ובזה הולכים וחוטאים · והסתירה לזו שאפשר שהקב"ה רוצה לשלם להם בעוה"ז איזה מצוה שבידם לטורדם מעוה"ב · או נושאים חן בעיני אדם רשעים כמותם · ואם בעיני הצדיקים מורין להן כך מפני שמתנפי' לרשעים מפני דרכי שלום · כת ט"ו חוטאים באומרם ידענו דמשפטי גיהנם סוכנים לעוברי עברה עכ"ז חפצים אנו לטעום מתענוגי עבירו' כי רב הוא · והסתירה לזו שאין התענוג נשאר מודבק בהם לעולם כי הוא כהרף עין וכל דבר שאינו בר קיימא אין ראוי להחזיק בו · ומה גם שאינו ראוי לאדם להחליף הרב במועט שהתענוג דבר מועט ובזמן מועט ושכר עוה"ב רב אין חקר · כת ט"ז מתחזקים עצמם לחטוא באומרם משפט רשעים בגיהנם י"ב חדש וכיון שכן הנני מתעדן בחטאים כל ימי בהלוף עונש י"ב חדש · והסתירה לזה שקודם שיכנס בגיהנם מגלגלין נפשו באויר שנים הרבה כדי רשעתו בעונשים כפלים מגיהנם ומכניסים נפשו בבהמות וחיות טהורות וטמאות ובשקצים ורמשים ובכל המקומות המטונפים וכאלה מהעונשים ובסוף נכנס בגיהנם · כת י"ז בראותם שנכשלו

זייער טעות איז וואָרום ווייל דיא כוונה פון זיין תשובה איז פון וועגין נאָך אַמאָל צו זינדיגן וועט אפשר גאָט ב"ה אים טייטן תיכף נאָך דער תשובה כדי ער זאָל ניט ווידר זינדיגן ממילא איז ער אליין זיך גורם קורצע יאָרין · כת הי"ג דיא דרייא צעהנטע כיתה זאָגין סען שטראָפט גאָר ניט פאַר עבירות · אונ זייער אפ ווענדונג איז מיר זעהן פיל רשעים ווערין גשטראָפט מדה כנגד מדה גלייך זיא דיא מצרים זענין גישלאָגין גיוואָרין מיט צעהן מכות אונ איטליכע מכה איז גיוועזן קעגן דעם וואָס זייא האָבין גיטאָן צו דיא ישראל אונ אַזוי איז המן גיפאַלין אין דעם גרוב וואָס ער האָט גיגראָבן צו מרדכי אונ דאָס אַלץ ווייזט אַז עס איז דאָ איין גאָט וואָס שטראָפט פאַר עבירות · אונ אויב דוא וועסט זעהן רשעים וואָס ווערין ניט גיפאַנגען אין דער נעץ פון זייערי זינד דאָס איז גאָט ב"ה וואַרט זייא אונ צום סוף וועט ער אים שטראָפין · אונ אויב ער איז גישטאָרבן מיט שלום דאָס איז פאַר זייא שלעכט וואָרום ער וועט זייא בצאָלין אין גיהנם וואָס איז ערגיר פון דיא שטראָף פון דער וועלט · כת הי"ד דיא פערצעטע כיתה זענין גישטרויכילט גיוואָרן מיט פיל זינד פון דעסט וועגין זענין זייא נושא חן בייא לייט אונ דורך דעם זאָגן זייא אונזרי מעשים זענין בווילגט פאַר גאָט אונ דורך דעם זינדיגין זיי אלי מאָל מער · אונ זייער טעות איז עס איז מעגליך אַז גאָט ב"ה בצאָלט זיי אויף דער וועלט שכר פר עפּיס איין מצוה וואָס זייא האָבין גיטאָן אָדער זייא זענין נושא חן בייא אַזעלכי רשעים ווי זיי זענען אונ אויך צדיקים בדאַרפין חנפנן צו רשעים פון דרכי שלום וועגין · כת הט"ו דיא פופצעטע כיתה זאָגין מיר ווייסן אַז דיא יסורים פון גיהנם איז אָן גיגרייט צוא דיא וואָס זינדיגן פון דעסט וועגין ווילן מיר פאַר זוכין פון תענוגי עבירות · אונ זייער אפ ווענדונג איז דר תענוג פון דר זינד איז נאָר איין רגע אונ אַזוי איין זאַך וואָס האָט קיין קיום ניט גיהער מען זיך דרינן ניט אָן צו האַלטן · אויך גיהער אַמענטש ניט פאַר בייטן פיל פאַר ווייניג דען דער תענוג פון דער עבירה איז ווייניג אָבר דער שכר פון עולם הבא איז זייער פיל · כת הט"ז דיא זעכצעטע כיתה זאָגין דיא רשעים ווערין גמשפט אין גיהנם צוועלף חדשים וועל איך פאַרגעניגען האָבן אַלי מיינע טעג פון זינד אונ וועל ליידן גיהנם צוועלף חדשים · אָבר זיי האָבן אַטעות · איידר דר רשע קומט אין גיהנם ווערט זיין נשמה מגולגל פיל יאָר וואָס דאָס איז פיל מאָל ערגיר אַז גיהנם אונ ברענגט זיין נשמה אין בהמות אונ

חיות

בעתות אומרים כלנו אבדנו וכיון שכן אין לנו לירש תרתי גיהנם ועושים כל מה שלבם חפץ ונטבעים בעברות· וזהו בתושבם שכיון שחטאו אבדה תקותם לכן עושים אח"כ כל הבא לידם · והסתירה לזו מבוארת שהקב"ה יסד עולם על עמודי תשובה ואין דבר שיעמוד בפני התשובה וידו פשוטה לקבל שבים אף כי עונותיו רבו למעלה ושערי תשובה לעולם פתוחים · כת י"ח חוטאים מסבת שלא היה להם מי שילמדם להבחין בין טוב לרע ולא שמעו ולא הבינו ולכך בחשכה יתהלכו וחושבים שעליהם לא יפול עונש הדין · הסתירה לזו דמי שאינו חוקר להשיג האמת ודרכי חיים ולהכיר תורת משה ומצותיה גיהנם כלה והוא אינו כלה· כ"ש וק"ו הנולד מישראל שאע"פ שלא היה לו מי שילמדנו כיון שגדל ראוי לו שיבקש ויחקור וילמוד תורה ומצות · כת י"ט כת האנוסים הם החולים שמאכילים אותם מהדברים האסורים לרפואה וששים ושמחים באכילתם באומרם כיון שבא הדבר לידינו דרך היתר נטעום מן האסור להתענג בו ואינו מגיע לנו עונש כיון שהחכמים התירו לנו ומי יתן והיה להיות חולים פעם אחרת להרבות באכילה זו · והסתירה לזו דהן אמת דמותר להם אבל כיון ששמחים על הדבר מורים שיותר טוב מה שאסר הקב"ה ממה שהתיר וכאלו דבר ההיתר כמשא עליו וכדבר מאוס · ובהיות כן דבר בזוי וקל בעיניו קיום מצות הבדלה בין הבהמה הטהורה לטמאה מכל מאכלים הטהורים לטמאים ואין חטא גדול מזה ועונשו מרובה · כת ד' הנשים אם שמחות לומר טוב שאנו פטורות ממ"ע שהזמן גרמא ומת"ת ומה לנו ולצרה זאת · שהרי מודים ומעידין בעצמן שאין התורה חביבה בעיניהן והמצות בזויות להן שהרי שמחות על שאין חיוב הקיום עליהן וראוים לעונשים רבים מן הסתירה המבוארת כנזכר · ואינן יודעות שחיוב התורה ומצותיה עליהן כארז"ל כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים ותגד כו' אלו האנשים ולא עוד אלא שמקדים הנשים לאנשים · וחייבות בכל מצות לא תעשה ובעשה באותם שאין הזמן גרמא רק באותה שהזמן גרמא דפטורות משום שעול בעליהן עליהן חוץ מפסח וחנוכה ופורים שחייבות אע"פ שהזמן גרמא משום שנעשה הנס על ידן·פסח בשביל נשים צדקניות יצאו ישראל ממצרים·חנוכה על ידי יהודית· פורים ע"י אסתר

חיות שקצים ורמשים אונ דער נאך גייט ער ערשט אין גיהנם · כת הי"ז דיא זיבעצעהנטי כיתה זאגן מיר זענן שון פרלארן פון עולם הבא דרום לאמיר חאטשי האבן עולם הזה אונ טוען וואס ווייער הארץ גלוסט וויל זייא טראכטן עס איז שוין פאלארן זייער האפנונג · אונ זייער טעות איז בשייד דען גאט ב"ה האט געשטעלט אויף תשובה דיא וועלט אונ זיין האנט איז געשטרעקט מקבל צוא זיין בעלי תשובה דיא טוערן פון תשובה זענין תמיד אפין · הכת הי"ח דיא אכצעהטי כיתה זיינדיגין מחמת קיינר האט זייא ניט גיהאט צוא לערנן גייען זייא אין דער פינסטר אונ מיינען זייא וועלן קיין עונש ניט האבן · אבר זייא האבן איין טעות דען דער וואס איז געבארין איין ישראל ווען ער האט ניט גיהאט ווער עס זאל אים לערנן אז ער ווערט גרויס גיהער ער צוא זוכן אונ פארשטן אונ לערנן תורה אונ מצות · הכת הי"ט דיא ניינצעהטי כיתה איז דיא קראנקי וואס מען גיבט זייא עסן פון איין רפואה וועגן וועלכס וואס איז אסור אונ זייא פרייען זיך אונ זאגין וויל דיא זאך איז אונז גיקומן בהיתר צוא פאר זוכן דיא אסורי עסין ווארג לאמיר פערגעניגען האבן דער פון · זייער טעות איז יוא זייא מעגין עס עסין נור וויל זייא פרייען זיך אוף דער זאך איז איין גרוסי עבירה אונ דר עונש איז גרויס · הכת העשרים דיא צוואנציגסטי כיתה איז ווייבר וואס פרייען זיך אונ זאגין עס איז גוט וואס מיר זענין פטור פון פיל מצות אונ פון לערנן תורה זיא איז זייא ניט גליבט אונ דיא מצות זענין בייא זייא מבוזה אונ פרייען זיך וואס זייא זענין ניט חייב מקיים צוא זיין פיל מצות דרויף זענין זייא חייב פיל עונשים דען דער חיוב פון תורה אונ מצות איז אוף זייא אוך · כאשר זיא דיא חכמים ז"ל האבן גיזאגט עס שטייט אין פסוק (כה תאמר לבית יעקב) אזו זאלסטו זאגין צו דעם הויז גזינד פון יעקב דאס מיינט מען דיא ווייבר (ותגד לבני ישראל) אונ זאלסט זאגין צו דיא קינדר ישראל דאס מיינט מען דיא מענער אונ דער פסוק רעט פריער פון ווייבר וויא פון מענער · אונ זענין חייב אין אלי מצות לא תעשה אונ אלי מצות עשה וואס הענגן ניט אין קיין צייט נאר דיא מצות עשה וואס הענגן אן אצייט זענין זייא פטור מחמת דער עול פון זייערי מאנין איז אויף זייא · חוץ פון פסח וואורום פון וועגין דיא פרומי ווייבער זענין דיא ישראל ארוס גיגאנגן פון מצרים · חנוכה איז דער נס גוועזן דורך איין אשה יהודית · פורים דורך אסתר · אויך חאטשי

זייא

כמ"ש התוס' · גם אע"פ שפטורות מהתורה שבע"פ חייבות לעשות בסאמצי כחן שילמדו בעליהן ובניהן תורה ונחשב כאלו הן עוסקות בהיותן מעשין וגדול המעשה מן העושה · נקוט האי כללא בידך כל אדם המטיל מום באנשים כשרים ומגלגל דברים לפרסם עליהם עונות נעורים או ששמח על עבירות שעושים אחרים דע באמת שהוא מלא עונות ולוקח נחמה לנפשו באומרו יש רבים כמוני · וכל אדם המשבח לאדם בתוך חבורה שיש שונא לו אין רשע כמוהו שאין כוונתו לשבחו רק כדי שישמע השונא שבחיו ויהפכם לגנאי וירבה עליו חרופים ויעליל עליו דברי דופי ויתגנה בפני כל החבורה וירבו עליו שונאים · ונמצא עושה מעשה זמרי ומצפה שכר כפנחס באומר אני נתכוונתי לשבחו · ולכן אפילו חדושי תורה לא יאמר אדם משם אומרו בחבורה שיש לו שונא רק יתלה הדבר באילן גדול · והעושה בהפך עושה הקב"ה כאילו הקב"ה ח"ו אינו מכיר במחשבו' האדם ותחבולותיו·וכל אדם שתראה כועס על חוטא אח' שמיאש אותו מהתשובה דע שיש עבירה בידו ונוהג בה וכדי שיבטחו בו ולא יחקרו אחריו כועס כ"כ על החוטא שיחזיקו אותו סקנא ובורח מן העבירה · ואם תראה אדם כעסן דע שהגאוה שבלבבו גורם ושכינה אינה חשובה כנגדו ואל תתעסק עמו אפילו בדבר ריוח פן תפסיד חייך · ואם תראה אדם עצב כל ימיו דע שמיעוט הבטחה שבו גורם לו העצבות ואל תשכון בשכנותו פן יסיר אותך מאחרי ה' · אם תראה אדם מלגלג על דברי חכמים הרחק ממנו וברח עד קצות הארץ וצוה את בניך אחריך שלא יעברו במקום ההוא · ואם תראה אדם מתעסק בלשון הרע דע שהרבה דמים שפך · וכן אם תראה אדם אכזרי ואם תראה אדם קמצן ונבלה עמו אל תרבה תחנוניך עמו שירחם עליך פן תוציא זמנך לריק · ואם תראה אדם ליצן דע שמטמא בחייו כבמותו ורבים הוציא מדעתם ובחרו מחנק נפשם ועליו אמרו רז"ל אינו מקבל פני שכינה · ואם תראה אדם דובר שקרים בלום ד פיך מלדבר עמו כל ימי חייך פן תדאג תמיד ממראות רעות שתראה בדבריו כמראה סמא"ל לרשע בעת מותו · ואם תראה אדם בעזות מצח סבול קללותיו וחרופיו פן אם תשוב אמריך לו יוסיף עליך כהנה וכהנה עד שיעיד על אשתך שהיא זונה ובניך ממזרים · ואם תראה אדם רוב ימיו במשתאות דע שכל עבירה הבאה לידו אינו מניחה וכל דרכיו נבלות ואינו מדבר בשבח שום אדם ומורגל בפיו בזיון של ת"ח ובזקנותו מוטל ברעב וסופו יורש גיהנם · ודע בני שהתורה נקראת מאכל דכתיב לכו לחמו בלחמי · והעבירה נקראת מאכל דכתיב אכלה ומחתה פיה ח · וההבדל ממאכל למאכל מאכל התורה דהיינו למודה מאכל רוחני היא וכל עוד שאוכל מתאוה עוד לאכול ואינו שבע באופן שלעולם אינו קץ מאכילתה · ומאכל העבירה הוא מאכל גופני וגם אחר שאוכל ושבע קץ באכילתו ומואס כל מאכל שבעולם · והמשל לזה להנחת השלחן וסילוקו · מאכל התורה בשעה שאדם עורך שלחנו לאכול והוא נקי וטהור ותחת שלחנו מלא דשן ואדם

ד סגור: ח פסוק טו"ל כמשלי וכוונס מאמשי קרח כלשון נקי:

זיא זענן פטור פון תורה זענן זיא חייב צוא שטיצן זייערי מאנן אונ זייערי קינדר זאלן לערנין ווערט דאס זייא גרעכנט גלייך וויא זייא לערנן : נקוט דעם כלל נעם דיר דער וואס ווארפט איין מום אין לייט אונ אכט אויף זייא זינד זאלסטו וויסן אז ער איז פול מיט עבירות אונ נעמט זיך טרייסטונג דער מיט וואס ער זאגט עס איז דא פיל לייט אזעלכי · אונ דער וואס לובט אמענטשין צווישן אגעזעלשאפט וואס דארט זיצט אייגר וואס האט יענעם פיינט אין זיין כוונה איז דר שונא זאל· עס הערן אונ זאל פאר קערן צוא גנאי אונ זאל רעדין אויף אים שלעכטי רייד · דער טוט מעשים פון זמרי אונ האפט שכר וויא פנחס אונ זאגט איך האב גמיינט אים צוא לובין · ואם אז זעהסט אמענטש איין כעסן זאלסטו וויסן אז די גאוה איז דאס גורם אונ די שכינה איז ביא אים ניט חשוב אונ זאלסט מיט אים ניט האנדלן · אמענטש וואס איז תמיד טרויעריג זאלסטו וויסן ער האט ווייניג בטחון אונ זאלסט ניט וואנען אין זיין שכונה · אמענטש וואס שפעט אום די רייד פון די חכמים דר ווייטר זיך פון אים אונ זאג אן דייני קינדר אז זייא זאלן ניט איבר גיין אויף דעם אורט · ואם אמענטש ווס ער רעט לשון הרע הט ער געווים פיל בלוט פר גאסין · אמענטש ווס איז איין אכזר אונ איין קמצן זאלסטו פון אים ניט בעטין ער זאל זיך דר בארמין איבר דיר · אמענטש ווס איז אלץ איז מטמא ביי זיין לעבן אזו ווי נאך זיין טוט · אויף אים האבן אונזרי חכמים ז"ל גזאגט אז ער איז ניט מקבל פני שכינה · אמענטש וואס זאגט ליגן רעד ניט מיט אים · אמענטש ווס האט איין עזות מצח לייד זייני קללות אונ זיין זידלן ווארום אז דוא ווערסט אים ענטפרין וועט ער דיך נאך מער מבזה זיין · אמענטש וואס פאר ברענגט זייני טעג אין טרינקען אונ אין שלעכטי תאוות ·

אלי

יואדם מתאוה לאכול כל מאכל שיביאו לפניו כי מחמת רעבו לא תשבע עינו · ומאכל הזונות ושאר עבירות בשעת סילוק השולחן שהוא מלא קליפות ועצמות ומאוס מהמרק הנשפך בו ואדם קץ לראותו ומואס בכל מאכל · כך הרשעים אחר שעושים העבירה ושבעים ממנה מיד מואסין בה · וזהו שאומרים רז״ל רשעים מלאים חרטות · והטעם שמיד שמלא תאוותו יצרו מסתלק ממנו ועולה למעלה לקטרג עליו ובאותה שעה רואה בדופי המעשה שעשה ומתחרט עד שיחזור יצרו בקרבו לחזור להחטיאו· לא כן הצדיקים האוכלים לחמה של תורה דכל עוד שאוכלים ממנה מתאוים עוד לאכול ואינו שבע · והטעם שכל עוד שאוכל אותו לחם כל פרוסה ופרוסה שאוכל דוחה ומגרש חלק מיצרו לחוץ כי התורה כסם המות ליצר הרע ותשאר הגוף פנוי ממנו בבחינת הרוחניות ואין שביעה ברוחניות כי ראשון ראשון מסתלק למעלה להליץ בעדו לפני המקום · אוי לאדם המחליף לחמו של תורה בלחם עצבים · אוי המחליף תענוגים רוחניים בתענוגים גשמיים המתהפכים לזבל · אוי העוקר נטיעות של ג״ע לנטוע כאן גנות ופרדסים · אוי המוכר חלקו של עוה״ב לקנות כאן חצרות ומקומות · אוי לגוף המתלבש מגז כבשים ועזים וממשי תולעים ואינו מתלבש בחלוקא דרבנן ו · אוי המכבד ביתו מן הזבל ומכל השרץ השורץ על הארץ ואינו מכבד גופו מן העבירות · אוי הקונה בממונו כלי זיין להשחית נפשו אוי לכים שמלאה לעולם ואינה מתרוקנת לעמלי תורה ולפדיון שבוים ולשאר מצות · אוי המבקש יישוב לגופו ואינו מבקש יישוב לנפשו · אוי שוכן במשכנות און ואינו שוכן בבתי מדרשות · אוי לבית שכליו חדשים מבלי הכנסת אורחים בתוכו · אוי לבית שחלונותיו פתוחות לשוק של זונות · אוי לבית שספריו חדשים מבלי לומר בהם · אוי לבית שתבואותיו מלאות מבלי תת מהן לנדוניות היתומות · אוי המשתדל בנשואי בניו ובנותיו ואין משתדל בנשואי גופו בנפשו · כלומר לעשות החומר צורה · אוי המגרש אויבים מביתו ואינו מגרש אויבי הנפש מעליו · אוי הבונה היכלות לגוף ואינו בונה היכלות לנפש · אוי המחליף שמיעות קול שירי המלאכים בשמיעת שירי עגבים · אוי לחצר שכל שכניו כלם עמי הארץ · אוי לעיר שראשיה נערים ועמי הארץ ואכזרים וכל העם זוכרים מהם עונות נעורים · אוי הממית עצמו בידו ע״י עונותיו · אוי הממית בניו בחטאיו · אוי המכין צדה לדרכו גפרית ומלח וחרון אף · אוי הלומד אומנות להשביע גופו והרעיב נפשו ז · אוי לעיר שיושביה מועטים ומחלוקותיה מרובים · אוי לעיר שיושביה מרובים ולומדיה מועטים · אוי המכיר כל דרכי עירו ואינו מכיר דרכי תורתו · מכיר דרך ביתו ואינו מכיר דרך בית תפלתו · אוי מכיר ומכבד מי שהולידו ואינו מכיר ומכבד למי שבראו · אוי משביע נפשו מלחם ומרעיבה מתורה · אוי למטה ששוכבים עליה כל הלילה · אוי ללילה שאין עוסקים בה בתורה שאין רינה של תורה נשמעת בה כי אם בקול צוחה על היין · אוי ליום כשמוציא אורו להאיר

ו הוא לבוש גשמי לנשמה לאחר המות : ז פירוש רק לאכול ולשתות ולזנות וכוס הרעב נפשו מכל טוב לעולם הבא :

אלי עבירות וואס קומן אים צו האנדן לאזט ער זייא ניט אוועק אונ ער רעט ניט אין שבח פון אשום מענטש אונ איז מבזה תלמידי חכמים אונ אוף זיין עלטר וועט ער ליידען הונגר אונ גיהנם · אוי וויא איז צוא דעם וואס פאר בייט דיא תורה וועגין ברויט · וויא דעם וואס פאר בייט דיא תענוגים רוחניים מיט דיא גראבי תענוגים · וויא צוא דעם וואס פאר קופט זיין חלק עולם הבא וועגין עולם הזה · וויא צוא דעם גוף וואס קליידעט זיך שיינע קליידר אונ קלייד ניט אן זיין נשמה · וויא צוא דעם וואס ריינינגט זיין שטוב אונ ריינינגט ניט זיין גוף פון עבירות · וויא צוא דעם וואס מיט זיין געלד פאר דארבט ער זיין לייב · וויא איז צוא דעם וואס זוכט רוהע צוא זיין גוף אונ ניט צו זיין נשמה · וויא צו דעם וואס קומט ניט אין בתי מדרשות · וויא צוא דעם וואס זייני ספרים זענין נאיי דאס קיינר לערינט אום זייא ניט · וויא צוא דעם וואס פאר טרייבט זיין שונא פון הויז אונ פאר טרייבט ניט פון זיך דעם יצה״ר · וויא איז צו דעם הויף וואס אלי זייני שכנים זענין עמי ארצים · אוי וויא צוא דר שטאט וואס אירי ראשים זענן יונגע לייט אונ עמי הארצים אונ אכזרים · וויא צו דעם וואס טייט זיך אליין אונ זייני קינדר דורך זייני זינד · וויא איז צוא דעם וואס גרייט זיך אן שוועביל אונ פעך אונ גרים צארן · וויא צו דער שטאט וואס אירי מחלוקת איז פיל · וויא צוא דער שטאט וואס אירי לומדים זענין ווייניג · וויא צוא דעם וואס דער קענט ניט דיא רייד פון זיין תורה · וויא צו דעם וואס דער קענט ניט אונ האלט ניט ערליך דעם וואס האט אים בשאפן · וויא צוא דעם וואס מאכט זיך הונגריג פון תורה · וויא צו דעם וואס ליגט אגאנצי נאכט · וויי דעם הכב וואס ניצט מיט זיין תורה · וויא דעם בעל מלאכה וואס פר זערט זיך אויף זיין מלאכה אן

אשום

לכל עושה רשעה ולא לעוסקים במצוה · אוי לחכם שמשתמש בתורתו · אוי לבעל מלאכה שבוטח בזרועו · אוי לרופא המבקש עשירים ולא עניים וגוזר רפואות בלי צורך לייקר הסמנים אוי לסוחרים יוצאים כל היום בעסק סחורתם ולא בסחורה של תורה · כי טוב סחרה מסחר כסף · אוי לאב ואם השוחקים מרשעת ילדיהם באמרם קטנים הם · אוי לבחורים שימי כחם מוציאים לריק · אוי לזקנים שבאו לכלל זקנה ואין מזכירים מיתה בפיהם · אוי לאדם האומר שלום עלי נפשי ואינו מצטרף בשום צרה עם הצבור · אוי לאדם שמשמח בגדולתו · ואוי ואבוי למי שהוציא כל ימיו בהבל וריק ומת בלי תשובה · אוי לאיתו גוף שיאכלהו תולעה ויתלבש בבושה וכלימה כגליפא · ונפשו עומדת נזופה וזעופה · אוי לאותו בושה · אוי לאותה כלימה :

**פרק יא** יום המעונן ויום הגשם נפשו של אדם עגומה עליו · בראות היום חשוך ומעורבב סקול הגשם וקולות וברקים ומרמס בטיט חוצות · ואע״פ שיודע דכל זה להביא חיים בעולם שיורד הגשם להגדיל התבואות ולהפריח אילנות ולעשות ציצין ופרחים ואח״כ חוזר השמש זורחת על הארץ כמו שהיה ועכ״ז דואג ומתעצב בשעה שחשכה נפלה על ארעא · מכאן יחשוב האדם הצער והדאגה שישיג לו בבא ימי הרעה ימים המתקרבים למיתה ובפרט שישיג היום ממש שבו יפטר מן העולם · שהוא יום חשך ואפלה צלמות ולא סדרים ותופע כמו אופל · מה דוחק וצרה וצוקה ויגון ואנחה ירגיש נפשו מאין הפוגות · לכן לצאת מאפלה זו לאור גדול אין אור אלא בעסק התורה שנקראת אור שנאמר כי נר מצוה ותורה אור ויאיר בלבתו מן החיים לחצר מות ובשכבו בקבר כזוהר המאירים · תדע שהרי אדם ישן על מטתו בלילה וחולם שמש זורח על הארץ ורואה אור גדול ונפשו שמחה ומתענגת באור זה כאילו הדבר בפועל ממש · הלא תראה בחוש הראות האור הנולד מן התורה כשאדם מחדש איזה חדוש בתורה נכנס שמחה בלבו כדכתיב פקודי ה׳ ישרים משמחי לב וכתיב ושמחת בכל הטוב ואין טוב אלא תורה כארז״ל במדרש ע״פ זה · וטעם שמחת הלב משום שאור התורה שלמד וחידש נכנס שם ומאיר · באופן שהתורה כנר להאיר לנשמה לשמחה וסמך לדבר נר ה׳ נשמת אדם · ירצה נר ה׳ שהיא התורה להאיר לנשמת אדם · וכשם שע״י האור יכול האדם לעשות כל צרכי גופו להקריב התועלת ולהרחיק הנזק ולהציל עצמו מפח יוקשים וכלפול בשוחה עמוקה כך התורה מאירה עיני האדם להציל נפשו מני שחת לראות באור החיים ומלמדתו להועיל לבקש הדברים

אשום בטחון אוף גאט · וויא צו דעם רופא וואס גייט נאר צו איין עושר אונ ניט צום ארום מאן · וויא צו דיא סוחרים וואס גייען איין גאנצן טאג אין עסק פון זייער סחורה אהן תורה אונ מעשים טובים · וויא צוא פאטר אונ מוטר וואס לאכין פון דעם רשעת פון זייערי קליינע קינדר · וויא צוא דיא יונגי לייט וואס פאר ברענגין גאר זייער כח אוף נישט · וויא צו דיא וואס זענן שון גאנץ אלט אונ דר מאנין זיך ניט דעם טוט · וויא צו דעם וואס זאגט עס וועט מיר זיין שלום אונ איז זיך ניט מצרף מיט דעם צבור אין קיין שום צרה · וויא איז צו דעם וואס פאר ברענגט אלי זייני טעג אין נארישקייט אונ שטארבט אן תשובה · וויא איז צוא דעם גוף וואס ווערים וועלין אים עסין אונ וועט לייזן שאנד אונ זיין נשמה וועט שטיין בנזיפה. וויא איז צו דער בושה · וויא איז צו דער שאנד :

**פרק יא** יום המעונן דעם וואלקענדיגן טאג ווען רעגין גייט איז דר מענטש אביסעל אין מרה שחורה וויל דער טאג איז רעגין אונ דונערן אונ בליצין האטשע ער וייסט אז דער רעגין טוט מאכן וואקסין תבואה אונ פירות אונ בליאונג פון בייכר אונ דער נאך קערט ווידער דיא זון אונ שיינט אוף דער ערד פון דעסט ווענן איז ער פארט טרויערג אין דר צייט פון וואלקינס · מכאן פון דאנן גהער אמענטש זיך אראיה נעמין צוא טראכטן דעם צער אונ דיא דאגה וואס וועט אים גרייכן אז דיא טעג וועלין קומען וואס זענין נאהענט פאר זיין טויט · ובפרט דער טאג וואס ער דארף אין אים שטארבן גיהער אך דאך פאר שטיין וואס פאר איין טרויערקייט אונ זיפצונג וועט זיין נשמה פילן דרענכאלט לכן כדי ער זאל ארויס גיין פון דעם דאזיגען פינסטערקייט צו ליכט איז נאר דורך תורה לערנין וואס זיא ווערט גרופן ליכט אונ מעשים טובים אונ צדקה אונ זיא וועט לייכטן צוא דעם מענטש אויך אז ער וועט ליגען אין קבר ווייא דאס ליכטיקייט אונ גלאנץ פון היכל · הלא פאר וואר דוא קענסט פילין דאס ליכטיקייט פון דער תורה ווען אז אמענטש איז מחדש עפיס אין דער תורה קומט אשמחה אין זיין הארץ וויל דיא תורה וואס ער האט מחדש גיוועזן גייט אין זיין

הארץ

תורמים הבריאות לנפשו ולגופו לעבודת בוראו שלא יפול בו מקרה החולאים המבטלו מלעבוד שהרי התורה מזהירה מזה תאכל ומזה לא תאכל כי מכל מאכל המזיק הבדילתו מלאכלו כרופא זה העומד על האדם לאמר למה תאכל מאכל זה כי מזיק הוא כך התורה מרחיקתו ממאכל המזיקו ומקרבתו למאכל הנותן בריאות לנפש ולגוף · וכן תורה שבעל פה ג"כ · (עיין בהרמב"ם הלכות דעות ובראשית חכמה בחופת אליהו שקיבץ דברי רז"ל אל מקום א')·ומזכור שם הדברים שדברו לתועלת בריאות האדם מה יעש' ואיך יעשה תראה משם ובזה תדבק נפשך בשתי תורות בראות חבתם עליך להדריכך בדרך החיים ולהבדילך מדרכי מות · ותראה עוסקים בתורה מדוכים ולבושי סחבות מלובשים דע טעמו של דבר כל דבר נהמד ויקר הערך ותאוה לעינים מכסים אותו מן העינים וחופים עליו מפה בלויה ומבוזה כדי שלא ישלוט בו עין הרע אבל מי שיש בו דעת ומכיר בחפץ המכוסה במפה בלויה זו מתאוה להיות באותו דבר נהמד ויקר הערך אע"פ שיהיה מחופה בשק ואפר כי בבא במקום שאין עין הרע שולט בו כזרעו של יוסף א דהיינו לעתיד מסיר המכסה מעליו ומאיר שבעתים כאור החמה · וכשם נולד שרשע עם הארץ פוער פיו כגמל ומוציא ריח רע כצואה מפיו ומבזה ת"ח · כי אין נפשו הבהמית משיגה לראות כי אם הלבוש הקרוע שעליו ולא החפץ היקר שמכסה עליו · ובזה רואה הרשע עצמו בבגדי שש וארגמן ולת"ח בבגד קרוע מתחזק לצעוק עליו ככלב וטומאת יצרו אשר עשה הלודה בנפשו הגדיל סמיות בעיניו מלראות מה שתחת לבושי רקמתו שהוא גוף נגוף משולל מכל טוב דומה לחמת מלאה צואה בחייו ובמותו לכלב מוסרת מלא תולעים יוצאים מלשונו ונכנסים בטבורו · ודע שבל זמן שמתמרק הגוף ע"י עסק התורה מתגדל אורה של נשמה · כסכין זה כל זמן שמשחיזו במשחזת מתמרק החלידה שעליו ומתגלה צחצחות איר בהירותו. כך ת"ח כשממרק ומחליש כחו ע"י עסק התורה שנקראת אש דכתיב הלא כה דברי כאש וכתיב אש דת למו מתגלה אור שבנפשו עד שמכח המירוק מתגדל כ"כ אור שלה עד שמגיע למדרגת נשמה ורוח וכל מדרגה ומדרגה להשיג צריך מירוק יותר גדול כנודע · ואם יש ת"ח מבזים אותו ליצני הדור מטעם שהוא מכוער או בעל מום ומקילים בכבודו עד בוש על שהוא בזוי בלבושו אל ישים לבו לדבר הזה בשומו נגד עיניו דכל זה בעולם עובר ובזמן קצוב ואח"כ הולך אל המעלה לשלוט על ש"י עולמות דכתיב להנחיל אוהבי יש ורבי רבבות של מלאכים עומדים לשרתו וכתר תורה ומע"ט

א כמו שדרשו חז"ל בפסוק עלי עין שאין עין הרע שולטת בזרעו של יוסף :

הארץ ארין · אונ אזו וואל וויא דורך דאס ליכט קען דער מענטש זיך מציל זיין פון שטרויכלונג אזו אויך דיא תורה מאכט לייכטן דיא אויגין צוא מציל זיין פון גיהנם אונ צוא זעהן אין די אייביגע ליכט אונ לערינט אים דיא זאכין וואס ברענגין שטארקייט צוא זיין נשמה אונ צוא זיין גוף צוא דינסט פון זיין בשעפר · שהרי דיא תורה איז מזהיר דאס זאלסטו יוא עסין אונ דאס ניט ווי אדאקטר זאגט אן דעם חולה דאס אונ דאס זאלסטו ניט עסין ווארום עס וועט דיר שאטין אזו אויך דיא תורה ווער וויטערט אים פון אזו איין עסין וואס שאט · אונ זיא גינעהנט צוא אים אזו איין עסין וואס איז גיזונד צו זיין נשמה אונ צוא זיין גוף · אונ אזדוא העסט דאס גידיינקין וועסטו זיך בהעפטן אין תורה שבכתב אונ אין תורה שבעל פה דוא וועסט זעהן דאס זייא מאכין דיך טרעטין אין דעם וועג פון לעבין אונ ראטין דיך פון טויט · ואם אונ וואס דוא זעסט לומדי תורה טראגן גילאטעטע קליידר · דער טעם איז דען אטייערי זאך פאר דעקט מען אפטער מיט איין גימיינע דעק עס זאל דרינן קיין עין הרע ניט שולט זיין · אבער דר ווס הט שכל פר שטייט וואס ליגט אונטר דער דעק אזו אוך דר ת"ח לעתיד לבא וועט ער אפ טאן דיא דעק פון זיך אונ וועט לייכטין זיבין מאל זיבען וויא דיא ליכט פון דער זון · ומשם אונ דער פון קומט עס אז דער רשע וואס לייקענט אן גאט ב"ה עפינט זיין מויל אונ איז מבזה דיא ת"ח ווארום ער זעהט נאר די צוריסנע קליידר וואס אויף אים איז אבר ניט דיא טייערי כלי וואס איז אונטר דער דעק · ואם אונ אויב עס איז דא איין תלמיד חכם וואס דיא לצים זענן אים מבזה מחמת ער איז ניט קיין שיינר מענטש אדער איין בעל מום אדער ער גייט אין גימיינע קליידער זאל ער ניט טאן זיין הארץ דער צוא דען ער זאל בייגקן דאס אלץ איז דאך אויף דער דאזיגער וועלט וואס זיא איז גאר אויף אקורצע צייט אבער דער נאך וועט ער קומן צום אייביגין לעבין אונ ער וועט האבין דדייא הונדערט אונ צעהן וועלטין אונ דיא כתרי פון תורה ומעשים טובים וועט אויף זיין קאפ זיין אונ דיא שכינה וועט רוהן אויף אים אונ

נאך

בראשו כארז"ל צדיקים עומדים ועטרותיהן בראשם ושכינה שורה עליו ופניו מבהיקים ומאירים מסוף העולם ועד סופו והליצנים יראו ויבושו וילכו לחרפות · וזהו משל לאדם שאמרו לו אם תסבול כמה ימים בזיון לצאת בשוק בלבושי הבורסקי ב ופניך מפוחמות גם אוילים יצחקו בך ובמלאות הימים האלה תהיה בעושר רב וכבוד גדול · שאין ראוי לאיש זה לחוש על הבזיון שסובל בימים קצובים נגד המעלה הנמשכת אחר כך מעלה שאין למעלה ממנה ותמידית · ואדרבה ראוי שישמח מאותו בזיון כיון שגורם לו המעלה · גם הת"ח שמבזים אותו אין ראוי שיצטער על הבזיון שסובל בערך השכר והמעלה שעתיד לקבל בעבור שסבל הבזיון ולא פירש מן התורה · ואם יראה הת"ח עמי הארץ מתחרטים על שעבר שלא עסקו בתורה ועגמה נפשם עליהם על זה ומתאוים להדבק עם ת"ח לשמוע תורה מפיהם ומחזיקים בידם שילמדו בעבורם לחלוק עמהם כזבולון עם יששכר אז הת"ח חייב לכבדם ולהתבייש מהם כדי להראות שמורים להם כבוד · אמנם אם העמי הארץ אין נוהגים כבוד בת"ח כראוי ואין מהם שום תועלת ואדרבה מבזים בעיניהם התלמידי חכמים ומתאכזרים עמהם אז התלמיד חכם אל יחניף לתת להם שום כבוד בעולם משום שמחזיק ידי עוברי עבירה ומרגיזי אל אלא אדרבה יחשבם כבהמות וכאלו יושב בתוך ארוות סוסים שאין האדם מתבייש מן הסוסים כלל להלוך יחף או בלי גלימא או לדבר בקול רם או כיוצא מהדברים אלו שצריך האדם לנהוג מפני כבוד הבריות · וכשיראו עמי הארץ שבעיני התלמידי חכמים חשובים הם כבהמה יחזרו בהם וישתדלו על בניהם שילמדו תורה · והנשים הארורות בראותם בשפלות בעליהן שבעיני תלמידי חכמים הם נחשבים כבהמות ונמנעים מכל כבוד שבעולם גם המה יעזרו מיד בעליהן על בניהם שישתדלו ללמד להם תורה מפני הכבוד שיש ללומדי תורה · גם בראותן בשפלות עם הארץ ובכבוד התורה יחשבו בעת הזיוג בתלמיד חכם שיהיה הולד הנוצר כמוהו כרבי יוחנן שהיה יושב בשערי טבילה כדי שיחשבו בו הנשים העולות מן הטבילה כדי שיהיו להן בנים חכמים ויפים כמוהו · וכל המחניף את עם הארץ שאין ממנו שום תועלת בעולם ואדרבה מבזה תלמידי חכמים מביא רעה לעולם ומשפיל כהרה של תורה ומכבה את אורה ואין לו חלק לעולם הבא והעון הזה מביאו בעולם הזה שיצטרך לעם הארץ ויצפה ממנו תמיד ויצא מאצלו בידים רקניות · והנני מודיעך בפעם הזאת טעם ששמעתי מעם הארץ אחד למה העמי ארצות שונאים לתלמידי חכמים משום שתלמידי חכמים מונין לנו כבהמות לכן אנו שונאים לתלמידי חכמים וראיה לדבר שאין מתערבים עמנו לאכול ולשתות ולדבר ואין מגלים לנו סוד מסודותיהם ואין מתיעצים עמנו לשמוע

ב שאומנתו לעכד עולם :

דיין פנים וועט לייכטן פון איין עק וועלט ביז דער אנדרער און דיא לצים וועלין פר שעמט ווערן · וזהו דאס איז אמשל צוא איין מענטש וואס מען זאגט אים אויב דוא וועסט ליידין עטליכע טעג בזיון דיא נארנים זאלין שפעטין אום דיר וועסטו קומע צוא פיל עשירות און גרוים כבוד · נוא בדארף דער מענטש דאך בוודאי ניט זארגין אויף דעם וואס ער וועט ליידין דיא עטליכע טעג אקעגין דער מעלה וואס ער וועט דער נאך האבין · וואס און אז דער ת"ח וועט זעהן דיא עמי הארצים האבין חרטה דרויף וואס זייא האבין פריער קיין תורה ניט גילערינט און גלוסטין צוא בהעפטין זיך מיט דיא ת"ח צו הערין תורה און געבן פרנסה די ת"ח זייא זאלין לערנין און זאלין זיך מיט זייא טיילין מיט דעם שכר וויא שבט זבולן מיט שבט יששכר · דענסאלט איז דער ת"ח זייא מחויב ערליך צוא האלטין און אפ געבין כבוד צו זייא : אמנם אבער אז דיא עמי הארצים זענין ניט נוהג כבוד דיא ת"ח און דיא ת"ח האבין פון זייא קיין שום הילף ניט און זענין נאך מבוזה אין זייערע אויגין זאל דער ת"ח זייא ניט חנפנען דאס ער זאל זייא קיין שום כבוד ניט אפ געבין וואורום זונסט הייסט גלייך וויא ער שטארקט דיא וואס טוען עבירות און דער צערינען גאט · און אז דיא עמי הארצים וועלין זעהן אז זייא זענין גירעכינט וויא נישט אין דיא אויגין פון דיא תלמידי חכמים וועלין זייא חרטה האבין און וועלין זיך משתדל זיין אז זייערי קינדר זאלן לערנן תורה · און דער וואס חנפת איין ע"ה וואס פון אים איז ניט דא קיין הילף צו דיא ת"ח דר ווארפט אראפ דיא קרון פון דער תורה און פאר לעשט איר ליכט און זיין עונש איז ער זאל אן קומן צוא דעם עם הארץ און וועט האפין צוא אים ער זאל אים געבין און ער וועט פון אים ארוים גיין מיט ליידיגי הענט · והנני איך האב גיהערט פון איין עם הארץ פאר וואס דיא עמי הארצים

האבין

עצה ממנו וכאלה מדברים אלו • ואני השבתי לו תדע למה תלמידי חכמים שונאים לעמי הארץ והשובים בעיניהם כבהמות משום שאינן מתערבים עם תלמידי חכמים ללמוד מהן ואין מרבים עמהם בטובת הנאה כדי שידברו עמהם ואין מגלין מחשבות שבלבם כדי שתלמיד חכם יתקנם ואין מתיעצים עם ת"ח לשמוע עצה מהן למען לא יכשלו בשום דבר מדרכי השם ואין באים לאכול עמהם כדי שילמדום מנהגי סעודה וברכותיה. ומטעם זה תלמידי חכמים מונין לכם כבהמות • ועוד אמרתי לו אין תלמיד חכם יכול להתערב עם עם הארץ אפילו יהיו בבית אחד. משום שטבע כל אחד מובדל מחבירו כהבדל האור מן החושך וכשם שמים מתוקים ומים מלוחים וסרוחים בגוף אחד ואינם מתערבים זה עם זה כאומרם רז"ל(במד' פ' קרח ד'רמ"א ע"ב)וז"ל ברא הקב"ה באדם מלא הסיט ג יש בו כמה מעיינות ואינם מתערבים זה בזה מי עינים מלוחים מי אזנים שמנים מי החוטים סרוחים מי הפה מתוקים • מפני מה מי עינים הם מלוחים שבזמן שאדם בוכה בכל שעה מיד היה מסתמא אלא על ידי שהם מלוחים פוסק ואינו בוכה • מפני מה מי אזנים שמנים שכשהאדם שומע שמועה קשה אלמלא תופשה באזניו מתקשה ומת ומתוך שהם שמנים מכנים בזו ומוציא בזו • מפני מה מי החוטם סרוחים שבזמן שאדם מריח ריח רע אלמלא מי החוטם סרוחים שמעמידין אותו מיד מת • מפני מה מי הפה מתוקים כי פעמים שאדם אוכל אכילה ואינה מתקבלת בלבו אם אין מי הפה הם מתוקים אין נפשו חוזרת • ועוד לפי שקורא בתורה דכתיב בה ומתוקים מדבש ונפת צופים לפיכך מי הפה מתוקים עד כאן לשונו לעניננו • הרי שכשם שיש מימות מחולפים בגוף האדם ואינם מתערבים זה עם זה משום שכל אחת מובדלת מחברתה בדבר אחד ואם יתערבו יפסידו את הגוף ולא יהיה לו קיום וימות כך אי אפשר לת"ח שיתערב מדותיו למדותיו של עמי ארצות אפילו יהיו בבית אחד שאם יתערבו נמצא שהמה מתערבים מים מתוקים עם מים מלוחים ושמנים וסרוחים ויפרד העולם • עוד אמרתי לו הנני מודיעך קושט דברי אמת למה עם הארץ שונא ת"ח משום שטבע האדם להיות מקנא בטובת חבירו והקנאה מביא השנאה וביודעם עמי ארצות שת"ח עוסקים בדרכי אל ומובטחים לטובות הגנוזות לעולם הבא • ואף עמי הארצות שאין בהם דעת כדי להבחין בזה אע"ג דהוא לא חזו מזלייהו חזו ומשם יוצא הקנאה ונולד ממנו השנאה • ועוד שונאים ת"ח בראותם שת"ח מואסים בדרכיהם ובכל מעשיהם ובזה אינם חשובים בעיניהם לכלום עד שאין מוסרים סוד לעם הארץ ואין ממנים אותו אפוטרופוס על היתומים ואין מתלוין עמו בדרך שעל חייו לא חס כ"ש על אחרים כארז"ל ובראותם כך מרבים בשנאה עם ת"ח • עוד שונאים לת"ח ביודעם שת"ח מכירים ויודעים בעבירות שבידם ובהרהורי עבירות שבלבם ובדרכיהן החשוכים שהולכים כל היום ובתחבולותיהן ומחשבותם הרעים שהושבים תמיד לעשות ובראותם שיודעים בגנותן נופל בהם השנאה • ועוד שונאים אותם בראותם עצמם משוללים מכל חכמה לא עצה ולא תבונה ולא דעת ביראת ה' ות"ח משכילין בכל חכמה לתורה ולתעודה ובקיאין אף בחדרי סעודה ויודעים ומכירים מהדברים שבעולם אשר תחת כל השמים מסגולת האבנים והאילנות והצמחים ומבהמות חיות ועופות ומדגי הים וכיצד הויות כל אחד ואחד וטבע המוטבע בכל דבר ולמה נברא ולאיזה דבר מועיל וכיצד הנהגתם והכסות אין חקר

ג פירוש שיטור קטן

האבין פיינט דיא תלמידי חכמים וויל דיא ת"ח האלטין אונז פאר נישט דרום האבין מיר זייא פיינט וויל זייא מישן זיך ניט מיט אונז צוא עסין אונ טרינקן אונ ריידין מיט אונז אונ ווען אונז ניט מגלה זייערי סודות התורה • האב איך גיענפערט דאס איז וויל דיא ע"ה מישן זיך ניט מיט דיא ת"ח זייא זאלן הערין פון זיי תורה אונ אפ צו לערנין זיך פון זייערי גוטע מדות • אונ אויך איין ת"ח קען זיך ניט מישן מיט איין עם הארץ אפילו זיי זאלן זיין אין איין הויז וויל זייער נאטור איז פערשידן ווי ליכטיקייט פון פינסטערקייט • וכשם אונ אזו וויא דאס שפאייעכץ פון מויל אונ דיא טרערין פון די אויגין אונ די אומריינקייט פון נאז איז איטליכס אפ גישייד פון דעם אנדרין : אזו איז ניט מיגליך צו איין ת"ח אז זיינע מדות זאלין פאר מישט ווערין מיט דיא מדות פון עמי הארצים אפילו זיי זאלין זיין אין איין שטוב • עוד נאך האב איך אים גיזאגט איך וועל דיר מודיע זיין דעם אמת פאר וואס איין עם הארץ האט פיינט איין ת"ח וויל דיא טבע פון מענטש איז מקנא זיין אן זיין חברים גוטס אונ קנאה ברייננט פיינט שאפט אונ וויל זייא ווייסין אז דיא ת"ח זענין עוסק אין גאטס דינסט אונ זענין מובטח צו האבין עולם הבא אונ זענין קלוג אין אלע חכמות אונ קענין אלע זאכין פון דער וועלט וואס זענין אונטר דעם הימעל דיא סגולות פון טייערע שטיינר אונ ביימער אונ שפראצונג אונ פון בהמות חיות אונ עופות אונ פיש אונ ווייסין דיא טבע פון זיי אונ צו וועלכיר זאך עם העלפט

עד שמדבר למעלה מהשמים ובראיהם לכן שונאים אותם ליקח חיזק לעצמם לכסות על הסרונם. גם שונאים אותם כדי להתחזק מהם שלא ימחו בידם מלעשות רצון יצרם · וגם נולד השנאה מחמת קנאה איך מוצאים עצמם מלאים עבירות ות״ח תורתו שומרה לו כארז״ל תבלין ליצר הרע היא התורה ועל הקנאה הזאת שונאים אותם · הרע שלעולם העמי ארצות מבקשים תועה על ת״ח ומדברים עליהם מהדופי וכשמעם איזה דבר גנאי על ת״ח מחזיקים לקיימו עליו ובכל מה שיכולים לבזות מבזים אותו כי יצרם מפתה להם על זאת כדי להרבות להחטיאם כשימו בלבבם הרי ת״ח ידע בכבודו של מקום ומורד כ״ש אתה ועונשך מועט או ולא כלום משא״כ ת״ח שידע ומורד · ותראה עמי ארצות מחזיקים לת״ח שהוא אינו מכיר בשום דבר ולעצמם מחזיקים שהם יודעים ומבינים מעשה אדם ותחבולותיו · וכל זה אינו אלא כ״א מהעדר דעת שבהם שאין להם דעת להבחין אם יודעים אם לא יודעים · וכיון שכן כל מה שמדברים וכל מה שהם עושים נחשב בעיניהם חכמה · וזה טעם אחר ששונאים ת״ח בחושבם שהם משכילים ומבינים לא כן הת״ח ינקל כבודם לעיניהם ובאים לשנאותם · והודה האיש הזה שדברתי לו כל אלה הדברים ונשבע באמת שרוב דבריו אלו היו בלבו וכן בודאי בלב חבריו ומסבות אלו שונאים ת״ח · ובקש מה תקנתו ואמרתי לו שיתדבק כל ימיו בת״ח לשמוע מפיהם וללמוד דרכיהם וישמשם כפי יכולתו דגדולה שמושה ויש נפשו בכפו לכבוד ת״ח ואם שומע ניגעים בכבודם יחלוק עד הכאה ולעולם ידבר בשבחם · וידאג על מה שלא זכה לתורה ובזה יזכה ללמוד מהם דרכי השם לעשות ולקיים גם יזכה לבנים ובני בנים תלמידי חכמים · ומביאים אותו להיי עוה״ב · וכן קבל עליו לעשות · ויש עמי ארצות חסידים (אשר עליהם אמרו רז״ל לא עם הארץ חסיד) והם אוהבים ת״ח רודפים אחר מצות מבקשים לשמוע דברי תורה קובעים מדרשים נותנים מכיסם וממונם שיעסקו בתורה בעבורם. אע״פ שרוב מעשיהם טעיות ושבושים משום שאינן יודעים כיצד עשיית המצוה משום שלא למדו עכ״ז נחשבים שוגגים ולא מזידים. ודע שכל מעשיהם הטובים האלו נמשך שנשמתם משורש עליון גם נשמתם בעולם הנשמות היו באילן שכנים וסמוכים אצל אלו הנשמות של ת״ח ולכך אוהבים להם כמו שפירשו רז״ל על פסוק ויש אוהב דבק מאח · והטעם שבאילן הנשמות היו נשמותם של האחים רחוקים זה מזה אך בנשמת זה האוהב היו קרובים ע״כ · וכן תראה עם הארץ דבק מאד עם ת״ח אחד דוקא ומהנהו מנכסיו כל ימיו יותר מתלמידי חכמים אחרים אין זו כי אם שנשמותיהם היו בשבת אחים גם יחד באוצר הנשמות · גם יש טעם אחר לאלו עמי ארצות חסידים שהיא מסבה שאביהם בשעת הזוג הרהרו בחסידי ישראל והולד נולד כפי אותה המחשבה כנודע ואילו היו עוסקים בתורה מצד בחירתם היו יוצאים אנשים חכמים חסידים אלא שלא עסקו בתורה אך נשאר בהם רושם המחשבה והם חסידים ומכבדים ת״ח ויש טעם

אונ ווייסן חכמות וואס אן אשיעור. אונ דיא עמי הארצים האבן אנפים וויא בהמות אקעגן די ת״ח דרום האבן זייא פיינט דיא ת״ח · אויך איז דיא שנאה ווייל דיא עמי הארצים ווייסן אז זייא זענין פול מיט עבירות אונ איין ת״ח היט אים זיין תורה אפ פון עבירות · הרע ואלסט וויסן די עמי הארצים זוכן תמיד פעליר אויף דיא ת״ח אונ ריידן אויף זייא דברי גנאי אונ או וויא הערין עפיס איין גנאי אויף איין ת״ח זאגין זייא דאס איז געוויס אמת אונ וואס זייא קענין זענן זייא אים מבזה ווייל זייער יצר הרע רעט זייא אן דער צוא צוא מאכין זייא זינדיגין · דען ער זאגט זייא דער ת״ח ווייסט דעם כבוד פון גאט אונ ווידער שפעניגט מכל שכן איר עמי הארצים אונ אייער עונש וועט גאר ווייניג זיין ווייל איר ווייסט ניט דעם כבוד פון גאט · והודה האט דער מענטש וואס איך האב מיט אים גירעט מיר מודה געווען אונ האט געשווארין אז דאס רוב פון דיא ווארין זענן געווען אין זיין הארץ אונ אזו איז בוודאי אויך אין דיא הערצר פון זיינע חברים אונ מחמת דעם האבן זיי פיינט דיא ת״ח אונ ער האט מיך געבעטין איך זאל אים דס ראזגי זאגין וואס זיין תקנה איז · האב איך אים געזאגט אז ער זאל זיך בהעפטן צוא ת״ח צוא הערן תורה פון זייער מויל אונ צוא לערנן זייך זייערי וועגין אונ זאל זייא בדינען נאך זיין יכולת נאך אונ זאל זיך מזרז זיין וועגין דעם כבוד פון איין ת״ח אונ ... ער הערט אז מענטשן זענן נוגע אין זייער כבוד זיין זאל ער זיך אן נעמן בכל יכולתו אונ זאל תמיד ריידן אין זייער שבח אונ זאל זיך זארגין וואס ער האט ניט זוכה געוועזן צו לערנין תורה אונ דורך דעם וועט ער לערנן צוא טאן מעשים טובים אונ וועט זוכה זיין צוא קינדר אונ קינדם קינדר ת״ח אונ זייא וועלין אים ברייננן צום עולם הבא · האט דער עם הארץ אויך זיך מקבל געווען אזו צו טאן · ויש עס איז דא עמי הארצים פרומע אונ זייא האבן ליב ת״ח יאגן

**אחר** לעמי ארצות החסידים שהם נשמות מגולגלים אשר בגלגול שעבר כבר עסקו בתורה **אבל לא נשלמו** במידת החסידות ובאו להשלים כל מה שחסרו ומזומנים לעוה"ב בהשלים עצמם במעשים הטובים האלו בגלגול זה וברוך יודע הנסתרות · ויש טעם שפעמים יש עמי ארצות מקנאים במעלות הת"ח וחכמתם וכיון שרואים שאינן יכולים לעסוק בתורה להגיע למעלתם מתדבקים במה שיכולים לעשות להדמות להם לנהוג בחסידות כפי דעתם ומבקשים לשמוע תורה ולרדוף **אחר** המצות ולקבוע מדרש שילמדו במקומו ומהנה ת"ח כמדובר ומתחרטים על מה שלא למדו תורה ומתאוים שיהיו להם בנים עוסקים בתורה ומוציאים ממון עליהם על זה גם לאלו אשרי חלקם. ולהכיר בהם מאיזה סבה מהנזכרות הם חסידים אם מסבת שהיו שכנים עם נשמותיהם של תלמידי חכמים באוצר הנשמות או אם מסבת שאביהם הרהרו בחסידי ישראל בשעת הזווג או אם מסבת שהם נשמות מגולגלים ובאו להשלים מה שחסרו או אם הם מסבת קנאה · דע שעמי הארצות שמקטנותם אהבו ת"ח הוא מסבת שהיו שכנים בהיכל הנשמות · ואותם שבהמשך זמן קנו אהבה עם ת"ח והולכים בדרכי השם הוא מסבת שאביהם הרהרו בחסידי ישראל בעת הזווג והמחשבה טובה פעל שחזרו בהם · ואם תראה שקונים חסידות ודרכי השם מיראת העונש דע שהם חסידים בעבור שנתגלגלו להשלים מה שחסרו בגלגול שעבר וכיון שכבר קבלו עונש יראת העונש טמון בנפשם ומתיראים ומבקשים להשלים עצמם כדי שלא יחזרו לעונשם · ואם מתפארים בחסידותם ובמעשיהם הטובים שעושים דע שהם מסבת קנאת הגדולה והמעלה וכיון שכן בהגיעם לדמיון מעשיהם של ת"ח וחושבים שהגיעו למדרגתם מתגאים ומתפארים עצמם באמרם כלנו שוין · ונחזור למעלת התורה ונדבר בחכמת החכמים שנגלה להם תעלומות חכמה ויודעים ומכירים בכל מה שברא הקב"ה בעולמו ובקיאין בכל · ולא מבעיא חכמי התלמוד שגדלה מעלתם ממלאכי השרת אלא אפילו התכמים שבכל דור ודור · ואכתוב לך קצת דברים סגוליים מענין בריאות משונות בטבעם ובהולדם הבאים מפוזרים בספרים כדי שתראה בעיניך שלא נעלם מהם דבר · חוץ מהדברים הבאים בתלמוד ובמדרשים שאיני כותבם כי ידועים הם ואיני מביא מהם כי אם קצת שנראים נעלמים ואינן מפורסמים לכל · מי שבלע עלוקה כדי שישליכנה יקחו פשפשים ויתנו אותם על אש ויפתח פיו ויקבל אותו עשן ויפול העלוקה · במקום שיש נמלים יניח אגודת אזוב במקום שהם או ירק עפר גפרית ויברחו כלם · מי שנשכו עקרב ימית העקרב ויניחנו על מקום הנשיכה ויקשור עליו ויתרפא · ובכלי חמדה כתב יעביר על הנשיכה ברית של תינוק שעדיין לא פגמו ויתרפא · הפתן כיצד מתעברת הנקבה פותחת פיה ומכנים הזכר ראשו תוך פיה וחותכה בשניה ואוכלת ומתעברת משם וכשמתגדלין ילדה בבטנה מנקרים בבטנה ויוצאים · ופתן זה הוא כמין נחש קטן והאוכל בשרו מוסיף לו כח · ופתן זה ממית בנשיכתו ואם צולין אותו באש ומכסים אותו באפר ומשימים אותו על הנשיכה יתרפא הנשוך · החולדה עיבורה מן האוזן · (עיין בספר אמרי בינה) · ועורב מזריעה בפיו והנקבה יולדת מפיה · (עיין בספר ראשית חכמה דף ש"פ) · העכבר יש בכבד שלו וורדין כמנין ימות החמה · ושמעתי שבני מעים שלו כשהם יבשים יש בהם ריח מור · הכלבים כשמרגישים בעצמם שמזיק להם האכילה אוכלים עשבים שיש עליהן טל ומקיאין אותה אכילה · יש בריה בים שנקרא גלאוק"ו והוא אוהב את האדם ומתירא ממנו ובריה זו כשרואה מי שבא ליקח בניה בולעתם ובורחת ואחר כך חוזרת ומקיאתם חיים · זבובים שנפלו

**נאך** מצות בגערין צוא הערין דברי תורה גיבן געלט צו די תלמידי חכמים זייא זאלן **עוסק בתורה** זיין · תאמשי זייא הייסן ניט וויא אזו צו טון די מצות מיט אלע דקדוקים דאך ווערן זיי גירעכינט פאר מעשים טובים · דאס קומט וויל זייערי פעטר האבן ליב גיהאט דיא חסידי ישראל אונ דאס קינד ווערט גבארין נאך דער מחשבה נאך · אונ ווען זייא זאלין גיוועזן עוסק בתורה זיין וואלטן זייא גיוועזן חכמים אונ חסידים אונ צדיקים נאר זייא האבן ניט גילערינט אבר עס איז גיבליבן אין זייא דיא גוטע מחשבה דרום זענין זייא פרום אונ האלטן בכבוד תלמידי חכמים אונ זענין מקיים מצות לויט זייער וויסן לשם שמים · ויש אמאל איז דא עמי הארצים וואס זענין מקנא אין די מעלות פון די תלמידי חכמים אונ אין זייער חכמה אונ וויל זייא קענין ניט גרייכן צו זייער מעלה בהעסקן זייא זיך אין אנדרי מעשים טובים וואס זייא קענין טוען כדי צוא גלייכן זיך צו די תלמידי חכמים אונ בגערן תורה צוא הערן אונ זוכען נאך מצות אונ שטיצען אנדרי זאלין לערנין אונ זענן מקנא תלמידי חכמים אונ האבין חרטה וואס זייא האבן ניט גילערינט אונ גלוסטין צוא האבין קינדער וואס זאלין עוסק בתורה זיין אונ געבן דרויף אוים געלט · אונ דיא וועלין אויך גרוס שכר האבן אונ

לסים ומתו אם תשימם בשמש ותשליך אפר מקלה עליהן חוזרים לחיותן · ואם תמלא צלוחית מים עד חציה ותשליך בתוכה זבובים ותסתום פי הצלוחית עד ארבעים יום מתהפכים הזבובים לצפרדעים · (ובבבא קמא פ"א) תניא צבוע זכר אחר שבע שנים נעשה עטלף · עטלף לאחר ז׳ שנים נעשה ערפד ד · ערפד לאחר ז׳ שנים נעשה קימוש · קימוש לאחר ז׳ שנים נעשה חוח חוח לאחר ז׳ שנים נעשה שד · שדרה של אדם לאחר ז׳ שנים נעשה נחש והוא דלא כרע במודים · ה עכ"ל · אם תתלה חרב באויר לעת ערב באים העטלפים ונחתכים בחרב ונופלים ושמעתי שדמם מועיל לחולי העין אם תשחטם בדינר זהב · דבורים אם תבשלם ואיזה אבר שתרחוץ במים ההם מתעבה האבר ובלי כאב כלל · וכדי שיחזור האבר כמקדם ישים עליו צרי אלטריאק"ה בלע"ז · המים כבדים הם בימות הגשמים מימות החמה · מים חמין אם תשימם בשמש מצטננים מהרה · מים מרים או מלוחים אם תשליך בתוכם קמח חטים ויערבם בעץ אחר ויניחם ובתוך שלש שעות ימתקו · מכתשת אפילו גדול מאד אם תהפוך פיו למטה ותשים בשוליו כמין עוגה של עיסה ותתן על העיסה וינטוז"ה אחד באש כדרך שמשימים על בשר החולה תוכל להקים המכתשת בנקל ע"י הוינטוז"ה אפילו יהיה המכתשת גדול מאד · עשב הנקרא אלטאבים"ה ונותן פרח כמין עשב הנקרא מנסניא"ה אם ישים אדם עליו זאת האלטאמים"ה לא יזיקנו השמש ולא ילאה בהליכתו · ואם תכתוש עשב זה ותשליכהו ביין יתן בו גוון טיב וריח טוב ומעמידו שלא יחמיץ · השמן אם תתן בכלי שאתה מדליק אותו גרעיני מלח יתקיים יותר · בבהמה שאינה יכולה להשתין ישפשף באותו מקום שומין כתושין ותשתין · השכרות ישקוט אם ישתה חומץ גם ישקוט אם יאכל כרוב או שקדים המרים · הקיאה ישקוט אם מריח פת · בשר שיתלו אותו במסמר של נחושת אינו נבאש מיד · הבשר נבאש יותר מהרה אם תשימנו לאור הלבנה יותר מאור השמש · צואת האוזן אם תשים על נשיכת הדבורה יתרפא · קוראלי"ש שנאבד הגוון שלהם אם תשימם בחרדל כתושה יחזרו לגוון אדמימותם · השינים נרקבים מאכילת דברים מתוקים או חמוצים · צואת החזירים אם תשליכנה בשורש אילן שקדים המרים או בשורש אילן של רמונים חמוצים נמתקים · אם ירד אדם בבור עמוק אפילו בחצי היום וישא משם עיניו לשמים יראה הכוכבים · רמונים תפוחים ושאר פירות אם תשימם בתוך קמח יתקיימו לחים ורטובים · אם תסוך שמן בראש התרנגול או תכרוך בצוארו זמורה אינו קורא · החתול בת עינו מתגדל ומתחסר עם הלבנה · זנגיבו"ל מועול ליתן בתוך המאכל לחולי ההתעלפות דיזמאי"ש בלע"ז ומועיל ג"כ לחולשת הלב · צפור דרור אין בונה קן בבית מסוכן ליפול · רמונים מעץ אחד מספר הגרעינים שיש בגדולים יש בקטנים. ובכהר הרמון יש פיות אם הפיות זוגות גם גרעינין שבתוכה הם זוגות וכן בהפכו. קמח שנטחן באגושטו"ש מתקיים כל השנה: הזקנים שיש יבלות בפניהם יאכלו תאנים ויפלו · חרולים אורטוגא"ש בלע"ז אם תבשלם בשרשם ותרחוץ הפנים באותה המים יתלבנו · ביצים אם תשימם בתוך שמן יתקיימו הרבה · מין אדמה ייס"ו בלע"ז אם תשרפהו באש ותתן ביין ישמור היין שלא יחמיץ · חלמון של ביצה הנולד במלוי הלבנה אם תשים אותו בכתמים שבפנים יסורו · הדמעות של שמחה הם קרים ושל בכיה הם חמין. מים הנוטפים משריגי הגפנים אם ישתה אדם אותם מואס היין · עץ הנקרא אאועי"ל אם תקח ב׳ עצים ממנו ותשפשף זה עם זה בחוזק אם תזרוק עליהן עפר של גפרית יעלה אש · אם תזרוק על המכה עפר יבש יתרפא · כשאדם מודד יין כדי שלא יעלה אישפימ"ה ישפשף בורית או גבינה בפי הכלי מבפנים · לכתוב אותיות ירקרקות יקח מין עשב רוד"ה בלע"ז עם קרדיניילו"י ושפרא"ן הכל מעורבב יחד · הדיו כדי שלא תתעכב כשתכתוב השלך בתוכה טיפה של מרה · לעשות דיו אדומה יקח עץ הנקרא באקא"ס בלע"ז אדום ויעשהו עפר דק וישליכהו בשמן של שמרי יין הנקרא טורט"ו בלע"ז · החומץ מכבה האש יותר מכל משקים · לעשות חומץ חזק יבשל קצת מהחומץ וישליך על השאר ויתחזק · אם תשפשף סיד על אותיות נמחקים והולכים · אותיות מטושטשות אם תסיך עליהם שמן יוכל לקרותם לזכירה יסוך רקתו במרה של קורה פידרי"ש בלע"ז · אם בקיץ ירחץ אדם אזניו במים יצטנן כל הגוף · אם תסתום אזניה של רחלה בצמרה נמשכת אחריך · יאכל יונים בשעת הנגפה או בחלאים אחרים · החולה שממשמש כסות המטה הוא מסוכן · כלב השותה מים שבשלו בהם עשב איספאראנו"ש בלע"ז מיד מת · רגלים קרים מתחממים אם תרחצם בשכר · יש דג קטן בים ועוקץ בשדרתו ותוקע אותו בספינה ומעכבה · אם תסוך פניך בחלבון ביצה לא יכה בהם השמש לשחרם · הדם באדם ובבהמה מתרבה ומתחסר עם הלבנה · פרי בינבריאו"ש בלע"ז אם הכסה אותם בחומר יוצרים יתקיימו ימים רבים · כתמים שנפלו על בגד אדום

ד ה"ג רש"י ערפד פרגוס ירושלמי עטלף ערפד : ה לפי הנוסחא במודים צריך לזקוק כאן לפיכך שינה שנשתדרג לא נעשה נחש :

אדום יהודו אם הכבס הכתם במי רגלים ואחר כך במים · (ובמסכת שבה) שממית לעקרב זבוב לצרעה ע״ש ויש צפורים גדילים באילן (הביאו הרב ב״י הלכות טריפות) והאוכלם מתחזק תאוית המשגל · ויש מקום מיוחד מגדל דגים ידועים מסוגלים גם כן לזה · ויש בריה מן האש אסלמנדרא כדאמר בחולין ומועיל דמו שלא ישלוט האש בגוף הסך ממנה · ויש עוף גדל באויר ואינו נח לעולם על עץ או על הארץ ואני ראיתי עוף זה והנושא נוצה שלו אין עין הרע שולט בו · ויש דגים שיוצאים ליבשה בערב שבת בין השמשות ונחים שם ואין חוזרים לים עד מוצאי שבת (כמו שכתב האפודי) והעושה לבוש מן עור דג זה אין עובר בו חץ וחנית · הנה כתבתי אלו הדברים משום שנוגעים לעבודת ה׳ שתדע שאין אלוה מבלעדיו והוא משנה הטבע כעיבור הפתן וחולדה ועורב ובריה שבים שבולע ילדיו ומקיאן חיים ודג קטן מעכב הספינה בעוקצו והכל הוא בגזרתו יתברך. ויש מהם דברים של סגוליות כדי שתהיה בריא לעבוד ה׳ כמ״ש הרמב״ם דברי רפואות לסיבה זו ומהם דברים מרחיקים הנזק ומסירים מומי הפנים שלא יתבייש בין חבירו והמבטל שכרות ושנאת היין הגורם לעבירות והגורם קיום הפירות שלא ירקבו והיין שלא יחמיץ והקמח שלא יתליע כדי שלא תטרוד מעבודת השם ומחיקת אותיות בנקל לסלק טעיות ותיקון קריאת אותיות מטושטשות · ומהם דברים מטבע המוטבע בבע״ח לבקש רפואות כדי שידע האדם ויתן הודאה לבוראו שנתן חכמה לכלל ברואיו · ומהם דברים סגוליים מועילים לאיזה הקדמה להבין דבר מן התורה כי כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו ולכן צריך האדם לידע מכל הדברים · ויכוין בידיעה זו שכוונתו להבין דברים בתורה ולהלל ולשבח ולפאר למי שברא הכל כרצונו לצורך האדם כדי שיעבדו אותו להטיב עמהם בשני עולמות בשכר עבודת התורה והמצות אשר המה עושים · הבט וראה בעמודי עולם אשר עליהם נתיסד העולם הם שבטי יה דכתיב יצב גבולות עמים למספר בנ״י שהיו כ״כ דבוקים בתורת משה בשכבם ובקומם ובלכתם בלי פיסוק רגע עד שהוצרך יוסף הצדיק להזהירם ולומר אל תרגזו בדרך אל תתעסקו בדבר הלכה כארז״ל והטעם שלא יטעה עליהם הדרך · ומדאצטריך להזהיר להם על זה מכלל שלא היו מפסיקים רגע מלמודם אפילו בלכתם בדרך · כי נגד אהבת המקום ואהבת תורתו לא היו חושבים טרדת הדרך ולא טרדת הרעב כ״ש טרדות אחרות לבטלם מן התורה · ואע״פ שכבר היו חכמים מחוכמים יודעים בנגלות ובנסתרות בסודות עליונות· כ״ש וק״ו שאר בני אדם שאם אפי׳ יחיה אלף שנים לא יוכל להשיג כטיפה מן הים ממה שהשיגו השבטים שצריך שלא יאכל ולא ישתה ולא יישן כדי שלא לאבד רגע מלימוד התורה ולחשוב בה כי לא נברא אלא לזה · ואדם שהוא עם הארץ ואינו יודע ספר כלל ילך בשבתות ובימים טובים ובאיזה שעה מהיום בבתי מדרשות לשמוע ומה שישמע מספורי הגדות ודברי הגדות ודברי דרך ארץ יספר בלילה לאשתו ולאנשי ביתו בעת שמתכנסים השכנים בלילי טבת הארוכות גם ידבר ממאורעות הנסים שאירעו בעולם או בזמנו ששמיעה זו מביאו לדבקות השם

װעלין מיט דער צייט װערין רעכטע צדיקים הבט זעה אין די עמודי העולם װאס אויף זייער זכות איז די װעלט גיגרונד פעסטיגט גיװארין דאס זענין די צװעליף שבטים זענין זייא אויך גיװען בהעפט אין דער תורה בשעה זייער לייגען אונ אויף שטיין אונ װען זייא זענין גיגאנגין אפילו איין רגע האבן זייא ניט מפסיק גיװען פון לערנין װארום יוסף הצדיק האט זייא גמוזט מזהיר זיין איר זאלט אויף דעם װעג ניט עוסק זיין אין טיפין לערנין זייא זאלין ניט פאר בלאנזיט װערן אין װעג װייל זייא װעלין זיך פאר טראכטין דען זייא פלעגין ניט מפסיק זיין אפילו איין רגע פון לערנן אפילו אין װעג װארום אקעגין דיא ליבשאפט פון תורה איז דיא טירדא פון װעג אונ מכל שכן אנדרע טירדות בייא זייא ניט גרעכינט גיװען אז דאס זאל זיי מבטל זיין פון לערנין . ואע״פ אונ האטשי זיי זענין גיװען גרויסי חכמים אונ האבין גיװאוסט דיא תורה אונ דיא הייליגע סודות · מכל שכן דיא איבריגע מענטשין װאס זייא זאלן אפילו לעבן טויזנט יאר װעלין זייא ניט גרייכן דאס װאס דיא שבטים האבן גגרייכט · דארף דר מענטש ניט פרלירען איין רגע פון התורה לערנין נאר צו טראכטן אין איר װארום דער מענטש איז בשאפן דרויף · אונ דער עם הארץ זאל אום שבת אונ יום טוב לערנן אויך אין דערװאכין זאל ער גיין אויף איין שעה אין בית המדרש הערין ספורים פון אגדתא אונ דרך ארץ אונ אויף דער נאכט זאל ער דאס דער ציילן זיין װייב אונ זיין הויז גזינד אונ אז די שכנים זאמלן זיך צו אנאנדר אין דיא נעכט פון טבת װאס מען זיצט בייא נאכט זאל ער ריידין פון די נסים װאס האט זיך גיטראפין אויף דער װעלט דען דאס ברענגט אים צו בהעפטן זיך אין

ואם אינו בר הכי גם לזו יספר ממקריות הרעות שאירעו בעולם או בזמנו שזהו מביא לו ולשומעים לו לידי הכנעה שלא לחטוא ולזכור ביום המיתה. וספורי אלה הדברים עושה פעולות לזכך האויר באופן הבל היוצא מפיו הפך ספורי דברי הבאי המעפשו ומזיק לבריות · ואל יקשה בעיניך איך הבל היוצא מפי האדם אחד יש בו כח לעשות שתי פעולות הפכיות לזכך ולעפש · הבט וראה אם אדם נופח בהבל פיו בכלי זכוכית מעפש ומתחשך כשוכן עליו ענגה וכלי פארפור"י אינו מזדכך ומנוה בהירות כ"א ע"י הבל פה שנופחים בו בשעה שעושים אותו הרי הבל אחד מזכך ומעפש' ג"כ הבל מדברים טובים נותנים אור והדבר בהפכו · הלא תראה בדבור עצמו דבור ממית ודבור מחיה כגון מלך שאמר שיסירו ראשו של פלוני מעליו מסירין או שגזר ואמר יסירו מכה זאת מעליו מרפאין אותו · הרי במלת יסירו ממית או מחיה · גם תראה הרוק ממית והרוק מחיה רקק בפני חבירו דרך בזיון או דרך כיאוס ממיתו · לחש ורקק על מיחוש עינו מרפאו · גם הבל דברי זנות ודברים בטלים מעפש האויר וממית הבריות · הבל דברי תורה או דברי מוסר מזכך האויר ומחיה העולם :

**פרק יב** יחיד המיוחד ובורא העולם ברא גבולים לכל לישוב עולמו · כי לכל הדברים יש גבולים ארי מלך בחיות שור בבהמות נשר בעופות ואדם מלך על כולם וכולם קצתם מנהיגים ומשפיעים וקצתם מונהגים ומושפעים · והוא יתברך אדון הכל והמלך והמנהיג הראשון אין זולתו וראוי לכל המציאות כלו שיהיו מקצתם משתררים על קצתם ובזולת זה אין קיום ועמידה לכל המציאות כלו · וכן באדם בעצמו בגופו יש אברים שהם ראשים על קצתם קצתם עובדים וקצתם נעברים שהרי הידים והרגלים עובדים לשאר האברים אם ירצו הרגלים לעשות פעולת הראש והראש פעולת רגלים יאבד הגוף · כן ראוי לכל קבוץ האנשים שיהיו קצתם שרים וקצתם עבדים קצתם מנהיגים וקצתם מונהגים כי בזולת זה אי אפשר שיתקיים הקבוץ · ובהיות קרח רצה לעשות הפך זה שיהיו כלם שוין באומרו כי כל העדה כלם קדושים ובתוכם ה' ומדוע תתנשאו על קהל ה' ורצה שיהיו כלם שרים נאבד מן העולם הוא וממונו וכל אשר לו ולא נשאר ממנו אפילו מחט מדה כנגד מדה כאשר היה בא העולם בלקיחת עצתו שלא היה נשאר ממנו כלום שהיה נחרב · (ועיין על זה בפירוש התורה לכמוהר"ר משה אלבילדא זצ"ל) . הנלמד מכל זה לעבודת הבורא דכיון שהעולם קיומו ועמידתו להיות הבריאה כולה קצתם נעבדים ומנהיגים וקצתם עובדים ומונהגים ומוכרחת הדבר כך · יבחר האדם להיות עובד לנעבד מכלם שהוא הקב"ה ובזה ינצל

גאט אונ אויב ער ווייסט דאס אויך ניט זאל ער דער ציילן פון דיא אומגליקן וואס האבן זיך געטראפן אוף דער וועלט דאס ברייננט צוא אונטר טעניקייט דאס ער זאל ניט זינדיגן אונ זאל זיך דער מאנין דעם טאג פון טויט אונ דאס דער ציילונג פון דיא זאכן וואס גייט ארוס פון זיין מויל רייניגט דעם אויר אבר דיא רייד פון נארישקייט פאר אומרייניגען דעם אויר · ואל אונ עס זאל ניט דיר קשה זיין דען קענסט זעהן דעם דיבור אליין דאס אמאל טייט ער אונ אמאל איז ער מחיה דהיינו אז איין מלך זאגט מען זאל דעם קאפ פון דעם מענטשין אראפ נעמן טייט דער דיבור אונ אז ער זאגט מען זאל גוטץ טוען דעם מענטשין טוט מען עס תיכף איז דער דיבור מחיה אזו דאס אויך דער האך פון מויל וואס גייט ארוס פון דיא רייד פון דברים בטלים מאכט עס אומריין דעם אויר אונ עס טייט לייט אבר דער האך וואס גייט ארוס פון דברי תורה אונ דברי מוסר דס מאכט קלאר אונ לוטר דעם אויר אונ איז מחיה דיא וועלט :

**פרק יב** יחיד המיוחד דער גאט וואס איז איינציג האט בשאפין דיא וועלט אונ האט געגעבן איין בשטימונג צוא יעדער באשעפניש . איין לייב איז איין מלך איבער אלע חיות איין אוקס איבר דיא בהמות · איין אדליר איבר די עופות · אונ דער מענטש איז איין מלך איבר אלע בשעפניש אונ גאט ב"ה איז איין הער איבר אלע אונ קיין אנדרער חוץ אים איז ניט דא · אטייל פון די בשעפניש הערשן איבר דיא אנדרע אונ ווען דס זאל ניט זיין וואלט די וועלט קיין קיום גהאט . וכן אונ אויך אין מענטשינס גוף זענין דא אזעלכע אברים וואס זענין הערשר אונ אטייל זענין דינר · די הענט אונ פיס דינן צו דיא איבריגע אברים אונ דער קאפ הערשט · ופן אויך אין איטליכע זאמלונג פון מענטשן מוזין אטייל זיין הערן אונ אטייל קנעכט · אטייל פירן אונ אטייל ווערן גפירט ווארום איז ניט מעגליך אז דס איין זאמלונג זאל אקיום האבן . אונ ווייל קרח האט געוואלט אז אלע זאלן גליך זיין איז ער פר לארן געווארן · ווארום דורך זיין עצה וואלט גאר דיא וועלט אין גאנצין פאר לארין געווארין הנלמד דער פון זאל דער מענטש זיך אם לערנען צוא דינען

יצל ככל פגע ואסון · ועוד מעלה עושה הקב"ה עם העובדים אותו שמבטל את רצונו מפני רצונם דכתיב צדיק מושל יראת אלהים · ואם לא יחפוץ האיש לעבוד לבוראו יהיה עבד לכל העובדים· יחשוב בלבו הבזיון שיכול להגיע לו ביום הדין והשבון שרצה להיות עובד לעובדים ולא לנעבד לעולם יתברך שמו · לכן ישים אדם זאת בין עיניו לא יסור ממנו רגע וישתומם בחושבו מה אשיב לה' למאום מלהיות עבדו ומחשבה זו מועלת לקרבו לעבודת בוראו. הלא תראה אטומי לב סתומי עינין מתפארים להיותם עובדים לאדון גדול אע"פ שהיום כאן ומחר בקבר ולמה לא יתפארו לעבוד לחי העולמים קיים לעולמי עד ולנצח נצחים מבטיח ועושה גוזר ומקיים מעלה ומגדיל ומרומם על ראש כוכבים לעובדים אותו ילמד אדם ממנו ומעצמו לעבוד לבוראו ולהכיר גודל עונשו במנוע עצמו מלעובדו יראה כמה שכועס הוא על עבדו שנגזר עליו דבר לעשות ולא עשה ואפי' היה בטול גזרתו בשוגג · ואפי' אדם שאינו עבדו ואינו חייב לו אם שאל ממנו דבר וביטל רצונו ולא השלים את בקשתו יורד עמו להייו וישא ק"ו מכדוהיו אם מרתו הוא לכעוס על עוברי רצונו אע"פ שהם בשר ודם כמותו שנופל בהם ולו כליון חרוץ שהיום בהוה ולאחר שעה כצל עובר · ק"ו העונש המעוהד לו בעוברו רצון יוצרו אחר כמה חסדים שעשה עמו המקום להחזיק לו טובה הרבה להכעיסו במעשיו היש קץ לעונשיו · וידע האדם שבבאו ללמוד תורה או לעשות מצוה יזדמן לו מניעות הרבה ומעשה שטן הוא אז יתגבר האדם בכחו לבטל רצון מנגדו כדי שלא יעשה עצמו שותפו של שטן כי הוא שותף אכזרי גזן וגנב בסתר ובגלוי מבקש לגנוב הקרן והריות ולהשים עליו חובות הרבה עד שבעלי חובות ידעוהו לחרפות לשום אותו בבור תחתיות עד יום מותו · ואם יעלה על דעת איש לומר כיון שמזדמנין לי מניעות בבואי לעשות מצוה או ללמוד תורה אין רצונו של מקום בתורתי ובמצותי · זה אינו ונהפוך הוא אלא אדרבא כיון שיש לו מניעות זה מודעה רבה שמעשיו רצוים לפני המקום והשטן מעכב בירו כאשר נצטוה ואדם גם כן יעשה צווין לבטל רצון יצרו מצד בחירותו כדי שיקבל שכר בעשיית המצוה שאם לכל עושה מצוה לא יבא עשייתה בצער ובטורח גדול וכל העם ינשקו ויחבקו אותו מה שכר ראוי להיות לו שהרי כלם יבקשו בעשייתם בעבור טובת הנאת הכבוד שמקבל · אך אחר הצער והטורח שעובר עד שיכנס להתחיל לעשות מיד משם ואילך מסייעין אותו מן השמים · וכרז"ל בא לטהר מסייעין אותו · ועוד אמרו אלמלא הקב"ה עוזרו א לא היה יכול לו ומשלים לעשותה בלי שום מניעה ובשמחה מחמת מה שמתענג בעשייתה · ועכ"ז הקב"ה משלם לו שכר גם על מה ששמח וקבל תענוג בעבור מה שטרח ונצטער בהתחלתה מקטרוג השטן המנגדו במניעות רבות · ועתה איעצך לעשות אופנים חוץ מהנזכר בפרקים דלעיל להבריח היצר מעליך · בבא היצר להסיתך לעשות עבירה מיד תצייר לפניך צורת אדם גדול שאתה מכיר

א נגד סילר כרע

צו דעם וואס ווערט גדינגט פון אלע דאס איז גאט ב"ה אונ דורך דעם וועט ער ניצול ווערן פון איין אומגליק . ועוד נאך איין מעלה איז צו דיא וואס דינען אים דס ער איז מבטל זיין ווילן פון וועגן זייער ווילן אונ אז דער מענטש וויל ניט דינן זיין בשעפער וועט אים גרוס בזיון גרייכן ביי דעם יום הדין דאס ער הט גוואלט זיין איין קנעכט צו זיינע תאוות אונ ניט צו גאט ב"ה · וידע דער מענטש זאל וויסן דס אז ער קומט לערנין תורה אדר א מצוה טאן אונ עס איז זיך אים מזדמן מניעות דס איז דיא מעשים פון דעם שטן דענמאלט זאל דער מענטש זיך שטארקן מיט זיין כח מבטל זיין דעם רצון פון שטן כדי ער זאל ניט מאכן שותפות מיט דעם שטן ח"ו אונ דער מענטש זאל ניט טראכטן וויל עס טרעפן מיר פיל מניעות מן הסתם וויל גאט ניט אין מיין תורה אונ מצות דאס איז קיין מענה ניט · עס איז פאר קערט זייני מעשים זענין בווילגט פאר גאט נאר דער שטן לאזט אים ניט טוען אונ דער מענטש באדארף מבטל זיין דעם רצון פון זיין יצר הרע וועט ער מקבל זיין שכר פאר דיא מצות ווארום אז מצות טוען זאל גרונג אן קומען וואס פאר איין שכר וואלט איס דער פאר גקומען נאר נאך דעם צער אונ טירחא וואס ער הט ביז ער גייט אריין אן הייבן דיא מצוה העלפט מען אים פון דעם הימל ויא גומר צוא זיין · ויא אונזערע חכמים ז"ל האבן גזאגט דער וואס קומט א מצוה אדר תשובה טון העלפט מען אים פון דעם הימל אונ ווען גאט ב"ה זאל אים ניט העלפן אקעגין דעם יצר הרע וואלט דער מענטש אים ניט גקענט ביי קומן אונ גאט ב"ה בצאלט אים שכר אויף דעם וואס ער האט זיך מטריח גוועזן אונ האט זיך מצער גוועזן אין אן הייב צו שטרייטן מיט דעם יצר הרע וואס האט זיך קעגין אים גשטעלט מיט פיל מניעות · ועתה איעצך וועל איך דיר איין עצה געבן אוועק טרייבן דעם יצר הרע פון דיר · אז דר יצר הרע וועט דיך

אותו ומתיירא כמנו וכאלו עומד לפניך ממש ויושב על כסא דין בפנים זעומות ומלא חרון אף נגדך· ותשקע דעתך ברמיון זה והדמיון פועל להפחידך כאלו הדבר ממש בפועל כאלו אותו אדם גדול עומד בפניך ובזה יחלש היצר כי מי הוא זה שרואה אדם בפניו ומתעורר לעבוד עבירה בפניו ובפרט פני אדם גדול שמוראו עליו· ומזה תמשך לחשוב ולהדמות נגד עיניך דשכינה כנגדך כי מלא כל הארץ כבודו. ויפול עליך אימה ופחד להכניע לבבך הערל. ואם בכל זה לא נכנע היצר ידמה נגד עיניו בעת בא עבירה לידו כלבים שוטים צועקים וחיות רעות טורפות בני אדם וחותכין בשרם בשיניהם רוצחים חרבות בידיהם שוחטים אדם בפניהם צורות מכוערות מלאים עינים ושערות להבות אש בוערות שורפות ומכלות כל טוב מבערות· ודמיון רעש כמפיל הבית עליו וממית ומשבר כל כליו· וכאלו נחש כרוך בעקבו עקרבים מסביבו· ובזה יזדעזע גופו וישוב אחריו כלחטוא· ואם עד אלה לא נכנע היצר ידמה נגד עיניו שיושב בטיולים ועידונין ומעדנים ובמנוחות ושאננות והשקט ובטחה וישוב נצחיי והלולים ושבחים וקול שיר וזמרה לפניו משבחים וכאלו עומד בהם ממש מפני עזיבת החטא· ויחשוב וידמה נגד עיניו שאם יעשה העבירה מאבד כל זה והולך ערום ויחף חשופי שת עני ונבזה חלוש ומכוער ומאוס מתועב ודחוי יחיר ושומם תמהוי ומשתומם בהול ומפוחד שסוי ונרמס שנאוי ומשוקץ מנול ומשוגע מחורף ומגודף מבולבל ומקולל מצעירים ממנו לימים הרודפים אחריו פוחזים ורקים נבזים אפלים בורים שפלים וסובנעים· וידמה שאין לו מנוחת ישיבה מסבת רדיפה מתמרק על רגליו בהתעלפות וחולשת לב רעב וצמא צועק ואין עונה שואל ואין נותן· מתחנן ואין מרחם בוכה ואין מפייס מכה עצמו ואין מעכב מילל ואין מנחם נופל ואין סומך כושל ואין תומך ממשש ואין מדריך יושב בחושך ואין מאיר מתפלש בעפר ואין מנער נרדם ואין מקיץ חולה ואין מבקר כואב ואין רופא מנוגע ואין רטיה נשוך מנחש ואין צרי גוסס ואין רואה מת ואין קובר כלבים אוכלים אותו ואין גוער עצמותיו נגררין באשפות ואין מקבץ אשתו ובניו אחר מותו שואלים לחם ואין מביט מתים ברעב ואין מצטער נאבד הוא וכל אשר לו ואין זוכר· ובעלות כל זה בדמיונו שהעבירה מביאו לכל זה יצטנן דמו ויתבטל יצרו בעזרת הש"י. ואם עד אלה לא נכנע לבבו הערל ידמה כאילו רואה עצמו שחוט ומושלך באשפה וכלבים אוכלים בשרו ותולעים יוצאים ממנו גם יריח ריח רעות ויראה מינים מאוסים ויכנע· וס"ס אם לא יועיל להכניעו עכ"ז ומביאו לכלל מעשה יתחוב מחט בבשרו או יכה ביד על פניו בכל כחו באופן שיכאוב ויוסר יצרו מעליו· שיותר טוב שיכה עצמו מכל מכה שיוכל לרפאותה אחר כך ולא יחטא משיחטא ויכו אותו בגיהנם מכה שאין בה רפואה· יותר טוב שיכה הגוף ולא הנפש גם מועיל לביטול היצר הרע שירוץ אל המים ובפרט אם הם מים קרים וישליך עליו כד של מים מראשו ועד רגליו ויכנע יצרו· ועל הכל יעסוק בתורה בקול רם בדברים הרעים שבירמיה ובאיוב ובקהלת שמהביל כל הדברים שבעולם ולא יפסיק מלמודו בקול רם· גם מועיל הרבה להנצל

אַן רייזן צוא אֵיין עֲבֵירָה זָאלְסְטוּ פַאר דִיר אוֹם מָאלְן דִי צוּרָה פוּן אַיין גְרוֹסְן צַדִיק וָואס דוּא הָאסְט מוֹרָא פַאר אִים גְלַייךְ וִויא עֶר שְׁטֵייט פַאר דִיר פוּל מִיט גְרִים צָארְן אוּנ דָאס וֶועט דִיךְ דֶר שְׁרֶעקְן אוּנ דוּרְךְ דֶעם וֶועט שְׁלַאף וֶוערְן דֶער כֹּחַ פוּן יֵצֶר הָרָע אוּנ דוּרְךְ דֶעם גִוֵוינוּנְג וֶועקְסְטוּ אוֹיךְ טְרַאכְטְן גְלַייךְ דִיא שְׁכִינָה שְׁטֵייט קֶעגְן דַיינֶע אוֹיגְן דֶען דֶער כָּבוֹד פוּן גָאט אִיז פוּל גָאר דִי וֶועלְט וֶועט אוֹיף דִיר פַאלְן אַיין פַּחַד אוּנ אַיין פָארְכְט צוּא אוּנְטֶער טֶענִיג מַאכְן דַיין פַאר שְׁטָאפְּט הַארְץ· און אוּנ אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט פָארְט נִיט אוּנְטֶר טֶענִיג וֶוערְן זָאל עֶר זִיךְ פַאר שְׁטֶעלְן גְלַייךְ וִויא חַיּוֹת רָעוֹת יָאגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּנ גְלַייךְ וִוי רוֹצְחִים שְׁטֵייעְן מִיט שְׁוֶוערְדְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן פַר זַיינֶע אוֹגְן אוּנ גְלַייךְ וִויא אַיין שְׁטוּרְם וִוינְד וַוארְפְט אַיין דֶם הוֹיז אוֹיף אִים אוּנ דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין גוּף דֶר צִיטֶּרְט וֶוערְן אוּנ וֶועט נִיט זִינְדִיגְן· אוּנ אַז דָאס וֶועט נִיט הֶעלְפְן זָאל עֶר זִיךְ פַאר שְׁטֶעלְן גְלַייךְ וִוי עֶר לִיגְט אִין קֶבֶר דֶען וֶועט עֶר אוּנְטֶער טֶענִיג וֶוערְן· אוּנ אַז דָאס אַלְץ וֶועט נִיט הֶעלְפְן זָאל עֶר זִיךְ אַליין צֶערְן טוּעְן אַז עֶס זָאל אִים וֵוייא טוּעְן וֶועט זַיין יֵצֶר הָרָע אָפּ גְטָאן וֶוערְן פוּן אִים· דֶען עֶס אִיז בֶּעסֶער עֶר זָאל זִיךְ אַליין שְׁלָאגְן אֵיידֶער מֶען זָאל אִים שְׁלָאגְן אִין גֵיהִנָּם אוּנ אוֹיךְ אִיז בֶּעסֶער דֶער גוּף זָאל גְשְׁלָאגְן וֶוערְן אוּנ נִיט דִיא נְשָׁמָה גם אוֹיךְ הֶעלְפְט מְבַטֵל צוּא זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע עֶר זָאל זִיךְ טוֹבֵל זַיין אוּנ קַאלְטֵי וַואסֶר אוּנ אִיבֶּר הוֹפְט הֶעלְפְט זַיין יֵצֶר הָרָע מַכְנִיעַ צוּ זַיין עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אַיין הוֹיךְ קוֹל אִין יִרְמְיָה דִי פּוּרְעָנִיוֹת וָואס דָארְט שְׁטֵייט אוּנ זָאל לֶערְנֶען אִיוֹב אוּנ קֹהֶלֶת וָואס עֶר מַאכְט אַלֶע זַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט פַאר הֶבֶל· אוּנ זָאל נִיט מַפְסִיק זַיין פוּן זַיין לֶערְנֶען

להנצל מיצרו בבא לכלל מעשה ידים בקולו שיבואו אצלו אנשים כמו שעשה רב עמרם שהרים בקולו נורא בי עמרם כמו שארז"ל · ואם עכ"ז לא הועיל לו דבר וחטא אל יתיאש מן הרחמים לומר כאשר אבדתי אבדתי ואעש"מה שלבי חפץ דשערי תשובה לא ננעלו וכל ימי חייו בכל פעם שיתגבר יצרו עליו יעשה כל הכתוב שאם לא יועיל לו בפעם ראשונה ושניה יועילו בשלישית ס"ס איזה פעם יועיל · או יסייעו אותו מן השמים להצילו בראותם לו נלחם עמו בדברים סגוליים להכנע · ואפי' לא סייעו אותו מן השמים על איזה סיבה ידועה לפני בורא עולם ובכל פעם ופעם שנלחם לא יכול להכניע יצרו וחטא אע"פ כן אל יתיאש וישוב עד דכדוכה של מות · ואדם שאינו יכול להכניע יצרו בשום דבר שבעולם נראה לי שהסבה היא משורש גאוה שבלבו שהגאוה שורש לכל העבירות (כאשר הזכרתי בפרקים דלעיל) · ולהסיר גאותו יטלטל עצמו מעיר לעיר ויכנע וישפל על דרך שאמרו חז"ל מי שיצרו תוקפו עליו ילך למקום אחר ויעשה מה שלבו חפץ כו' · שהכוונה שהדרך מכניע אותו ואז יעשה מה שלבו חפץ אם יכול · כלומר שאינו יכול · גם ישים נגד עיניו שהגבהתו היא השפלתו על דרך כל המוסיף גורע . שתי עשרת י"ב עשתי עשרה י"א גידול התיבה בתוספת אות הקטן מספרו מי"ב לי"א כרז"ל וכן גמל נמל תוספת מספר אות הנו"ן שהם חמשים מקטין לגמל ועושה עושה נמלה · גם תראה הכוכבים על היותם ברקיע יותר עליון מן הלבנה נראים דקים וקטנים והלבנה בעבור היותה ברקיע שפל מהם נראית גדולה הרי נלמד שהמתגאה גורם לו השפלה שגורם הגאוה לחטאו ואין השפלה גדולה מזו שבסופה נעשה מיאום בעולם · ואולי על ידי שיחשוב בגנות הגאוה יוקטן וישפל וכיון שיושפל באמת נתרפא ובלתי הסרת גאוה מעליו אין רפואה למכתו ולחולי נפשו כי הגאוה מסמא עיני הרשע שלא יראה בנראה · וכיון שהרשע אינו רואה בנראה איך יראה בשאינו נראה ב · ואני ראיתי כמה גאים מקטנותם נשתרשה בהם הגאוה וכתו עסה כי לא ידעו ולא שמעו ולא למדו דבר להכניעה · ואחרים בבחרותם היו בתכלית הגאות וחזרו בהם עד תכלית השפלות והענוה והחסידות והכרתי בהם שנתחברו בתלמידי חכמים ושמעו מפיהם ולמדו וחזרו · וטעם הדבר שהגאות מביא לאדם לעשות כל מה שלבו חפץ · משום שהגאה מצד תאותו מחזיק עצמו שאין חכמה בעולם כמו חכמתו . וזהו הרשת שפורש לו השטן לצודו וללכדו דכיון שמשים בלבו שאין חכמה כחכמתו כל מה שיעשה ישר בעיניו באומרו איך יתכן חכם כמוהו טועה ואפילו אם מכיר טעותו לא ישוב אחור שלא לאבד שם חכמתו שנפל טעות בשכלו · ועוד בהיותו מחזיק עצמו חכם אין כמוהו מפתהו יצרו שחביב הוא לפני המקום על חכמתו

ב פירוש הגאוה לעין הכל דבר עבירה הוא שגין מגונה וקשה וסופו של רשע לא טוב ועם כל זה מעלים הרשע עינו מכל זה ועושה מה שלבו חפץ כאופן שאינו רואה בנראה א"כ איך יראה במה שאינו נראה לאות העין הם משפטי גיהנם ואחר שצרות ה מגיעות לנפש כדי למנוע עצמו מלחטוא :

לערנין · אונ אוב ער האט דיא אַלֶע זַאכֶן גְטָאן אונ זייא הָאבֶן אים ניט גְהָאלְפֶן אונ ער האט גְזִינְדִיגְט זָאל ער זיך ניט מְיַיאֵשׁ זַיין פון גָאט צו בֶּעטֶן דָס ער זָאל אים הֶעלְפֶן תְּשׁוּבָה טוּעֶן ווארום דיא טוֶּערֶן פון תְּשׁוּבָה זֶענִין ניט פַאר שְׁלָאסֶן · וכל אונ אִיטְלִיכְס מָאל וָואס זַיין יֵצֶר הָרָע וויל זיך שְׁטַארְקִין אִיבֶּער אים זָאל ער טוּעֶן וָואס פְרִיעֶר איז גְשְׁטַאנֶן דֶען אַז דָאס וֶועט דָאס עֶרְשְׁטִי מָאל ניט הֶעלְפֶן וֶועט עס אים הֶעלְפֶן צום אַנְדֶרֶן אָדֶער צום דְרִיטֶן מָאל אוך פון הִימֶל וֶועט מֶען אים הֶעלְפֶן וויל זיי זֶעהֶן ער האלט מִלְחָמָה מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע מִיט דיא סְגוּלוֹת וָואס פְרִיעֶר זֶענִין גְשְׁטַאנֶן · אונ אֲפִילוּ וֶוען פון הִימֶל הֶעלְפְט מֶען אים אוך ניט אונ ער זִינְדִיגְט זָאל ער זיך סְפַארְט ניט מְיַיאֵשׁ זַיין אונ זָאל תְּשׁוּבָה טוּעֶן וארם דר מֶענְטְשׁ וָואס קָאן ניט מַכְנִיעַ זַיין זַיין יֵצֶר הָרָע מִיט קֵיין שׁוּם זַאך קוּמְט עֶס מֵחֲמַת ער האט גַאֲוָה : ווארום די גַאֲוָה איז אַיין שׁוֹרֶשׁ צו אַלִי עֲבֵירוֹת · אונ כְּדֵי אָפּ צוּא טָאן זַיין גַאֲוָה זָאל ער זיך מְטַלְטֵל זַיין פון אֵיין שְׁטָאט אין דֶער אַנְדֶרֶר דוּרְךְ דֶעם וֶועט ער אוּנְטֶר טֶענִיג וֶוערֶן אונ וֶועט גְהֵיילְט וֶוערֶן פון דיא עֲבֵירוֹת · אָבֶּר אַז ער וֶועט דיא גַאֲוָה ניט אָפּ טוּעֶן פון זיך איז קֵיין רְפוּאָה ניט פַאר הַאנְדֶן צוּא זַיין מַכָּה ווארום דיא גַאֲוָה מַאכְט בְּלִינְד דיא אוֹיגֶן פון דֶעם רָשָׁע דֶען אִיטְלִיכֶר זֶעהְט דאךְ אז דֶער סוֹף פון דֶעם רָשָׁע איז שְׁלֶעכְט · אונ איך האב גְזֶעהֶן פִיל לייט וָוס זֶענֶן גֶוועֶן בַּעֲלֵי גַאֲוָה פון זֵייעֶר קִינְדְהֵייט אָן אונ זֶענֶן גֶישְׁטָארְבֶן מִיט דֶער גַאֲוָה וויל זייא הָאבֶּן ניט גְלֶערְנְט וויא ארום דיא גַאֲוָה אוּנְטֶר טֶענִיג מַאכֶן אונ אַנְדֶרִי לייט האב איך גְזֶעהֶן וָואס זֶענֶן אין זייער יוּגֶנְט גֶוועֶן בַּעֲלֵי גַאֲוֹות אונ דֶער נָאךְ זֶענִין זייא גְוָוארִין גְרוֹסֶע עֲנָוִים אונ פְרוּם וויל זייא הָאבֶּן זיך בַּהֶעפְט צו תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אונ הָאבֶּן פון זייא גִילֶערְנְט וויא דיא גַאֲוָה איז שְׁלֶעכְט אונ

האבן

ואינו מקפיד עמו על מעשיו · ומה גם שהמתגאה מתגאה גם על בוראו כנחש הקדמוני כמו שאמרו רבנן ז"ל ג · וכיון שכן הוא איך יחוש שלא להכעיסו בעבור מצותיו ואין אני מאריך בגנות הגאוה כי כבר הארכתי בפרקים דלעיל :

**ודע** הסבה העיקרית שהרשע מתחזק בטומאתו לעשות מה שלבו חפץ ואינו נותן לב לשוב · שהרשע בעבירה ראשונה שבא לידו לבו מרתת עליו לעשות פן ישיגהו לו מהרעות והוא באימה ופחד להכנס בה . אך כשיצרו מכריחו לעשותה אומר הנני ממלא תאותי ויעבור עלי מה אף שיודע אני שעונשי אחורי תרעא קאי ועושה אותה ביראה גדולה · ואחר שעינוי רואות שעשה העבירה ואינו מגיע לו שום נזק שבעולם ואדרבא מצליח בכל משלח ידו ונושא חן בעיני כל רואיו ושאר מיני הצלחות שבעולם מזדמנים בידו · גם רואה רשעים כמותו בגדר הצלחה ויצרו מפתהו על ידי מראות אלו שרואה שיסכים בדעתו דלית דין ולית דיין · וכשמכניסו בכפירה זו משם ואילך עושה כל מה שלבו חפץ עד שמטביעו בטיט העונות · וזהו טעות גדול נראה לעינים ופרסום הטעות יובן במשל אחד · לאדם שקלל לשלטון ושבר פתח בית האסורין והוציא אסיריו ושמע השלטון והעשירו עושר גדול והצליחו על כל המעלות · וכי אינו ראוי שיחשוב אדם זה בלבו היאומן שבעבור שהכעסתי לשלטון ראוי אני לכל זה הכבוד זהו נמנע מכת הנמנעות אין זאת כי דבר סתר לו שע"י גדולות אלו מתנקם ממני בכפלים ומוכרח שכוונתו להגדילני ולהשפילני ולהענישני אח"כ ויורגש העונש בכפלים · על דרך שאומרים דרך הלצה עני חשוב כמת · כלומר עני שהיה חשוב תחלה ובא לידי עניות זה דוקא חשוב כמת שאחר גדולה שפלות יורגש בכפלים וכארז"ל על פסוק היו צריה לראש שהקב"ה מגדיל לצר כדי להשפילו וכדי לאבדו אח"כ וידגיש העונש מר ממות · והמן הרשע יוכיח שגידלו כדי שירגיש השפלתו בכפלים · כך הדבר בעצמו החוטא להקב"ה ומצליח בידו שהוא להאבידו ואדרבא צריך לבכות ולילל על אותה ההצלחה כי בזאת ההצלחה סם המות מעורב בה והיא פח ללוכדו ולהכניסו בים המשפטים דאיך יתכן שבעבור שהרבה לחטוא לפניו מצלית בידו · לכן חלל רשע שא בקול קינה ואל תשכן עוד באהלך רננה אמור אוי על הצלחתי כי ירה בי חצי מות כי בה בטחתי אויבי עלי המלכתי כי בדרכיו הלכתי · מועצותיו שמעתי ואשר אהב יוצרי שנאתי · אוי כי בידי עצמי הרגתי טבחתי ולא חמלתי · כל זה אעלה על ראש שמחתי כל ימי חיי עד יום מותי אולי ירחם עלי בוראי לרחם על נשמתי · ודע כי הלוחם משלים והמשלים לוחם · כי הלוחם עם יצרו בעולם הזה ניצל ממלחמת מלאך המות עמו בצאת נפשו כי מת · כי הלוחם עם יצרו הרע עושה שלום עם יצרו והעושה שלום עם יצרו לוחם עם יוצרו · נמצא המלחמה עם יצרו שלום לעולם לגופו ולנפשו שלום לביתו שלום לבניו ולכל הבאים אחריו שמתעטרים באביהם הצדיק שנצח עם יצר הרע והמשלים עם

ג כמו שאמרו בב"ר על פסוק והנחש היה ערום לפי גדולתו של נחש היתה מפלתו · וכשנענש הנחש כאילן צווח אל תבואני רגל גאוה בנתגאה ודיבר דלטורין על הקב"ה ואמר לאשה מאילן זה אכל הקב"ה וברא עולמות והוא אומר לכם לא תאכלו ממנו שלא תבראו עולמות דכל אומן סני בר אומנותיה :

האָבּן זיא אַוֶועק גִוֶוארְפִן · ודע דיא רֶעכטֶי סִבָּה וָואס דֶער רָשָׁע טוּט וָואס זַיין הַארְץ בְּגֶערְט אוּנ טוּט נִיט תְּשׁוּבָה דֶען דֶער רָשָׁע אַז דִיא עֶרְשְׁטֶי עֲבֵירָה קוּמְט אִים צוּ הַאנְדִין צִיטֶרְט עֶר זִיא צוּא טוּן וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא אוּנ טוּט דִיא עֲבֵירָה מִיט גְרוֹס פָארְכְט דֶער נָאךְ אַז עֶר זֶעהְט עֶס הָאט אִים נִיט גְגֶרֵייכְט קֵיין שׁוּם שָׁאדְין אוּנ זֶעהְט אוֹיךְ פִיל רְשָׁעִים וִויא עֶר זֶענֶן מִיט גְרוֹס הַצְלָחָה דוּרךְ דֶעם רֵייצְט זַיין יֵצֶר הָרַע אִים אַז מֶען שְׁטְרָאפְט גָאר נִיט פַאר דִיא עֲבֵירָה אוּנ אַז עֶר בְּרֶענְגְט אִים שׁוֹין אִין דֶער דָאזִיגֶער כְּפִירָה טוּט עֶר שׁוֹן וָואס זַיין הַארְץ בְּגֶערְט בִּיז עֶר וֶוערְט אַיין גִוזוּנְקֶן אִין דִיא עֲבֵירוֹת אוּנ דָאס אִיז אַיין גְרוֹסֶר טָעוּת אִיטְלִיכֶר קֶען עֶס זֶעהְן אוּנ וֶועל עֶס גֶעבִּין צוּ פַר שְׁטֵיין מִיט אַיין מָשָׁל · לאדם צוּא אַיינֶעם וָואס הָאט צוּ בְּרָאכִין דִיא טִיר פוּן דֶר תְּפִיסָה אוּנ הָט דִיא תְּפוּסִים אַרוֹס גְלָאזְט פוּן דֶער תְּפִיסָה הָאט דֶער אוֹף וֶועהְר דָאס דֶר הֶערְט אוּנ הָאט אִים זֵייעֶר רַייךְ גְמַאכְט · נוּא נִיהֶער דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּא טְרַאכְטִין וִויא גְשִׁיקְט זִיךְ דָאס וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים דֶער צֶערִינְט זָאל עֶר מִיר גֶעבִּין גָאר דֶם כָּבוֹד דם מוז נָאר זַיין עֶר מַאכְט מִיךְ גְרוֹס כְּדֵי עֶר זָאל מִיךְ דֶער נָאךְ גַאנְץ שְׁטַארְק אַרָאפ וַוארְפִין אוּנ מִיר גְרוֹסִי עוֹנָשִׁים אָן טוּן דֶען וֶועט דֶער עוֹנֶשׁ פִיל גִיטָאפֶּלְט זַיין אַיידֶר עֶר זָאל מִיךְ שְׁטְרָאפִין אַז אִיךְ בִּין אָרוֹם · על דרך וִויא דֶער עוֹלָם זָאגְט הֲלָצָה (עני חשוב) דֶער וָואס אִיז פְרִיעֶר גְוֶוען אַגְרוֹסֶר חָשׁוּב אוּנ רַייךְ אוּנ דֶר נָאךְ אִיז עֶר אָרוֹם גְוָוארְן (כמת) דֶער אִיז גְלַייךְ וִויא אַיין מֵת וָוארוּם דָאס נִידְרִיקֵייט וָואס קוּמְט נָאךְ דֶעם

יצרו מלחמה לה׳ מדור דור · לכן יעמוד אדם כל ימיו במלחמה כדי שיהיה כל ימיו בשלום · ומלחמת אדם עם יצרו מלחמת תדירי היא יום ולילה לא ישבות ואם נפל בבחרותו במלחמת יצרו יחזור להלחם עמו ולהתגבר עליו להפילו ארצה · כי אין זה כדרך המלחמות שבעבור שנגבור לחם בגבור ונפל אחד ביד חבירו שאינו חוזר להלחם · אלא חוזר ולוחם וחוזר הגלגל על הנופל ומפיל את חבירו · גם אם לחם ביצרו ונפל אל יתריע מזלו אלא יתגור להלחם עמו ויחזור עליו הגלגל לטוב לו שצריך האדם לשנות עצמו ממצב למצב שאם היה במצב רע ישנה מצבו ודע כי כל אדם שהיה במצב אחד בדעתו ובמדות ובמעשים מיום שנולד עד זקנותו אין ספק דזה נתגלגל בגלגול ראשון בבהמה או חיה כי הבעלי חיים מיום שיוצאים לאור העולם עד שובם אל אדמה הם בטבע אחד ומצב אחד כי אינם עולים ממדרגה למדרגה לא בדעת ולא בשום דבר וזה הורגל זמן רב בבהמה והוטבע בנפשו טבע הבהמה · לכן צריך לזה להרגילו תמיד שישנה בעל כרחו עד שתתפשט נפשו ממדות הבהמיות אשר הוטבע בה · כי ביאתו של אדם בעוה״ז כדי שיעלה ממדרגה למדרגה כי עיר פרא אדם יולד ואם יעמוד לעולם במדרגה אחת בהמה יחשב· שהאדם צריך לעלות ממדרגה למדרגה לקנות שלימות עד שיזדכך ויעלה למדרגה הרוחניות בגוף ובנפש וימשיך השפע על ידי הזדככותו בתחתונים · ואל תתמה שהרי זכוכית לבנה זך אם תשימהו נגד השמש ימשיך אש מלמעלה למטה וזה גורם הזדככות הזכוכית שאם תשים נגד השמש זכוכית עב ואין צ״ל אם תשים חרס שלא ימשיך שום דבר · וכ״ש האדם שכל הבריאה בשבילו שבהזדכך עצמו ימשיך השפע מלמעלה למטה · וכשם שבזכוכית הזך הזה הממשיך האש מלמעלה למטה אם נפל בו כתם וכהה אותו מפסיקו מלהוריד האש מלמעלה אע״פ שהוא שלם בזכיותו כך האדם השלם מעכבו עון אם יש בידו מלהמשיך מלמעלה שפע בעולם שהוא כמו הכתם שבזכוכית עד שיטהר עצמו מאותו עון שהוא ככתם לנפשו המכהה אורה · ילמוד אדם מהשבטים הקדושים שלא נמצא בהם שום פגם כלל ועיקר רק על דבר מכירת יוסף ואע״פ שהיה קצת סבה מאת ה׳ ענין מכירה זו כדי שירדו מצרימה ויצאו משם לקבל תורה · וכדרז״ל וישלחהו מעמק חברון להשלים עצה עמוקה שבחברון שאמר לאברהם כי גר יהיה זרעך. עם כל זה כמה נצטערו עצמם על מעשה המכירה להסיר ולטהר כתם זה מעליהם והשפילו עצמם לפני יוסף ובקשו ממנו מחילה ובמות אביהם שלחו אליו לאמר אנא שא נא פשע אחיך וחטאתם אע״פ שרעה גמלוך · כ״ש וק״ו שצריך כל אדם לפשפש אם יש בנפשו איזה כתם לטהר ולהזדכך עצמו להת נשמתו להקב״ה זכה וברה כאשר נתנה לו :

**פרק יג** יזכור האדם ובורא הכל ברא בראש כלם תשובת השבים והורה דרכי נועם לחוטא וחפץ לשוב שיתנהג ברדכים אלו למען סור ממוקשי מות ולהכניסו בדרכי חיים ותי

אז ער איז פריער גרוס דאס ווערט מער גפילט פון דעם וואס ער איז ארום און נידריג פון זיין גבארין אן · און אזו וויא אונזרי חכמים ז״ל האבין גיזאגט דאס גאט ב״ה מאכט גרוס דעם רשע כדי אים דער נאך נידריג צו מאכין און צו מאכן פאר לירין אים פון דר וועלט און איין ראיה דער צו איז פון המן הרשע דאס גאט ב״ה האט אים דרום גרוס גמאכט כדי זיין מפלה זאל דר נאך גרעסר זיין · אזו איז דיא וועלביגי זאך ביא דעם זינדיגר דאס גאט ב״ה בגליקט אים דרום כדי צו מאכן פאר לירין אים דר נאך אדרבא ער דארף נאך וויינען און קלאגין אויף דר הצלחה ווארום אין דער הצלחה איז גמישט סם המות ווארום וויא גישיקט זיך דאס אז וויל ער הט פיל גיזינדיגט בגליקט ער אים · ילמוד דער מענטש גיהער זיך אפ צו לערנין פון דיא שבטים וואס אין זיי איז ניט גפונן גווארן קיין פגם נאר וואס זייא האבין פאר קויפט יוסף קיין מצרים און חאטשי דאס איז דאך גיוועזן איין סיבה פון גאט כדי זייא זאלין נידערען קיין מצרים און זאלען פון דארט ארוס גיין צו נעמן דיא תורה פון דעסט וועגין וויא פיל האבין זייא זיך מצער גיוועזן אויף דעם וואס זיי האבן אים פאר קויפט כדי צוא ריינגן דעם פלעק פון זיך און האבין זיך משפיל גיוועזן פאר יוסף און האבין פון אים גיבעטין ער זאל מוחל זיין און אז זייער פאטר איז גישטארבן האבן זייא צוא אים גשיקט מיר בעטין דיך פאר גיב דיא זונד פון דיינע ברידער חאטשי מיר האבין דיר גטאן איין רעה בעטין מיר דיך פארט דוא זאלסט אונז מוחל זיין מכל שכן אז איטליכער מענטש מוז איבר זוכן זייני מעשים אוב ער האט עפיס איין עבירה און דרוף תשובה צו טון כדי ער זאל זיין נשמה אפ געבין צו גאט קלאר און ריינאזו ווי ער הט אים זייא גיגעבין אמן :

פרק יג יזכור האדם דער מענטש זאל גידיינקן אז דער בשעפר האט צום אלעם ערשטן בשאפין

לעולם · אשר על כן מלבד הדברים שכתבתי בפרקים לעיל מדברים המכניעים את יצה"ר ראיתי להוסיף ידי לכתוב עוד מהדברים שיתנהג בהם האדם כדי שיכנע לבו הערל וישתרש באהבת הבורא ולא ישוב לכסלה · רוב ישיבתו של חוטא יהיה בין העניים ובתי כנסיות ובתי מדרשות יען שקונה שפלות בזה והשפלות מכניעו ואינו מעוררו אל החטא · בעבור שבית הכנסת ובית המדרש נקראים מקדש מעט והם מסוגלים אל היראה כיון דשכינה שרויה שם וכוראות השכינה עליו · ונראה דעל כן אמרו רז"ל אם פגע בך מנוול זה א משכהו לבית המדרש וכו' · והטעם כמדובר דכיון דשם מקום השראת השכינה מורא שכינה עליו ונמנע מלחטוא · ובפרט בראותו שהחוטא בהיכל מלך ענשו קשה בכפלים ואדם כרתת ומזדעזע כחושבו משפטים הקשים · ועל כן הזהירו רז"ל שלא יזוז אדם מבית המדרש ובפרט דשמיעתו שם חידושי התורה מקדש את את גופו וקונה כח קדושה לדחות טומאת יצרו · גם ישיבתו בין העניים על ידי ששומע כמה הרפתקאי שעברו עליהם ומה שהם גם בהוה בצער גדול נכנע לבו ובפרט מיראה שלא יגרום לו החטא להביאו לכלים · ורמז לדבר שמשיח עומד בפתחה של רומי בין העניים · דכיון שגדולה מעלתו אין כמוהו כארז"ל ירום ונשא וגבה מאד ירום מאברהם ונשא ממשה וגבה ממה"ש לכן מושבו בין העניים כאלו יושב שם לקנות שפלות ולא יתגאה במעלתו · ואע"פ שדבר זה לא שייך בו אך כדי ללמד לעולם שירבה ישיבה בין העניים כדי שלא יבאו לכלל גאוה ויקנו הכנעה להחליש כח יצר הרע · ואלה הדברים אשר יעשה אותם האדם וחי בהם סדרם רבינו אשר ז"ל שידבק האדם בהם לקנות שלימות לנפשו ודבקות בהקב"ה בעשותם עד שירגיל בהם הרגל תמידי ולא יפיל בהן בטול לעולם · והם כ"ג דברים ואלו הן · (א) שיפריש מעשר מכל ריוח שיזמין הקב"ה לידו · (ב) שיתן צדקה מיד מכל אשר תשיג ידו ולסוף כל שנה זהב וחצי · (ג) שיתפלל ערב ובוקר עם האבות ב · (ד) שיניח תפילין בכל יום · (ה) שיקבע מזוזה · (ו) יקבע עתים לתורה · (ז) שיהיה

א [illegible] : ב נ"ל שכוון למה דאיתא במסכת ב"מ (דף פ"ה) אמר אליהו אדאוקימנא לאברהם ומשינא ידיה ומצלי ומגנינא ליה וכן ליצחק וליעקב משמע מזה שגם האבות מתפללים בעולם הנשמות :

דיא תשובה אונ האט געוויזן זיסע וועגן צוא דעם וואס האט געזינדיגט אונ ער וויל תשובה טאן דאס ער זאל זיך פירן אין דיא וועגן ער זאל אפ קירין פון שטרויכלונג פון טויט אונ זאל אייביג לעבין אין גן עדן · דען חוץ וואס איך האב געשריבען אין דיא אייבערשטע פרקים וועל איך נאך שרייבען וויא דער מענטש זאל זיך נוהג זיין דאס זיין פאר שטאפט הארץ זאל אונטער טעניג ווערין · זאל זיין איין געווארצילט אין דעם ליבשאפט פון דעם בשעפר אונ זאל ניט ווידער קערין צוא טאן עבירות · רוב דאס מערבטע זיצונג פון דעם זינדגר זאל זיין צווישן ארמע לייט אונ אין שולען אין בתי מדרשים וייל דורך דעם וועט ער ווערין אונטער טעניג אונ וועט ניט זינדיגן וויל דיא שולען אונ בתי מדרשים ווערין אז גירופין קליין בית המקדש אונ זענן מסוגל צו יראה וויל דיא שכינה רועט דארט איז דיא פארכט פון דער שכינה אויף אים אונ דרום האבין אונזרי חכמים ז"ל גיזאגט (אם פגע בך מנוול זה) אויב דער יצר הרע האט דיך בגעגינט (משכהו לבית המדרש) צו אים אין בית המדרש אריין דארט איז אויף אים דיא פארכט פון דער שכינה אונ דורך דעם וועט ער ניט זינדיגן ובפרט אז ער דינקט אז דר וועס זינדיגט אין מלך'ס היכל אין זיין עונש פיל שווערער · אונ דרום האבין דיא חכמים ז"ל מזהיר גיוועזן אז א מענטש זאל ניט אוועק גיין פון בית המדרש ובפרט דיא חידושי תורה וואס ער הערט דארט דאס מאכט הייליג זיין גוף אונ שאפט זיך קדושה אוועק צו שטויסן זיין יצה"ר : אויך דער מיט וואס ער וועט זיצין צווישן דיא ארומע לייט אונ זעהט זייער צער ווערט אונטער טעניג זיין הארץ וועגין פארכט אז דיא עבירות זאלן אים [illegible] גורם זיין ער זאל אויך ווערן אזו ארום וויא זייא · וועט ער אויך קיין עבירות ניט טאן · ואלה דיא זאכין זאל דער מענטש טאן דאס ער זאל לעבין אויף עוה"ז אונ עוה"ב · דאס האט דער (רבינו אשר ז"ל) מסדר גיווען · דער מענטש זאל זיך אין זייא בהעפטן צו שאפין דבקות אין השי"ת ער זאל דאס פיל מאל טאן ביז ער ווערט גיוואנט ווערין אין זייא אונ וועט זייא שוין קיין מאל ניט מבטל זיין · אונ דאס זענן דרייא אונ צוואנציג זאכין · א ער זאל אפ שיידן מעשר פון אלץ וואס גאט ב"ה וועט אים בשערין · ב ער זאל געבין צדקה לויט זיין פאר מעגנס אונ צום סוף פון איטליכן יאר זאל ער אויף דעם געבן איין גילדן מיט אהאלבן : ג ער זאל דאווענן אלע אבינט אונ מארגין · ד ער זאל לייגען תפילין אלע טאג · ה ער זאל האבן א מזוזה אין אלע טירען פון זיין הויז · ו ער זאל קובע זיין צייטין

ממון במשאו ובמתנו ובדבורו · (ח) שיכבד לומדי תורה בכל יכולתו · (ט) שיוכיח את עמיתו ולא ישא עליו חטא · (י) שידין את חבירו לכף זכות · (יא) שימחול בכל לילה קודם שיישן למי שחטא לו בדברים · (יב) שישתדל להכניס שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו · (יג) שיזהיר לאנשי ביתו על התפלה ועל נט"י ועל ברכת הנהנין. (יד) שיפרע התמיד בכל יום הששי · (טו) שילמוד הפרשה בכל שבוע שנים מקרא ואחד תרגום ופירש"י. (טז) שיקרא אגרת התשובה שחיבר רבינו יונה בשבוע שחל ר"ה להיות בתוכה · (יז) שיכבד יום השבת כברכת ה' אלהיו אשר נתן לו · (יח) שיקבע סעודה ג' בכל שבת אחר המנחה · (יט) שיערוך שלחן בכל מוצאי שבת ויאכל אפילו דבר מיעוט · (כ) שיסייע לחבירו לכל מה שיצטרך בגופו ובדבריו · (כא) שיתודה קודם שיישן מלבד הלילות שהן אסורות בהספד ובתענית · ויתאבל על עונותיו על אורך גלותנו ועל חורבן בית מקדשנו שיבנה במהרה בימינו אמן (כב) שיעשה יום א' תענית בכל חדש ביום שקורין בתורה ואם לא יוכל להתענות יתן ב' פשוטים לצדקה · (כג) שיקיים המע"ט בהצנע כי היא עבודת ה' הנבחרת לפניו:

אורח חיים למעלה למשכיל למען סור משאול מטה הנהגות אחרות · א להתרחק מן הגאוה בתכלית הריחוק · ב וכן מהחניפות · ג וכן משקר וכזב. ד וכן מן הליצנות · ה וכן מרכילות · ו ומן הכעס · ז שיזהר ממכשול נדרים · ח שיזהר מאתאת הבריות · ט שלא יכנה שם רע לחבירו ולא יקראנו בכנוי שכנוהו אחרים אם לא יהיה נזכר ונכבד בשמו · י שלא יספר לשון הרע ולא יקבלנו · יא שלא ישב עם יושבי קרנות ולא בבתי כנסיות עם עמי הארץ: יב שלא יסתכל באשה שהיא אסורה לו · יג שלא יסיח על כוס של ברכה · יד שלא יספר מברוך שאמר עד שסיים תפלת לחש ולא בעוד שש"צ חוזר ומתפלל התפלה אא"כ בר"ת או בדבר מצוה או לתת שלום או להחזיר · טו שלא ידבר בקריאת ההלל ולא בעוד שש"צ קורא

צו לערנן תורה · ער זאל זיין ערליך אין זיין משא ומתן אונ מיט זיין דיבור · ח ער זאל ערליך האלטן דיא לומדים מיט גאר זיין פאר מעגין · ט ער זאל שטראפן זיין חבר אז ער וועט אים מאן איין עבירה ווארום אז ער וועט אים ניט שטראפין וועט ער האבן איין עבירה · י ער זאל דיין זיין חבר חן זיין לכף זכות · יא אלע נאכט איידער ער לייגט זיך שלאפין זאל ער מוחל זיין צו דעם וס האט גיזינדיגט קעגין אים מיט רייד · יב ער זאל זיך פלייסן שלום צוא מאכין צווישן איין מענטש מיט דעם אנדרן אונ צווישן מאן אונ ווייב · יג ער זאל מזהיר זיין זיין הויז גיזינד צוא דאבנען אונ וואשין זיך אונ אברכה מאכין איבר עסין אונ טרינקען · יד דם לערנן וואס ער הט זיך קובע גיוועזן אלי טאג את הם אמאל ניט דר לערינט זאל ער פרייטאג דר לערנן · טו ער זאל לערנן אלע וואך דיא סדרה צווי מאל דעם חומש אונ איין מאל תרגום אונ זאל לערנן רש"י · טז ער זאל לערנן דיא וואך פון ראש השנה אגרת התשובה וואס דער רבינו יונה האט מחבר גיוועזן · יז ער זאל ערליך האלטן שבת נאך זיין פאר מעגין נאך · יח ער זאל שבת עסין שלש סעודות · יט ער זאל אלע מוצאי שבת אן ריכטן א סעודה אוף כלה מלכה דאמשע ער קען ווייניג עסין · כ ער זאל העלפין זיין חבר אין אלעמען וואס ער וועט בדארפין סאיי מיט זיין גוף סאיי מיט רייד · כא ער זאל פאר זיין שלאף זאגין ווידוי אשמנו אויסער דיא נעכט וואס מען זאגט קיין תחנון ניט אונ ער זאל קלאגן אוף זיינע עבירות אונ אוף דעם חורבן בית המקדש · כב ער זאל זיך קובע זיין איין טאג אין חודש צוא פאסטין דער טאג זאל זיין ווען מען לייענט אין דער תורה אונ אוב ער קען ניט פאסטן זאל ער געבין צווייא שילינגער צדקה · כג ער זאל דיא מעשים טובים מקיים זיין בצניעות · דאס איז די דינסט פון גאט וואס איז אים אנגענעמען · אורח נאך איז דא אנדרע הנהגות וואס וועגן דער וועג פון לעבין · א מען זאל זיך דער ווייטערין פון גאוה וויא ווייט מיגליך איז · ב אוך פון חאנפענען · ג אוך פון פאלשקייט אונ ליגין · ד אויך פון ליצנות · ה אויך פון רכילות · ו אונ פון כעס · ז ער זאל גיוואריגט זיין פון נדרים · ח ער זאל גיווארינט זיין פון צוא נארין לייט · ט ער זאל ניט געבין זיין חבר קיין שלעכטין נאמן · אונ זאל אים ניט רופין מיטן צוא נאמען · י ער זאל ניט ריידין לשון הרע · יא ער זאל ניט זיצין מיט ליידיג גייערס אונ ניט אין דיא פאר זאמלונג פון עמי הארצים · יב ער זאל ניט קוקין אוף פרעמדי ווייבר · יג ער זאל ניט אום ריידן אין מיטן קידוש · יד ער זאל ניט ריידן פון ברוך שאמר ביז נאך ש"ע אונ ניט בשעת אז דער חזן זאגט די הויכע

בתורה · (טז) שלא יאכל פת בעלי בתים של כותים ולא של פלטר ג אא"כ לא יזדמן לו של ישראל · (יז) שלא יסעוד בסעודת הרשות · (יח) שלא יסיח שיחה בטלה · ויזהר ללמוד עד שיישן מתוך דברי תורה ולא מתוך שיחה בטלה · (יט) שלא יכניס עצמו בספק חשיכה ערב שבת · ויזהיר בני ביתו על שמירת שבת ויקדים להתפלל תפלת מנחה כדי שיקבל שבת מבעוד יום · (כ) כשיגיע עת תפלה מג' תפלות שביום יניח כל עסקיו ויתפלל · וראש כל הנדרים שישמור את עיניו מדבר שאינו שלו · (כא) אל ידבר בין ברכת נטילה להמוציא ויקדים שלום לכל אדם · (כב) לברך את בוראו שהשביע נפש שוקקה · ואם יקללוהו בני אדם אל ישיב להם אלא יהא מן הנעלבים · (כג) אל יצא לריב מהר ויתרחק מהשבועות ומנדרים שבעון נדרים בנים מתים · (כד) יתרחק מן השחוק ומהכעס כי מבלבל דעתו של אדם ויעבוד תמיד יוצרו באהבה ולא יניח דבר לעשות מענין זאת התקנה · (כה) לאהוב את ה' בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך תמוד בדעתך באומרך את ה' אלהיך למסור נפשך וממונך ובזה יקיים דבר המשורר כי עליך הורגנו כל היום · (כו) לבטות בה' בכל לבבך והאמן בהשגחתו פרטית ובזה תקבל בלבבך היחוד הגמור והשלם בהאמין בו כי עיניו הם משוטטות בכל הארץ ועיניו על כל דרכי איש וחוקר לב ובוחן כליות · כי מי שאינו מאמין באשר הוצאתיך מארץ מצרים גם באנכי ה' אלהיך אינו מאמין ואין זה יחוד שלם כי זהו סגולת ישראל וזהו יסוד כל התורה כולה · (כז) להרחיק גאוה וכעס ונעור ביצר המשיאך ללכת בדרכי לבך ואל הבט אל דרכיו אשר המה מצודים וחרמים להראותך כי דרכך ישר וזך · (כח) מדבר שקר תרחק ואל תוציא ש"ש לבטלה ולא במקום מטונף · (כט) הסר ממך משענת הקנה הרצוץ משענת בני אדם .

ג מוכר סם :

ש"ע נאר שלום צו געבן אונ אפ צו ענטפרן שלום · טו ער זאל ניט ריידן אין מיטן הלל אונ בשעת אז מען לייענט אין דער תורה · טז ער זאל נאר עסן יודעש ברויט · יז ער זאל ניט עסן אויף אזו אסעודה וואס איז ניט קיין מצוה · יח ער זאל ניט ריידן דברים בטלים אונ זאל גיוואריטנט זיין צוא לערנין ביי נאכט ביז ער זאל איינשלאפין ווערן פון דברי תורה אונ ניט פון דברים בטלים · יט ער זאל אן נעמין שבת פריא אונ זאל מזהיר זיין זיין הויז גזינד זייא זאלין היטין שבת אונ זאל אום ערב שבת פריא מנחה דאוונען כדי ער זאל שבת פריא אן נעמין · כ אז עס קומט דיא צייט פון דאוונען שחרית אדר מנחה ומעריב · זאל ער אוועק לאזין אלע זיינע עסקים אונ זאל דאוונען · אונ דאס ערשטע פון אלי גדרים איז ער זאל היטין זיינע אויגן פון צוא קוקין אויף אזעלכס וואס איז ניט זייני · כא ער זאל ניט ריידין צווישן דער ברכה על נטילת ידים ביז ער מאכט המוציא · אונ זאל געבין שלום צו איטליכן מענטש · כב ער זאל בענטשין נאך דעם עסין · אז מענטשין שעלטין אים זאל ער ניט ענטפרין · ער זאל זיין פון דיא לייט וואס ווערן פאר שעמט אונ ענטפרין ניט · כג ער זאל ניט גיהיילט זיין צו קריגען זיך · אונ זאל זיך דר ווייטרין צו שווערן אונ קיין נדרים צוא מאן ווארום דורך דער זינד פון נדרים שטארבן קינדר ח"ו · כד ער זאל זיך דר ווייטערין פון שפעטין אונ כעס ווארום דאס איז מבלבל דיא דעה פון דעם מענטש אונ זאל דינען זיין בשעפר תמיד מיט ליבשאפט · כה ער זאל ליב האבין גאט ב"ה מיט גאר זיין הארץ אונ גאר זיין נפש אונ גאר זיין געלט אונ בשעת אז דוא זאגסט ואהבת את יי אלהיך וכו' זאל זיין אין זיין זין אז דוא ענטפערסט איבר דיין לייב אונ געלט צוא גאט דאס הייסט דוא ווערסט זיך בעסער לאזין הרגנען אדער דאס געלט אוועק געבין אונ אין אים ניט לייקענען ח"ו · כו דוא זאלסט האבין אבטחון אין גאט מיט גאר דיין הארץ, אונ זאלסט גלייבן אז ער גיט אכטונג אויף יעדערין בזונדער זיינע אויגן שוועבין אויף דער גאנצר וועלט אונ ער קוקט אויף אלי וועגן פון דעם מענטש אונ ער ווייסט וואס דער מענטש האט אין זינען · אונ דער וואס גלייבט עס ניט לייקענט ער אין דעם וואס גאט האט גיזאגט (אנכי יי אלהיך) איך בין דיין גאט וואס איך האב דיך אויס גיצויגן פון מצרים וואס דאס איז דער יסוד פון דער גאנצר תורה · כז צוא דער ווייטערין זיך פון כעס אונ גאוה אונ שרייא אן אין דעם יצה"ר אונ זאלסט ניט גיין אין זיינע וועגין וואס זייא וועגן וויא נעצין פאנגין מענטשין · כח זאלסט זיך דער ווייטרין פון זאגין ליגין אונ זאלסט ניט דער מאנן גאטס נאמן אום זונסט אדר אויף איין אום ריין ארט · כט האב ניט קיין בטחון אויף אמענטש אונ זאלסט זיין בצניעות מיט דיין גאט · זאלסט אויך ניט האבין דיין בטחון אויף דיין געלט אונ גיב

אוים

והצנע לכת עם אלהיך ואל תשים זהב כסלך כי זו תחלת ע"א · ופזר ממונך באשר הוא רצונו
יתברך ובידו למלאות חסרונך · (ל) דע את אלהי אביך ודבריך במאזני צדק תשקול והין צדק
יהיה לך ותקל בעיניך הוצאת ממונך מהוצאת דבריך ופיך אל ימהר להוציא דבר רע עד שתשקלו
במאזני שכלך · (לא) ווידוי על עונותיך ערב ובקר אל יחסר וזכרון ציון וירושלים בשברון לב ·
(לב) זכור יום המות תכיד וצדה לדרך הכן ושים בין עיניך ב' דרכים אלו תמיד שיהיו מזומנים
לך ליום הפירוד ומטתך בדמעה תשחה ויבהלוך רעיונך מדי זוכרך חרדת ר"י ב"ז · (לג) חבר
טוב היה ליראי ה' והתחבר בחבריהם ומפועלי עון הרחק · (לד) טוב וישר לך להמעיט בעיניך
פעולותיך הטובות ולהרבות בעיניך פשעיך להרבות חסדי יוצרך מבטן ונותן אכלך ולא השמש
ע"מ לקבל פרס בעשותך מצותו · (לה) יום ולילה זכרו מפיך לא ימוש בשכבך תשגה באהבתו
ובקומך ובהלוכך המצאנו והקיצות בו השתעשע והוא יישר אורחותיך · (לו) כוון בתפלתך כי
היא עבודת הלב ואם בנך ידבר לך ולא מלבו הלא יחר לך · ומה תענה טפה סרוחה לפני
מלכו של עולם ואל תהיה כעבד שמסרו לו מלאכה נכבדת לטובתו וחבלה ואיך יעמוד לפני
המלך ומה טוב לבקש סליחה באומרך סלח לנו בלא כוונה · ואם אי אפשר בכל התפלות
ברכה ראשונה של י"ח ופסוק ראשון של ק"ש אל יחסר כי לא יצא י"ח התפלה כשלא כון
בהם · (לז) למד פרשיותיך עם הצבור שנים מקרא ואחד תרגום ופירוש רש"י (כנ"ל מהראש)
ותדקדק בו כאשר תוכל · וכן בגמרא כי כל העוסק בגמרא אין לך מדה טובה הימנה ות"ת
כנגד כלם · (לח) מכל מאכל אשר תאכל ומכל משקה אשר תשתה אל תהנה בלא ברכה התחלה
וסוף והכוין בה היטב · וכסה ראשך כשהזכיר השם והעצים עיניך ואל תהיה כאמור בפיו
ובשפתיו כבדוני ולבם רחק ממני · (לט) נטילת ידים לתפלה ולאכילה · ובעת צאתך לצרכך

אום געלט אויף אזו אזאך וואס איז נאטם ווילין אונ ער קען דיר כמלא זיין דיין הסרון · ל וויים
דעם גאט פון דיינע עלטרין אונ דיהן אים אונ דייני רייד וועג מיט גירעכטי וואג שאל אונ דיין יוא
אדר ניין זאל זיין אמת אונ זאל ביא דיר גרינגר זיין פאר ברייגגען געלט איידער פאר ברייגגען
דייני רייד אונ זאלסט ניט איילין צוא ריידין אשלעכטי זאך ביז דוא זאלסט עס איבר קלערין מיט
דיין שכל אויב דוא זאלסט עס ריידין · לא אלע אין דער פריא אונ אויף דער נאכט זאלסטו מתודה
זיין אויף דייני זינד אונ זאלסט אויך דער מאנען חורבן ציון אונ ירושלים · לב גידיינק תמיד אן
טויט אונ גרייט דיר אן שפייז אויף דעם וועג אונ שטעל דיר פאר דיא צוייא וועגין וואס מען
פירט דיך נאך דעם טויט אין גיהנם אדר אין גן עדן אונ דוא זאלסט זיך דער מאנען וויא דר
תנא רבי יוחנן בן זכאי האט זיך גישראקין פאר זיין טויט אונ האט גיזאגט איך וייס ניט אין וועלכן
וועג פון דיא צווייא מען וועט מיך פירין · לג זאיי אגוטר חבר צו דיא וואס פארכטין זיך פארגאט
אונ בהעפט זיך מיט זייער חברותה אונ פון דיא שלעכטי לייט דער וויטער זיך · לד עס איז גוט
אז דייני מעשים טובים זאלין אין דייני אויגן ווייניג זיין אונ דייני עבירות זאלין אין דייני אויגן פיל
זיין אויך זאלסטו ניט טאן מצות אויף דעם תנאי שכר פאר זייא צוא נעמין · לה טאג אונ נאכט
זאלסטו גידיינקען אן גאט ב"ה אז דוא ליגסט זיך זאלסטו טראכטן אין זיין לבשאפט אונ אין דיין
אויף שטיין אונ אין דיין גיין זאלסטו זיך דער מיט פרייען אונ ער וועט מאכין רעכט פארטיג דייני
וועגין · לו זאיי מכוין אין דיין תפלה ווארום דאס איז גאטס דינסט פון דיין הארץ אונ ווען דיין זו
זאל צוא דיר עפעס ריידין אונ ניט פון זיין הארץ וואלט דאך דיך בוודאי פאר דראסין אונ וויא אזו
קענסטו בעטין גאט אז ער זאל דיר פאר געבין אויף דעם וואס דוא בעטסט אן כונה · אונ אוב עס
איז ניט מיגליך דוא זאלסט מכוין זיין אין אלי תפלות זייא חאטשי מכוין אין דער ערשטר ברכה פון
שמונה עשרה אונ אין דעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע ווארום אז ער איז דרינן ניט מכוין איז
ער ניט יוצא דעם חיוב פון ק"ש אונ תפלה · לז זאלסט לערנן אלי וואך דיא סדרה צווייא מאל מקרא
אונ איין מאל תרגום אונ דעם פירוש פון רש"י אונ זייא דרינן מדקדק וויא וייט דוא קענסט · אונ
אויך לערנן גמרא ווארום לערנן ביי שטיט קעגין אלי מצות · לח אויף אלי עסין וואס דוא וועסט עסין
אונ אלי משקות וואס דוא וועסט טרינקן זאלסטו מאכן אברכה צום אן הייב אונ צום סוף · אונ זייא
דרינן גוט מכוין אונ אז דוא וועסט דער מאנין דעם שם דעק צוא דיין קאפ אונ פאר מאך דיינע
אויגן · אונ זאלסט ניט זיין וויא דער וואס אויף אים איז גיזאגט גיוואדן מיט זיין מול אונ מיט זייני

ברך אשר יצר ועל נט"י אל תברך · (מ) גדילים תעשה לך על ד' כנפות כסותך למען תזכור יקדש עצמך בכל דברים · והוי צנוע בבהכ"ס ועם ביתך כי אפילו על שיחה קלה שבין איש לאשתו עתיד ליתן עליה דין ואל תנהג עצמך בקלות ראש ויהי מורא שמים עליך · והשמר מלהסתכל באשה אפילו פנויה · ומזוזות בפתח ביתך אל תחסר · (מא) סוד אחר אל תגל גם הדברים שהם שלא ע"ד סוד טמנם בלבך · ואם תשמע מאחר אל תאמר כבר שמעתי זה · ומשוכבת היקך שמור פתחי פיך : (מב) בערב ובקר וצהרים שמור עת התפלה · ופתח לבך שעה אחת קודם התפלה והוי מעשרה ראשונים ואל תרבה שיחה בטלה בבהכ"נ ותפילין על ראשך וזרועך אל יחסר · (מג) פלס מעגל רגליך לישר עצמך בדרך בינוני במאכל ובמשתה ובכל מדותך ואל תט ימין ושמאל ורדוף אחר השלום · (מד) קבע עתים לתורה קודם אכילה ושכיבה ועל שולחנך והזהרת לאנשי ביתך להדריכם על פי התורה לשמור פיהם מלהתהלל כי תחלת דינו של אדם קבעת עתים לתורה · (מה) שמח בשומעך תוכחת מוסר כמוצא שלל רב · והוכח לחכם ויאהבך כי טובה תוכחת מגולה מאהבה מסותרת ולמוכיחים ינעם . (מו) תחלת מעשיך הבט סופו והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה כי החכם עיניו בראשו · (מז) הזהר שלא תסמוך בלבבך ושמע עצה וקבל מוסר ותהי זריז לעשות כל שמוטל עליך ומכל משמר נצור לבך · (מח) אל תקום ממטתך עצל כי אם בזריזות לעבוד יוצרך · (מט) אל תאחר מלכת לבית התפלה ושמור רגליך פן תהיינה מטונפות · אל תשים לבך אחורנית בשעת התפלה והתכוין לברך ליוצרך · (נ) אל תדבר בלעגי שפה ובלשון אחרת
כל

לפצין האבן זיי מיך ערליך גהאלטן אונ זיין הארץ איז וויט פון מיר · לט וואש דיא הענט צום דאווינן אונ צו עסין אונ אז דוא קומסט פון דיין צורך מאך אברכה אשר יצר אונ ניט ער נטילת ידים · מ ציצית זאלסטו דיר מאכין אויף דיא עקין פון דיין קלייד כדי דוא זאלסט זיך דער מאנן אין אלי מצות פון גאט · אונ זייא צנוע אין בית הכסא אונ מיט דיין וייב ווארום אפילו אויף דעם ריידין וואס איז צווישין מאן אונ וייב וועט ער אויך געבין דין דרויף אונ זיי זיך ניט נוהג מיט קלות ראש אונ גאטס פארכט זאל זיין אויף דיר · אונ היט זיך פון צוא קוקן אויף איין אשה האטשי זיא איז אפנויה אונ אין דיא טירין פון דיין שטוב זאל ניט אפ זיין קיין מזוזה · מא זאלסט ניט אנפלעקין קיין סוד פון אנדרין אויך דיא זאכין וואס דוא האסט גיהערט ניט פאר איין סוד בהאלט דאס אויך אין דיין הארץ אונ אז דוא וועסט דאס הערין פון אנדרין זאלסטו ניט זאגין איך האב עס שון גיהערט אונ פאר דיין וייב היט דיין מויל איר קיין סוד ניט מגלה זיין · מב אין דער פריא אונ אויף דר נאכט היט דיא צייט פון תפלה טון · אונ זייא פון דיא ערשטי צעהן אין שול אונ זאלסט ניט ריידן דברים בטלים אין שול אונ זאלסט אלי טאג אן טאן תפילין · מג וועג איבר די טריט פון דייני פיס דז זאלסט זיך פירין אין מיטל וועג אין עסין אונ טרינקן אונ אין אלע דייני וועגין ניט צו פיל עסין אונ טרונקען אונ ניט צוא ווייניג אונ יאג נאך שלום · מד זייא דיר קובע צייטן צוא לערנן פאר דעם עסין אונ פאר דיין שלאף אונ מיטן עסן אונ זאיי מזהיר צוא דיין הויז גזינד צו מדריך זיין זיא על פי תורה אונ צוא היטן פון פר דארבין זייער מויל · מה אז דו הערסט שטראף רייד פרייא זיך גלייך וויא דוא געווינסט פיל געלד אונ שטראף צוא אחכם וועט ער דיך ליב האבין דען עס איז בעסר אנפלעקטי שטראף פון איין פאר בורגיני ליבשאפט אונ צוא דיא וואס שטראפין וועט זיין זיס אויף עולם הבא · מו אין דעם אן הייב פון דייני מעשים קוק וואס זייער סוף וועט זיין אונ רעכן דעם שאדן וואס דוא האסט דורך דער מצוה קעגין דעם שכר וואס דוא וועסט האבן פאר איר אויף עוה"ב אונ דעם שכר וואס דוא האסט פון דער עבירה קעגן דעם עונש וואס דוא וועסט האבן פאר איר עוה"ב ווארום דער חכם אז ער טוט אזאך קוקט ער בייא דעם אן הייב וואס דער סוף דער פון קען זיין · מז זייא גיווארינט דוא זאלסט זיך אויף דיר אליין ניט סומך זיין אונ הער צוא איין עצה פון דיין חבר אונ פאר נעם שטראף רייד אונ טוא וואס דו ביסט מחויב צוא טוען · מח זאלסט ניט אויף שטיין פון דיין בעט וויא אפולער נאר מיט זריזות צו דינין דיין בשעפר · מט דז זאלסט זיך ניט שפעטיגן צו גיין דאווינין אונ היט דייני פיס זאלין ניט זיין איין גירעכט דוא זאלסט ניט טון דיין הארץ אויף אנדערי זאכין בשעת דאווענין אונ זייא זיך מכוין צוא לובין דיין בשעפיר ·

ריא

כל עת שהחזן מתפלל ותענה אמן · (נא) אל תנשה פגיעת המות שיבא פתאום ותזכור מעמד יום הדין · (נב) אל תתעסק במצוה כדי לקבל פרס ואל תרחק מעבירות מפני העונש · (נג) אל תתרשל במצוה אם בא לידך ותעשינה לשם שמים בלא איחור · (נד) אל תתרשל בברכת הלבנה שאם לא זכו ישראל אלא להקביל פני אביהם שבשמים כו׳ דים · (נה) ואל תעשה דבר שילעיגו הבריות שדרכם להעלים הטובות ולגלות הרעות · (נו) ואל הקלה אביך ואמך ואל תצער אותם וכבדם כפי יכולתם כל ימיהם · (נז) אל יהיו פניך זעומות נגד עוברים ושבים וקבל אותם בפנים מאירים · (נח) אל תשכח לענייך לתת צדה לדרך ולעשות לויה להם ותנחמם בדברים· (נט) אל תשים עינך למי שעלה יותר ממך אלא למי שהוא תחתיך · (ס) אל תבהל לקצוף משום דבר והאריך אפך פן תאבד את חכמתך . (סא) אם תוציא ממך עקשות פה וניבול פה רע כי על כל אלה יביאך אלהים במשפט · (סב) אל תחזק כעסך עם חבירך אפי׳ יום אחד ותכנע לפניו קודם לבקש ממנו מחילה. (סג) אל תדבר בצואר עתק ואל תרים מצח שלא לקבל עליך יראת שמים · (סד) אל תשיב למחרפיך ולמבזיך ותשים יד לפה ושתוק פן יחם לבבך · (סה) אל תתעבר על ריב לא לך כי לסוף הם ישלימו ביניהם ואתה תשאר בכעס · (סו) אל תתגאה על הבריות ותהיה שפל רוח כארץ שהכל דשין בה · (סז) אל תהי בז לכל אדם ולכל דבר שאין לך אדם שאין לו שעה ואין לך דבר שאין לו מקום· (סח) צדק צדק תרדוף כו׳ ואל תחסר מחצית השקל בכל שנה בפעם אחת ובכל חדש ובכל שבוע כפי מסת ידך ובכל יום לא תחסר מתנה מועטת לכל הפחות קודם תפלה · ואם תגיע למעשר תתן ויהי טרף בביתך בכל אשר תמצא ידך לגמול חסד הן לחיים הן למתים הן לעניים הן לעשירים · (סט) רצה באשר

נ דוא זאלסט ניט רעדין דיא צייט אז דער חזן דאווינט אונ זאלסט ענטפערין אמן · נא דוא זאלסט ניט פאר געסין אן טוט אונ זאלסט גידענקין דוא וועסט בדארפין שטיין צום דין : נב דוא זאלסט ניט עוסק במצוה זיין פון וועגין שכר דער פאר אונ זאלסט ניט דער ווייטרין פון עבירה פון מורא וועגין נאר דאס אליץ זאל זיין פון גאטס וועגין · נג אוב עס קומט אמצוה דיר צוא האנדן זאלסטו זיך ניט פוילין צוא טון זיא תיכף פון גאטס וועגין · נד דוא זאלסט זיך ניט פוילין דיא לבנה מחדש צו זיין · נה דוא זאלסט ניט טון קיין זאך וואס לייט זאלין דרוים שפעטין וואָרום זייער סדר איז צוא פאר הילין דאס גוטס אונ צו אנפלעקין דאס שלעכטץ · נו דוא זאלסט ניט מבזה זיין דיין פאטר אונ מוטר אונ זאלסט זייא ניט מצער זיין אונ האלט זייא ערליך אלי זייערי טעג נאך דיין יכולת נאך · נז דיין פנים זאל ניט זיין צארינדיג קעגן אורחים אונ זאיי זייא מקבל מיט אפרייליך פנים · נח זאלסט ניט פאר געסין צוא געבין ארמי לייט צידה לדרך אונ זייא צוא בעלייטין אונ טרייסט זייא מיט רייד · נט דוא זאלסט ניט קוקין אויף דעם וואס ער איז מער עושר פון דיר נאר קוק אוף אזעליכין וואס איז ארימיר פון דיר · ס דיא זאלסט ניט איילין צוא צערנין אונ דער לענגיר דיין צארן וועין ניט וועסטו פר לירן דיין חכמה · סא אז דוא וועסט רייד שלעכטי רייד אונ ניבול פה זאלסטו וויסן אז אוף דעם אלעם וועט דיך גאט ברענגין צום משפט · סב דוא זאלסט ניט האלטן אין דיר אפילו איין טאג כעס וואס דוא האסט אויף דיין חבר אונ דוא זאלסט זיך פאר אים מכניע זיין צוא בעטין אים פריער מחילה · סג דוא זאלסט ניט ריידין מיט גאוה אונ זאלסט מקבל זיין אויף זיך יראת שמים · סד צוא דיא וואס זענין דיך מבזה זאלסטו ניט ענטפרין טאמיר וועט זיך דער היצן דיין הארץ אונ וועסט קומין אין כעס אריין · סה דוא זאלסט זיך ניט מישען אין אקריג וואס האט ניט צו דיר · דוא וועסט זיך אן נעמין פאר איינעם אונ צום סוף וועלין זייא צווישין זיך שלום מאכין אונ דוא וועסט בלייבין בייז · סו דוא זאלסט זיך ניט בגאוה האלטן איבר לייט אונ זאלסט זיין שפל רוח אזו וויא ערד וואס איטליכער טרעט אויף איר · סז דוא זאלסט ניט מבזה זיין קיין שום מענטשין אונ קיין שום זאך וואָרום עס איז ניט פאר האנדן אמענטש ער זאל ניט האבין איין שעה וואס ער קען וואס טוען אונ עס איז ניט פאר האנדן קיין זאך וואס הט ניט קיין אורט וואס דארט נוצט עס · סח דוא זאלסט זוכן גירעכטיקייט אונ זאלסט ניט ווינציגר געבין איטליכס יאר פון אהאלבין שקל מיט אמאל אונ אין אלי חודש אונ אלי וואך זאלסטו געבין לויט פר מעג אונ איטליכן טאג זאלסטו געבן צדקה פאר דעם דאווינין חאטשי גאר ווייניג אונ אוב דוא קענסט געבן מעשר זאלסטו געבן וועט דיר גאט ב״ה מעהרין דיין פרנסה · זאלסט שפייזן ארמי

לייט

באשר רוצה יוצרך שמח בחלקך אם מעט ואם הרבה והתחנן לפניו תמיד להטות לבבך אל עדותיו ובכל דרכיך השלך על ה׳ יהבך · ואל יקשה בעיניך מלהוציא לכבוד שבת ויום טוב בכל הצריך והשתדל לכבדם ולקבלם מבעוד יום ולהתעדן בהם באכילה ושתיה וחציו בבית המדרש וכבדהו בכניסתו וביציאתו לערוך שולחן במוצאי שבת · (ע) אל תישן כעצל שינה רבה · ותרגיל עצמך להקיץ בהנץ החמה ולקול התרנגול קום ממטתך · (עא) אל תתפלל בלא נקיות כפים ובלא טהרה כי תפלתך לא תהיה נשמעת · (עב) אל תתפלל כי אם בכוונת הלב ובנחת כדי שישמע האזן · (עג) אל תשכח צור ילדך ומחוללך ובכל דרכיך דעהו ותביאהו לנגדך תמיד · (עד) אל תרבה לשמוח וזכור כי רוח חייך ואתה נוצר מן העפר ואחריתך רימה · (עה) אל תאמר על שום מצוה אעשה אותה למחר שמא לא תפנה לעשותה · (עו) אל תפרד מהגות חכמה ומוסר ותתאבק בעפר רגלי חכמים והתחכם · (עז) אל תניח דרך חסידות אע״פ שילעגו עליך ואל תבוש לדבר מצוה · (עח) אל תקפוץ יד מליתן תמיד לעניים ולאביונים ומבשרך לא התעלם · (עט) אל תאחר מלרוץ ולמהר ולהכין לפני העניים שולחן ולחם כי שמא הם רעבים · (פ) אל תאהר מלהביא את המעשר לבית האוצר כי מתן בסתר יכפה אף · (פא) אל תרים ידך על חברך ואף שהוא מקלל את אביך ואת אמך בפניך · (פב) אל תביט למי שהוא קטן ממך בעבודה וביראת חטא כי אם לגדול ממך · (פג) אל תוציא דיבה או לשון הרע על שום אדם ולא לזות שפתים או רכילות · (פד) אל תהי נבהל להשיב בעזות מצח למי שאמר דברים אשר לא טובים · (פה) אל תשמיע בחוץ קולך ואל תהי צווח כבהמה ודבריך יהיו בנחת · (פו) אל תלבין פני חבירך ברבים כי העושה כן אין לו חלק לעולם הבא · (פז) אל תראה יכולת אל
שום

**פרק טו** יתעורר המשכיל ויעמוד המבין לעורר את נפשו שידבר אל גופו ותופו ידבר עם יצרו · וכה יאמר הנפש לגוף · גופי הלא תדע רפידת מצעך בקבר רימה וכסותך תולעת וכסת שתחת ראשך גוש עפר וכיון שכן למה תרבה במאכלי' להרבות בשרך להכין מטעמי' לתולעים · ולמה תכין בגופך משכנות לנחשים ובתים לשרפים וחדרים לעקרבים ועליות מלאות כל טינוף לזבובים · ולמה אתה בונה מעין מדסך להשקות כל שרץ השורץ על הארץ ותהרי נחלי התכת חלבך למצוץ ומהם צפעונים · וחלונות שקופים אטומים מחורי עיניך את פותח לתולדה פתוחות להשך ואטומות לאור· ולמה אתה מעמיד עמודים מעצמות ארכבותיך וזרועך להסתופף תחתיהם עכברים · ומצלעותיך את כורת לוחית לישיבת צפעונים · וגרונך מעפר לפתנים · ואזניך פשפשים ליתושים ופיך בית שער לכל זוחלי עפר · ומעורקיך וגידיך את עושה חבלים לגררך לבור שאון ולטיט היון · ולמה את עושה צפורניך קרדומות להתוך בהן עצי היער להכין לשרפתך בגיהנם · ופניך מאכלות לנקר בהם חלודת עונותיך · ואצבעותיך יתדות לבקע כריסך לפלוט חוצה צואת פשעיך ולבער משם אשפתות זבליך אשר הרבית ברבוי מאכל תענוגי זנותיך · ולמה את מכין לשתך להיות חץ לזרוק בך לפלות כליותיך למה לא תחמול עליך ולמה לא תרחם על צלם דמותך :

**עד** כה יאמר ועד כה ידבר הנפש לגוף הנגוף · והגוף ידבר עם יצרו וכה יאמר לו · מה לך יצרי תרדפני ולאויב לך תחשבני · דע כי לא תהיה תפארתך מודעת ומפורסמת בדרך אשר תלך להלחם בי · שאתה אש לוהט ואני מוץ יסוער מגורן בכל עת · היתפאר האש באכול מוץ וקש · אתה רוח רעה חזק מאד ואני עשן מארובה הולך ואין חוזר עוד היש שבח לרוח חזק

אים זיין איין צוים פון צוא ווידר שפעניגען קעגין גאט ב"ה · והנה איך האב דיר דא גישטעלט זעקס אונ צוואנציג סייגים דאס דער וואס איז נזהר אן זיי ווערט ער פון זיך אפ טאן אלי שלעכטץ אונ זייא זענין אין דער צאל פון דעם (שם הוי"ה) ווארום מחמת זיין פיל רחמנות וויל ער ניט דער רשע זאל שטארבין נאר ער וויל אז ער זאל תשובה טאן אונ זאל לעבין · אונ דער מענטש זאל ניט זיין הארט תשובה צוא טאן לאז ער קוקן אויף פרעה וואס ער איז גיווען הארט אונ הט ניט גיוואלט פאלגן גאט איז ער גישלאגין גיווארין מיט פיל שלעק ביז ער האט גמוזט מיט גיוואלד שיקן דיא ישראל אונ דיא מצרים האבין זייא נאך גיאגט אונ זענין דער טרונקן גיווארן אין ים סוף · דרום קער תיכף ווידער צוא אונזר גאט ווארום ער מערט צו פאר געבין צו מענטשין דיא זינד :

פרק טו יתעורר המשכיל דער קלוגער זאל דער וועקן זיין נשמה אז זיא זאל רידן צו זיין גוף אונ זיין גוף זאל רייכן מיט זיין יצר הרע · אונ אזו זאל דיא נשמה זאגין צום גוף ·

מיין גוף זאלסט וויסן דיין אונטער בעטונג אין קבר וועט זיין ווערים אונ דייני קליידער וועלין אויך זיין מאדען אונ דיא קישין וועט זיין אשטיק ערד · אונ ווארום טוסטו פיל עסין פלייש צו אן גרייטן זיסי שפייז צו דיא ווערים · ולמה אונ ווארום מאכסטו דייני נעגל פאר העק מיט זייא צוא שניידן האלץ אין וואלד צוא פאר ברענען דיך אין גיהנם אונ דיין פנים פר אמעסיר דער מיט צו ריינגען דעם זאוויר פון דייני זינד אונ דייני פינגער פיר שפיזען צוא שפאלטין מיט זייא דיין בויך · דיין צונג זאל זיין איין פייל צוא ווארפין אין דיר אונ צוא שפאלטין דייני נירין · ווארום זאלסטו זיך ניט דער בארמין איבער דער פארים פון דיין גישטאלט · ביז אהער זאל זאגין אונ רייכן די נשמה צו דער גיפלאגטין גוף · והגוף אונ דער גוף זאל רעדין מיט זיין יצה"ר · ווארום מיין יצר הרע זאלסטו מיך נאך יאגן אונ זאלסט מיך רעכנן פאר אפיינד · דו זאלסט וויסן אז עס וועט פאר דיר קיין לוב זיין וואס דוא גייסט מיט מיר מלחמה האלטין ווארום דוא ביסט ברענינדיג פייער אונ איך בין וויא שטרויא וועט זיך דען בארימען דאס פייער אז עס פאר ברענט איין שטרויא : דוא ביסט זייער אשטארקער ווינט אונ איך בין נאר וויא ארויך איז דען צו לובין אשטארקן ווינט וואס

ער

חזק מפזר עשן · אתה ים סוער בזעם ובחימה ואני קליפת אגוז או לח וערמון בתוכה שהוא דבר מה · היתפאר ים סוער שטבע קליפה קטנה · אתה גלגל כולו ברזל בלא עץ ואני עפר דק ויבש היתפאר גלגל ברזל לפרק עפר יבש · אתה גרזן חד ואני עץ נרקב ענף ושורש יחיד היתפאר הגרזן לחצוב עץ אכלו אש · אתה פטיש החזק משבר סלעים ואני רך כמהין ופטריות היש לשבח לפטיש המשבר כמהין · אתה מזויין בכל כלי זיין ואני חלוש וערום ובידי אין · היתפאר המזויין שנצח ערום וחלוש · אתה נחש ממית ואני יונה הומיה היתפאר נחש שנשך יונה הלישה · אתה ארי נוהם ופוסע ואני גדי נוסע היש לשבח ארי טורף גדי · אתה נשר מתעבר ושוסע ואני צפור קטן וצולע היתפאר נשר הורג צפור צולע תשבר · אתה ראש זרוני ואני אביון ועני . בושת לראש להיות כועס על דל והלך · אתה זקן כועס ומתעבר ואני ילד הולך ועובר · וכי ראוי שישוה זקן מלא דעת לדבר עם תינוק מוחו רך כדלעת · וגם עם אנשים גדולים אין לך לדבר כיון שסופו תאכלהו תולעת · לכן יצרי אע"פ שאתה שנאתני אני אהבתיך לתת לך עצה לבל יגיע לך בושת וכלימה מכל הצדדים · כאשר יצאו מלכות הנשים לאלכסנדרוס מוקדן כשהלך להלחם עמהן אמרו אם אתה נוצחנו מה גדולה מגיע לך לנצח נשים ואם אנו נוצחין אותך עוד כל ימי הארץ לא יהיה לך שם במלכים · ושמע לעצתם ונתרחק מלהלחם עמהן · גם אתה יצרי תן דעתך והתרחק מעלי כי לא תרויח כלום להלחם בי · שאם את נוצחני אין לך שום התפארות לנצח מוץ ועשן וקליפה דקה ועץ נרקב ועפר דק וערום וחלוש ודל והלך ואם אני נוצח לך תכסך בושה ותלבשך כלימה · ואל תבטח שאין החלש ממית את הגבור דע מאמר רז"ל (במס' שבת פרק המוציא) חמשה אימות הם אימת חלש על גבור · אימת מפגיע על ארי ב אימת יתוש על הפיל · אימת סממית על עקרב · אימת סנונית על הנשר · אימת כלבית על לויתן ג מאי קרא המבליג שוד על עז כו' · הרי לך דברים קטנים וחלושים ממיתים גבורים גדולים וחזקים וגם אתה כאחד מהם · וכמו שאמר רב עמרם ליוצרו כשנצחו אתה אש ואני

ב כ"ה חיה קטנה שקולה מבלכת בין רגלי הארי וצועקת בקול גדול ומתוכה מתפחד הארי . ג כלבית שרץ קטן :

ער צוא שפרייט איין רויך · אתה דוא ביסט וויא אשארפי האק אונ איך בין נאר וויא פאר פולט האלץ · דוא ביסט איין שטארקער האמער וואס צו ברעכט שטיינר אונ איך בין ווייך אזו ווי שוואם · דוא ביסט געוואפנט מיט אלערלייא כלי זיין אונ איך בין נאקיט אונ שלאף · דוא ביסט אשלאנג וואס טייט אונ איך בין אשלאפי טויב · דוא ביסט אלייב וואס ברוסט אונ איך בין ווי איין שלאף ציקלי · אתה דו ביסט וויא איין אדלער וואס צוא רייסט דיא פייגל אונ איך בין ווי אקליין הינקעדיג פייגעלע · דוא ביסט איין גבור אונ איך בין איין עני ואביון איז דאך אבושה אז אגבור זאל צערנן אויף איין ארום מאן · דוא ביסט איין אלטער מאן אונ איך בין איין קינד איז דען ראוי אז איין קלוגער אלטער מאן זאל ריידען מיט אקינד אונ אויך מיט גרויסי מענטשין גיהערסטו אויך ניט צו ריידין וייל זיין סוף וועט זיין אז ווערים וועלין אים עסין · לכן דרום מיין יצר הרע תאמשי דוא האסט מיך פיינט וועל איך דיר געבין איין עצה וויא דיא ווייבער צוא אלכסנדר מקדון אז ער איז גיגאנגען מיט זייא מלחמה האלטן האבן זייא צוא אים גיזאגט אז דוא וועסט אונז מנצח זיין וואס פאר איין גדולה וועט דיר גרייכען דער פון וואס דוא האסט מנצח גיוועזן ווייבער אונ אויב מיר וועלין דיך מנצח זיין וועסטו שוין קיין מאל ניט האבין קיין שם צווישן דיא מלכים האט ער צוא גיהערט צוא זייער עצה אונ האט ניט מלחמה גהאלטן מיט זייא · גם אזו אויך דוא יצר הרע דער ווייטער זיך פון מיר ווארום אז דוא וועסט מיך מנצח זיין וועסטו דער פון ניט האבען קיין שום שיינקייט אונ אויב איך וועל דיך מנצח זיין וועט דיך בדעקין בושה אונ שאנד · ואל אויך זאלסט דיך ניט פאר זעכרען אז איין שלאפר קען ניט מנצח זיין קיין שטארקען דרום וועל איך דיך ניט קענין מנצח זיין זאלסטו וויסן אז דיא גמרא זאגט אז פינף ערלייא פארכט איז דא וואס דער גבור פארכט זיך פאר דעם שלאפן · דיא פארכט פון אקליינער חיה וואס הייסט מפגיע איז אויף איין לייב דיא פארכט פון איין יתוש איז אויף איין העלפאנד די פארכט פון איין סממית איז אויף איין עגדיש דיא פארכט פון איין סנונית איז אויף איין אדליר דיא פארכט פון איין קליין שרץ כילבית איז אויף דעם לויתן. הרי האסטו דאך וויא קלייני אונ שלאפי טייטען גרויסי גיבורים אונ דוא יצה"ר ביסט אויך אזו וויא איינר פון דייא אונ אזו וויא רב עמרם האט גיזאגט צוא זיין יצה"ר נאך דעם

בשר ויכול הבשר לדחוף האש כנודע מארז"ל · ואם תרצה עוד איעצך לטוב לך שתתחבר ביצרי הטוב להיותכם שותפים כשבת אחים גם יחד לעבוד לבוראנו יוצרנו וגואלנו · שאף שלפתות ציוך · גם בשותפות זה ירצך · ושומע זה ישכון לבטח ושאנן מפחד פתאום :

**ומצאתי** בספר באר מים חיים מענין הפטירה · וראיתי לכותבו כאן לחבר את האהל מהדברים המכניעים לבו של אדם לקנות יראה ואהבת המקום · וז"ל הקבצו ושמעו בני יעקב הנקראים בשם ישראל שמעו והאזינו ואל תגבהו · התמהמהו ותמהו · השבעתי אתכם לטוב לכם האספו ואגידה לכם את אשר יקרה אתכם · מי האיש הירא ורך הלבב · אל יהיה שובב · ילך באור ה' בעודנו עמו בטרם בא יומו · וישוב לבית עולמו · פן ימות בימי עדנה · ולא ישיג ימי זקנה ואיש אחר יקח את כל אשר אתו וישלח בעמל ידו ולא ירד אחריו כבודו · ולא יועיל בבניניו ולא יצליח בקנייניו · יעזבוהו רעיו ונאמניו · ולא יעזרוהו בניו · במותו בצאת נשמתו הם הם ישנאוהו ולאויב יחשבוהו ומתוכם ינדוהו ומביתו יוציאוהו ועל לוח יסבלוהו ועל כתף ישאוהו ולמקום ציה יוליכוהו ולמטה לארץ יורידוהו ובאבנים יסובבוהו · שם יחיד יניחוהו וישכחוהו ולא יזכרוהו ויהי' שוכב לבדו לא יהפך מצדו אל צדו ולא יריח באפיו באשו · ולא תראנה עיניו בהשתנות פניו ואזניו תחרשנה וטוב להם שלא תשמענה קולות התולעים בקרבו עולים ווררי' בו שותים דמו ואוכלים חלבו ויכרתו עורו וימלאו גרונו וישתקשקו בלשונו · על פיו יצאו ועל פיו יבאו · וכלו יכלה כרקב יבלה · נמשל לאבן דומם ולא ידע מאומה · זהו חלק ילוד אשה מכה אנושה ישנה ולא חדשה · ככה משפט הראשונים וכן יקרה לאחרונים · כנערים כישישים · כאנשים כנשים · כאביון כמלך . כהדך כעשיר . כנכבד כנבזה · כשמן כרזה · כמות זה כן מות זה : איפה הכמי הנבונים אשר היו לימים ראשונים · בבוא פקידתם · נבערה תבונתם · איפה הגבורים · אנשי השם בגבורים · על מרכבות עוברים · יצא דבר המלכות מלפניהם · ויעשו רצונם בכל מחניהם · יחד על עפר ישכבו ואל עפר שבו · זאת אחרית בשר ודם וזה וזה סוף כל אדם · מרעה אל רעה יצאו · וערומים ילכו כאשר באו · מהבל לאבל · משבר לקבר · מנגע לפגע · מחולי למות · מלילה לגיא צלמות · מעצבון לרקבון · ואין תחת השמש יתרון כי אם חסרון · מלבד לירא את ה'

אז ער האט אים מנצח געוועזן איך בין פלייש אונ דוא ביסט פייער אונ דאס פלייש קאן אוועק שטוסן דאס פייער · ואם אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר איין עצה געבין דוא זאלסט מיט מיין יצר טוב חברותא מאכן אזו וויא ברידר מיר זאלין דינען צוא אונזר בשעפר אונזר אום לייזער · ומצאתי איך האב געפונען אין ספר (באר מים חיים) פון דיא זאכין פון דעם מענטשינס פטירה איז מיר געפעלן דא צוא שרייבין · האספו זאמעלט אייך איין אונ הערט צוא דיא קינדר פון יעקב איך וועל אייך זאגין וואס עס וועט אייך טרעפין : דער מענטש וואס עס פארכט זיך פאר גאט אונ האט אווייך הארץ זאל ניט ווילד זיין נאר ער זאל גיין אין גאטס ליכט · בטרם איי עס וועט קומן זיין טאג וואס ער וועט שטארבין אונ אנדרר וועט צו נעמין זיין פאר מעג אונ זיין כבוד וועט אים ניט נאך גיין אין קבר אריין · יעזבוהו זיינע גטרייע פריינד וועלין אים פאר לאזין אונ זיינע קינדער וועלין אים ניט העלפין · אז ער וועט שטארבן וועט מען אים ארוס פירען אויף איין מטה אונ אויף דעם אקסיל וועלן זייא אים טראגין אין דער ערד וועלין זייא אים לייגען · אונ ער וועט דארט ליגען אליין ער וועט זיך ניט קענין אום קערין פון איין זייט אויף דער אנדרי אונ זייני אוגין וועלין ניט זעהן וויא זיין פנים איז פאר ענדערט אונ זייני אוהרען וועלין טויב זיין · אונ נאר דר גוף וועט פאר פוילט ווערין · דאס איז דער סוף פון גוף פון אמענטשין · ככה אזו איז גיוועזן צו די ערשטע וואס זענען שוין גישטארבין אונ אזו וועט טרעפין צו דיא הינטרשטי · די מאנן גלייך אז דיא ווייבר דעם עושר גלייך מיט דעם ארמין · וויא דער שטארבט אזו שטארבט דער אויך · וויא איז דאס קלוגשאפט פון דיא פאר שטאנדיגע וואס זענין גיוועזן פאר צייטין אז עס איז גקומען זייער צייט פון שטארבין איז אוים גיגאנגין זייער פאר שטאנד · וויא זענין דיא גבורים וואס האבן גיהאט אגרוסען שם זייא ליגען אין דער ערד אונ זענין גיווארין אש · וזה דאס איז דער סוף פון איטליכען מענטשן זייא גייען אוועק פון דער וועלט נאקיט אזו וויא זייא זענין גיקומין אויף דער וועלט פון נארהייט צו טרויערקייט פון האפונג צום קבר אונ דער מענטש האט אויף דער וועלט קיין אנדרי מעלה ניט נאר צוא פארכטן זיך פאר גאט וואס ער איז איין בשיצער אין די צייטן אז

עס

ה׳ הנכבד והנורא שהוא משגב לעתות בצרה · אשר בידו נפש כל חי · אשרי השם את לבו בעוד רוח אלהיו בקרבו לבררה וללבנה · ולהשיבה אליו כאשר נתנה · והוא ברוב חסדו יחזיק יד עבדיו לשמור מצותיו · אשרי שאל יעקב בעזרו שברו על ה׳ אלהיו עכ״ל

ירגיל אדם את עצמו בתפלה זו בכל יום :

**ה׳ אלהים** הפושט יד בתשובה לקבל השבים ומסייע לבא לטהר · פתח ידך וקבלני בתשובה לפניך וסייעני להתחזק בתורתך ועזרני נגד השטן הנלחם בי בתחבולות ומתנקם לנפשי להמיתני · אל ימשול בי ורתקהו סמאתים וארבעים ושמנה אברים שבי ותשקיעהו בתוך מעמקי מים רבים · וגעור בו לבל יעמוד על ימיני לשטני . ועשה אשר אלך בחקיך והסר לב האבן מקרבי ותן לי לב בשר · אנא ה׳ אלהי שמע את תפלת עבדך ואל תחנוניו וקבל את תשובתי ותחנתי ובקשתי ויהיו לפני כסא כבודך מליצי יושר להליץ בעדי לפניך ולהכנים תפלתי באזניך · ואם בעונותי הרבים אין מליץ בעדי ואין מלמד עלי זכות חתור נא לי מתחת כסא כבודך · ורחמיך וחסדיך יהיו מליצים לפניך ושמע תפלתי כי אתה שומע תפלת כל המבקש רחמים ממך · כי מקור הרחמים אתה ואין זולתך מרחם ומושיע · ברוך החונן ומרחם ומושיע חנם :

**ויכוח** האדם עם האדמה אשר ממנה לוקח ברוב אונים ואמיץ כח · יהפך בשובו אליה ויעלה חות · ארץ ארץ פניך שחורות · רמותך מכוער בגוונו · אין פניך כמעשיך ואין דמותך כגבורותיך · הנה עמך יוצא ונדל כל מין אילן בקומה ובצביונים כל אחד במצב ועל כנה בגזרת אל עליון · יושב ברום הביון · יוצאים ומבצבצים ממך פרחים וציצין ומיני בשמים נרד וכרכום קנה וקנמון לפני מלכים לעלות . כל עצי בשמים מור ואהלות ומיני עשב מריח ומסוגל לרפואה גדל בכל פאה גנות ופרדסים · ויער מגדל עצים במיני פירות מחולפים במראיהם ובשיעורם . ובריחם ובגוונם ובטעמם ובציורם · ומיני שושנים מינים ממינים שונים ופירות משובחים זו מזו משונים בטעם לשבח ובריח להלל כלו ולברך ברוך שברא כל אלו · וברדת הטל על רפידת מצעך לילה ויום תצמיח חציר לבהמה ועשב לעבודת האדם ומאכל לאיש נרדם · שיכב על מטתו בטל מעבודתו · ומתרבים ונובעים ממך נהרי נחלי מים יפים מים צוננים ומעין גנים באר מים חיים לנפש

עס קומט אצרה חו אויף דעם מענטשן וואס אין זיין האנט איז דאס לעבין פון אלי לעבידיגע בשעפענישן · אשרי חאל דעם וואס טוט זיין הארץ צו ריין מאכן דיא נשמה אונ זיא ווידר קערין אזו וויא זיא איז ווארין גיגעבין · אונ גאט ב״ה מיט זייני פיל חסדים וועט שטארקן דיא מאכט פון זייני קנעכט צו היטן זייני מצות · וואל דעם וואס דער גאט פון יעקב איז אין זיין הילף וואס זיין האפונג איז אויף גאט זיין גאט ירגיל דער מענטש זאל זיך גיוויינען דיא תפלה צו זאגן אלי טאג · ה׳ גאט וואס דוא שרעקסט אויס דיין האנד אן צו נעמין דיא בעלי תשובה אונ העלפסט זיי תשובה טאן · עפין דיין היילינע האנד אונ העלף מיר תשובה טאן איך זאל מיך שטארקן אין תורה אונ מעשים טובים · אונ שטעהע מיר ביא איך זאל קענין ביא קומן מיין יצר הרע ער זאל מיך ניט ביא קומין · פר יאג אים פון מיינע רמ״ח אברים אונ שרייא אים אן ער זאל מיך ניט צו רעדין צום שלעכטן · טוא אפ דאס שטיינערנע הארץ פון מיר אונ גיב מיר איין ווייך הארץ איך זאל צוא הערין מוסר · אנא איך בעט דיך גאט מיין גאט הער צו מיין גיבעט אונ נעם אן מיין תשובה אונ מיין תפלה אונ זייא זאלין פאר מיר זיין מליצי יושר · אונ ווען ח״ו איך האב גאר קיין מליץ יושר ניט זאלין דיינע רחמנות פאר מיר זיין מליצי יושר ווען דוא ביסט דאך דיא קוועלע פון רחמים אונ אויסער דיר איז ניט דא קיין דער בארמיגר · גלויבט ביסטו דר בארמיגר גאט וואס דו העלפסט דיא בעלי תשובה · ויכוח דאס איז דער ויכוח וום דער מענטש זאל האבין מיט דער ערד · ערד ערד אין דיין פנים איז זייער שווארץ אונ דיין גישטאלט איז זייער טונקל אין דיין פנים איז ניט אזו וויא דייני מעשים · פון דיר וואקסט אלירלייא ביימר מיט זייער הייך אונ מיט זייער גישטאלט דאס איז מיט דער גזירה פון דעם אייבערשטין גאט · יוצאים פון דיר שפראצין בליאונג אונ אלירלייא בשמים אונ קרייטעכציר וואס שמעקן אונ זענין מסוגל צו רפואות אונ וויין גערטנר אונ וועלדר אונ אלירלייא מינים רוזין גוטע פירות אין טעם אונ ריח צוא לובן גאט אונ צו זאגין גילובט איז דער וואס האט די אלע בשאפין · אז דער טויא נידערט אויף דיר ביא נאכט טוט שפראצין גראז צו דיא בהמות אונ עסין וארג צו דיא מענטשין ומתרבים אונ עס קוועלין פון דיר

ברינגען

עיפה להשיב ולהחיות בהם נפש כל חי · וממך יוצא המשי וכל הכנת המלבושים מלכים ושרים עליהם להשים לכסות בשר ערוה לכבוד ולהפארת · וממך כל אבן יקרה. זכה וברה נופך ויהלום וספיר וכסף וזהב אופיר · כלל הכל ממך כל חמדה יוצא ובך כל איש חפצו עושה · ובראותו כי כן האמת ובתוכך נקבר כל מת · אשאל ממך שאלות · מדוע תתהפך מרחמן לאכזר במות אדם גדול ושר וטפסר חתן וכלה ועדה כולה · בהכניסם אכסניא בצל קורתך למה לא תחמול עליהם וצלמות תבנים בהם · והפנים המאירים כאורים את מהפכם כעורב שחורים · וחתנים וכלות המסתופפים בקרבך בקשוטי פארם נגמר כתנור עורם · ובמקום רחיצת ידיהם במי וורדים לחלוחית סרחון בהם יורדים · ולבושי פארם בשבתך עמך משתחררים · ומיד מתחבלים הולכים וכלים · מצנפת שעל ראשם נעשה קרעים מלאים כתמים כטיפת הדמים · תפארת העכסים והשביסים מתהפכים רגבים גסים · ובמקום נטיפות מיני טנופות · ותחת הרעלות כוס התרעלות · והפארים ואצעדות והקשרים מלוכלכות ברפש וטיט דרים · ובתי הנפש והלחשים הפכת אותם לנחשים· הטבעות ונזמי האף הפכת לחימה ואף ולמה סרינים וצניפות ורדידים שבת התחם קוצים ודרדרים· ובמקום מחלצות ומעטפות ומטפחות והריטות וגליונים רמה ותולעה פונים · עולים ויורדים בהם · במקום כיסי מרוקם זהב שהיה עליהם ביום חתונתם וביום שמחת לבם · ככה את עושה לכלות וחתנים ולבנות ובנים החביבים והיחידים · נעים ונחמדים · ויונקי שדים · בך רפי ידים · ובמקום יניקת חלב ומיני מתיקה נפלה עליהם התשוקה · ועל זקן ונכבד אכפך תכביד · אנשי המנוחה קנו בך באב וחלחלה ברתת צרורה ושבירה רבה בעצם השדרה · כל ריחות וגוונים מתהפכים בך סרחונים . כלל העולה בחיי האדם את טובה ומשכלת ובמות האדם את מתהפכת ארץ משכלת · השיבני נא על אלו שאלות שממך שאלתי והדברים אשר חקרתי . כיון שמדתך להטיב לשמור חיי האדם ולגדלו בכל מיני מאכלים ומלבושים ותענוגים בגזרת בורא עולם דקאמר תוצא הארץ דשא וגו׳ · איך ולמה תתהפך לאכזר להאבידו במותו ולהסריח ריחו ולהסיר יופיו ותפארתו ובגדי חמדתו · כי לבי בוער בקרבי לדעת זאת · כון דגמירי לן דטבא לא הוי בישא: והאדמה תשיב אמריה בנועם דבריה · בן אדם שמע בגדולתי וגודל קדושתי · אני אם כל חי הייתי · ממני יצאו כל באי עולם כעולים בסולם · ואלי ישובו כלם · כל ימי עולם · אני טהורה ומכלה כל טומאה ביד רמה · אין כתם בי · קדושה בקרבי · בי נגנזים כתבי הקודש שבלים · ובי

ברונען מיט קוועלענדיגי וואסר צו דער קוויקן איין מיר לייב אונ צוא דער נערין מיט זיא אלי לעבדיגי בשעפניש אונ פון דיר גייט ארויס דיא אלע מלבושים וואס דיא מלכים אונ הערן טוען אן כבוד אונ שיינקייט אונ פון דיר קומט ארויס אלירלייא טייערי שטיינר אונ גאלד אונ זילבר · כלל דער כלל איז פון דיר גייט ארויס אלירלייא גלוסטקייט · אונ מיר זעהן דאך אז אויך אין דיר ווערט באגראבין אלי מתים · אשאל וועל איך דיך פרעגין שאלות ווארום ווערסטו פאר קערט פון דער בארעמיג צו אום דער בארמיג דען אז עס שטארבט איין הער אדר אשרה אדער איין חתן וכלה אונ זיא קומן צו דיר ווארום זאלסטו זיך אויף זייא ניט דער בארמין · והפנים אונ דאס פנים וואס האט גישיינט וויא ליכט פאר קערסטו צוא שווארץ אונ דיא חתנים אונ כלות וואס פרייען זיך מיט דעם צירונג פון זייער שיינקייט ווערט זייער הויט איין גישרומפין אונ אויף דעם אורט וויא זייא האבין גיוואשן זייערי הענט מיט רוזין וואסר נידרט אין זיי פייכטקייט אונ זייערי שיינע קליידר ווערן תיכף פאר דארבין · כלל דער כלל איז בשעת ער לעבט ביסטו צוא אים גוט אונ אז דער מענטש שטארבט ווערסטו פאר קערט צו איין אכזר · השיבני ענטפער מיר אויף דיא שאלות וואס איך האב דיר גפרעגט דיין מדה איז צו בגיטיגן אונ צו היטן דעם מענטשן אונ אים צו מאכין וואקסין אלירלייא עסין וואדג אונ קליידונג אונ תענוגים · אונ ווארום זאלסטו פר קערט ווערין צו איין אכזר צוא מאכין פאר לירין אים נאך זיין טוט אונ אפ צו טאן זיין שיינקייט דען מיין הארץ ברענט אין מיר דאס צו וויסן וויל מיר האבין בקבלה אז איין גוטר ווערט ניט קיין שלעכטער · והארמה אונ דיא ערד טוט ענטפרין · דיא בן אדם הער צוא מיינע רייד איך בין דיא מוטר פון אלי לעבדיגע בשעפניש פון מיר גייען ארוס אלע בשעפניש פון דער וועלט אונ צו מיר קערין ווידר אלי · כל פון אייביג אן בין איך ריין אונ פאר לענד אלי אום ריינקייט אין מיר איז ניט דא קיין פלעק · אין מיר ווערין בהאלטן דיא הייליגע ספרים וואס ווערין פר פוילט אונ דיא כלים פון דעם בית המקדש אונ דער ארון איז אין מיר בהאלטין גיווארין אין דעם טאג אז גאט ב״ה האט גיצערנט אונ האט חרוב גימאכט דאס בית המקדש · ובודאי אונ מיין בשעפר האט מיך גימאכט פאר איין נאמן צו

הרבה שבילים. גניזת כלי המקדש והארון ביום אף וחרון • ובוראי שמני פקיד נאמן להחזיר הגופות בכל זמן • שיחפוץ להחיותם ומשאול לעלותם • ואני שומרת מצותיו תדשא הארץ דשא להוציא כל מין על פי מאמרו ולברך שהכל נהיה בדברו • בי ננוזים הגופות הקדושים בצביונם ובתואר יפים יושבים כחיים ממש שוכבים במשכנים ואינן משתנים • ובשפתותיהם שונים כמעשיהם בחיים חייתם • בהיותם במושבותם • יעיד עלי תנא וגדול מעוז ומגדול • רבי בנאה הצדיק שלא הוציא זמנו לריק • ובא לסדור מערה שוכני חברון בזריזות ולא בשברון • וראה לאבות במערה ברוב אורה • תלגל עקבו של אדם הראשון מכהה גלגל חמה • ופניו כשושנה אדומה • עוד תוספת נמצא בי ממני לוקחים עפר לכסות דם עוף וחיה • ולהשקות לסוטה לבער יונה פותה • ואם הקב"ה קללני ארורה האדמה לא בי מצא דבר מה כי הנחש הרשע גרם על אשר עם חוה נתן ונשא והוא עונו ישא • כי שם מות בקרבה • ובהדי הוצא לקי כרבא • ובהיות כל זה ששמעת למה בי עון שמת שאני מכלה הגויות בעדות כל פיות • שקר מעידים כמנהג כל זדים • כי הם המלחים ד עצמם כי העולם אשר הלכת עליו בחיים חייתך דומה לספינה בלב ים בגליהם ודכים • והדרך אשר הלכת בו אבדן נתיבו • ומלאת את הספינה משאות גדולות מטומאת רשעתך ומשקים מלאים מחלאת זדונך • ונכנעת עם כל זה על כני וטמאת את משכני : והסחורה שהבאת עמך מלאה הספינה גפרית ומלח ותצא אש משם ואילך • עד שהגיע אצלך ועלה עשנו ונשתחרר פניך והאש התיך חלבך ודמך ונקרש הטיט וירם תולעים ויבאש ונפסד בגדי חמדתך • נמצא אתה הגורם בנזקך ובחרבן גופך ומה עלי תרעומתך • הישר דרכך ובבואך בקרבי תשוב לימי עלומך כחתן שוכב על מטה חמודה ישן וחולם כיושב בתוך קהל ועדה • במיני עדונים וקול נגונים : לכן בן אדם עצתי קח טהר מעשיך וכשיאמרו לך קרב הלום תשכון בקרבי בשלום • הבט וראה ישראל כשהיו במצרים בלא תורה ומצות היו טבועים בכובד השיעבוד בחומר ולבנים דחופים וסחופים • ויהי בשלח פרעה את העם

ד טעני כספינות

ווידר קערין די גופים אין וועלכע צייט ער ווערט וועלין זייא לעבדיג מאכן אונ איך היט מיין גיבאט צו אוים ציהען פערשידענע ביימר אונ פירות צוא לובן אים אז אלץ איז גיווארין דורך זייני רייד • אין מיר זענן בהאלטן דיא הייליגע גופים מיט זייער גישטאלט אונ זייער שיינקייט זייא זיצן וויא זיי לעבין • זיי ליגן אין מיין רואונג אונ ווערן ניט פאר ענדערט אונ מיט זייער מויל לערנין זייא אזו וויא זייא האבן גיטאן בייא זייער לעבין • יעיד לאו עדות זאגן דער גרוסר תנא רבי בנאה דר צדיק ער איז גיקומן אום מעסטין די מערת המכפלה וואס דיא אבות ליגען דארט האט ער גיזעהן וויא דיא אבות זענין אין דער מערה מיט גרוס ליכטקייט אונ דער טריט פון אדם הראשון איז אזו שיין אז זיא מאכט טונקל דיא זון מהמת שיינקייט אונ זיין פנים איז וויא איין רויז • אוך פון מיר נעמט מען צוא צו דעקין דאס בלוט פון חיות אונ עופות אונ אן צוא טרענקין אסוטה צוא אום ראמען דיא אשה וואס האט מזנה גיוועזן • למה ווארום ליינגסטו אוף מיר אזינד אז איך פאר לענד דיא גופים דען דיא וועלט וואס דוא ביסט אוף איר גיגאנגין בשעת דוא האסט גילעבט איז גלייך וויא איין שיף אין מיטן ים • אונ דוא האסט דער פילט דיא שיף מיט גרוסי משאות פון דיין רשעת אונ פילע זעק פון דייני זינד אונ מיט דעם אלמען האסטו מטמא גיוועזן מיין רואונג • והסחורה אונ די סחורה וואס דו האסט מיט דיר גיבראכט איז שוועבל אונ פעך אונ איין פייער גייט פון דארטין ארוים ביז עם גרייכט צוא דיר אונ זיין רויך איז אוף גיגאנגין אונ דיין פנים איז שווארץ גיווארין אונ דאס פייער האט צוא גאסן דיין גוף אונ עס איז גיווארין ווערים מסילא האסטו דיר אליין גורם גיוועזן אין דיין שאדין אונ דעם אומגליק פון דיין גוף אונ וואס האסטו אויף מיר תרעומות צוא האבין • הישר מאך גוט דיין וועג אונ אז דוא וועסט קומן צוא מיר וועסטו ווידער קערין צוא דיא יונגי טעג • דרום דו מענטש פאר נעם מיין עצה רייניג דייני מעשים אונ אז מען וועט דיר זאגין גינעהן אהער וועסטו רוען בייא מיר מיט פרייד • הבט וראה ישראל כשהיו במצרים זעה דיא ישראל אז זייא זענען גיוועזן אין מצרים אן תורה אין אן מצות זענין זייא גיוועזן איין גיזונקן אין דער שווערער ארבייט מיט ליים אונ ציגעל אונ אז זייא זענין ארוים פון מצרים אונ דער ים איז פר זיי גישפאלטן גיווארין אונ זייא האבין גיגלייבט אין גאט ב"ה אונ אין זיין קנעכט משה רבינו אזו זענין גיהייליגט גיווארין מיט גרוים קדושה האבן זייא זוכה גיוועזן צוא קומן צום בארג

העם ונקרע לפניהם הים ויאמינו בה' ובמשה עבדו · ונתקדשו בהבלית הקדושה זכו לבא להר סיני וקבלו אש דת והיו אוכלי המן לחם הנבלע באברים · וקנו מדרגת הרוחניות . וכשמתו לא שלט בהם רמה ותולעה ולא כהתה עינם ולא נס ליחם · והיו פניהם אדומים כי לא נשתנה תואר צלם דמות תבניתם חומים כשוכבים על מטתם · כדאמרינן בבא בתרא פ' המוכר את הספינה אמר רבה בר בר חנה אמר לי ההוא טעייא תא ואחוי לך מתי מדבר אזלי וחזיתינהו ודמו כמאן דמיבסמי תנו אפרקיד ע"כ · הרי בן אדם שאין הארץ סבלה ומבלה גופות הקדושות רק ברשעים שולט הרקבון והכליה מסבת טומאת חלאת עונותיהם שמכניסים עמהם · וזהו הגורם להם כליון חרוץ · נמצא הם מכלים ומבאישים את עצמם ולא אני · כי האדמה ברא הבורא לא להמשיך מסנה דעת כלל העולה שאדם בידיו טרם מיתה או חיים לעצמו · עד כאן תשובת האדמה לאדם אשר להבל דמה · ומיעצת ומדרכת לתת חיים לחולכים בה · ואני המחבר הנני מציג לפניך צוואת של ר' אליעזר הגדול ולה"ה להורקנס בנו להדריכו בדרך הטוב והישר הנקרא אורחות חיים · ובעבור היותם דברים מתוקקים ומתוקים מנופת צופים יקרים ונחמדים מפנינים ומכל חפצים · איחדתי להם פרק בפני עצמו :

**פרק טז** ישמחו הצדיקים ויגילו החסידים אשר מניחים אחריהם דברים שבהם ידע ויכיר האדם לעבוד לבוראו · הביטו וראו ר' אליעזר הגדול ז"ל שצוה להורקנוס בנו להאירו בדרכי קונו · וכיון לזה סמוך למיתתו כי הדברים אז מתפעלים לשומעיהם · עוד כיון דשכינה למעלה ממטתו של חולה כארז"ל · ולמד כן מיעקב בחיר שבאבות שצוה לבניו סמוך למיתה מהטעם הנזכר · והקדושים שבכל דור ודור אחזו דרכו · אמרו כשחלה ר' אליעזר הגדול ז"ל נכנסו חכמים אצלו כיון שראה אותם אמר להם תמה אני על חכמי הדור אם ימותו מיתת עצמם אמרו לו ר' למה א"ל מפני שלא שמשתם אותי · אח"כ נכנס ר' עקיבא בר' יוסף א"ל מפני מה לא באת לשמשני א"ל מפני שלא היה לי פנאי · א"ל עקיבא תמה אני אם תמות מיתת עצמך

סיני אונ האבן מקבל געוועז דיא תורה אונ האבן גגעסין מן וואס דאס איז אזו אברוט וואס איז ווארין איין גישלונגין אין דיא איברים אונ האבן גיקריגן דיא מעלה פון רוחניות · אונ אז זיי זענן גישטארבין האט קיין ווערים אין זייא ניט גיוועלטיגט אונ זייערי אויגן זענן ניט טונקל גיווארן אונ זייער ליחות האט ניט גיטריפט אונ זייער פנים איז ניט פר ענדרט גיווארין אונ זענן גלייך ווי זיי ליגן אויף זייערי בעטליך · הרי זעה דוא מענטש אז דיא ערד פאר לענט ניט דיא הייליגי גופים נאר אין דיא גימיינע מענטשין גיוועלטיגט דאס פוילקייט וועגן זייערי זינד · כלל דער כלל איז אז דר מענטש ברענגט אויף זיך אליין דעם טוט אדער לעבין · עד ביז אהער ענטפערט די ערד צו דעם מענטשין אונ גיט אים עצות צום לעבין צוא דיא וואס גייען נאך איר עצה · ואני אונ איך וועל שטעלין פאר דיר דיא צוואות פון דעם תנא רבי אליעזר הגדול וואס ער האט גיבאטן צוא זיין זון הורקנוס אים מדריך צוא זיין אין דעם גוטן אונ רעכטפארטיגן וועג וואס ער ווערט אן גירופן דער וועג פון לעבין אונ וויל זייא זענין גילייטערטע רייד אונ זיסער פון האניק אונ טייערר פון גאלד וועל איך עס שטעלין אויף אבזונדרין פרק :

פרק טז ישמחו הצדיקים עס זאלין זיך פרייען דיא צדיקים אונ חסידים וואס לאזין איבר נאך זיך זעלכי זאכין וואס דורך זייא קען דער מענטש וויסן צו דינען זיין בשעפר · הביטו זעהט וואס רבי אליעזר הגדול האט גיבאטן זיין זון הורקנוס צוא לערנין אים דיא וועגן פון בשעפר · אונ האט דאס גיטאן נאהענט פון זיין טוט וויל דענמאלט ווערין דיא רייד בעסר אן גנומן וויל די שכינה איז צו קאפינס בייא דעם קראנקין וויא אונזרי חכמים האבען גיזאגט אונ רבי אליעזר הט דאס אפ גילערינט פון יעקב אבינו וואס ער האט זייני קינדר גישטראפט פאר זיין טויט · אמרו די חכמים האבין גיזאגט אז רבי אליעזר הגדול איז קראנק גיווארין זענן דיא חכמים צוא אים אריין גיגאנגין וויא ער האט זייא דער זעהן האט ער גיזאגט איך פאר וואונדר מיך אויף דיא חכמים פון דעם דור אויב זייא וועלין שטארבין מיט זייער טויט האבין זייא גיזאגט רבי פר ווס הט ער גיזאגט וויל איר האט מיך ניט באדינט · אחר דער נאך איז אריין גקומען רבי עקיבא האט רבי אליעזר גיזאגט פאר וואס ביסטו ניט גקומן מיך בדינען האט רבי עקיבא גיזאגט וויל איך האב קיין צייט ניט

באותה שעה נתחלחלו אבריו של ר' עקיבא ונמס דמו בקרבו · א"ל רבי סיתתי במאי א"ל שלך קשה מכלם א א"ל רבי למדני · באותה שעה שנה לו שלש מאות הלכות פסוקות על בהרת עזה כשלג ב · קרא להורקנוס בנו וישימהו על צד ימינו · בכה ר' אליעזר ואמר בני עד היום הייתי מתנהג עמך ברתת ולא הסברתי לך פנים כדי לכוף אותך ביראת קונך · ועתה בני הנני הולך בנועם ה' והדרו בא ואלמדך אורחות חיים · פתח ר' אליעזר ואמר ה' שמעתי שמעך יראתי וגו' · בני שים נא כבוד לה' ותן לו תודה וזכור כי מחומר עשאך והוא הוציאך לאויר העולם וכונך בעצמות עצם אל עצמו והכניסך בעולם הזה ואתה לא הכנסת בו כי הוא אינו צריך לך ואתה צריך לו · בני אל תאמן בעצמך עד יום מותך · הלכתא כרבנן הלכתא · אבל אל תאמן בעצמך בשלות גופך בעה"ז· כמה שכבו על מטתם ולא קמו· כמה שכבו על מטתם שמחים וטובי לב וקמו בחלאים רעים · כמה שכבו על מטתם בריאים וקמו במכאובים רבים · בני הוי זהיר להתאבק תמיד באבק עפר רגלי החכמים · ואל תסמוך על דעתך ואינך רשאי לומר קבלו דעתי · בני ירא את ה' אלהי אביך ועבדהו · והוי זהיר בק"ש של ערבית ובתפלה של שחרית כמ"ש דהמע"ה ערב ובקר וצהרים אשיחה ואהמה וישמע קולי כמו שתקנו אבות הראשונים · ותפלת ערבית שים תחלה לכל התפלות כי יעקב אבינו תיקנה והקב"ה עשאו ראש לכל האבות שנ' והנה ה' נצב עליו ויאמר אני ה' אלהי אברהם אביך ואלהי יצחק· בתחלה הזכיר שמו הקדוש עליו ואח"כ אלהי אברהם ואלהי יצחק · בני תהי קל כצבי ואל תהי עצל לקרוא ק"ש בעונתה ואל תעכב אותה לשיעור דרבנן כי הזריזין והזהירין מקדימים למצות וכל הקורא

א מפני שלבך פתוח כאולם ואלו שמשתני היום לומד תורה הרבה ב בהלכות מראות נגעים

גיהאט האט רבי אליעזר צוא אים גיזאגט עקיבא איך פאר ווינדר מיך אוב דוא וועסט שטארבין מיט דיין טויט ווען דער שראקן גיווארין דיא גלידר פון רבי עקיבא האט רבי עקיבא צוא אים גיזאגט רבי לערן מיט מיר · אין דער זעלביגער צייט האט ער אים גילערנט דרייא הונדערט הלכות פסוקות אין (בהרת עזה כשלג) · קרא האט ער גירופן זיין זון הורקנוס אונ האט אים גישטעלט בייא זיין רעכטי האנט האט רבי אליעזר גיוויינט אונ האט גיזאגט מיין זון ביז אהער האב איך מיך מיט דיר גפירט מיט רוגז אונ האב דיר ניט גיוויזין קיין פריילך פנים כדי צו צווינגן דיך אין די פארכט פון דעם בשעפר אונ אצונד מיין זון נון איך גייא אין זיסקייט אונ שיינקייט פון גאט קום וועל איך דיך לערנן דיא וועג פון לעבין · פתח האט רבי אליעזר אן גיהובן (יי שמעתי שמעך יראתי) גאט איך האב גהערט אונ האב מיך גיפארכטן · מיין זון טוא כבוד צו גאט אונ גיב אים אלובונג אונ גידענק אז ער האט דיך בשאפין אונ ער האט דיך גיברייננט אוף דער וועלט ער בדארף צו דיר ניט אונ דוא בדארפסט צו אים יוא · בני מיין זון זאלסט ניט גלייבן אין דיר וועלבסט ביז אין דיין טויט כלומר ווען דוא ביסט פיל צייט פרום זאלסטו ניט טראכטין מן הסתם וועל איך ווייטער אוך פרום זיין נאר דוא מוזט אלי צייט מלחמה האלטן מיט דעם יצר הרע עד זאל דיך ניט פאר פירן ח"ו אונ זאלסט ניט גלייבין אין דיא רוהע פון דיין גוף אוף דער וועלט דען פיל מענטשין האבין זיך גילייגט אויף זייער בעט שלאפין אונ זענין ניט אוף גישטאנין · פיל האבין זיך גילייגט אוף דעם בעט פריילך אונ מיט גוטי הערצר אונ זענין אויף גישטאנין מיט בייזע קראנקהייט · פיל האבין זיך גילייגט אוף זייער בעט גזונד אונ זענין אויף גישטאנן מיט פיל ווייטאג · בני מיין זון זאלסט נאך גיין דיא תלמידי חכמים זאלסט זיך ניט פאר לאזין אויף דיין דיעה אונ אוך טארסטו ניט זאגן צו דיא חכמים זייט מקבל מיין דיעה · מיין זון פארכט זיך פר דעם גאט פון דייני עלטרן אונ דינע אים אונ זאיי גיווארינט אין קריאת שמע פון מעריב אונ אין תפלת שחרית וויא אונזרע ערשטי אבות האבין מתקן גיוועזן דאס זענין אברהם יצחק ויעקב אין דיא תפלה פון מעריב טוא צום ערשטין פון אלי תפילות ווארום יעקב אבינו האט זיא מתקן גיוועזן אונ גאט האט אים גימאכט העכיר פון אלי אבות וויא עס שטייט אין פסוק (והנה יי נצב עליו) גאט איז גישטאנן בייא אים אונ האט צו אים גיזאגט (אני יי אלהי אברהם אביך ואלהי יצחק) איך בין דיין גאט דער גאט פון דיין פאטר אברהם אונ דר גאט פון יצחק האט ער צום ערשטין דער מאנט זיין הייליגן נאמן אויף יעקב אונ דער נאך אויף אברהם אונ יצחק · בני מיין זון זאלסט זיין גרינג וויא איין הערש אונ זאיי ניט פויל צו לייגן קריאת שמע אין דער רעכטר צייט דאס איז אז די זון גייט אויף אונ פאר נאס

ק"ש בעונתה נותן כבוד לבוראו · בני הוי זהיר בק"ש על מטתך ולקדש עצמך ולברך לבוראך בשכבת וערבה שנתך ולאחר שתקדש עצמך בזה אל תספר בדברים בטלים ואל תספר עם אשתך בדבר אחר הואיל וכבר קדשת עצמך בקדושת קונך כי נשמתך תעלה ואינך יודע היאך יקבלה לעמוד לפניו והקיצות היא תשיחך · בני הכהנים נכנסים לאכול בתרומתם ונשמתך עולה באותה שעה אם תזכה תכנס ביניהם ואם לאו ידיחו אותך לחוץ בני כשתעור משנתך בחצות הלילה אז תספר עם אשתך בקדושה ואל תנבל את פיך אפי' דרך שחוק כי אתה עתיד לתת דין וחשבון על שיחה שבינך לבין אשתך · ובהקיץ משנתך אל תפנה לבך בהרהורים רעים כי הרהור מביא לידי מעשה · הנה מה טוב ומה נעים כשהקב"ה נכנס עם הצדיקים שתהיה מצוי בתוכם למשוך חוט של חסד עליך להיות גורלך עם הצדיקים בג"ע ואם תזכה ותהיה עמהם אשריך וטוב לך · הוי זהיר בכלי של מים סמוך למטתך וכשתקום בבוקר אל תקח חלוק ללבוש קודם נ"י לא מידך ולא מיד אחר שלא נטל ידיו כי רוח הטומאה שורה על הידים · ואל תעביר אותה על עיניך פן יכשלו רבים במראית עיניך כי אין ברכה שורה בראיית עין שקבל טומאה · ואי עביד להסתכל בשונאו שונאו נמלט ואוהבו נכשל · הוי זהיר לנקות גופך ולפנות דירת נפשך שלא תשקצה ואל תגרום להיות נמאס · בני הוי זהיר בנט"י כי נט"י בכלל הדברים העומדים ברומו של עולם וכל המזלזל בנט"י ה"ז מנודה לשמים וכ"ש שאין לו חלק לעה"ב וכשתרחץ ידיך זקוף אצבעותיך למעלה וברך ליוצרך · ואל תברך עד שיהיו הידים נרחצות כי אסור להזכיר קדושת שמים בלכלוך הידים כשהם מזוהמות · ואל תטול ידיך ממי שלא נטל ידיו · בני אל הלבש בגדיך בלא ברכה כי כשם שנהנה האדם לתת אוכל לנפשו וצריך לברך כך צריך לברך
על

זיא ניט ביז דעם שיעור וואס דיא חכמים האבין גיגעבן דאס איז ביז דריא שעה אויף דעם טאג ווארום דיא זריזים פעדרין זיך צו די מצות אונ דער וואס לייענט ק"ש אין איר רעכטר צייט דער גיט אפ כבוד צוא זיין בשעפר: בני מיין זון זאיי גיווארינט צו ליינן ק"ש איי דוא לייגסט זיך שלאפין אונ צו הייליגן דיך אונ לובין צו דיין בשעפר דען וועסטו ליגן אונ דיין שלאף וועט דיר זיס זיין אונ נאך דעם אז דו וועסט דיך הייליגען מיט דער ק"ש זאלסטו ניט ריידן קיין דברים בטלים אונ אויך מיט דיין ווייב זאלסטו דערנאך ניט ריידען ווייל דו האסט דיך שון גיהייליגט אין דעם הייליקייט פון דיין בשעפר ווארום דיין נשמה וועט אויף גיין אויף דעם היכל אונ אז דוא וועקסט דיך אויף האפן וועט זיא זיין דיין פיר שפרעכיר בני מיין זון אז דוא וועקסט זיך אויף חאפין פון דיין שלאף אין האלבי נאכט דערנאך מעגסטו ריידן מיט דיין ווייב מיט הייליקייט אונ זאלסט ניט ריידן קיין ניבול פה ווארום דוא וועסט מוזן אפ געבין דין אונ חשבון אויף דעם ריידין וואס דוא רעדסט מיט דיין ווייב · אונ אז דו וועסט זיך אויף חאפין פון דיין שלאף זאלסטו ניט טראכטן שלעכטי מחשבות ווארום דאס וועט דיך ברענגין צו איין שלעכטי מעשה אונ וויא גוט אונ זיס איז אז גאט ב"ה גייט מיט דיא צדיקים אין גן עדן אז דוא זאלסט אויך זיין צווישין זייא אונ אוב דוא וועסט זיין מיט זייא דען וועט דיר וואל זיין אויף עולם הזה אונ גוט זיין אויף עולם הבא · הוי זייא גיווארינט צו שטעלין אכלי מיט וואסר בייא דיין בעטיל אונ אז דוא וועקסט אויף שטיין אין דער פריא זאלסטו ניט נעמין קיין שום קלייד אן טון אום גיוואשין אונ זאלסט אויך ניט נעמין קיין שום קלייד פון אזעליכין וואס האט זיך ניט גיוואשין ווארום דער רוח הטומאה רועט אויף דיא הענט אונ זאלסט דיא הענט ניט אן רירן אן דיינע אויגן אום גיוואשין ווארום טאמער וועלן פיל לייט נישטרויכלט ווערין דורך דיין ראיה ווארום קיין ברכה רועט ניט אויף אזעליכי אויגן וואס האבין מקבל טומאה גיוועין · זאלסט גיווארינט זיין אוים ריינקן דיין גוף כדי זאלסט אים ניט פאר אום ווערדיגען אונ זאלסט ניט זיין פאר מיאוסת פאר גאט ב"ה · מיין זון זייא גיווארינט צו וואשין זיך צום עסין ווארום דער וואס איז מזלזל אין נטילת ידים דער איז אין נידוי צו גאט ב"ה אונ הט קיין חלק ניט אויף עולם הבא · אונ אז דוא וואשט דיינע הענט זאלסטו זייא אויף הייבן אונ לובן דיין בשעפר אונ זאלסט קיין ברכה ניט מאכין על נטילת ידים ביז דיא הענט זאלין זיין גיוואשין ווארום מען טאר ניט דער מאנין גאטס נאמין אז דיא הענט זענין איין גירעכט אונ מיאוס · אונ זאלסט זיך ניט וואשין דורך אזעליכין וואס האט זיך ניט גיוואשין · בני מיין זון אז דו קלידסט אן איין מלבוש זאלסטו ניט אן קליידן אן א ברכה מלביש ערומים ווארום אזו וואל אז דער מענטש

על תאות המלבוש בכל עת שלבש · ומי שלא ברך על מלבושיו ילבש רימה ותוש עפר בקבר וקשה אותה רימה כמחט בבשר החי · בני הוי זהיר להתעטף בעטיפת מצוה כסוי מצוה ע׳ גוף צדיק ינוח · וכל מי שאין לו כסוי מצוה על לבושו בגופו נקרא לבושו בגד בוגדים בגדו · מי מעיד עדות שקר בעצמו · בני הכון לקראת אלהיך ושים עטרת תפארת בראשך כשמן הטוב על הראש שהם התפלין שם יוצרך ולוית חן הם לראשך וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך ויראו ממך · וקשור על זרועך חותם תבניתו הוא מראה דמות כבוד ה׳ · בת קול יוצאת בכל יום ואומרת הברו נושאי כלי ה׳ · ושלשה מלאכים הולכים לפני האדם באותה שעה ומכריזין ואומרים תנו כבוד לדיוקנו של מלך ששכינת אל על ראשו ואומר עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר · בני אל תשכים לבית חבירך להזכיר עליו שם שמים לברכו כתיב תחת שלש רגזה ארץ ואחד מהם שפחה כי תירש גבירתה · וכל המברך נשמת חבירו קודם ברכת השם מוריש לשפחה ירושת הגבירה · בני הוי זהיר שתהיה מעשרה ראשונים בבית הכנסת להיותך נוטל שכר כנגד כלם כנגד העשרה כנגד כל הבאים הלכתא כרבנן הלכתא אלא נוטל שכר כנגד כל העשרה· וכל אחד מג׳ הראשונים שכרו כנגד כלם והם בכלל מאה וזהו שנ׳ ומשחרי ימצאונני בב׳ נוני״ן · אשרי הנמנה מהם · בני כשתכנס לפני בוראך תכנס באימה וביראה וכשאתה מתפלל דע לפני מי אתה עומד · בני כל עצמותיך תרגיש לקדיש וקדושה בכח גדול לכוף יצרך אצלו משום כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך מציל עני מחזק ממנו · ומשם תנו עז לאלהים למנצח בנגינות · בני אל תשיח שום שיחה בבה״מ והט אזניך ושמע דברי חכמים · ואל תהי בז לכל דבר ואל תהי בז לכל אדם כי כמה מרגליות ימצא באפקרוסתו ג של עני · אין אדם נכנס בתחומו של חבירו ואין אדם יכול לחדש דבר בתורה שחבירו מזומן לחדש

ג כלבוש התחתון וכול פתוח ככתפיו וכשלובשו קושרו

מז אַבְרָכָה מַאכְן אִיבֶּר דֶעם וָואס עֶר עֶסְט וַוייל עֶר הָאט הֲנָאָה אַזוֹ מוּז מֶען אַבְרָכָה מַאכְן אִיבֶּער אַיין קְלֵייד וַוייל עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן דֶעם אָן קְלֵייךְן · אוּנ דֶער וָואס מַאכְט קֵיין בְּרָכָה נִיט אִיבֶּער זַיינֶע קְלֵיידֶער דֶער וֶועט זִיךְ אָן קְלֵיידְן מִיט וֶוערְים אוּנ מִיט עֶרְד אִין קֶבֶר אוּנ דִי וֶוערְים וֶוענְן אַזוֹ מְצַעֵר אַטוּמִין וִויא מֶען שְׁטֶעכְט מִיט אַיין נָאדִיל אַיין לֶעבֶּנְדִיגְן · בְּנִי מַיין זוּן זָאלְסְט אַיין וִויקְלִין זִיךְ מִיט אַיין טַלִית מִיט צִיצִית אוּנ דֶער וָואס וִויקְלְט זִיךְ נִיט אַיין מִיט קֵיין טַלִית אוֹף זַיינֶע קְלֵיידֶער וֶוערְין דִי קְלֵיידֶער אָן גִירוּפִין פַאלְשֶׁע קְלֵיידֶער · מַיין זוּן צוּ גְרֵייט דִיךְ קֶעגְין גָאט דַיין גָאט אוּנ טוּא דִיא קְרוֹן פוּן שֵׁיינְקַייט אוֹף דַיין קָאפּ דָאס זֶענְין דִי תְּפִילִין שֶׁל רֹאשׁ וָואס דְרוֹנְן שְׁטֵייט דֶער שֵׁם (הוי״ה) פוּן דַיין בַּשֶׁעפֶר אוּנ קְנִיפּ אָן אוֹף דַיין אָרֶם דִיא חֲתִימָה פוּן זַיין גִישְׁטַאלְט דָאס אִיז דִיא תְּפִילִין שֶׁל יָד · אוּנ אַיין בַּת קוֹל גֵייט אַרוֹס אַלֶע טָאג אוּנ זָאגְט דֶער קֶענְט דִיא וָואס טְרָאגְן דִי כֵּלִים פוּן גָאט אוּנ דְרַייא מַלְאָכִים גֵייעְן אַרוֹס פַאר דֶעם מֶענְטְשִׁין אוּנ רוּפְן אוֹס גִיט אָפּ כָּבוֹד צוּא דֶער צוּרָה פוּן דֶעם צַדִיק וָואס דִי שְׁכִינָה פוּן גָאט רוּעֶט אוֹף זַיין קָאפּ · בְּנִי מַיין זוּן דוּא זָאלְסְט נִיט גַיין גָאנְץ פְרִיא אִין דַיין חֲבֵירִים הוֹיז אַרַיין צוּא בֶּענְטְשִׁין אִים אוֹדֶר אִים שָׁלוֹם גֶעבִּין דֶען דֶר וָואס בֶּענְטְשְׁט פְרִיעֶר זַיין חָבֵר אֵיידֶר עֶר דַאוִוינְט דֶער גִיט דֶער שִׁפְחָה דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶער הַארִיגְטֶע · מַיין זוּן זַייא גִיוָוארִינְט דוּא זָאלְסְט זַיין פוּן דִיא צֶעהֶן וָואס קוּמֶען צוּם עֶרְשְׁטִין אִין שׁוּל כְּדֵי דוּא זָאלְסְט נֶעמִין שָׂכָר קֶעגְין דִיא אַלֶע צֶעהֶן אוּנ אִיטְלִיכֶער בַּאזוּנְדֶער פוּן דִיא צֶעהֶן נֶעמְט שָׂכָר קֶעגְין צֶעהֶן · מִמֵילָא זַייא אַלֶע נֶעמִין שָׂכָר קֶעגְין הוּנְדֶערְט · וואל צוּא דִיא דָאזִיגֶע דִיא אַלֶע וָואס זַייא וֶוערִין גִיצֵיילְט מִיט דִיא עֶרְשְׁטֶע צֶעהֶן · בְּנִי מַיין זוּן אַז דוּ גֵייסְט אַרַיין פַר דַיין בַּשֶׁעפֶר זָאלְסְטוּ אַרַיין גֵיין מִיט פָארְכְט אוּנ אַז דוּא טוּסְט תְּפִלָּה וַויים פַאר וֶועמִין דוּא שְׁטֵייסְט · מַיין זוּן אַלֶע דַיינֶע אֵבָרִים זָאלְסְטוּ רִירְעֶן בְּשָׁעַת אַז דוּא זָאגְסְט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיה רַבָּא אוּנ קְדוּשָׁה אוּנ מִיט גְרוֹס כֹּחַ כְּדֵי צוּא בַּאצְווִינְגְן דַיין יֵצֶר הָרָע צוּא גוּטִין וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך) אַלֶע מַיינֶע בֵּיינֶער טוּעֶן זָאגִין גָאט וָוער אִיז גְלַייךְ צוּא דִיר · בְּנִי מַיין זוּן דוּא זָאלְסְט גָאר נִיט רֵיידְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ נֵייג דַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּנ הֶער צוּא דִיא רֵייד פוּן דִיא חֲכָמִים אוּנ זַאי נִיט מְבַזֶּה קֵיין שׁוּם זַאךְ אוּנ צוּא קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ דֶען אַיינֶער קֶען נִיט אַוֶועק נֶעמִין דָאס וָואס אִיז בַּשֶׁעוֹ״ם צוּ זַיין חָבֵר אוּנ קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קֶען נִיט מְחַדֵּשׁ זַיין אַיין זַאךְ אִין דֶער תּוֹרָה וועלְכֶעס וָואס זַיין חָבֵר אִיז אָן גִיבְּרֵייט דָאס מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין וָוארוּם אַלֶץ אִיז אָן גִיבְּרֵייט פוּן גָאט

כי הכל מוכן לפניו מיום שהתורה נבראת · בני הוי זהיר לבקר את החולה והמבקרו גורם להקל חוליו · וראה להשתדל עמו לשוב לקונו · והתפלל עליו וצא · אל תכביד עליו ישיבתך כי די לו מכובד חוליו · כשתכנס לחולה תכנס אצלו בשמחה ודבר עמו בשמחה כי לבו ועיניו על הנכנסים אליו · בני הוי זהיר בהוצאת המת לקוברו ולהכניסו ביד קונך כי מצוה רבה היא עליך וכל העושה חסד חנם הקב"ה עושה עמו חסד חנם · בני הוי זהיר לנחם אבלים ולדבר על לבם כי לא היו ראוים להענש חבריו של איוב אלא על שאמרו דברי קנטוריןולא דברי נחומים דכתיב ולא דברתם אלי נכונה כעבדי איוב · בני טוב ללכת אל בית אבל מללכת אל בית משתה לקחת מוסר לנפשך ולשפוך דמעות מעיניך כי כל השופך דמעות על אדם כשר לא ישפוך דמעות על בניו כשהם קטנים · בני הוי זהיר בהכנסת כלה לחופה ולשמח חתן שכל המשמחו כאלו קבל תורה מהר סיני שנאמר ויתן אל משה ככלותו כלתו כתיב ודא יום שנתנה תורה ביום שנכנסה כלה לחופה · בני הוי זהיר לכבד לעני ולהפיק לו נפשך ולתת לו מתנה בסתר ולא בפרהסיא · ותאכילהו ותשקהו בביתך ותעלים עיניך מלהסתכל בו כשהוא אוכל כי נפשו רעבה ותט אליו אוכל · בני אל תדכא לעני ברבריך כי ה' יריב ריבם ועון זה גורם לכמה קנטורין למעלה לגלות חטאיו לרעה ומליץ לא נמצא עליו · וכל העושה כרצונו ודברים טובים מונה לו כמה פרקליטין למעלה וכלם מליצים עליו לטובה · בני התקן צדה לנפשך והדלק נר להאיר לפניך ואל תניחהו להאיר לאחריך שמא לא יוכלו אחריך להאידו ואפילו שהוא לאחור לעולם לא ידליקוהו ותשאר אתה בנשף בערב יום באישון לילה ד ואפילה

ד נ"ל שרמז בזה שיעשה צדקה בממונו בחייו שיהיה מאיר לו לעוה"ב כדאי וכלך לפניו לדקי' ולא יניח בממון לאחריו לומר לאחר מותו בניו יעשו מממונו צדקה כי שמא לא יעשו :

ב"ה פון דעם טאג אן אז דיא תורה איז בשאפן געווארין · בני מיין זון זאיי געווארינט צוא מבקר חולה זיין אונ דער וואס איז מבקר דעם חולה איז ער גורם זיין קראנקהייט גרינגר צו מאכין אונ די זעה זיך צו פלייסין מיט אים ער זאל תשובה טאן צו זיין בשעפר אונ זאיי מתפלל אויף אים ער זאל געזונד ווערין אונ דער נאך גייא אוועק פון אים פון וועגן דיין זיצן זאל אויף אים ניט שווער זיין ווארום עס איז גינג פאר אים דאס שווערקייט פון זיין קרייעק · אונ אז דוא גייסט אריין צוא אחולה זאלסטו אריין גיין צו אים מיט שמחה ווארום זיין הארץ אונ זיינע אויגין זענן אויף די וואס גייען אריין צו אים · בני מיין זון זאיי געווארינט צו ארום פירען אמת אים צוא בגראבן אונ אים אריין צו ברייננן אין די הענט פון זיין בשעפר ווארום דאס איז אגרוסע מצוה אונ דער ווס טוט חסד חנם טוט נאט ב"ה מיט אים אויך חסד חנם · בני מיין זון זאיי געווארינט צו מנחם אבל זיין אונ אוים צו ריידין זייער שפערין דען דיא חברים פון איוב זענן מער ניט גישטראפט געווארן נאר חייל זייא האבין גירעט צוא אים צארינדיגע רייד אונ ניט קיין טרייסטונג · בני מיין זון מען גיהער בעסער צו גיין אין איין טרויעריג הויז איידר צו גיין אין איין לוסטיג הויז וואס דארט איז אחתונה אדר אנדרע שמחה כדי דוא זאלסט זעהן וואס דער סוף איז פון דעם מענטש אונ צו פאר גיסן טרערין פון דיינע אוגין · ווארום דר ווס פר גיסט טרערין אויף דעם וואס איין פרומער מענטש איז גישטארבין שטארבין זיינע קינדר ניט בייא זיין לעבין · בני מיין זון זאיי געווארינט צו אריין ברייננ איין כלה אונטער דער חופה דאס הייסט צו העלפין מיט געלד אונ מורחא אז זיא זאל אונטר דר חופה גיין אונ פריליך צוא מאכין איין חתן ווארום דער וואס מאכט אים פריליך איז גליך ווי ער האט מקבל גיוועזן דיא תורה פון בארג סיני · בני מיין זון זאיי געווארינט בכבוד אן צו טאן איין ארימאן אונ צוא געבין אים צדקה אז קיינער זאל ניט זעהן אונ ניט בפרהסיא אונ גיב אים עסן אונ טרינקן אין דיין הויז אונ פאר הויל דיינע אויגין פון צו קוקן אויף אים בשעת אז ער עסט ווארום ער איז הונגעריג אונ אז דוא וועסט אויף אים קוקן וועט ער זיך שעמן צו עסן · מיין זון דוא זאלסט ניט פאר שטוסן דעם ארימאן מיט דיינע רייד ווארום גאט וועט קריגן זייער קריג אונ דיא זינד איז גורם אין הימל צוא פיל צארן אונ דיינע זינד ווערין אנפלעקט אים צו טייזן אונ קיין מליץ טוב איז אויף אים ניט גיפונען · אונ דער וואס טוט וויא דר ווילן פון דעם ארימאן איז אונ רעט מיט אים גוטע רייד דער מאכט זיך פיל מליצים אין הימל אונ אלי זענן אויף אים מליץ אויף גוטס · בני מיין זון טו ריד אן נבייטען שפייז פון וועגן דיין נשמה אונ ציגד אן איין ליכט אז עס זאל לייכטין פאר

דיך

בני אל תאטם אזנך מצעקת דל למען ישמע ה' את קולך בזעקתך • כי כל האוטם את אזנו מזעקת דל גם הוא יצעק ולא יענה • בני בכל תפלתך שים עצמך עני ואביון לפני בוראך כי כמה הם מקטרגים עליך כאשר ידע יעקב הענין וראה שעשו דוגמתו למעלה מיד אמר ויהי לי שור וחמור כעני ואביון • ודוד אמר הטה ה' אזנך כי עני ואביון אני • כיון שעבר היום • במקום העניות הכנים עצמו בחסד בוראו שנאמר לאחריו שמרה נפשי כי חסיד אני • וקיים בעצמך אל תתהדר לפני מלך. בני הוי זהיר בעונג שבת לפי כחך ולעננו במאכל ובמשתה • ובסעודת הלילה אל תשים עצמך כעני יותר מיכולתך • והזהר בסעודה השלישית • והוי זהיר בדבורך יום השבת כי על כל אלה אתה עתיד ליתן דין וחשבון • בני אל תכנס לביתך פתאום וכ"ש לבית חבירך • ואל תטיל אימה יתירה בתוך ביתך כי כמה רעות גורמת האימה • בני הסר כעס מלבך כי הכעס בחיק כסילים ינוח. ואל זר שורה על ראשם • בני אהוב את החכמים ורדוף אחריהם • והשתדל לדעת בוראך כי גם בלא דעת נפש לא טוב • והוי זהיר לתת שלום לכל אדם. ודבר אמת • בני הוי זהיר להיות צנוע בבית הכסא • ואל תפרע עצמך במקום מגולה • והוי צנוע בדבר אחר • בני כשתשב על שולחנך לאכול דע שאתה יושב לפני המלך • אל תהי חצוף ובלען • בני הוי זהיר במים ראשונים ובמים אחרונים כי שניהם לצורך • כשאוכלים בני הסעודה ואתה שותה אל תרים קולך בברכת היין • ואל תשיח בתוך הסעודה ואפי' בדברי תורה • והוי זהיר בדברי תורה לומר על שולחן • וכל שלחן שאין עליו דברי תורה נקרא קיא צואה בלי מקום • בני הוי זהיר כשתכנס לחולה ואין לו אל תכנס בידים רקניות • כשיקום

הוי

דיר אונ זאלסט עס ניט לאזין לייכטן נאך דיר ווארום טאמר וועלן אנדרע ניט קענן דאס לייכטן ווערט דיר זיין פינסטר דאס מיינט מען צדקה טאן מיטין געלט ביים לעבן ברי עס זאל אים לייכטן אויף עולם הבא אונ זאל ניט לאזן דאס געלט צו זיינע קינדער אונ צו טראכטן אז זיינע קינדער וועלין געבן צדקה נאך זיין טוט פון זיין נשמה וועגן זאל ער אזו ניט טאן ווארום טאמר וועלין זיי ניט געבן. בני מיין זון זאלסט ניט פר שטאפן דייני אויערן צוא דם געשרייא פון איין אריםאן ווארום אז דוא וועסט צו הערן זיין געשרייא וועט גאט ב"ה צו הערן דיין קול אז דוא שרייסט פון איין צרה דען דער וואס פאר שטאפט זיינע אויערן צו דעם געשרייא פון איין ארימאן וועט ער אויך שרייען צו גאט אונ ער וועט אים ניט ענטפרן • בני מיין זון אין אלע דיינע תפלות זאלסטו דיך מאכן פאר איין עני ואביון פאר דיין בשעפר ווארום דוא האסט בודאי פיל מקטרגים אויף דיר אזוא וויא יעקב האט גטאן אונ האט געזאגט (ויהי לי שור וחמור) אונ עס איז דא צו מיר איין אקס אונ איין אייזעל כלומר איך בין נאר ארום אונ דוד המלך ע"ה האט געזאגט כי עני ואביון אני) איך בין איין ארומער אונ איין נויט בדערפטיגר • אונ זאיי מקיים אין דיר (אל תתהדר לפני מלך) דוא זאלסט זיך ניט בשיינן פאר איין מלך • מיין זון זאלסט מכבד שבת זיין מיט עסין אונ טרינקן נאך דיין פר מעגן נאך אונ דיא סעודה פון פרייטאג צוא נאכט זאלסטו מאכן נאר מער פון דיין יכולת אונ זאיי געווארינט אין דר דריטר סעודה פון שבת אונ זייא געווארינט אום שבת נאר ווייניג צוא ריידן ווארום אויף דעם אלסען וועסטו מוזן אפ געבין דין אונ חשבון פאר גאט • בני מיין זון זאלסט ניט אריין גיין פלוצלינג אין דיין הויז אריין אונ כל שכן אין דיין חברס הוז אונ זאלסט ניט ווארפן איין איבריגע פארכט אין דיין הויז ווארום דיא פארכט איז גורם פיל שלעכץ • מיין זון טוא אפ כעס פון דיין הארץ ווארום כעס טוט רוען ביא דיא נארין • מיין זון האב ליב דיא חכמים אונ גייא זייא נאך אונ פליים דיך צו קענין דיין בשעפר אונ זאיי געווארינט צו געבן שלום צוא איטליכען מענטש אונ רייד אמת • מיין זון זאיי געווארינט צוא זיין בצניעות אין בית הכסא אונ זאלסט דיין צורך ניט טאן אין איין אפין ארט אונ זאיי בצניעות ווען דוא בהעפטסט זיך מיט דיין ווייב . בני מיין זון אז דוא זעצט דיך עסין ביא דיין טיש וויים אז דוא זיצט פאר גאט ב"ה • דוא זאלסט ניט זיין פאר שייט אונ ניט קיין פרעסר • מיין זון זאיי געווארינט אין מים ראשונים אונ מים אחרונים ווארום מען באדארף זייא ביידע נייטיג • אז דיא לייט פון דער סעודה עסין אונ דוא ווילסט טרינקן זאלסטו ניט מאכן דיא ברכה פון דעם ויין גאנץ הויך ווארום זייא וועלן מוזן ענטפרן אמן אויף דער ברכה וועט חלילה איינר זיך דר ווערגין • אונ זאלסט ניט ריידן אין מיטן עסין אפילו דברי התורה • אונ זאיי געווארינט צוא לערנין איבר דעם טיש נאך דעם עסין • מיין זון אז דוא וועסט אריין גיין צוא איין חולה אונ ער האט ניט קיין געלט אויף דער טרענק זאלסטו ניט אריין גיין מיט ליידיגע הענט אונ אז ער וועט גיזונד זאלסטו אים דר

והי מקדים לו המאכל ויחשב עליך כאלו את מקימו ומשיב נפשו וגמולך ישלם לך נורא · בני אל תגלה סודך לאשתך · הוי נאמן רוח אצל כל אדם ואל תגלה סוד בריבך עמו כל שכן בהיותו בהשקט עמך · בני הוי זהיר לאכול עשבים ואל תשאל מבני אדם · וכשתשאל שאל ליוצרך כי בידו הכל · בני תבחר מחנק לנפשך ואל תצטרך לבריות · והוי זהיר להיות לך בנים ולגדלם לת"ת כי בשבילם הזכה להיי עה"ב · והוי זהיר מאשתך מחתנה הראשון ה ואל תמנהו אפוטרופס בביתך · ואל תקרב לאשתך סמוך לוסתה והרחק מהכיעור ומן הדומה לו · ואל תלך אחורי אשה בשוק ואל תעבור בין ב' נשים · והוי זהיר שלא תקפיד לחכם שחמתו חמת עכשוב וחמת צפעוני שאין לו לחש חמתו מות ורצונו חיים · בני אל תלך יחידי ואל תדין יחידי ואל תעיד יחידי ואל תהי עד ודיין כאחד כי אין יחיד דיין זולתי אחד · בני הוי זהיר מזעקת יתום ואלמנה כי היא אבי יתומים ודיין אלמנות · אל תהי להם קובע הואיל והוא קבע כל טוב שלהם ע"כ הוא קובע את קובעיהם נפש · בני כל חטאתיך שים במשקל ותשובתך במאזנים ישאו יחד ואח"כ תן וידוי ותפלה להכריע המשקל · בני התרחק משכן רע ומאדם ששמועתו רעה כשם שאומרים עליו מלמטה כך אומרים עליו מלמעלה · בני בנפול אויבך אל תשמח פן יראה ה' ורע בעיניו והשיב מעליו אפו · אבל אם רעב שונאך האכילהו לחם · בני אל תרדוף אחר השררה כי הכל גזור מלמעלה ולכל אשר יחפץ יתננה. בכל יום קורא הקב"ה בעצמו ראו קראתי בשם שנאמר ראו קראתי בשם בצלאל׳

בני

ה במס' פסחים אמרי לה משום חסד ואמרי לה משום ממון ואיתא להא ואיתא להא :

לאבען מיט עסין וועט אויף דיר גירעכינט זיין גלייך ווי דוא האסט אים גיזונד גימאכט אונ האסט אים ווידער גיקערט זיין נשמה אונ גאט וועט דיר בצאלין דער פאר שכר · מיין זון זאלסט ניט אנטפלעקין קיין סוד צוא דיין ווייב אונ זאלסט זיין איין ווארהפטיגער מענטש קעגין אלי לייט אונ זאלסט ניט מגלה זיין דעם סוד פון דיין חבר אפילו בשעת אז דוא קריגסט זיך מיט אים מכל שכן אז ער איז מיט דיר שלום · בני מיין זון דוא זאלסט ליבר עסין גראז אונ זאלסט ניט בעטן קיין צדקה פון לייט זאלסט בעסר בעטין צוא דיין בשעפר ווארום אלץ איז אין זיינע הענט · מיין זון זאלסט בעסר זיך ווינטשן דעם טוט איידר בדארפן צוא לייט אונ זאלסט גיווארינט זיין צו מגדל זיין דיינע קינדר תורה צו לערנין ווארום דורך דעם וועסטו זוכה זיין צוא עולם הבא אונ זאיי גיווארינט צו היטן דיין ווייב פון איר ערשטן איידים דען מחמת איין אשה האט זייער ליב איר ערשטין איידים קען זיא קומן מיט אים מזנה צוא זיין אדער צו גנבנען געלט בייא דיר אונ אים אוועק צוא געבן · אונ זאלסט זיך ניט בהעפטן צוא דיין ווייב גאהענט צו איר צייט וואס זיא איז גיוויינטליך צו זעהן נדות אונ דער ווייטער זיך פון אזעלכע מיאוסע זאכן אונ פון אזעלכם וואס איז גליך דער צוא אונ זאלסט ניט גיין אונטער איין אשה אין מארק אונ זאלסט ניט דורך גיין צווישן צווייא ווייבער · אונ זאיי גיווארינט ניט צו דער צערנן איין תלמיד חכם ווארום צו זיין צארן איז קיין שפראך ניט דא זיין צארן איז טוט אונ זיין ווילן איז לעבן · בני מיין זון דוא זאלסט ניט גיין אליין אונ זאלסט ניט משפטן אליין אונ זאלסט ניט עדות זאגן אליין אונ זאלסט ניט זיין איין עדות אונ איין דיין איבער איין משפט ווארום עס פסקנת קיינר ניט אליין נאר דער איינציגר גאט ? מיין זון זאיי גיווארינט פון דעם גישרייא פון איין יתום אונ איין אלמנה ווארום גאט ב"ה איז דער פאטר פון יתומים אונ איין דיין אלמנות · דוא זאלסט זייא ניט גזלנן ווארום דער מענטש וועס גזלת בייא דיא יתומים אונ אלמנות נעמט גאט ב"ה אוועק דאס לעבן בייא אים · בני מיין זון אלי דייני זינד טוא אין איין וואג שאל אונ דיין תשובה טוא אין דעם אנדרן וואג שאל אונ וועג זייא ביידע איבר אונ דער נאך גיב ווידוי אונ תפלה פאר גאט כדי דיא שאל פון תשובה זאל איבר וועגן · מיין זון דער ווייטר זיך פון איין בייזען שכן אונ פון אזוא אמענטש וואס האט אבייזען שם ווארום אזו וויא מען זאגט אויף אים אויף דער וועלט אזוי זאגט מען אויף אים אויף דעם הימל · בני מיין זון אז דיין פיינט טוט פאל זאלסטו זיך ניט פרייען ווארום טאמר וועט דאס גאט ניט גיפעלן וועט ער דעם צארן פון אים אום קערין אויף דיר נאר אז דיין פיינט איז הונגריג מאך אים נאך עסין ברוט · בני מיין זון זאלסט ניט נאך יאגן נאך הערשאפט ווארום אלץ איז מען גוזר פון דעם הימעל אונ צוא וועמן ער וועט וועלן וועט ער עס געבן דען אלי טעג רופט גאט ב"ה אליין דרויף אום · מיין זון

זאלסט

בני אל תהי כזבוב לחברך על נגעו שמניח מקום בריא ושורה על הנגע · כסה לחברך על נגעו ואל תגלה קלקולו לעולם · בני הוי רץ לדבר מצוה ואל תהי המצוה קלה בעיניך ואל תאמר זו קלה וזו חמורה שאינך יודע מתן שכרן של מצות וכל מעשיך יהיו לשם שמים · בני אל תהי צדיק הרבה ואל תרשע הרבה ואל תהי ביישן הרבה ואל התמול על הרשע המקלקל שורת חכמים אל תהי ביישן הרבה אפילו לשתות מים הנשארים מפיו של חבירך כי ההבל יוצא מבית חללו ואינך יודע איזה חולה בגופו . בכל דבר הוי ביישן ובמקום דהיזק שכיח אל תהי ביישן · בני לעולם הוי מנבל עצמך בבית המדרש ואפילו ששחקו עליך חביריך · בני אל תשב בחבורת האומרים גנאי על חבריהם ובעלי לשון הרע כי כל הדברים עולים ובספר נכתבים וכל העומדים שם נכתבים בחבורת הרשע חבורת לשון הרע · בני אל תשתה מים שגולים ואל תאכל מאכל מיד כל אדם · הוי משתין בפני מאה · ואל תשתה מים בפני אחד · בני אל תבשל בקדרה שבישל בה חבירך ו וכ"ש אם בשלו בה שנים · ונסתלקו מן העולם כי כבר מלאך המשחית מכיר בה · בני הוי זהיר באשה שאינה הגונה לך · אוי לו לפוסל את זרעו · אבשלום גרם כמה רעות לישראל רדף אחר אביו להרגו ושכב את נשיו · אדוניהו אחיו הפליג על המלוכה ובקש לאשת אביו · בני הוי זהיר שלא תשמש מטתך בשעה שהיא מניקה את בנה · ואל תניח בנך בעריסתו יחידי בבית בין ביום בין בלילה · בני אל תהי ישן בלילה יחידי בשום בית כי בדברים אלו לילית מזומנת להזיק וכיון שאוחזת לאדם או לתינוק היא מוציאתו מן העולם · בני הוי זהיר לגדל בניך לת"ת ולא תסלקם ממנה שכל המסלק בנו מן התורה יסתלקו ימיו מן העולם מפני שהקב"ה בוכה עליו בכל יום ויום · בני הוי זהיר שלא תשתה מים מגולים בלילה · כי מקטריגים משתכחים בעולם ובהם נוקשים בני אדם כצפרים בפח · בני אל תשב בצל החמה בימי תמוז ואב וכ"ש שלא תישן · ואל תישן לאור הלבנה ועל"ז נאמר יומם השמש לא יככה וירח בלילה · ביום מפני קטב מרירי ובלילה מפני אגרת בת מחלת · וכל שכן כשהלבנה בחידושה · ה' ישמרן מכל רע ישמור

ו כלומר שלא פקח אשה אלמנה ·

זאלסט ניט זיין צוא דיין חבר וויא איין פליג וואס זיא לאזט שטיין דאס גזונטע לייב אונ שטעלט זיך אויף דער נגע · כלומר אויב דו ווייסט עפיס אשלעכטע זאך אויף דיין חבר זאלסטו זיא ניט מגלה זיין נאר בדעק צו דיין חבר אויף זיין נגע · מיין זון דוא זאלסט אייביג לופין צוא טאן איין מצוה אונ קיין מצוה זאל ניט גרינג זיין אין דייני אויגן אונ זאלסט ניט זאגן דיא מצוה איז גרינג אונ די איז הארב ווארום דוא ווייסט ניט דעם שכר פון מצות אונ אלי דיינע מעשים זאלין זיין פון גאטס וועגן · בני מיין זון דו זאלסט ניט זיין צו איין גרוסר צדיק אונ צו איין גרויסער רשע אונ ניט קיין גרוסער ביישן אונ זאלסט זיך ניט דער בארימין איבער ארשע · אין אלי זאכן זאלסטו זיין אביישן נאר אויף אזו איי אורט וויא עס איז געוויינטליך אהיזק זאלסטו ניט זיין קיין ביישן · מיין זון אייביג זאלסטו זיצין אין בית המדרש אונ חאטשי דייני חברים שפעטין אויס דיר · מיין זון זאלסט ניט זיצן אין דר חברותא וואס ריידין שלעכטץ אויף זייערי חברים אונ זענין בעלי לשון הרע ווארום אלי דינע ווערין פאר שריבין אין בוך פון רשעים · בני מיין זון דוא זאלסט ניט טרינקין קיין גיליגעני וואסיר אונ זאלסט ניט עסין קיין עסין פון די הענט פון אמענטשין · אז דוא ווילסט משתין זיין אונ עס שטייען פיל מענטשין קאנסטו פאר זייא משתין זיין ווארום עס איז אסכנה איין צו האלטן דיה אונ זאלסט ניט טרינקין קיין וואסר אפילו פאר איין מענטשן · מיין זון דוא זאלסט ניט קאכין אין איין טאפ וואס דיין חבר הט דרינען גיקאכט דס האט ער גימיינט ער זאל ניט נעמן קיין אלמנה אונ מכל שכן אז צווייא מאנן זענן בייא איר גישטארבין ר"ל בני מיין זון זייא גיווארינט ניט צוא נעמין איין אשה וואס איז ניט ראוי צוא דיר . וויא איז צוא דעם וואס פסלת זייני קינדר ער נעמט ווייב פון אמשפחה וואס אין איר איז דא איין פסול · מיין זון זייא גיווארינט דוא זאלסט זיך ניט בהעפטין צוא דיין חייב בשעת אז זיא זייגט דאס קינד · אונ זאלסט ניט לאזין שלאפין דיין קינד אין וויג אליין אין איין חדר סאיי ביי טאג סאיי ביי נאכט · מיין זון דו זאלסט ניט שלאפין ב' י נאכט אליין אין איין חדר · מיין זון זאיי גיווארינט דיין זון דער ציהן צוא תורה לערנין אונ זאלסט אים ניט אוועק נעמין פון לערנין וועלין דייני טעג ניט אוועק גינומן ווערין פון דער וועלט · מיין זון זאלסט ניט טרינקן בייא נאכט אוף גידעקטי וואסער ווארום מקטריגים זענען אוף דער וועלט אונ צוקלין לייטי מיין זון זאלסט ניט זיצין אום תמוז אונ אב אין דעם שאטין פון דער זון אונ פשיטא

ניט

את נפשך ה׳ ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם • בני אל תאכל בשר (שנכנסה) בעוד שמסתלקת ההבל בין צלי בין מבושל • ואל תאכל תבשיל מקדרה שלא בשלו בה ל׳ יום . בני הוי זהיר בכל מאכלך לתת חלק לבוראך והחלק שלו הוא של עניים • לפיכך טול מן היפה שיש בשולחנך לתת לקונך • ואל תקלל חרש ויראת מאלהיך • בני דע כי בטחון הצדיקים הוא הטוב הגנוז מבורר תבל ארצו והוא מקום גנוז וסתום • ואין כל בריה יכולה לעמוד באותו מקום זולתי הרוחות הקדושות הטהורות המזומנות ליכנס לאותו מקום • והמקום הוא מטע שעשועיו של הקב״ה

תברא קודם שנברא העולם ואינו מן העוה״ז • תם ונשלם שלב״ע •

ואלה הדברים שהייתי נזהר בהם אני המחבר וראיתי לכותבם ומועילים הרבה לכל אדם ובפרט לתלמיד חכם שלא יבא חלול ה׳ על ידו • בני הוי זהיר כשתבא בבית חבירך אל תרים עיניך לראות בכלי ביתו • ולא בשום דבר שבבית : וכ״ש שלא תסתכל בפני אשתו ובנותיו • גם לא תשפיל עיניך כ״כ יותר מן הראוי • שגם זו רעה חולה שנראה כערמה שיחזיקוהו חסיד • וכשתאכל על שולחן חבירך אל תשבח מאכל שאכלת בבית אחר שנראה שאתה פוסל מאכלו • וכ״ש אל תאמר מאכל זה מוטעם וזה לא . אל תבא בבית חבירך יחידי שאם יחסר איזה דבר אע״פ שיתביישו לחשוד בפניך יחשדוך בלבם שאתה גנבתו • בני אל תשבח אשתך בפני חבירך וכ״ש בחברת אנשים פן יבואו לשנאות נשותיהם או לחשוק באשתך ולהרהר בה. בני הוי זהיר בבית שאתה רגיל ליכנס ותראה נוהגים בתוכה דבר מגונה תהא מוחה בידם ואל תחניף • שהקולר תלוי בצוארך שאפשר שאינן יודעים בגנות הדבר ולכך עושים • ואם יודעים ועושים אל תהיה מחזיקים • בני כשתכנס לבית חבירך ואתה רואה בו דבר מגונה אל תיסרהו בפני אשתו • ואל תשבח עצמך בפני אשתו במדות טובות שיש בך שמא תבא למאוס בבעלה ולחשוק בך • והוי זהיר בבית שתרגיל ליכנס אל תרבה בשאלות ואל תשבח להם בפניהם • ואל תרבה שיחה עם אשתו ובנותיו וכ״ש אחורי בעלה • ואם היא מתחלת לדבר עמך אחורי בעלה תהיה תשובתך לה בקול רם ולא כמתלחש עמה פן יחשוד בעלה

ניט שלאפין אונ זאלסט ניט שלאפין קעגין דער לבנה • גאט זאל דיך היטן פון אלים בייזין • מיין זון זאלסט ניט עסין קיין גיקעכץ פון אזו איין טאפ וואס מען האט דרינען ניט גיקאכט דרייסיג טעג • מיין זון זייא גיווארינט פון אלי דייני עסין צוא געבין איין חלק צוא דיין בשעפר דאס איז צוא דיא ארעמי לייט דרום נעם פון דעם בעסטן חלק וואס איז דא אויף דיין טיש צוא געבין צוא ארמי לייט אונ זאלסט ניט שעלטין איינים אונטער דיא אויגין אונ זאלסט זיך פארכטין פר דיין גאט • מיין זון ווייס אז דאס פאר זיכרונג פון דיא צדיקים איז דאס גוטס וואס איז בהאלטן אויף עולם הבא אונ דאס איז איין אורט וואס קיין בריה קען דארט ניט שטיין נאר די היליגי נשמות אונ עס איז בשאפן גיווארין פריער פון דער וועלט • ואלה אונ דאס זענין דיא זאכין וואס איך מחבר פלעג אין זייא נזהר זיין אונ מיר גיפעלין דיא צוא שרייבן אונ זייא העלפין זייער פיל צוא איטליכין מענטשין • בני מיין זון זייא גיווארינט אז דוא וועסט קומין אין דיין חבירס הויז זאלסטו ניט קוקין אויף זיין כלי בית אונ ניט אויף קיין שום זאך אונ מכל שכן אויף זיין ווייב אונ טעכטר אונ אויך זאלסט ניט צוא שארף אראפ האלטן דייני אויגין ווארום דאס איז אויך אשלעכטי מדה • אז דוא עסט בייא דיין חבר זאלסטו ניט לויבין דאס עסין וואס דוא האסט גיגעסין בייא אנדרין אונ מכל שכן דוא זאלסט ניט זאגין דאס עסין איז גוט אונ דאס עסין ניט • אל זאלסט ניט קומן אין דיין חבירס הויז אז קיינר איז דארט נישטא ווארום טאמר וועט עפיס פעלין וועט האטשי זייא וועלין זיך שעמן דיר צוא זאגין וועלין זייא דיך חושד זיין אין הארץ • מיין זון זאלסט ניט לויבין דיין ווייב פאר דיין חבר טאמר וועט ער פיינט קריגען זיין ווייב • בני מיין זון אין דער שטוב וואס דו ביסטו אליין אונ זעהסט זייא זענן זיך נוהג שלעכט זאלסטו זייא שטראפין אונ זאלסט זייא ניט חנפנין • ווארום עס איז מיגליך אז זייא זאלין ווישן אז מען טאר דאס ניט טון וואלטין זייא עס ניט גיטאן : מיין זון אז דוא גייסט ארין אין דיין חבירס הויז אונ דוא זעסט אים טון איין עבירה זאלסטו אים ניט שטראפין פאר זיין ווייב • אונ זאלסט זיך ניט לובן פר זיין ווייב ווארום טאמער וועט זיא פר מיאוסען איר מאן אונ וועט גלוסטין אין דיר • אין אהויז וואס דוא קומסט אויפט זאלסטו ניט צו פיל פרעגין שאלות אונ זאלסט ניט פיל ריידן מיט זיין ווייב אונ טעכטר אונ מכל שכן אונטער איר

בעלה שדבר סתר בינך לבינה · וכשתשב לאכול בשולחן אחד עם הבעל הבית ואשתו אל תשאל דבר ברמיזות כ"א בפירוש שקרוץ עינים יתן עצבת לבעלה · שיחשוד שהרמיזה הזה לדבר אחר עם אשתו · בני הוי זהיר כשתלך באכסניא אל תרבה יש בתך בבית כל היום כ"א בעת האוכל ואפי' בעה"ב בביהו כל היום כלו שאפשר שרוצה לעשות דבר שלא תדע · וכשמדבר עם אשתו אל תכנס בתוך דבריהם · ואם תראה בעל הבית מדבר עם אשתו בלחישה לפניך ובפרט על השולחן חקור עצמך אם יש בך דבר מגונה במאכלך וסלחש שתבין והפרוש ממנה. בני בלכתך באכסניא עם חברים הזהר להם אם תראו בי דבר שאינו הגון במאכלי או בדברים אחרים אמרו לי להזהיר עצמי ממנו · שאין אדם רואה חוב לעצמו · הוי זהיר באוכלך על שולחן חבירך אל תספר דופי משום אדם פן יאמר למחר ג"כ יספר ממני על שולחן אחד · הזהר כשהבעל הבית קנה כלים לביתו בראותך אותם עשה עצמך שאינך יודע שקנאם מחדש הוי זהיר בראותך לבוש חדש על חבירך שלא לעשות תמיהו' ולשבחו פןיפול עליו כתם או יקרע ויחזיקך לעין הרע ויתרחק ממך לעולם · בני הזהר עם אדם שנשאת חן בעיניו אל תרבה ישיבתך עמו וכ"ש שלא תרבה עמו בשאלות פן ישבעך וישנאך · וכ"ש עם אדם שלא נשאת חן בעיניו הזהר עם אדם שהוא קפדן אל תדבר עמו אלא שלום בלבד פן תבחר מחנק נפשך להנצל ממנו · בני הזהר והשמר מלשאול חסד של ממון מנבל וכילי פן יכלה כחך ותאבד ימיך ולבסוף יעלה חרס בידיך · בני אל תתראה עצמך שבע בפני רעבים · הוי זהיר מלדבר בדופי שום אדם בחברת אנשים או אפי' בפני אחד פן יהיה אביו או אחיו או קרובו ואינך יודע ובידעך תכסה בושה ותשינך כליסה ואינך יכול לתקן דכיון שהגיד שוב אינו יכול להגיד · בני הוי זהיר כשמשבחים אותך ומגדילים אותך השפל עצמך יותר ואל תכנים באזניך דברי שבחם כי אדם יראה ללבב ומכיר אדם בעצמו · ובפרט שאין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא · בני אל תזכור אהבת בנים בפני מי שהוא חשוך בנים · וכ"ש שלא תשחק עם התינוק בפניו ואם תבינו שמספ ד שאתה תחשדו לעין הרע עשה אופנים שאף שתשחק עמהם יהיה על אופן היותר קרוב שלא יצטער ·

מאן · אונ אז זיא הייבט אן מיט דיר צוא ריידין זאלסטו איר ענטפערין מיך ארויך קול דאס איז איר מאן זאל דיך ניט חושד זיין דאס עס איז איין פאר בארגניש צווישן אייך · אונ אז דו זעצט דיך עסין מיט דעם בעל הבית מיט זיין ווייב זאלסטו ניט פרעגין זיא אזאך אופין ווינק ווארום דאס קען זיין אחשד צו איר מאן : בני מיין זון אז דו קומסט צו נאכט זאלסטו ניט זיצין אגאנצין טאג אין שטוב נאר צום עסין ווארום טאמער וויל דער בעל הבית טון איין זאך וואס דוא זאלסט ניט וויסן · אונ אז ער רעט מיט זיין ווייב זאלסטו ניט אריין ריידין · בני מיין זון אז דו נייסט מיט דייני חברים צו נאכט זאג זייא אויב איר וועט זעהן אין מיר איין מיאוסע זאך זאלט איר דס מיר זאגין איך זאל זיך היטן דאס ניט צו טאן · זייא גיווארינט אז דוא עסט אויף דיין חברס טיש זאלסטו ניט דער ציילין קיין גנאי פון קיין מענטש ווארום ער וועט טראכטין מארגין וועט ער דער ציילין פון מיר בייא אנגדרין טיש · אז דוא זעסט דער בעל הבית קויפט נייע כלים מאך דיך גלייך ווייא דו ווייסט ניט אז ער האט זייא ערשט גיקויפט . הוי אז דוא זעסט איין נייא קלייד אויף דיין חבר זאלסטו עס ניט צו פיל לויבין ווארום טאמער וועט פאלין איין פלעק וועט ער זאגין דוא האסט איין עין הרע גיגעבין · מיין זון בייא דעם מענטש וואס דוא האסט נשא חן גיוועזן זאלסטו בייא אים ניט פיל זיצין אונ מכ"ש דוא זאלסט אים ניט צו לעסטיג ווערין ווארום ער וועט פון דיר זאט זיין אונ וועט דיך פיינט קריגן · מיין זון זאלסט ניט בעטן איין גישאנק פון אקארגין מענטש ווארום עס איז אשאד דיין צייט דוא וועסט ניט פועלין בייא אים · בני מיין זון דוא זאלסט זיך ניט ווייזין זאט פאר הונגעריגע לייט · זייא גיווארינט ניט רייהן שלעכטס פון קיין שום מענטשין פאר פיל לייט אדער פאר איינעם טאמער איז ער זיין קרוב אונ דוא וועסט עס ניט קענין פאר ריכטן · מיין זון אז מען לובט דיך אונ מען מאכט דיך גרוים זאלסטו זיך נידעריג מאכן אונ זייער לובונג זאל ניט אריין גיין אין דיינע אויערין ווארום א מענטש ווייסט נאר וואס זיינע אויגן זעהן אבר גאט ב"ה ווייסט ווס אין הארץ איז אונ אימליכר ווייסט דאך בייא זיך וואס ער איז · בני מיין זון זאלסט ניט דר מאנין דיא ליבשאפט פון קינדער פאר אזעלכין וואס האט קיין קינדר ניט אונ כ"ש שכן דוא זאלסט זיך ניט שפילן מיט קינדר פאר אים · אונ אוב ער איז מקפיד וואס דוא הוטסט זיך פאר אים צו שפילן

בני הוי זהיר כשתדבר עם אדם מבוער או שיש לו מום באיזה אבר שבגופו אל תסתכל בפניו ולא באבר שהמום בו · הוי זהיר כשתכנס במקום אנשים אל תשב במקום יותר גבוה תם לא על מקום שהוא יותר שפל · דשני הקצוות מורין גאות · בני הוי זהיר אם קללך חבירך וביזה אותך אל תשנא אותו בלבבך · אדרבא עשה עמו חסד בכל אשר תמצא ידך לעשות לשלם לו הטובה שבא לך על ידו · שעל ידי שקבלת בזיונו וקללתו נמחל עונותיך · בני כשתלבש בגד חדש בעוסרך בפני אנשים כסהו · וכ"ש בפני נשים · כי דבר זה מהדברים המגונים הבאים מפחיתות הנפש שבו להראות לאחרים כי הוא לבוש שני · בני הזהר שלא ליכנס בבית חבירך בשעת הסעודה פן תכבד עליו · בני הזהר כשמביאים איזה דבר אכילה בפני אדם עשה אופנים שיבין מהם שמעולם אין רצונך במאכל זה או עשה אופן שיכיר בך שכבר אכלת כדי שלא תכבד עליו ישיבתך שם · ובפרט אם היא סעודה שאינה מספקת לבעליה · בני הוי זהיר אם נתת מתנה לאדם לא תעבור לפניו · גם המקבל לא יעבור לפני הנותן עד יעבור זמן · שלא יחשוב שתעבור כדי שיחזור ויתן ויבא לבעוט במתנה ראשונה · בני הוי זהיר כשתתן מתנה לאדם אל תביט בפניו פן יתבייש ונמצא במקום מצוה נתת מסון לקנות עונשים לעצמך · בני הוי זהיר שכל מצוה שאתה עושה יהיה ראשונה בעיניך שעל ידי כך תבא להרבות במצות ואפשר שעל רמז זה התחילה התורה בראשית ז · בני הזהר אם נכשלת באיזה חטא אל ימעט בעיניך · בני הוי זהיר בראותך עצמך עשיר ומלובש בגדים יקרים ויושב בשער בת רבים אל ימעט אדם בעיניך . כי הממון והמלבוש והכבוד אינן בכלל אבריך הדבוקים בגופך אלא נרדפים ממך היום עמך ולמחר באחר שגלגל הוא שחוזר בעולם · וכארז"ל למה נקראו זוזים שזזים מזה לזה · בני כשאתה במושב אנשים בלום פיך מלדבר שאין שום כבוד נמשך מרבוי הדבור

ז לאמר שכל יום יהיה בעיניך כאלו היום הוא פעם ראשונה שלמדת תורה כמו שדרשו רז"ל ע"פ היום הזה ה' אלהיך מצוך כך פי' החכם השלם ר' יהודה אבולעפיה :

מיט דיא קינדר טוא אויף אזו איין אופן ער זאל זיך ניט מבער זיין · מיין זון אז דוא רעדסט מיט אמענטש וואס זיין פנים איז ניט שיין אודער ער האט איין מום אין זיין גוף זאלסט ניט קוקן אין זיין פנים אודער אויף דעם ארט אונ אויך ניט נאר הינטען ווארום דיא ביידע זאכין ווייזען אויף גדלות · מיין זון אז דיין חבר האט דיך געשאלטן אונ מבזה געווען זאלסטו אים ניט פיינט האבן אין הארץ אדרבא טוא מיט אים חסד אונ גוטס צוא בצאלין צוא אים דאס גוטס וואס דו האסט מקבל געווען דען דורך זיין בזיון אונ קללות זענין מוחל געווארין דייני זינד · מיין זון זאלסט ניט אריין גיין אין דיין חברס הויז בשעת עסין · מיין זון אז מען ברענגט עסין צוא אמענטשין אונ דוא ביסט אויך דארט מאך דיך אז ער זאל מיינען אז דוא האסט שון גיגעסין כדי דיין זיצן זאל אים ניט שווער זיין אונ בפרט אוב דאס איז אזו אסעודה וואס איז ניט גינוג צו איר בעל הבית · מיין זון אויב האסט גיגעבין אמתנה צו איין מענטש זאלסטו פאר אים ניט פאר בייא גיין ביז איין צייט כדי יענר זאל ניט מיינן אז דוא גייסט דרום אז ער זאל דיר כבוד אן טון אויך דער וס האט גינומן דיא מתנה זאל ניט פאר באיי גיין ביז איין צייט פאר דעם וואס האט אים גיגעבין די מתנה כדי ער זאל ניט מיינין אז ער וויל נאך אמתנה · מיין זון איטליכע מצוה וואס דוא טוסט זאל בייא דיר גירעכינט זיין ווי דוא טוסט דיא ערשטי מצוה דורך דעם וועסטו קומען צוא פיל מצות · מיין זון זייא גיווארינט אז דוא ביסט חלילה נכשל גיווארין אין איין עבירה זאל דאס בייא דיר ניט וועניג זיין נאר דוא זאלסט תיכף תשובה טון · בני מיין זון אז דוא ביסט איין עושר אונ אן גיקלייד מיט טייערי קליידער אונ ביסט חשוב בייא לייט זאל בייא דיר קיין שום מענטש ניט קליין זיין ווארום דאס געלד אונ כבוד וואס דוא האסט דאס איז ניט בהעפט אין דיין גוף היינט זענין זייא בייא דיר מארגין בייא אנדרין דען דאס עשירות איז איין ראד וואס דרייט זיך אום אויף דער וועלט היינט איז דאס בייא דיר אונ מארגין דרייט זיך עס איבר צו אנדרין · אונ אזו האבן אונזרי חכמים ז"ל גיזאגט פאר וואס ווערט דאס געלד אן גרופין (זוזים) איז טייטש רירין ווייל זייא רירין אוועק פון איינם צום אנדרין · בני מיין זון אז דוא זיצט צווישן לייט · פאר שליס דיין מויל פון ריידין ווארום פון פיל ריידין קומט קיין שום כבוד ניט דען דורך פיל רייד ווערט ניט פאר מיטען קיין זינד אונ דער תנא האט גיזאגט אונ איך האב ניט גיפונן קיין בעסרי זאך פאר

דעם

בי כל המרבה דברים מביא חטא וברוב דברים לא יחדל פשע. והתנא אמר ולא מצאתי לגוף טוב אלא שתיקה· ואע״פ שהדברים ערבים לשומעיהם דע שלא תקום משם בלי מצה ומריבה· אך תרבה בישיבתך דברי תורה ומוסר או בספורים המביאים לשומעיהם לידי יראת שמים· בני הוי זהיר שכל מעשיך יהיו לש״ש והוא יישר אורחותיך· בני הוי זהיר בכל דבר שאתה עושה לזכר לשיקוב״ה ושכינתיה ותשרה ברכה בכל מעשה ידיך· בני אל תבטח בחכמתך וכל דבר שאתה עושה ומצליח. דע שחכמתך לא עשה כלום כ״א שרצונו ית׳ כך· שהרי כמה חכמים יותר ממך אין מועיל להם חכמתם להצלית וכמאמר שלמה המע״ה וגם לא לחכמים לחם. בני הוי זהיר בכל עת ורגע לזכיר יום המיתה ויום הדין מניעה גדולה לאדם שלא לחטוא· בני ביום שאתה מתענה אל התראה עצמך בפני שום אדם שאתה בתענית ואל תתגאה בתעניתך פן תמעיט דמך וחלבך חנם· בני הוי זהיר בתועלת אחרים יותר מתועלתך· שאינו דומה עושה צדקה לעצמו מהעושה לזולתו· שהעושה לזולתו מורה על חיבוב המצוה וגם אחרים רואים ולמדים לעשות· בני הוי זהיר בעשותך מצוה ותמצא בה מונעים הרבה· כל כך שתראה מונעים בה תתחזק לעשותה· שתועלת רב מגיע לנפשך ממנה והשטן מבקש למנוע טוב מבעליו· ובכל אותם המונעים נתלבש בהם השטן למונעך והם שלוחיו· בני הוי זהיר ליתן מותר מאכלך לשכניך העניים ואל תאמר בלבבך איך אני נותן להם שיורים דמה דסנאי לך לחברך לא תעביד· דזה פיתוי היצר למונעך ממצוה ולהמית לעניים ברעב· שהדבר שלך הוא מותר לעני תחלת אכילה· בני הוי זהיר אם נכנס ויוצא אדם בביתך אל תמנע ממנו אכילה ושתיה בכל יום ויום כפי יכולתך· בני הוי זהיר כי תראה ערום וכסיתו ואפי׳ בכחובי בלאות שבביתך· שאם לפניך דבר קל ובזוי לעני נדמה לו דבר גדול ונחמד דיותר טוב להיות מכוסה בזה ולא ערום· בני הוי זהיר כשתשמע בשבח חבירך אע״פ שאין אתה מכיר בו הוי מסייע עם המשבח אותו· בני הוי זהיר שתראה חתן נכנס לחופה להקל בעיניו הוצאות הבית שאין ביד האדם כלום והקב״ה הוא הזן ומזמין פרנסה לכל אחד בעתו וזה מעשה בכל יום עם כל אחד ואחד· ובזה ילך לחופה בשמחה.

דעם גוף וויא צו שווייגען· אונ חאטשי דיא רייד זענען זיס צוא דיא וואס הערין זייא זאלסטו אבר וויסין אז דוא וועסט פון דארט ניט אוועק גיין אן קריג דרום איז בעסר זאלסט שווייגין· נאר קענסט רעדין דברי תורה אונ מוסר אדער זעליכי מעשות וואס ברענגן צו יראת שמים· בני מיין זון אלע דיינע מעשים זאלין זיין לשם שמים אונ גאט ב״ה וועט דיר רעכט פארטיגן דיין וועג· מיין זון איטליכע זאך וואס דו טוסט זאלסטו זאגין (לשם יחוד קוד״שא בריך הוא ושכינתיה) אונ דאן וועט רוען דיא שכינה אין דיינע ווערק· מיין זון דוא זאלסט זיך ניט פאר זעכרין אין דיין חכמה אונ אלי זאכין וואס דוא טוסט אונ בגליקסט· ווייס אז דיין חכמה האט גאר ניט גיטאן נאר מחמת דער ווילן פון גאט איז אזו ווארום עס איז דאך דא פיל גרעסרי חכמים פון דיר אונ זייער חכמה העלפט זייא ניט צוא בגליקן· אונ שלמה המלך ע״ה האט גיזאגט (וגם לא לחכמים לחם) אויך ניט אלע חכמים האבין ברוט· מיין זון איטליכי צייט אונ רגע זאלסטו גידענקין אן טוט אונ יום הדין אונ דאס האלט דעם מענטשין ער זאל ניט זינדגין· בני מיין זון דעם טאג אז דוא פאסט זאלסטו ניט זאגן פאר קיין שום מענטשין אונ זאלסט זיך ניט בגאוה האלטן טאמר וועט דיין תענית ניט אן גנומן ווערן דורך דעם· מיין זון זאיי צוא נוצין פיר אנדרי מער איידער פיר זיך ווארום עס איז ניט גלייך דער וואס טוט גוטץ פר זיך אליין צו דעם וואס טוט גוטץ צוא אנדרי ער ווייזט אז ער האט ליב דיא מצוה פון צדקה אונ לייט לערנין זיך פון אים· מיין זון אז דוא ווילסט טון אמצוה אונ מרעפסט שטערונגן זאלסטו זיך מער שטארקין זיא צו טאן· ווארום נור דר שטן וויל דיך שטערן אונ דיא אלי מניעות זענין פון שטן· בני מיין זון דאס עסין וואס בלייבט בייא דיר איבר זאלסטו עס געבן צו ארמי שכנים אונ זאלסט ניט טראכטן וויא וועל איך זייא געבין וואס איך וויל עס ניט עסין דען דאס איז איבר ביידונג פון יצה״ר ער זאל דיך פאר מייען פון אמצוה דען דיא זאך וואס בלייבט בייא דיר איבר איז דאס בייא דיא ארמי לייט אין גוטן עסין· בני מיין זון אז אמענטש גייט אריין אין דיין שטוב זאלסטו אים געבין עסין אונ טרינקען נאך דיין פאר מעג נאך· בני מיין זון אז דוא זעהסט איין ארומאן גייט נאקיט זאלסטו אים מאכן אסקבוש חי׳ומשי פון דייני אלטי קליידער· ווארום ווען בייא דיר איז דאס ניט נחשב אבר פאר דעם ארומאן איז דאס זייער גוט בני מיין זון אז דו הערסט לובן דיין חבר זאלסטו אים אויך לובן·

ויקנה בטחון בלבו וישען באלהיו · והוי זהיר בחתן הנכנס לחופה לסעדו כפי יכולתך ולשמחו ולכבדו בימי חופתו ולספר בשבחו באופן שתשמע הכלה וכל קרוביה. והוי זהיר לנחם למי שמתו בניו · ובפרט למי שמת לו בן יחיד. דברים הנוגעים ללב כדי שיכנסו דבריך באזניו ויקבל נחמה · כגון לומר לו אדם אינו חייב כי אם לעשות צוויו שהוא לעסוק בפריה ורביה להוליד בנים בין חיים בין מתים מקבל שכרו · והקב"ה עושה מה שהוא חפץ לטוב לאדם · ואם מתו לא נאבדו דמה לו שהם אצלו או שהם בעיר אחרת שלעולם בניו נקראים · וסופו להתקרב אצלם ולהיות עמם שנים אין מספר. ועוד אם היו בעולם עמו היה מקבל צער מחולאים · או שמא יקדיחו תבשילם ברבים ואז היה מתאוה העדרם יותר ממציאותם ועכשיו בטוח הוא בהם מכל נזק. ובמותו יצאו לקראתו · להגינו מכל צר ומסטין · ולהכניסו לגן עדנו · וכיון שכן מה לו להרבות בבכיה יותר ממה שנתנו חז"ל ג' לבכי ז' להספד ל' להספורת ולעבור על דרז"ל לקבל עונש בנפשו תעולה חרס בידו שאין רוב בכייתו ישיב מתו לביתו · כי אין על אדם כ"א לעשות ציווי ית' כי ע"ז בלבד בא לעה"ז · ועל הקב"ה לעשות מה שהוא חפץ בעולמו · וכדומה לזה ירבה עמו לנחמו והוי זהיר בעשיר שירד מנכסיו והחזקת בו אם הוכל וכבדהו כמקודם וספר לו מה שאירע לכמה שירדו מנכסיהם והיו באפס תקוה ועכ"ז חזרו לעושרם · ואם תראה שאין תקוה שיחזור לעושרו לפי הטבע וכפי השעה הדריכהו בדרכים שימשוך מהם הנאה מאחרים ובכל אופן היותר קרוב שלא יתבייש · והוי זהיר שלא להראות עניות לבני ביתך · וכל דבר ששואלת אשתך הוי מבטיח לה לעשות והקב"ה יזמין לך כי עיניה תלויות בך ועיניך תלויות בהקב"ה · ואם לא בא לידך למלאות שאלתה התלה הדבר שלא נזדמן עדיין דבר טוב והמתין עד שבא לידך ותדחנה בדברים עד שתבין כי אין ידך משגת · כלל העולה ספיך אל יצא אין בי יכולת שתתבזה בעיניה וירבו הקטטות ·

סיין זון אז דוא זעהסט אז איינער האט מורא חתונה האבין זאלסטו אים גרינג מאכין די הוצאות פון פרנסה · זאלסט אים זאגין אז גאט ב"ה שפייזט אונ גרייט אן פרנסה צו איטליכן אין זיין צייט אונ דורך דעם וועט ער גיין אונטער דער חופה מיט שמחה אונ וועט קריגן בטחון אין הארץ אונ אויך זאלסטו אים פריילך מאכן אונ אים ערליך האלטן אין דעם טאג פון זיין חופה אונ צוא דער צייטן זיין שבח אז דיא כלה אונ קרובים זאלין הערין · והוי זאלסט מנחם זיין אזעלכן וואס זייני קינדר זענין גישטארבן רחמנא לצלן אונ בפרט אזעלכי וואס ביי אים איז גישטארבין איין בן יחיד ר"ל זאלסטו אים טרייסטן מיט רייד וואס זייא זאלין אים גיין אין זייני אויערין אונ זאל מקבל נחמה זיין · דהיינו איין מענטש בדארף צוא טון דאס גיבאט פון גאט צוא גיווינען קינדר אונ סאיי זייא לעבין אונ סאיי זייא שטארבין ח"ו נעמט ער אלץ זיין שכר אונ אויך ווען זייא זענין גישטארבין זענין זייא דאך ניט פאר לארין ווארום זיי זענין אין גן עדן אייביג ווערין זייא גירופין זייני קינדר צום סוף וועט ער מיט זייא זיין · אונ אויך אז זייא זאלין גיוועזן זיין אוף דער וועלט טאמר וואלטן זייא שלעכט גיוועזן אבער אצונד איז ער פאר זעכרט אין זייא פון אלירלייא שאדן · אונ אז ער וועט שטארבין וועלין זייא אים אקעגין גיין אריין צו ברענגין אין גן עדן · וכיון אונ וואס האט ער צו וויינען מער פון דער צייט וואס אונזרי חכמים האבין גיגעבין דרייא טעג אויף גיוויין זיבן טאג אויף קלאגין דרייסיג טאג ניט שערין זיך אבר דער וואס וויינט אונ קלאגט מער פון דער צייט דר איז ווערט איין עונש · דער מענטש דארף טון נאר דאס גיבאט פון השי"ת ווארום דער צו איז ער גיקומן אוף דר וועלט אונ גאט ב"ה זאל טון אין זיין וועלט ווס ער וויל · אונ נאך מיט אזעלכי גלייכינש זאל ער אים טרייסטן · והוי זאיי גיווארנט אין איין עושר וואס איז ארום גיווארין דוא זאלסט אים שטארקין אונ האלט אים ערליך וויא פריער אונ דער צייל אים וואס עס האט זיך גיטראפן צוא פיל עשירים וואס זענין ארום גיווארין אונ זענין דער נאך ווידער עשירים גיווארין · אונ זאיי גיווארינט ניט צו ווייזן קיין ארומקייט צוא דיין הוז גיזינד אונ אלץ וואס דיין וייב בעט פון דיר וויא איר מבטיח צו טון אונ גאט ב"ה וועט דיר עס בשערין · דען זיא קוקט אום דו זאלסט איר געבין אונ דוא קוקסט אום גאט זאל דיר געבין · אונ אז דוא קענסט איר ניט געבין איר גיבעט זאלסטו זאגין פאר איר עס איז מיר נאך ניט אן גיקומן אונ איך וואַרט ביז עס וועט מיר אן קומן אונ זאל זיא מדחה זיין מיט רייד ביז זיא וועט פר שטיין אז ער האט ניט · הכלל דער כלל איז עס זאל ניט ארויס גיין פון זיין מויל אז ער קאן ניט ווארום ער וועט ביי איר מבוזה ווערן אונ

אך כ"ז שתבטיח אותה תהיה בשמחה כל אותו זמן ואם בכך לא תשמחנה מתי תשמח כיון שאין יכולת בידך. וביום שתרויח תן לה מאותם המעות שעם זה תאמין לך כשתבטיח אותה ותמשך עם זה זמן בשלום בבית עד שירחמו מן השמים. ואל תספר מרוחקך עם בני ביתך כי אין יכולים להחזיק בידך רק יהיו עצבים וחייהם בצער. אלא אמור להם התפללו עלי שיתן לי השם כדי להביא לכם. שבדברים אלו אין ניכר חסרונו שאפילו על עשיר מוטל לומר כן. והוי זהיר כשהאכילה שלפניך מועט משוך ידך כאלו אתה שבע כדי שתספיק לבני ביתך. והוי זהיר אם זקנה אשתך שים נגד עיניך צלם דמות נערותיה. ובזה לא התגנה בעיניך ולא תבא לתת עיניך באשה אחרת. ושים נגד עיניך בניך ובנותך שיש לך או שהיו לך ממנה. והוי זהיר אף בימים שאתה עצב על איזה סבה אל תמנע מלהראות פנים שוחקות לאשתך כדי שלא יראה לה שנכנס לך שנאה עמה. שהיא אינה יודעת בעצבונך ואם תספר לך לא תאמין. בני הוי זהיר מלהראות פנים שוחקות לבנידעד שישאו אשה. ולעולם יהיו תחת עול המוסר ולא תניחם בטלים רגע מת"ת. ולמדם כתיבה ושיהיו בקיאין בברכת נשואין וברכת אבלים ומזון. וכאלה הדברים שיהיו גבר בגוברין בכל דבר שבקדושה. וללמדם אומנות כארז"ל. ולהזהירם שכל חייהם יעסקו בתורה. ולהרגיל אותם מקטנותם במילי דחסידותא שיעשה בהם טבע וכשיגדלו לא יכבד עליהם הדבר. ולא תנשק לאשתך ולא תצחק עמה בפני בניך אפילו הם קטנים מוטלים בעריסה. ואין צ"ל דברים אחרים. כי הראיה נרשם בדעתם זוכרים עד יום מותם. והוי זהיר מטובחר המאכל תן בפי אשתך כדי שתהיה כל דעתה עליך ותגדל בניך בחיבה ותדריכם לתורה למלא רצונך כי רצונך בבני תורה. בני הוי רגיל בוותרנות אפילו בדבר מועט שיש לך. בני הוי זהיר אףבעת שיש עצבות בלבך לדבר עם כל אדם בפנים שוחקות. בני הוי זהיר כשאתה בסעודה של שמחה שלא להזכיר אפי' ד"ת שנזכר בהם דברי מיתה ואבילות וכדומה אלא אם כן אתה רואה באותה סעודה אנשים משחקים עם נשים ח"ו וכיוצא מדברים אלו שאז תגלגל להביא דברים המכניעים את הלב כדי שיפרשו. בני

הוי

עס וועט קרינג צווישן זייא. ווארום אז ער וועט איר צו זאגין צוא געבין אין אצייט ארום וועט זיא דער וייל פריילך זיין אונ אז דו וועסט זיא מיט אזו איין אופן ניט פריילך מאכין ווען דען קענסטו זי פריילך מאכן וייל מיטין אמת האסטו דאך ניט. אונ אין דעם טאג אז דוא ביסט עפיס מרויח גיב איר פון דעם געלט דורך דעם וועט זיא דיר גלייבין אז דיא וועקסט איהר עפיס מבטיח זיין אונ עס וועט זיין שלום ביייא אייך אין שטוב ביז גאט וועט זיך מרחם זיין איבער אייך אלע. אונ זאלסט צוא דיין הויז גזינד ניט דער ציילין פון דיין דוחק וייל זייא קענין דאך דיר ניט העלפין נאר זייא וועלין לעבין אין צער. זאג זייא בעט גאט פון מיינט וועגין אז ער זאל מיר געבין איך זאל אייך קענין מפרנס זיין אפילו איין עושר בדארף אויך אזוא זאגן. יהוי אויב מען גיט דיר ווייניג עסין זאלסטו נאך ווייניגער עסין גלייך ווייא דוא ביסט זאט בדי עס זאל גינוג זיין צו דיין הויז גזינד. אונ אויב דיין ווייב איז אלט זאלסטו גידיינקען דאס גישטאלט וואס זיא האט גיהאט אין איר יוגענט אונ דורך דעם וועט זיא ניט מבוזה זיין אין דייני אוגין אונ וועסט ניט געבין דיינע אוגין אין אנגדרי אשה אונ בעטראכט דיינע זין אונ טעכטער וואס דוא האסט פון איר. אונ אפילו ווען דוא ביסט טרויעריג זאלסטו פארט ווייזן אפריילך פנים פאר דיין ווייב כדי עס זאל איר ניט דאכטען אז דוא האסט עפיס איין שנאה אויף איר אונ אז דוא וועסט איר אפילו דער ציילין די זאך וועט זיא ניט גלייבין. בני מיין זון זאלסט ניט נאך לאזין דיינע קינדר ביז זייא וועלין נעמן ווייבער אונ איביג זאלין זייא קענען דיין אונטער דיין אויפזיכט זאלסט זייא ניט לאזין בטל גיין פון לערנען אפילו איין רגע אונ לערין זייא שרייבן אונ זייא זאלין בקי זיין אין אלע דברים שבקדושה אונ לערין זייא אמלאכה אזו ווייא אונזערע חכמים האבין גיזאגט אונ זאיי זייא מזהיר זייא זאלן לערנען תורה אונ זאל זייא גיוויינען אין זאכין פון פרומקייט אונ אז זייא וועלן גרוים ווערין וועט דס שוין בייא זייא ניט שווער זיין אונ זאלסט ניט קושין דיין ווייב אונ אויך ניט שפילין זיך מיט איר פר דייני קינדר תאמשי זייא זענין נאך קליין אונ זאיי מגדל דיינע קינדער מיט ליבשאפט אונ זאיי זיי מדריך צוא דער תורה זייא זאלין קענען לערנין. בני מיין זון זאיי גיוויינטליך אין דער מדה פון ותרנות אפילו מיט דעם ביסעל וואס דוא האסט. אונ אפילו ווען דוא האסט טרויעריקייט זאלסטו ניידין מיט אפריילך פנים. מיין זון אז דוא ביסט אויף אסעודה פון איין שמחה זאלסטו ניט רעדן פון שמארבן אונ פון טרויעריקייט פירין דו נעקסט אין דר סעודה אזם ארגעליבקייט דענטאלס

הוי זהיר מלהרבות דברים עם שכנותיך דכיון שמצויין אצלך בנקל יפתך השטן לחטוא בהן · בני הוי זהיר לעשות חסד עם כל אדם שבעולם בין ישראל בין נכרי·בני הוי זהיר מלהרוג שום בריה שבעולם לבד המזיקים שהתירו רז"ל להורגם ככלב שוטה וכדומה· ואל תעקור שום עשב חנם שלא לצורך רפואה וכדומה כי לכל עשב יש מלאך ממונה עליו כארז"ל ונמצא אז מסירו ממםשלתו כי זמן נותן לו מן השמים על עשב זה עד עת שתצטרך לעוקרו לצורך האדם · בני הוי זהיר שלא לצחוק משוטה אי מאדם שיש בו מום כי אינך יודע מה ילד יום · בני הוי זהיר להיות קצת .עצב כשעובר שבת ומועד כדי שלא יראה שהיה עליך למשא · בני הוי זהיר כשאתה מוציא הוצאות לסעודת שבת ומועד הוציא אותם בעוד שאתה רעב שעל ידי כך תרבה בהוצאה · לפי שהרעב יראה לו שלא ישבע ומרבה לקנות · ובימי השבוע להפך אחר שאתה שבע צא לקנות · בני הוי זהיר כל הוצאה שאתה מוציא לדבר מצוה יהיה בשמחה רבה ותזכה לעושר ולחכמה · בני הוי זהיר אפילו בשעה שאתה הולך בשוק לחשוב בדברי תורה או בדברי מצוה לבקשה · בני הוי זהיר כשתראה אדם עצב אל תעבור עליו אלא שאל ממנו סבת עצבותו ולפחות אם לא תוכל לתקן צערו עם מה שמדבר עמך מפיג צערו כדרז"ל ישיחנה לאחרים בני הוי זהיר שלא לצאת לשוק בלי פרוטה בכיסך רצוני לומר אם יש לך אל תניחם בבית כי פרוטה אחת מציל לנפשו ממות או ניצול עמה מיד רוצח או רואה עני מוטל למות ובאותה פרוטה קונה לו פת ומחייהו · בני הוי זהיר כשתבקר איזה קרוב או אהוב בחגים ובמועדים בקר גם לשכן שכנגדו ולעניים שבחצר · בני הוי זהיר לברך עד הפירות בט"ו בשבט שמנהג ותיקן הוא · בני הוי זהיר לקרבן קרוביך העניים להשתתף עמהם בגילם ובאבלם ויהיו מראשי הקרואים בכל שמחה וגיל שיש לך · בני הוי זהיר אם חננך השם בקול ערב אל תהי משורר שירי ענבים או שירי התולים כ"א שירי שבת והילול לה' ותוכחת מוסר הכנֿעים לב האדם ליראתו ית' ·

ויהיו

זאלסטו זעהן אז עס זאל ארין קומין אזעלכי רייד וואס מאכן אונטר טעניג דאס הארץ · בני מיין זון זאלסט ניט פיל ריידין מיט דיא ווייבער פון דיינע שכנים ווארום דער שטן קען דיך גרינג אן ריידן צו זינדיגן מיט זייא · בני מיין זון זאלסט טאן גוטץ מיט אלי מענטשין פון דער וועלט סאיי צו ישראל אונ סאיי צו איין אינו ישראל · מיין זון זאיי געווארינט פון צו הארגען איין שום בשעפעניש אין דר וועלט חוץ די וואס זענען מזיק וואס די חכמים ז"ל האבן זייא מתיר געווען צוא הארגען גליך וויא איין משוגנים הונט אונ נאך אזעלכי גלייכין · אונ זאלסט ניט ארויס רייסין אום זונסט קיין שום גרעזעל נאר סיידין פון ארפואה וועגין אדער אויף אנדערע זאך וואס דוא בדארפסט · בני מיין זון זאלסט ניט שפעטין פון איין נאר אדער פון אמענטש וואס האט אמום ווארום דו ווייסט ניט וואס דיר קען נאך גיבארין ווערין · מיין זון אז שבת אונ יו"ט גיין אוועק זאלסטו זיין אביסל טרויעריג צו ווייזין אז דוא ביינגסט נאך שבת אונ נאך יו"ט אונ זייא זענען אויף דיר ניט וויא אמשא · מיין זון אז דוא קויפסט איין לכבוד שבת זאלסטו עס דערמאלט קופין בשעת דו ביסט הונגעריג ווארום דורך דעם וועסטו פיל קופין וויל אז אמענטש איז הונגעריג דאכט אים ער וועט זייער פיל עסין · אונ דר וואכן זאלסטו גיין קויפין בשעת דו ביסט זאט · בני מיין זון אלי הוצאות וואס דוא גיבסט אוס פון וועגין אדבר מצוה זאל דאס זיין מיט גרוים שמחה וועסטו זוכה זיין צוא עשירות אונ חכמה · מיין זון זאלסט טראכטין אין דברי תורה אדר אין איין דבר מצוה אפילו בשעת דו גייסט אויף דעם מארק · מיין זון אז דוא זעסט אמענטש טרויעריג זאלסטו אים פרעגן פאר וואס ער איז טרויעריג ווארום דער מיט וואס ער וועט דיר דער ציילין גייט אביסל אוועק זיין צער · וויא אונזערע חכמים האבין גיזאגט אז איינר האט אצער זאל ער דאס אויס ריידין פאר אנדרע · בני מיין זון זאלסט ניט ארוס גיין אופין מארק אן אפרוטה ווארום אפילו איין פרוטה איז מציל פון טויט ער וועט זעהן איין אריםאן וועט ער אים קופין ברויט אונ וועט אים מחיה זיין · מיין זון זאיי געווארינט אום יו"ט צוא גיין זעהן זיך מיט איין קרוב אדר מיט אליב האבר אויך צו אשכן אונ צוא דיא ארמע לייט וואס וואנן מיט דיר אין איין הויף · בני מיין זון זאיי געווארינט אברכה צו מאכין איבר פירות חמשה עשר בשבט ווארום דס איז אמנהג פון פרומע יודן · מיין זון זאלסט מקרב זיין דיינע ארמע קרובים אונ גייא צוא זייא אויף זייערי שמחות אונ אין זייערי טרויעריקייט אונ אלע שמחות וואס דו מאכסט זאלסטו זייא רופין צום ערשטן · מיין זון אויב גאט ברוך הוא האט דיך מזכה געווען מיט איים קול זאלסט

נים

ויהו בירואה ז"א בקלות ראש ולא בפני נשים כדי שלא יהיה עריבות קולך לפח ומוקש ללכוד ביד יצרך · בני הוי זהיר שלא ימצא כתם על בגדיך ובכל עת יהיו בגדיך לבנים משום הכן. בני הוי זהיר לחצות היום חציו לתודה וחציו לגמילות חסדים · בני הוי זהיר בכל מקום שתכנס לקבוע ישיבתך בין העניים שנמצאו שם ובאמצעותיך יכבדו אותם כי באמצעיות המוכן מקבל הבלתי מוכן · ואם מקום סעודה הוא בסבתך יאכלו גם הם ממובחר המאכלים · בני הוי זהיר כשתכנס במקום סעודה אל הרבה ישיבתך שם ואין צריך לומר שלא תשתכר ואל התעסק בדברי צחוק והתולים בני הוי זהיר בהיותך במושב אנשים בשומעך מדברים בדופי שום אדם קום ברח לך · בני הוי זהיר מטיולים ומשתאות שהם חבלים לגררך לגיהנם · בני אל תקנא לבך בהצלחת הרשעים ובמעלתם ובכבודם כי המה יאבדו ואתה העמיד · בני הוי זהיר באשתך שלא תהיה יצאנית לבית המשתאות ואין צריך לומר בטיולי פרדסים ובחברת נשים המנבלות פיהם · ולא יהיה המניעה דרך מחלוקת כ"א בדברי פיוסים ודברי מוסר כדי שתזכה לבנים מהוגנים · ואל תמנענה מלהלוך לבית אביה ואמה או בבית קרובותיה· דמניעה זו שורש לקטטות ומריבות בביתו של אדם · ואם מהליכתה שם נמשך עצות רעות ורבוי השאלות · אזור נא כגבר חלציך למנוע הליכתה שם כי סופה לבא לידי גרושין · בני דע שכל קלון ובזיון המגיע לך יותר הם מקרוביך ומכיריך מאנשים מחוץ · בני הוי זהיר מלהתחבר עם כעסן ובעל מדות רעות לעשות שותפות עמו ושלא לשכון בשכנותו פן יהיו כל ימיך מכאובים ותהיה עבד לו וגם לא תשלוט בממונך · בני הוי זהיר שלא להפציר על שום דבר ושלא תכפול הדבור שני פעמים בדברך עם שום אדם · בני הוי זהיר מלדבר עם איש חכם בעיניו כי תשהיה עמו דבריך הנעימים ותצא מלפניו מחורף ומגודף . הרחק ממנו כהתרחק אדם מן הנחש · בני אל תבקש גדולה ואל תחשוק כבוד פן תאבד הגדולה והכבוד שבידך · בני הוי זהיר מלעשות שותפות עם רמאי

ניט זינגן קיין אוים גילאסענע לידער גאר אזעלכע גיזאנג וואס איז אלויבונג צו גאט ב"ה אונ דם גיזאנג זאל זיין מיט יראת שמים אונ ניט מיט קלות ראש אונ אויך ניט פאר ווייבר כדי דיין זיס קול זאל דיר ניט זיין צו איין שטרויכלונג · בני מיין זון זאי גיוואָרינט עס זאל ניט גיפונען ווערין קיין פלעק אויף דיינע קליידער אונ אלי צייט זאלין דיינע קליידר וויס זיין · מיין זון זאלסט טיילין דעם טאג אהלבין טאג לערנען אונ אהלבין טאג טאן גמילות חסד · מיין זון אין אלע ערטער וואס דו ווערסט אריין גיין זאלסטו קובע זיין דיין זיצונג צווישין די ארמע לייט וואס דארט זענן אונ דורך דיר ווערט מען זייא אויך ערליך האלטין אונ געבין דיא בעסטע מאכלים · מיין זון אז דו גייסט אויף אסעודה זאלסטו דארט ניט פיל זיצין אונ מכל שכן דוא זאלסט זיך ניט אן שיכרין אונ זאלסט ניט עוסק זיין אין שפעטרייא · בני מיין זון ווען דוא ביסט מיט מענטשין באננדר אונ הערסט זייא שענדין איין מענטש זאלסטו אנטלופן · מיין זון זייא גיווארינט פון שפאצירין אונ פון טרינקען שטארקי משקאות ווארום זייא זענן אזו ווי א שטריק צו שלעפין דיך אין גיהנם · מיין זון זאיי ניט מקנא אין דעם וואס דיא רשעים בגליקין אונ אין זייער כבוד ווארום זייא וועלין פאר לארן ווערין אונ דוא וועסט בלייבן שטיין אויף אייביג · מיין זון זאלסט אפ האלטין דיין ווייב זיא זאל ניט גיין שפאצירן אין ווין גערטנער אונ צווישן ווייבער וואס ריידין ניבול פה · אבער דאס זאל ניט זיין מיט מחלוקת נאר מיט גוטע רייד דאס זיא זאל זוכה זיין צו גוטע קינדר · אונ זאלסט זיא ניט אפ האלטן צו גיין צו איר פאטר אונ מוטער אדער צו אירע קרובים ווארום דאס ברייגגט קריג אין הויז אונ אוב פון דעם וואס זיא גייט אהין קומט ארויס בייזע עצות זאלסטו זיך שטארקין צוא פאר מיידין זיא פון צוא גיין אהין ווארום דער סוף ווערט ניט גוט זיין · בני מיין זון ווייס אז פון קרובים אונ פון בקענטע קומט צו מיינסטין שאנד איידער פון פרעמדע · מיין זון זאלסט זיך ניט בהעפטן מיט איין כעסן אונ מיט אזעלכין וואס האט שלעכטע מדות קיין חברותא צוא מאכין מיט אים אונ ניט צוא וואנען בייא אים ווארום דוא ווערסט מוזין אקנעכט זיין צוא אים אונ וועסט קיין שליטה האבין איבער דיין געלט · בני מיין זון זאלסט ניט ריידין מיט אמענטש וואס אים דאכט זיך ער איז אחכם ווארום וועסט פאר דארבין דיינע זיסע רייד אונ ער ווערט דיך זידלען דער וויטער זיך פון אים · מיין זון בגער ניט קיין גדולה אונ גלוסט ניט קיין כבוד ווארום וועסט נאך פאר לירין דיא גדולה אונ כבוד וואס דיא האסט פון פריער · בני מיין זון זאלסט ניט מאכן שותפות מיט איין רמאי ווארום דוא

ווערסט

כחושבך שעל ידו תרויח דע שלא תרויח כלום אלא ירויח מסונך לו ואתה תצא נקי מנכסיך · בני הוי זהיר לבקש חתנים לבנותיך ת"ח ובעלי מדות טובות ושאינן משתכרים · ואם לא המצא קח ישרים ונאמנים בעלי מדות טובות ומן משפחות מיוחסות · ועל כל פנים עם הארץ לא תקח שנמצא אתה מוכר בתך לשפחה ביד אכזרי שאין לה פדיון לעולם וכל ימיה יגון ואנחה וקלון וחרפה ובושה וכלימה · בני הוי זהיר מלבד החיוב המוטל עליך לבקר חולים הזהר יותר לבקר חולים מיסורין קשים ורעים יען תראה בעיניך ותכניע את לבבך הערל · שאע"פ שהדברים הקשים והיסורין הרעים נשמעים אין פועל השמיעה כראיה אע"פ שתהיה שמיעה מפי מגידי אמת · מי לנו גדול כמשה רבינו ע"ה הלא הראה שהקב"ה אמר לו לך רד כי שחת עמך ולא היה הדבר ההוא בספק כלל אצלו אחר שנאמר לו מפי השם יתעלה עכ"ז הסכים להוריד הלוחות ולא הניחם בהר וכשקרב אל המחנה וראה העגל ומחולות חרה אפו ושבר את הלוחות · הרי שנתפעל כחוש העין יותר כמה שנתפעל מחוש השמיעה אע"פ שכבר היה יודע הדבר באמת בלי ספק כלל · וכן הראה וישמע יתרו את כל אשר עשה אלהים למשה ולישראל עמו וגו' ושמע קריעת ים סוף ומלחמת עמלק עכ"ז לא נתפעל מן השמיעה כל כך עד שבא בעצמו אצל ישראל במדבר לראות בעיניו נסי מתן תורה והמן והבאר והעננים המסבבם · בני הוי זהיר שלא תוציא דבר מפיך אא"כ תבלע אותה שבעה פעמים ואח"כ עיין בה הרבה קודם שתוציאנה · בני אל תצטער מדוחק השעה פן יבא עליך איזה מקרה ממקריות דופי הזמן ותצטרך להתפלל לחזור למצב שהיית בראשונה · בני הוי זהיר למנוע רגליך מבית העשיר כשאין לך תועלת ממנו פן תהיה הכנסה זו לך לפוקה ולמכשול בעת חסרונך ובפרט בעת חוליך שכלם מסירים דעתם מכך להחזיק בידך באומרם פלוני העשיר כבר עיני השגחתו עליו להספיק צרכו ותמות בלא עתך · (ובבבא קמא פ"א) ארז"ל בתר מרי נכסי ציבי משוך וכו' ח שהכוונה לך אחריו משום דמשוך ציביה אבל כשאין נמשך דבר קים. ברח לך ובמקום שתראהו הטה את הדרך · בני אל ימעט בעיניך אויב אחד אעפ"י שיהיו לך אלף אהובים לפי שהאויב האחד יכול להפך אלף אהובים לאויבים והאלף אינן יכולים להפך האויב האחד לאוהב · בני הזהר כשתכנס בבית חברך אל תאכל מביתו דבר בלי רשותו שבא דבר איסור הוא שעשו משום רפואה · וכן אזהרה

ח פי' לך אחר בעל נכסים וא"כ מתוך ממונו · כלומר מייטב לך ג"כ · וא"כ פירושו כמן כבא דפטן במסכת חולין דף קכ"ד הנוגע בנ"ב סוגיא ממש :

וועסט בוודאי ניט מרויח זיין אונ דיין געלט וועט באיי אים בלייבין · מיין זון זאלסט זוכין פאר דיינע טעכטער מאנן תלמידי חכמים אונ מיט גוטע מדות · אוב דוא וועסט ניט געפינן אזעלכי נעם ערליכע לייט וואס האבן גוטע מדות אונ פון מיוחסים על כל פנים קיין עם הארץ זאלסטו ניט נעמן ווארום עס איז גלייך וויא דוא פאר קופסט דיין טאכטר פאר איין דינסט אין איין אום דער בארמיגער האנט וואס דו וועסט זיא שון קיין מאל ניט קענין אום לייזן אונ אלי אירע טעג וועלין זיין טרויערקייט אונ זיפצען אונ שאנד · בני מיין זון הויז דער מצוה מבקר חולה זיין זאלסטו מבקר זיין קראנקי וואס האבן שווערי יסורים כדי דיין הארץ זאל אונטר טעניג זיין ווארום דס וס דו הערסט פון דיא יסורים ווערקט ניט אזו אוף דיין הארץ וויא דוא זעהסט אליין דיא יסורים · מי ווער איז גרעסר פון משה רבינו ע"ה קענבטו זעהן אז גאט ב"ה האט אים גיזאגט דיא ישראל האבן גימאכט איין עגל חאטשי די זאך איז דאך ביא אים גווים גיוועזן פון דעסט וועגין איז ביי אים דיא דעה גבליבן ער זאל אראפ נעמן מיט דיא לוחות אונ אז ער האט גזעהן דאס עגל אונ דאס טאנצן האט ער צוא בראכן דיא לוחות ווארום וואס מען זעהט מיט די אויגן ווערקט עס מער וי מען הערט · בני מיין זון זאלסט ניט ארוס רעדין קיין ווארט פון דיין מויל ביז דוא זאלסט עס פריער זיבן מאל איין שלינגען אונ דער נאך זייא דיך ערשט גוט מיישב איידער זאלסט עס ארוס רייזן · מיין זון זייא גיווארינט פון צו גיין אין הויז פון איין עושר אז דוא האסט ניט פון אים ווארום דאס גיין צו אים וועט דיר שאדען טוען אין אצייט וואס וועט דיר שלעכט גיין וועלין אלי זאגין דער עושר האט השגחה אויף אים אונ דו וועסטו דער וייל שטארבן אן דיין צייט · מיין זון לאז ביא דיר ניט צו וויניג זיין איין פיינט חאטשי דוא האסט טויזנט פריינד ווארום איין פיינט קען פר קערן טויזנט פריינד צו פיינט אונ דיא טויזנט פריינד קענין ניט פאר קערין איין פיינט צוא א פריינד · מיין זון זייא גיווארינט אז דוא גייסט אריין אין דיין חברס הויז זאלסטו דארט ניט עסין קיין

שום

לבעל הבית שלא יניח בביתו דבר איסור במקום שהיד שולטת בו פן יכנס חבירו בביתו ויאכל בבלי דעת · בני במקום שתנות מבונך כדי שתתקשר נפשה של אשתך בנפשו של איש הלוקחה אתר מותך בחייך פזר אותו לצדקה כדי שתתקשר נפשך עם השכינה · בני הזהר הרבה בענין הצדקה בין כשיש בידך לעשות בין כשאין בידך תן כפי יכולתך ואם אין בידך כלום עשה בגופך · ואם חולה אתה בגופך במקום שאתה שם הוי מצטער בינך לבין עצמך מצרת העניים · ואם באים לפניך פייס אותם בדברים והחזק לבבם עם הקדוש ברוך הוא כי הוא בעל היכולת להשפיל ולהרים :

**פרק יז** יוכיח המבין וידריך המשכיל לבניו בדרכי השם מיד כשהם קטנים שמתחילים לדבר וירגילם לכל דבר שיאכלו שיאמרו אמן . וכשיגדלו יותר ירגילם בפסוק כגון תורה צוה לנו וכדומה · (כמו שכתב הרמב"ם ז"ל) · ומצאתי ספר נקרא אורך ימים קטן הכמות ורב האיכות וכל הספר ג׳ פרקים · הפרק הראשון מדבר בחינוך ומוסר הקטנים · הפרק הב׳ ידבר בענין הגאוה · הפרק השלישי ידבר במדת הענוה · וראיתי לכלול הג׳ פרקים בפרק א׳ רק בהפסק בין הפרקים לחבר את האהל להיות אחד בענין המוסר · וזה לשון הספר · ראיתי בדור הזה הרבה בנים הולכים אחר שרירות לבם בנים לא אמן בם נתגדלו בלי תרבות ובלי דרך ארץ · אכנם אין להאשים הבנים על כך כי הפשיעה היא מצד האב ואם שאינן חוששין לראות את הנולד ומונעים מוסר ומורא מן הקטנים תם כשיגדלו אינן מקבלין עוד מוסר · לכן כדי להסיר את המכשול מדרך עמנו שמתי את לבי לסדר ספר קטן בענין חינוך ומוסר הנערים · ולא באתי כמזהיר רק כמזכיר הדברים איך יהנהגו · ובכלל זה אזכיר הנשים והזכרים שילכו מישרים · כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך · אב ואם חושבים שהם אוהבים את בניהם אהבה שאין למעלה ממנה ובאמת הם שונאים אותם

שום זאך אין רשות פון בעל הבית ווארום טאמער איז דאס איין איסור זאך וואס מען האט עס גימאכט פון ארפואה וועגין · אונ אויך דער בעל הבית גיהער ניט צו לאזין אין זיין שטוב איין איסור זאך אוף אזו איין אורט וויא איטליכער קען עס נעמען ווארום טאמער וועט איינר אריין גיין אונ וועט עס עסין אן זיין וויסן · בני מיין זון אוף דעם אורט ווס דו זאלסט איבר לאזין דיין געלד נאך דיין טוט · גיב עס בעסער צדקה בייא דיין לעבין פון וועגין דיין נשמה זאל אן גקניפט ווערין אין דער שכינה · מיין זון גיב צדקה סאיי דוא האסט פיל געלד סאיי ווייניג גיב אלץ נאך דיין פאר מעג נאך אונ אוב דו האסט גאר ניט טוא צדקה אונ גמילות חסד מיט דיין גוף · אונ אוב דו ביסט קראנק זאלסטו דיך מצער זיין פון וועגין דיא ארמי לייט אונ אז זייא קומן פר דיר בעט זייא איבר מיט רייד אונ שטארק זייער הארץ צו גאט ברוך הוא ווס ער האט דיא מאכט נידריג צוא מאכען אונ דער היכן :

**פרק יז** יוכיח המבין ער זאל שטראפין דער פאר שטאנדיגער אונ דער קלוגער זאל מדריך זיין זייני קינדר פון זייער קליינהייט אין די וועגן פון גאט וויא זייא הייבן אן צוא רעדין זאל ער זייא גיוויינען אז פאר אלמען וואס זייא וועלין עסין זאלין זייא זאגין אמן דער נאך אז זייא ווערין גרעסער זאל ער זייא גיוויינען מיט דעם פסוק תורה צוה לנו משה אונ נאך וועלכי גלייכן אזו וויא דער רמב"ם שרייבט אונ דער נאך זאל ער זייא גיוויינען צו מאכען א ברכה איבער זייער עסין אונ טרינקין · אונ איך האב גזעהן אין א ספר וואס הייסט (אורך ימים) ער שרייבט איך הב גזעהן פיל קינדער גייען נאך דעם ווילן פון זייער הארץ זייא ווערין גיוואקסין אן (תרבות) אונ אן (דרך ארץ) נאר באמת מען האט דיא קינדער דרויף ניט זייער שולדיג צו מאכן · נאר זייערי פאטר אונ מוטר וועגן דרויף שולדיג דאס זייא טראכטין ניט צו זעהן וואס דער פון קען ארויס קומן אונ פר מיידין שטראף אונ פארכט פון דיא קינדער קליינערהייט אונ אז זייא ווערין גרוס ווילין זייא שון ניט הערין · דרום כדי אפ צוא טון דאס אומגליק האב איך מיך גישטארקט צו מאכן איין קליין ספר אין דעם ענין פון שטראף פאר קליינע קינדר · אונ בין גיקומן דער מאנען וויא מען זאל זיך נוהג זיין מיט די קליינע קינדר אונ אין כלל וועל איך דר מאנען מאנין אונ ווייבר אז זייא זאלן גיין אין רעכט פארשטן וועט צו ערליך האלטן פאטר אונ מוטר דאס זייא זאלין לאנג לעבין · אב פאטר אונ מוטר מיינען זייא האבין ליב זייערי קינדר אבר באמת האבן זייא פיינט די קינדער · ווי שלמה

המלך

אותם שנאה גדולה · ועל זה העיד שהמע״ה חושך שבטו שונא בנו ואוהבו שחרו מוסר · הקטן משעה שיש לו שכל להבין נגערת אביו ואמו חייבים לגעור בו אם הוא עושה דבר שלא כהוגן · ועתה בזמן הזה לא די שאינן גוערים בו אלא הם שמחים ומתפארים על חכמת הילד שיודע להרעי׳ ומלמדים אותו לקלל ולדבר דברים רעים וגם כן ממלאים תמיד כל רצון הקטן הן באכילה הן בשאר דברים · יש נותנין לילד ספר לשחוק בו והוא קורע הספר והוא עון פלילי לעשות שחוק באותיות הקודש · ויש זקנים שאינן נוהגים כבוד בספרים מניחים המחזור או התפלין במקום שהם יושבים וזהו זלזול גדול · הקטן יושב לאכול עם אביו ואמו ופושט ידו לאכול קודם המסובין ובזה מתגדל הנער בזדון לבו בלי מורא ובלי תרבות ובלי דרך ארץ · עד שיגיע לבן ח׳ שנים או ט׳ אז אביו ואמו רוצים לתקן את אשר עותו כבר ולא בא לידם כי הנער מבקש למדו ואם לא יתנו לו אז הוא בא לקלל אביו ואמו · ומי חייב בכל זה אלא אהבת אב ואם ורחמנות שלא לשם שמים · והנה מאהבה זו והרחמנות נתהפכו לשונאים ולאכזרים לפי שמנעו מורא ומוסר מן הקטן ועתה בגדלו הוא מטיל מורא עליהם ואין להם עוד רשות ליסר אותו · לפי שיפחדו עליו שלא יצא מן הכלל · ואם ישאל אדם למה אתם מונעים מוסר מן הקטן, אז משיבים המגפה מצייה ואנו מפחדים ליסר הקטן · והנה ראה והבן שקר התשובה הזאת · התורה אמרה כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך · ואב ואם מונעים המורא מן הקטן וזו סבה שלא יקבל מצות כבוד אב ואם · ולא זו בלבד אלא שגורמים להם שיבאו לידי חיוב מיתה כי המקלל והמכה אביו ואמו מות יומת · ואיך יעלה על הדעה שיענש הקטן שידריכו אותו ללכת בדרכי התורה ח״ו ולחשוב מחשבת און על משפטי השי״ת · ועוד ראה שטות וסכלות התשובה הזאת · הילדים האסונים עלי תולע ואשר לא נסו כך

המלך ע״ה האט גיזאגט דער וואס פאר מייד זיין רוט דער האט פיינט זיין זון אבר דער וואס האט אים ליב דער שטראפט אים אלע טאג דען אקינד וויא ער קריגט נאר שכל צו פאר שטיין איין גישרייא זענן זיינע פאטר אונ מוטר מחויב אן צו שרייען אוף אים אז ער טוט אאום רעכטי זאך · ועתה אבר אין היינטיגר צייט ניט גנוג וואס זיי שרייען ניט אן אוף אים נאר זייא פרייען אונ בארימן זיך נאך אוף דער חכמה פון דעם קינד וואס ער ווייסט צו טאן שלעכטץ אונ זייא לערנען אים צו שעלטן אונ צו ריידן שלעכטי רייד אונ אוך טוען זייא גאר זיין ווילן סאיי אין עסן סאיי אין אנדרי זאכן · יש אטייל געבין איין קינד איין ספר ער זאל זיך שפילן מיט אים אונ ער צוא רייסט דעם ספר · אונ דאס איז אגרוסע זינד · אונ עס איז דא אלטי לייט וואס זייא לייגען דעם מחזור אדר תפילין אוף דעם אורט ווי זיי זיצין אונ דס איז אגרוס זלזול · דס קינד זעצט זיך עסין מיט פאטר אונ מוטר אונ שטרעקט אוס זיין האנט פריער צו עסין פון אלע דורך דעם ווערט דאס קינד דר וואקסן אן (תרבות) אן (דרך ארץ) ביז ער ווערט אלט אכט ניין יאר דענמאלט וויל שון זיין פאטר אונ מוטער פאר רעכטין דאס וואס זייא האבין פריער פאר קרימט אבר זייא קענין שון ניט פאר רעכטן וויל דאס קינד וויל שון וויא ער איז גיוואנט גיווארן אונ אז מען וועט אים דאס ניט געבן וועט ער שעלטין פאטר אונ מוטר · ומי דאס איז נאר שולדיג זייער ליבשאפט אונ רחמנות וואס איז ניט (לשם שמים) אונ פון די דאזיגי ליבשאפט אונ דר בארימקייט ווערט פר קערט צו אומדערבאריסקייט וויל זייא האבין פריער פאר מיטן דיא שטראף פון אים אונ דיא פארכט אונ היינט אז ער ווערט גרוס וואקסט דאס קינד פארכט אויף זייא · זייא האבין אים שון מורא צו שטראפן ער זאל זיך ניט ח״ו כופר זיין · ואם אונ אז איינער פרעגט זייא ווארום פר מייד איר שטראף פון דעם קינד ענטפרן זייא · עס איז שכיחה איין מגפה ר״ל האבין מיר דרום מורא אים צו שטראפין כדי ער זאל זיך ניט פאר עסין · אבר דער ענטפר איז פאלש ווארום דיא תורה זאגט האלט ערליך דיין פאטר אונ מוטר כדי דו זאלסט לאנג לעבין אונ זייא פר מיידן דיא פארכט פון דעם קינד אונ דורך דעם וועט ער דאך אויף זיך ניט מקבל זיין די מצוה פון ערליך צוא האלטין פאטער אונ מוטר אונ זענן נאך גורם אז ער זאל חייב מיתה ווערין ווארום דר וואס שעלט פאטר אונ מוטר איז חייב מיתה אונ וויא קען דאס אויף גיין אופין שכל אז דאס קינד זאל גישטראפט ווערין אז זייא וועלין אים פירין אין דיא וועגין פון דער תורה ח״ו צוא טראכטין אום רעכט אוף די משפטים פון גאט ב״ה · אוך זעה דאס נארישקייט פון דעם ענטפר דען די קינדער וואס קענן טויט זייא נייער ווילן דיא

שטארבין

כף רגלם הצג על הארץ ותמיד ממלאים כל רצונם מהם מתים ממגפה או משאר מיני חולאים א"כ אין המוסר גורם המיתה רק החטא ממית. ואדרבא בזכות המוסר הטוב ינצל מן המיתה · יש אומרים שטבע הרע הוא שולט ואינו מועיל המוסר גם זה הבל ושקר וע"ז אמר שהמע"ה אולת קשורה בלב נער שבט מוסר ירחיקנה ממנו · ר"ל אע"פ שהטבע הרע הוא קשור בלב הנער עכ"ז במעט מעט שבט מוסר ירחיק ממנו האולת · ואמר עוד חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו · וכן בהרבה מקומות הוא מזהיר על מוסר הבנים אם כן ההרגל הוא שולט ולא הטבע · ואם אינו מורגל במורא ומוסר בקטנותו גם לאחר שיגדל לא יחלוק מורא וכבוד לאביו שבשמים ולא לאביו ולאמו ואיך יזכה לאורך ימים · אמנם המורא והמוסר הזה צריך ישוב הדעת ולא חרון אף וכעס · ארז"ל אל יטיל אדם אימה יתירה על בני ביתו · ודע שכל מקום שאתה מוצא כעס ורוגז שם המזיקים מוכנים להזיק הש"י יצילנו · ובפרט בזמן המגפה שאז מצויין הרבה מזיקים והמכה הבאה בכעס מכת המגפה מתדבקת על המכה ההיא . ועיני ראו ולא זר · ולכן יהיה כל אדם מושל ברוחו ויהיה נזהר מאד מן הכעס · ואם צריך להטיל מורא על בני ביתו יעשה תנועות כמי שכועס אבל תהא דעתו מיושבת עליו · ויהיה נזהר מאד שלא יקלל אשתו ובני ביתו . וכן אסור לאדם להכות אשתו כי די לאשה שהיא סובלת צער הריון לידה וצער גידול בנים ועליה מוטל כל צרכי הבית ואין ראוי לצער אותה על מה שיש לה כבר · ואם היא עושה דבר שאינו ישר בעיני בעלה יתקן הדבר בדברים רכים המושכים את הלב ולא יכה ולא יקלל אותה · חייב כל אדם לכבד אשתו יותר מגופו כי אין בית אלא אשה · הנשים מקללין בני הבית במגפה ושאר קללות · צריך להזהיר אשתו ובני ביתו שלא תעלה קללה על פיהם לפי שהשטן הוא מקטרג ועל הזכרת עון תחול הקללה השם ית' יצילנו . רבים נוהגים ללמד הקטן לקלל והוא שטות ראוי ללמדו דברים טובים וברכות ומי יתן ויועילו הברכות ·

שטארבן דוקא אין דער מגפה אודר פון אנדרי קרענקן ר"ל איז גדרונגען אז דיא גוטע שטראף בייד איז ניט גורם דאס שטארבן נאר די זינד איז עס גורם אונ אדרבא אין דעם זכות פון די גוטע שטראף ווערט ער ניצול פון דעם טוט · יש אטייל ענטפרין אז ער ווערט גיבארן מיט אשלעכטע טבע העלפט אים שוין קיין שטראף ניט · דאס איז אוך הבל אונ פאלש אונ אוף דעם האט שלמה המלך ע"ה גיזאגט (אולת קשורה בלב נער) ווען דאס נארישקייט איז אן גקניפט אין דעם הארץ פון אקינד דאס הייסט זיין שלעכטי טבע איז אן גקניפט אין דעם הארץ פון דעסט וועגין (שבט מוסר ירחיקנה ממנו) מיט ארוט פון מוסר וואס ער שטראפט אים ביסלעך וויים קען ער עס פון אים דער ווייטרן · אונ אוף פיל ערטר איז ער מזהיר צו שטראפין דיא קינדר דען דאס ווענט זיך ניט אין דער טבע נאר אין דעם רגילות אונ אוב ער איז ניט גיוואנט קליינרהייט אין פארכט אונ מוסר דער נאך אז ער ווערט גרוס וועט ער קיין כבוד ניט אפ געבין צו הש"י אונ אוך ניט צוא פאטר אונ מוטר אונ וויא קען ער זוכה זיין צו לאנג לעבין · נאר די פארכט אונ שטראף מוז דער פאטר טון מיט ישוב הדעת אונ ניט מיט כעס אזו וויא אונזרי חכמים האבן גזאגט אמענטש זאל ניט ווארפין איין איבריגע פורכט אין זיין הויז · ודע ווייס אז אויף דעם אורט וויא עס איז דא כעס דארט זענין אן גיברייט מזיקים מזיק צו זיין · גאט זאל אונז היטין פון זייא · אונ בפרט אין דער צייט אז עס איז שכיח אמגפה ר"ל דענמאלט איז דא פיל מזיקים אונ דאס שלאגין וואס קומט מחמת כעס בהעפט זיך מכת מגפה צו דעם שלאגין ואונ דאס האבין מיינע אוגין גזעהן · דרום זאל איטליכר מענטש גיוועלטיגן אין זיין כעס אונ אוב ער דארף ווארפין איין פורכט איבער זיין הויזגזינד זאל ער מאכין אזעלכי תנועות גליך וויא ער איז אין כעס אבר זיין דיעה זאל מיושב זיין · אונ זאל נייער גיווארינט זיין ניט צו שעלטן זיין וייב אונ קינדער אונ אזוא אוך טאר אמענטש ניט שלאגין זיין וייב ווארום גנוג איז צו דר אשה וואס זיא לייד צער פון גידול בנים אונ אוף איר איז גיווארפין גאר דס בדערפניש פון דער שטוב אונ אוב זיא טוט אזאך וואס אים געפעלט ניט זאל ער עס פארעכטין מיט וייכי רייד אונ זאל זיא ניט שעלטין · ער מוז אן זאגין זיין וייב אונ זיין הויזגזינד אז קיין קללות זאלן ניט ארויס גיין פון זייער מול וייל דער שטן איז מקטרג דרויף אונ דער סאנט זייערי זינד אונ אויף דעם דר מאנונג פון זינד קען חלילה רוען דיא קללה · גאט זאל אונז מציל זיין דער פון · מען גיהער לערנין אקינד גוטע רייד אונ לייטין ברכות געבן · אבער שלעכטי רייד אונ קללות בדארף מען אים ניט

לערנן

דברים רעים וקללות אינן צריכים לימוד כי יצר לב האדם רע מנעוריו · עוד יש מנהג רע בעת שמוליכים הקטן לבית המדרש שמצוים למלמד בפני הקטן שלא יכו אותו והקטן שומע שאין לרבו להכותו אז הוא מוסיף זדון · אמנם המלמד אינו יוצא ידי חובתו אם אינו מטיל מורא על הנערים להדריכם בדרך הישר · וכארז"ל לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה · ראוי היא לחקור המלמד אם הנער שומע בקול אביו ואמו ואם נזהר בנט"י וברכת המוציא ובה"מ ואם הוא מרוצה במה שישימו לפניו לאכול · ויצוה לו שילך לבהכ"נ להתפלל ולענות אמן ושלא ידבר בבהכ"נ בשעת התפלה · וכיוצא בזה ידקדק על הנערים לחנכם במצות ולהנהיגם בתרבות ובד"א · ומצד היתר זה מותר למלמד לקבל שכר מהנערים ולא שכר הלמוד · כל הנ"ל הוא קל עשות אבל אם אב ואם מכסים פשע הנער וזדונו הנזק הוא שלהם וסוף שיקבלו חרטה · בקיצור עצה היעוצה שירגילו אב ואם את הקטן במורא ובמוסר הטוב וישימו לו לאכול על שלחן קטן לבדו ובזה יתגדל בתרבות וד"א וגם אחר שיזקין ינהוג אימה וכבוד לאביו שבשמים וג"כ באביו ואמו · ובזה יזכה לאורך ימים וימצא חן בעיני אלהים ואדם והכל יאמרו ברוך שזה ילד ברוך שזה גדל : אחר שכתבתי ענין חניך הנערים ובלי ספק מי שממלא רצון הקטן סופו יעלה למדת הגאוה · ע"כ אזכיר הנזק המגיע לאדם ממדת הגאוה · ודע כי הגאוה היא פתח והתחלה לכל המדות הרעות · בעל גאוה אינו עושה שום מצוה לש"ש רק כוונתו דיהורא ותמיד הוא חס על כבודו ולא על כבוד הבורא וכ"ש אינו חס על כבוד שום בריה והוא מתכבד בקלון חבירו ומוציא דבה על כל אדם ומדבר בגאוה ומסתיר פניו מהביט אל עני ונכה רוח · כי נראה לו שהעני מסריח וכן הוא מלביש את עצמו בגאוה ואם אין לו רואה לגזול ולגנוב · בעל גאוה רודף תמיד אחר השררה ורוצה שתהיה ידו על העליונה ומתוך זה הוא בא לידי שנאה ומריבה · צא ולמד מקרח בעבור שנתגאה בעשרו רדף אחר השררה וירד חיים שאולה הוא וכל אשר עמו · וראה כמה קשה כח הגאוה והמחלוקת שאפילו יונקי שדים שלא חטאו נאבדו עמו · אמר החכם הזורע גאוה וקטטה יקצור דאגה וחרטה . ואמר אם תקום תדאג ואם תסלת תשמת

לערנן דאס וועט ער ממילא קענין · עס איז א שלעכטר מנהג וואס פאטר אונ מוטער זאגן צום מלמד דעם קינד אין דיא אויגין ער זאל אים ניט שלאגין אונ דאס קינד הערט אז דער מלמד האט קיין רשות ניט צו שלאגן לערינט ער זיך ניט · אמנם ווארליך דער מלמד איז ניט יוצא אז ער ווארפט ניט קיין פארכט אויף דיא קינדער זייא מדריך צו זיין אין גוטן וועג דרום גיהער דער מלמד נאך צו זוכן אויב דס קינד הערט זיין פאטר אונ מוטר אונ אויב ער וואשט זיך אונ מאכט המוציא אונ בענטשט · אונ אויב ער איז צו פרידען מיטן עסין אונ זאל אים גיוויינען צוא גיין אין שול דאבנען אונ אמן ענטפרין אונ זאל ניט ריידין אין שול אונ זאל מדקדק זיין אויף דיא קינדער זייא גיוויינן אין מצות אונ דרך ארץ אונ פאר דעם מעג דער מלמד נעמין גיצאלץ ניט פאר דעם לערנין · אונ פאטער אונ מוטר וואס בדעקן דיא זינד פון דעם קינד ווילין חרטה האבין · בקיצור דיא בעסטע עצה איז אז דיא פאטער אונ מוטר זאלין גיוויינין דאס קינד מיט מורא אונ מוסר אונ מיט דרך ארץ · אונ אז ער וועט עלטר ווערין וועט ער זיך נוהג זיין מיט פארכט אונ מיט כבוד צו השי"ת אונ צו פאטר אונ מוטר אונ דורך דעם וועט ער לאנג לעבין אונ וועט גיפינען חן ביי גאט אונ לייט אונ אלע וועלן זאגין גיבענטש זאל זיין דער וואס האט אזעלכס אויף גיצויגין · אונ דער וואס גיט נאך דעם קינד וועט דאס קינד קריגען גאוה · דרום וועל איך שרייבין דעם שאדין פון גאוה · ודע זאלסט וויסין אז גאוה איז איין אן הייב צו אלע שלעכטע מדות · איין בעל גאוה טוט ניט קיין מצוה פון גאטס וועגין נאר פון גאוה וועגין אונ האט תמיד חס אויף זיין כבוד אונ ניט אויף דעם כבוד פון דעם בשעפר אונ פשיטא אויף דעם כבוד פון לייט אונ ער ווערט גיערליכט מיט דעם שאנד פון זיין חבר אונ זאגט רכילות אויף אלע מענטשין אונ רעט מיט גאוה אונ פאר דרייט זיין פנים פון איין אריסאן אונ אויך גייט ער גיקליידעט מיט גאוה אונ אז ער האט ניט זעהט ער צו גנבנען אונ גזלנען · א בעל גאוה זוכט תמיד נאך הערשאפט אונ קומט צו פיינט שאפט אונ קריג · צא לערין עס פון קרח ווי ער הט זיך בעל גאוה גיהאלטן האט ער גיזוכט הערשאפט אונ צום סוף איז ער ארין לעבדיגערהייד אין גיהנם אונ זעה וואס פאר אשלעכטיקייט דיא גאוה אונ מחלוקת איז דען אפילו זייגנדיגע קינדר וואס האבין דאך בוודאי ניט גיזינדיגט זענן אויך פאר לארין גיווארין מיט אים דער חכם

האט

תשסח. הרודף אחר הכבוד הכבוד בורח ממנו. בעל גאוה לעולם אינו מודה על האמת. ולא די זה אלא שג״כ מבקש לאמת השקר שלו ועובר על לא תשא. הראב״ע ז״ל האריך מאד בענין השבועה וכתב שלאו זה הוא קשה מכל הלאוין שבעשרת הדברות.. כי הרוצח או הגונב או הנואף למלאת תאותו הוא עושה עבירה בסתר ואינו יכול לעבור בכל עת שירצה כי יפחד על נפשו. וזה עובר על לא תשא לאו קשה שכתוב בו כי לא ינקה בלי שום הנאה שיגיע לו מזה. והוא מחלל שם שמים בפרהסיא בכל עת ובכל רגע. ואפילו לפני דבור קל הוא מקדים השבועה אין פחד אלהים לנגד עיניו. ואם לא היה בישראל רק עון זה מספיק להאריך הגלות. ואפי׳ השפל מכל אדם יחרד על הרגל הרע הזה. וכל הרגיל בעבירה זאת ראוי וטוב היה לו לקבל עליו לתת פרוטה אחת לתלמוד תורה בכל פעם שמוציא שם שמים לבטלה. והשומע שם שמים מחבירו לבטלה והשומע שבועה מחבירו ראוי להזכירו שיתן הפרוטה לתלמוד תורה. ובדרך זה מעט מעט כל אחד ירחיק עצמו מהרגל הרע הזה ומן העונש הגדול. והעושה גם המעשה תבא עליהם ברכת טוב. הנשים רגילים לישבע בחיי בעליהן ובניהם אפילו על דבר הבל גם זה מנהג רע הוא מאד כי א״א שלא ישבעו לפעמים לשקר. לכן כל אשה האוהבת בעלה ובניה תסלק עצמה מן הרגל הרע הזה. הנשים יש לחן גאוה ואינן יודעות העונש והנזק הבא מגאוה זו. לכן ראיתי להודיע להן במה יכשלו כדי שירחיקו עצמן מן העון. יש אשה בביתה היא לובשת בגדי שפחה ויוצאת בחוץ בבגדי תפארת כדי להראות לכל את יפיה. ולא נכון לעשות כן. אשה צנועה אשר יראת אלהים בלבה ראוי שתתקשט עצמה בביתה כדי שלא יתן בעלה דעתו באשה אחרת. אשה שהיא יוצאת בחוץ מקושטת היא חוטאה ומחטיאה אחרים. כי אפשר שיפגענה בור עם הארץ ויעבור על לא תחמוד אשת רעך. ולא זו בלבד אלא בעת שיתחבר הבור עם אשתו יתן דעתו ביופי האשה שראה ביום והבנים במחשבה זו נקראים בני התמורה. ואלו הבנים אי אפשר שיהיו טובים לפי שבאים במחשבת עון. והנה האשה היוצאת מקושטת גורמת מכשול עון ותקלה לאיש ההוא. והנזק הבא מגאוה זו שאנחנו בגלות בעונותינו והקמים נגדנו

האט געזאגט דער וואס זיעט גאוה און קריג דער שניידט זארג און חרטה דער וואס יאגט נאך כבוד אנטלויפט דער כבוד פון אים. איין בעל גאוה איז קיין מאל ניט מודה אויף דעם אמת און וויל זיין פאלשקייט מאכן פאר אמת און שווערט דרויף און איז עובר אויף דעם לאו (לא תשא). הראב״ע אונ דער אבן עזרא שרייבט אז דער לאו איז ערגער פון אלע לאוין וואס עס שטייט אין דיא עשרת הדברות. ווארום דער וואס הרגת אדר גנבת דער טוט דיא עבירה אז קיינער זאל ניט זעהן און קען עס ניט עובר זיין אין אלע צייט וואס ער וויל. ווארום ער האט מורא פר לייט. אבר דער וואס איז עובר אויף דעם לאו שטייט דער ביוא (לא ינקה) גאט וועט ניט ריין לאזין דעם וואס שווערט פאלש און ער האט דאך דער פון קיין שום הנאה ניט און איז מחלל גאטס נאמן און הט גאר קיין פארכט ניט פאר גאט און דיא עבירה אליין איז גנוג צוא דער לייגערין דעם גלות ח״ו. וכל דער וואס איז גיוואנט אין דער עבירה גיהער אויף זיך צו נעמין אז אלע מאל וואס ער וועט שווערין אום זונסט זאל עס געבין קנס אויף תלמוד תורה און אויך דער וואס הערט אז זיין חבר דער מאנט אום זונסט גאטס נאמן אדער אשבועה גיהער ער אים צו דר מאנין אז ער זאל געבין קנס אויף תלמוד תורה און מיט דעם דרך וועט ער זיך ביסלעך וויים אפ גיוויינען פון דעם שלעכטן הרגילות און וועט ניצול ווערין פון גרויסין עונש. תכשים דיא ווייבער זענין גיוואנט צוא שווערין אין לעבין פון איר מאן און אירע קינדער אפילו אויף איין נארישע זאך איז דאס אויך זייער אשלעכטער מנהג ווארום עס איז ניט גימאלט אז זייא זאלין ניט שווערין אמאל פאלש דרום איטליכע אשה ווס הט ליב איר מאן און אירע קינדער זאל זיא זיך אפ גיוויינען פון דעם שלעכטין הרגילות. און ווייל דיא ווייבר האבין גרויס גאוה און ווייסן ניט דעם שאדין וואס קומט פון גאוה וועל איך זייא מודיע זיין כדי זייא זאלין זיך דער ווייטרין פון זונד. יש עס איז דא איין אשה וואס אין איר היים גייט זיא אן גיקלייד וויא אדינסט און אויסין מארק גייט זיא רייך גיצירטע קליידער. און עס איז ניט רעכט אזו צו טאן. נאר איין אשה צנועה גיהער זיך צו צירין פאר איר מאן אבער ניט ווען זיא גייט אויף דער גאס ווארום עס איז גימאלט איינר וועט זיא בגעגינען און וועט עובר זיין אויף (לא תתמוד אשת רעך) זאלסט ניט גלוסטן דאס ווייב פון דיין חבר. און בשעת ער וועט זיך

בהעפטן

ראים תכשיטי אשה מכסף וזהב ומבקשים עלינו עלילות שקר · השי״ת יצילנו מידם ומכל רע אמן · שום תועלת אינו יוצא מהגאוה · ועתה בזמן הזה אפי׳ שאין יד בעלה ששנת היא רוצה להראות גאותה · ואינה חוששת אם יבא בעלה לידי סכנה בגזילה או בגניבה · אמנם האיש שיש לו שכל ראוי לו לראות את הנולד · גם ישים לבו על כל העבר כי כמה גזירות רעות וקשות ושמדות עברו עלינו בעבור הגאוה כמו שנזכר בספר שבט יהודה · יש אשה יושבת בפתח ביתה להניק את הילד והעובר דרךשם רואה אותה מגולה · ויש אשה שמגלה שער ראשה · אין אלו דרכי צניעות · כל בת שכל תשים אל לבה איך היא צריכה רחמים בעת לדתה השי״ת ירחם · ע״כ כל בת ישראל תבחר ללכת בדרך הישר בעיני אלהים ואדם כדי שתזכה לאורך ימים ותזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות · בעל גאוה בועט ביסורין ואינו שם לבו להתפלל ולשוב אל השם · זה המוכה בסנורים איך לא ישים אל לבו לשוב להתפלל אל השם בעת צרתו והוא ידע שהועילה התפלה לחזקיה המלך לאחר שנגזרה עליו המיתה וע״י תפלתו ועל הדמעות שהוריד הוסיף לו הש״י ט״ו שנים · רבים מישראל אינם חוששין להתפלל עם הצבור כל ימי השבוע ובשבת הם באים רגע אחד · וגם ברגע ההוא אינם מכוונים לשמוע תפלת החזן ולא על עניית אמן · אבל הם פונים לדבר זה עם זה דברים בטלים · ובאמת כל המדבר בשעת התפלה גדול עונו מנשוא ולמה לא יקח ק״ו בעצמו אם הוא בא לדבר עם הדיוט הוא מכוין לשמוע את דברי חבירו כדי להשיב לו על דבריו ולפני הקב״ה אשר בידו נפש כל חי הוא פונה עורף לדבר עם חבירו יש לך עון גדול מזה · לכן ראוי ונכון לעמוד בכל בהכ״נ איש אחד להזהיר את העם ולגעור במי שמדבר בשעת התפלה · כל מי שאינו מכוין להתפלל אינו מאמין בהשגחה ולא בשכר ועונש · בעל גאוה הוא מכפויי טובה ואינו נותן הודאה למקום שנא׳ ורם לבבך ושכחת את ה׳ אלהיך וגו׳ · הכלל העולה כל מי שיש לו גאוה הקדוש ב״ה והבריות אפילו בני ביתו שונאים אותו לפי שהוא אכזרי וכעסן · אמר החכם מן התימה איך יתגאה האדם והוא עובר תמיד על

גשר

בהעפטין צוא זיין וייב וועט ער טראכטין פון דער אשה וואס ער האט גיזעהן ביא טאג · אונ דיא קינדער קענין גאר ניט גוט זיין וייל זייא זענן גיקומן פון איין מחשבה פון זינד מבילא דיא אשה האט גורם גיוועזן דיא תקלה צו דעם מענטש · שום קיין נוצין קומט ניט פון גאוה דען זיא וויל וייזין איר גאוה הארט עס זיא גאר ניט וואס איר מאן האט ניט · אבער דעם מענטש וואס הט שכל גיהער צוא זעהן וואס פון דער גאוה קען ארוס קומן אונ וויא פיל גזירות עס זענין שוין גיקומן איבר דער גאוה וויא עס שטייט אין שבט יהודה · יש עס איז דא אזעלכע וייבער וואס זעצין זיך אויף דער טיר פון דער שטוב זייגן דאס קינד אונ ניט בצניעות · אויך איז דא אזעלכע וס נייען אויף גידעקט די האר אבר דאס אלץ איז ניט דרך צניעות · איטליכע אשה גיהער צוא גידיינקן וויא זיא בדארף דער בארימהערציגקייט פון גאט אין דער צייט אז זיא זאל גיווינן דאס קינד גאט ב״ה זאל זיך דער בארימען אויף אלע יודישע טעכטער · איין בעל גאוה איז אום צו פרידן מיט יסורים אונ טוט ניט זיין הארץ צוא בעטין גאט אונ תשובה צו טאן ער זאל אים מציל זיין פון די יסורים אונ ער ווייסט דאך אז חזקיהו המלך איז קראנק גיווארן איז אויף אים נגזר גיווארן ער זאל שטארבין אונ ער האט תפלה גיטאן פאר גאט ב״ה האט ער אים גימערט פופצן יאר · רבים פיל לייט זארגן נים צוא דאבנען מיט צבור אגאנצע וואך אונ אים שבת קומן זייא אין שול ארין אויף איין רגע דאבנען אונ אויך אין דער רגע זענן זייא ניט מכוין צו הערין דיא תפלה פון חזן אונ אויך ניט צוא ענטפרין אמן אונ זייא ריידין דברים בטלים איז אגרויסע עבירה · ער זאל זיך אפ לערנן איין קל וחומר ווען ער טוט ריידין מיט אמענטש איז ער מכוין צו הערין דיא רייד אונ פאר גאט ב״ה וס אין זיין האנט איז דאס לעבין פון אלע בשעפינש קערט ער זיך אוועק מיטן אקין אונ רעט בעסער מיט זיין חבר איז דען דא אגרעסרע עבירה דער פון · דרום איז רעכט אין איטלכם קהל צוא שטעלין איין מענטש ער זאל מזהיר זיין אונ אן שרייען דעם וס ער רעט בשעת דאבנן · כל איטליכר וואס איז ניט מכוין רעכט צו דאבנען דער גלייבט ניט אז גאט ב״ה איז איין משגיח אונ גלייבט ניט אין שכר אונ אין עונש · הכלל דער כלל איז איטליכר מענטש וואס האט גאוה האבין אים פיינט גאט אונ לייט אונ אפילו זיין הוז גידינד האבין אים פיינט · דער חכם האט גיזאגט עס איז זיך צוא פאר וואנדערין וויא זאל דר מענטש זיך בעל גאוה האלטין אונ ער גייט תמיד אויף איין צו בראכנעם

ברוך

גשר רעוע ושבור ואין ראוי שישען ויבטח עליו לב אדם כי אינו יודע בשכבו ובקומו מה ילד יום · ולא יועילו להציל אותו לא גאות החכמה ולא העושר ולא הגבורה · הגאוה היא חולי קשה וכבד מביאה את האדם לאבוד עה"ז ועה"ב · לכן כל בעל שכל יבקש לו רפואה לחולי זה קודם שיגבר עליו החולי וקודם שתקפוץ עליו הזקנה · כי יבחר במדה הענוה כי אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד · מדת הענוה היא סולם לעלות בה לכל המדות הטובות והיא ראש והתחלה לכל מצות התורה ראשית דבר יראת ה׳ · יסוד הענוה היא אדם המכניע ומשפיל עצמו לפני הבורא ית׳ בימי בחרותו בעודו בכחו והוא שמח בחלקו ואם הוא עשיר נותן שבח והודאה לאל הנותן לו כח לעשות חיל · ומכיר החסד והטובות שעושה עמו הקב"ה בכל עת ובכל שעה · אם עושה מצות הרבה הם מעטים בעיניו ואינו מחזיק טובה לעצמו · ואם משבחין אותו על מעשיו הטובים הוא מצטער על זה לפי שיודע ומכיר שאין מספיק לו כל המצוה שיעשה בערך על אחת מאלף הטובות שהקב"ה עושה עמו בכל יום · בעל ענוה אינו רודף אחר הכבוד ולא אחר הנאת הגוף ולא באכילה ולא בשתיה ולא בשאר כל צרכי הגוף רק תמיד הוא מכוין לעבודת הבורא ית׳ · אוכל ושותה כדי שיהיה לו כח לעבוד את ה׳ · נושא אשה לקיים מצות השם · ומלביש עצמו לכבוד השם וכל מעשיו הם לשם שמים · יש אדם בוחר במדת ענוה ומלביש עצמו בלויי סחבות ופורש עצמו מכל הנאות העולם מסגף עצמו בתעניות יותר ממה שיש לו כח לסבול · על אדם הזה אמר שהמע"ה ראית איש חכם בעיניו תקוה לכסיל ממנו · התורה אמרה וחי בהם ולא שימות בהם · יש אדם מראה עצמו כעניו וחסיד ושבע תועבות בלבו וסופו תגלה רעתו לכל ויהיה ללעג וקלס וחרפתו לא תמחה בעה"ז ובעה"ב · בששה אותות ניכרת הענוה האמתית · האות הראשון מי שמביישין אותו ויש בידו לנקום והוא מוחל על עלבונו זה אות נאמן שהוא עניו · האות השני מי שבא לו נזק או צער וצרה והוא מקבל עליו מאהבה גם זה עד נאמן על הענוה · האות הג׳ הוא מי שמשבחין אותו על מעשיו הטובים והוא מצטער על זה ואומר כל מה שעושה הוא כטפה מן הים כנגד מה שאני חייב לעשות · ואם אין בו מה שמשבחים אותו הוא גוער בזה המשבח אותו ואומר אינו אמת מה שדברת גם זה עד נאמן לענוה

בריק ער ווייסט דאך ניט וואס מיט אים קען זיך מאכען אונ דיא גאוה וועט ניט העלפין מציל צו זיין · דיא גאוה איז זייער אשווערע קרענק זיא ברענגט דעם מענטשין ער זאל אן ווערין די וועלט אונ יענע וועלט · דרום דער וואס האט שכל זאל זיך זוכן ארפואה צו דער קרענק איידר די קרענק וועט זיך שטארקן אויף אים אונ איידר ער וועט אלט ווערין אונ זאל זיך אויס דר ווילין אין דער מדה פון ענוה וועט ער לאנג לעבין אונ וועט האבין עשירות אונ כבוד · מדת דיא מדה פון ענוה איז וויא אלייטר אויף צו גיין דורך איר צו אלי גוטע מדות אונ זי איז איין אן הייב צו אלי מצות פון דר תורה · דער יסוד פון ענוה איז וואס ער איז זיך מכניע פאר דעם בשעפר בשעת ער איז נאך אין זיין כח אונ ער פרייט זיך מיט דעם וואס גאט האט אים אפ גיטיילט אונ אויב ער איז איין עושר גיט ער לויבונג אונ דאנק צוא גאט וואס ער האט אים גיהאלפין דער צוא אונ דערקענט דיא טובות אונ חסדים וואס גאט ב"ה טוט מיט אים אלע רגע אונ אז ער טוט פיל מצות זענין זיא ווייניג אין זייני אויגין אונ אז מען לובט אים אויף זיינע גוטע מעשים איז ער זיך מצער דרויף וויל ער ווייסט אז אלע מצות וואס ער האט גיטאן זענין ניט גענוג פאר איין טובה וואס גאט ב"ה טוט אים אלע טאג · בעל דער וואס האט ענוה יאגט ניט נאך כבוד אונ הנאה פון גוף נאר ער איז מכוין פון גאטס דינסט וועגין ער עסט אונ טרינקט כדי ער זאל כח האבין גאט צוא דינען ער נעמט אווייב מקיים זיין די גיבאט פון גאט אונ קלייד זיך אן פון גאטס כבוד וועגין אונ אלע זיינע מעשים טוט ער פון גאטס וועגין · יש עס איז דא אמענטש וואס ווייזט זיך וויא איין עניו אונ איין חסיד אונ אין זיין הארצין האט ער זיבן און ועדריקייט אונ צום סוף ווערט אנפלעקט זיין בייזקייט צוא אלע אונ ער ווערט צוא אשפעטונג אונ זיין שאנד ווערט ניט אפ גימעקט אויף דער וועלט אונ ניט אוף יענער וועלט · בששה דורך זעקס צייכין ווערט דער קענט דיא מדה פון ענוה · דער ערשטער צייכין איז אז מען איז אים מבייש אונ ער איז מוחל זיין בזיון · דער אנדערר צייכין איז דער וואס עס קומט אים איין שאדין אודער אצער אונ ער נעמט עס אן מיט ליבשאפט · דער דריטער צייכין איז דער וואס מען לויבט אים אויף זיינע גוטע מעשים אונ ער איז זיך דרויף מצער אונ זאגט דאס אלץ וואס איך טוא איז ניט אפילו וויא אטיפה קעגין דעם וואס איך בין שולדיג צוא טוען אדער ער שרייאט

לענוה׳ האות הד׳ הוא זה שנותן לו הקב״ה עושר ובנים וכל אשר יעשה יצליח והוא משפיל את עצמו כנגד ה׳ וכנגד עניים ומרודים גם זה סימן מובהק לענוה׳ האות הה׳ הוא הרואה חובה לעצמו אם עשה לחבירו דבר שלא כהוגן הוא מכניע עצמו לפניו ומפייסו הן במעות הן בדברים ענוה זו היא טובה מאד׳ האות הו׳ היא המלביש עצמו בענוה ומדבר בנחת עם בני ביתו ועם כל אדם והוא נאמן במשא ובמתן ובכל עסקיו׳ כל אלו הדרכים מורים על אמיתת הענוה׳ בכל המדות ילך האדם בדרך בינוני ובענוה יבחר לו הקצה האחרון׳ אברהם אע״ה היה אב המון גוים ואמר ואנכי עפר ואפר׳ משה ארונינו היה מלך על כל ישראל ואמר ונחנו מה׳ וכתיב והאיש משה ענו מאד׳ כל עניו הוא רחמן וסבלן ולומד מן כל אדם ודן את כל אדם לכף זכות והוא אוהב שלום ורודף שלום ובכל עסקיו הוא רואה לקיים ואהבת לרעך כמוך׳ הקב״ה הוא אוהב הענוה יותר מקרבנות שנאמר זבחי אלהים רוח נשברה׳ לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה׳ הרבה ענפים טובים מסתעפים מאילן הענוה ואוכל מפירותיהן בעה״ז והקרן קיימת לו לעוה״ב׳ זה הכלל הענוה היא יותר שהכל תלוי בה׳ עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר׳ יקרה היא מפנינים וכל חפצים לא ישוו בה׳ בואו אחי ורעי שמעו נא לעצתי ואכלו מפרי עץ החיים פרי הענוה ותזכו בזה לאורך ימים ותמצאו חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם׳ דבר ידוע הוא שהעני מתרשל במוסר הנער יותר מהעשיר׳ ואשה תחניף הילד יותר מהאיש׳ לכן כדי להציל זרע קודש מדינה של גיהנם׳ ראיתי להזכיר עוד ולעורר אב ואם שלא יתרשלו המוסר הבנים׳ ובזה יזכו הם וגם בניהם לאורך ימים׳ ה׳ יזכנו לביאת משיחנו במהרה בימינו אמן׳ ויקיים בנו מקרא שכתוב אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי אמן ואמן׳ (עד כאן דברי ספר אורך ימים)׳ ובפרקים דלעיל כבר הארכתי הרבה במעלת הענוה ובגנות הגאוה׳ אך כיון שהזכיר בעל ספר אורך ימים מענין הענוה שהרבה ענפים טובים מסתעפים ממנה׳ הנני אראך שחיים נמשך לאדם ע״י השפלות והענוה׳ ומזקנים אתבונן דפירשו על פסוק יתן למכהו לחי ישבע בחרפה׳ שהכוונה הבא להכות לחבירו ומשפיל עצמו בפניו ונוטה לו לחיו שיכהו מתבייש המכה איך הושפל זה לפניו תמסר בידו ומניח אותו׳ ושיעור הפסוק כשיתן האדם למכהו לחי ישבע המכה בחרפה ואינו מכה אותו׳ הרי שפלותו נתן לו חיים׳ הלא תראה דבר קשה נופל ממקום גבוה ונשבר ונייר אי נוצה נופלים ואינן נשברים׳ קלות שבהם הוא מצילם משבירה׳ עוד דע יש מקום בעולם שבא עליו רוח חזק מאד משבעים שנה לשבעים שנה ועוקר הרים ומשבר סלעים ועוקר האילנות וכל הבתים ובני אדם הנמצאים עומדים על רגליהם

אן אונ זאגט עס איז ניט אמת וואס דוא זאגסט׳ דער פירדער צייכן איז דער וואס גאט ב״ה גיט אים עשירות אונ קינדער אונ איז מצליח אונ ער האלט זיך נידריג קעגין גאט אונ קעגן ארומע לייט׳ דער פיפטר צייכן איז אז ער האט גיטאן צוא זיין חבר איין אום רעכטע זאך איז ער זיך מכניע פאר אים אונ בעט אים איבער מיט געלד אודר מיט רייד׳ דער זעקסטער צייכן איז דער וואס רעט מיט נחת מיט זיין הויז גיזינד אונ מיט אלע לייט אונ איז ערליך אין משא ומתן אונ אין אלע עסקים׳ דיא אלע זאכין וויזין אויף דיא אמתי ענוה׳ מכל אין אלע מדות זאל דער מענטש גיין אמיטעלן וועג אבער אין מדה פון ענוה זאל ער זיך דער ווייטערדיגסט דעם הינטרשטין עק׳ אברהם אבינו האט גיזאגט איך בין ערד אונ אש׳ משה רבינו האט גיזאגט וואס זענגן מיר גאר׳ אין פסוק שטייט אונ משה רבינו איז גיוועזן זייער אגרוסר עניו׳ וכל איטליכר עניו איז איין דער בארעמיגר אונ אסבלן אונ לערינט פון איטליכין מענטשין אונ איז איטליכן מענטשין דן לכף זכות אונ האט ליב שלום אונ אין אלע זיינע עסקים זעהט ער מקיים צוא זיין דעם פסוק׳ ואהבת לרעך כמוך זאלסט ליב האבין דיין חבר אזוי וויא דיך אליין׳ הקב״ה גאט ב״ה האט דיא ענוה בעסער ליב פון קרבנות׳ ווארום דיא ענוה איז דער שורש פון אלע גוטע מדות׳ דאס שטייט אלץ אין ספר אורך ימים׳ ובפרקים איך האב אין די פריערדיגע פרקים פיל גישריבין פון מעלות ענוה אונ פון דעם שאנד פון גאוה נאר וויל דער ספר אורך ימים האט גישריבען פון ענוה וועל איך דיר אויך ווייזען אז דורך דער ענוה קומט ארויס לעבין׳ הרא דוא קענסט זעהן איין הארטי זאך פאלט ארא פון אהויך אורט ווערט עס צוא בראכין אונ פאפיר אודער אפעדר פאלט אונ ווערט ניט צו בראכין דאס איז זייער גרינגקייט איז זיא מציל פון בראך׳ עוד נאך חיים אז עס איז דא איין אורט וואס אלי זיבציג יאר קומט אשטארקיר ווינט אונ רייסט אום בערג צוא ברעכט שטיינער אונ ביימר אונ

הויזער

רגליהם נושא אותם למרחקים מקום שלא נודע · אך בראות אנשי אותו מקום שמתחיל הרוח הזה נופלים שטוחים על הארץ ואוחזים עצמם בעשב אחד רך מאד ובהיותם נאחזים באותו עשב אין יכול הרוח להשיאם ונצולים · כי הרוח הזה אינו עומד כי אם כשיעור רבע שעה · אך כל דבר קשה וכל דבר גבוה מפיל ומשבר ונושא אותם ואין צריך לומר לאדם שנמצא עומד על רגליו ואפילו נופל אם אינו אחוז באותו עשב הרך דוקא · חהו בודאי שעשה אלהים להראות לאדם מעלת השפלות שאין דבר קשה יכול לעמוד בפני הרך · תדע רמז נכון למעלה השפלות שהרי העבד בעבור ירידתו שירד למדרגת עבד קנה שתי מעלות · מעלה ראשונה מתורה שבכתב שקוראהו עברי שנאמר כי תקנה עבד עברי כשם גדול בענקים אברהם אבינו ע"ה דכתיב ויגד לאברם העברי · מעלה שניה מתורה שבעל פה שקראו אדון שהרי אמרו הקונה עבד עברי בקונה אדון לעצמו · וכדי שתשפיל ותכניע לבבך הערל אכתוב לך דברי המקובלים ז"ל ממאורעות האדם בגופו ובנפשו · וז"ל צריך כל אדם להיות זהיר וזריז בעבודת אלהים בשביל שבכל יום ויום מכריזים ואומרים עד מתי פתאים תאהבו פתי שובו בנים שובבים ארפא משובתכם · וכן התורה מכרזת כן ואין מי שישגיח בה · והרי אדם הוא כאורח בעולם הזה והוא סובר שלעולם יחיה עלי ארץ ויעמוד בה לדורי דורות וכאלו כל העולם היא שלו ואין זוכר לא יום המיתה ולא יום הדין עד שהוא פתאום נמסר להאסר בקולר להפטר לבית עולמו וניתן ביסורין קשין בקרב שאר נידונין . אם יש לו מליץ אחד הוא ניצל מאותו דין הקשה שנאמר אם יש מלאך מליץ אחד מני אלף וכו' · ומי הוא המליץ מעשים טובים העומדים לו לאדם בעת צרה · ואם לא נמצא לו מליץ יושר הוא יוצא חייב מן הדין שימות באותו חולי באותו שעה שנתנוהו בקולר א של מלך מלכי המלכים · בעוד שפותח את עיניו רואה שבאים אצלו שנים שכותבים לפניו כל מה שעשה בעולם הזה · וכל דבור יתר שדבר בעולם הזה לבטלה כותבים לפניו שנאמר להגיד לאדם מה שיחו · ורז"ל אמרו אפילו שיחה קלה שבין איש לאשתו הוא נידון עליו · והאדם בעצמו מודה על כל מה שעשה בזה העולם וגם מעשה העבירה שעשה מעידה עליו ואומרת ביום פלוני ובמקום פלוני בזו השעה עשיתי אותה עבירה פלונית ונכתב ונרשם הכל בספר · וקודם פטירתו כאשר ניתן בקולר של מלכו של עולם כשלא נמצא לו מליץ יושר מיד מלאך המות יורד ועומד בפניו מצד רגליו וחרב חדה בידו · וכשרואה אותו החולה ורואה שכל הבית מתלהט מזיו מלאך המות שהוא אש ומלא עינים ושאר הבריות אין רואים אותו כי אם הוא לבדו · ואל

תתמה

א סוגר סניקן נגולר סכבוים :

הייזער אונ מענטשין קראגט דער ווינט זייא אוועק וייט אונ אז דיא לייט דער זעהן אז דר ווינט הייבט אן פאלין זייא אויף זייערי פעניכר אויף דער ערד אונ האלטין זיך אן אין איין גרעזיל וואס איז זייער ווייך קען זייא דער ווינט ניט טראגין אונ זייא ווערין ניצול ווארום דער ווינט גיווערט סיין ניט נאר איין פערטיל שעה אבר אלי הארטי אונ הוכי זאכין ווארפט ער אראפ אונ צוא ברעכט אונ טראגט זייא אוועק · אונ דאס לערינט דעם מענטשין די מעלה פון נידעריקייט אז קיין הארטי זאך קען ניט בשטיין קעגין אווייכע זאך · וכדי דיין הארץ אונטר טעניג מאכין וויל איך דיר שרייבין וואס דיא מקובלים שרייבין · איטליכער מענטש מוז גיווארינט זיין אין גאטס דינקט וויל אלע טאג רופט מען אוים איר נארין וויא לאנג נאך וועט איר ליב האבין נארישקייט קערט ווידער צוא גאט איר ווילדע קינדר איך וועל היילין אייער ווילדיקייט אונ דיא תורה רופט אוך אזו אוים אונ קיינר פרעגט אוף איר ניט · והרי פאר וואר דער מענטש איז דאך אויף דער וועלט נאר איין אורח אונ ער מיינט אז ער וועט אייביג לעבין אוף דער וועלט אונ וועט בלייבן שטיין דרינען אוף דור דורות אונ גלייך וויא גאר דיא וועלט איז זיין · אונ ער גידענקט ניט אין דעם טוט אונ אין יום הדין ביז ער ווערט פליצלונג שלאף אונ קריגט שווערי יסורים אונ אוב ער האט איין מליץ ווערט ער ניצול דאס איז דיא מעשים טובים וואס שטייען פאר דעם מענטשין אין איין צרה אונ זענין אים מציל אונ אויב ער האט קיין מליץ יושר נייט ער ארוים פון דין ער זאל שטארבן · דער וואס עפינט דיא אוגין זעהט אז עס קומן צוא אים צוויא מלאכים אונ שרייבין פאר אים אלץ וואס ער האט גיטאן אויף דער וועלט אונ איטלעכם ווארט וואס ער האט גירעט אונ דער מענטש אליין איז מודה אויף אלעכין אונ זאגט אין דעם טאג אונ אין דער שעה אונ אוף דעם ארט האב איך גיטאן דיא אונ דיא עבירה · וקודם אונ פאר זיין טויט אז עס ווערט ניט

ניפינן

התמה על זה שהרי לפעמים כמה בני אדם רואים מראה אחד ושאר בני אדם שהן אצלם אינן רואים כמו שנאמר בדניאל שהוא לבדו ראה המראה · והיאך יכול לראותו והכתיב עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט · אלא כיון שירד למטה לארץ מתלבש במלבוש גופני כמו המלאכים שבאו אצל אברהם אבינו עליו השלום · ובאותו מלבוש רואהו . ושלשה טיפין תלוין בהרבו כמו שאמרו רז"ל ממנו מת ממנו מסריח ממנו פניו מוריקות · וכאשר רואה אותו האדם מיד אוחז בשרו פלצות וכל אברי הגוף לא ישקטו מאימתו · ובפרט הלב שנוקש בקרבו כפעמון בשביל שהוא מושל בכל הגוף · ונשמתו הולכת בכל אבריו ונוטלת רשות מכל אבר ואבר כמו אדם הנפטר מחבירו שנוטל רשות ממנו · ואז נופלת זיעה על כל האברים ומכל אבר שהיא נוטלת רשות ומסתלקת ממנו מיד מת אותו האבר · וכן כל האברים לאחר שנוטלת רשות מהם מיד מתים · באותו שעה אומרת הנשמה אוי לי על עולם עובר שלא מצאתי שום עוזר לפדותי מן המות אלא רפואתי הם התשובה ומעשים טובים · וקודם שיגיע אותו שעה מתירא האדם ורוצה להסתר ואינו יכול להחבא ממנו ואז פותח את עיניו ורואהו ומוסר עצמו ונשמתו ביד מלאך המות · באותו שעה נידון האדם בעולם הזה ובצאת נשמתו מן הגוף השכינה עומדת עליו אם נמצא בו תורה ומעשים טובים · ואשרי לאדם שמדבק בשכינה ונשמתו זוכה לעלות למקום קדוש ואוי למי שמרחיקין ממנו השכינה ולא מתדבקין בה · ובשעה שמוציאין לאדם לקבר כל המעשים שעשה בעולם הזה כלם מוכנים ומזומנים ועומדים לפניו · ושלשה כרוזים מכריזים אחד בפניו ואחד משמאלו ואחד מימינו ואומרים זה הפלוני מורד בקונו המושל למעלה ולמטה ולארבע רוחות העולם · מרד בתורה ובמצות ראו מעשיו וראו דבריו טוב היה לו שלא נברא · וקודם שיגיע לקברו כל המתים הרדים ורוגשים ממקומם בשבילו ואומרים אוי לו לזה שנקבר עם המעשים הרעים שעשה שעומדים עליו בשעת פטירתו ומקדימין והולכים לפניו עד הקבר ושם עומדים על גופו · וגם הנשמה הולכת ושוטטת עליו ומתאבלת על הגוף שנפרדה ממנו · וכאשר קברו אותו המלאך דומה עומד וגם יוצאים מתחת ידו שלשה ממונים על היבום הקבר ושלשה שרביטים של אש בידם ודנין הנשמה והגוף יחד · אוי לו על אותו דין אוי לו על

מעשיו

גיפונען קיין מליץ יושר קומט דער מלאך המות אונ שטעלט זיך פאר אים · וכאשר אונ אז דער מענטש דער זעהט אים חאפט אים אן תיכף איין ציטערניש אין אלי אברים פון זיין גוף אונ זיין נשמה גייט צוא אלי אברים אונ נעמט רשות פון איטליכן אבר וויא אמענטש וואס גייט אוועק פון זיין חבר אונ עס פאלט אשוויים אויף דעם חולה אונ פון איטליכען אבר ווס זי נעמט רשות שטארבט דער אבר תיכף · באותה אין דער צייט זאגט דיא נשמה וויי איז צו מיר איך האב ניט גיפונען קיין שום הילף מיך אויס צו לייזין פון טויט מיין רפואה איז נאר תשובה אונ גוטע מעשים אונ איידער עס קומט דיא צייט פארכט זיך דער מענטש פאר דעם מלאך המות אונ וויל זיך בהאלטין אונ קען זיך פאר אים ניט בהאלטין אונ דערנאך עפינט ער זיינע אויגין אונ דר זעהט אים ענטפערט ער זיך איבער אין זיין האנט · אין דער צייט ווערט דער מענטש גימשפט אויף עולם הזה · אונ אז זיין נשמה גייט ארויס פון דעם גוף שטייט דיא שכינה בייא אים אויב עס ווערט בייא אים גיפונען תורה אונ גוטע מעשים · ואשרי אונ וואל דער מענטש וואס בהעפט זיך אין דער שכינה אונ זיין נשמה איז זוכה ארוף צו גיין צוא איין הייליג ארט אונ וויא צו דעם וואס איז דער ווייטערט פון דער שכינה · אז מען טראגט דעם מענטשין צום קבר שטייען פאר אים אלי זייני מעשים אונ דרייא מלאכים רופין אויס פאר אים אונ זאגן דער מענטש האט ווידער גישפעניגט אין זיין בשעפר ער האט ווידר גישפעניגט אין דער תורה אונ מצות זעהט זיינע מעשים אונ זעהט זיינע רייד בעסר וואלט אים גיוועזן ער זאל ניט גיוועזן בשאפין ווערין · וקודם אונ איידער ער קומט אין זיין קבר ציטרין אלע מתים פון זיינט וועגין אונ זאגין וויא איז צו דעם וואס ער ווערט באגראבין מיט זיינע בייזע מעשים וואס ער האט גיטאן דען דיא מעשים שטייען בייא אים בשעת זיין שטארבן אונ גייען פאר אים ביז אין קבר אונ דארט שטייען זייא בייא זיין גוף · תם אונ דיא נשמה גייט אויך אונ שוועבט איבער אים אונ קלאגט אויף דעם גוף וואס זיא איז אם גישייד גיווארין פון אים אונ אז מען בגראבט אים שטייט דער מלאך דומה אונ פון זיין רשות גייען ארוס דרייא ממונים צו משפטין אים מיט הבוט הקבר אונ זיי משפטין דיא נשמה מיט דעם גוף ב׳ אנד וויא איז אים

אויף

מעשיו הרעים׳ וכמה וכמה דינין שדנין לאדם כשיוצא מזה העולם · הראשון כשנשמתו יוצאת מן הגוף · השני כאשר מעשיו הולכים לפניו ומכריזים עליו · השלישי כשמכניסים הגוף בקבר · הרביעי דין של חבוט הקבר ׳ החמישי דין של תולעים׳ ואחר השלשה ימים ששוכב הגוף בקבר כריסו נבקעת ומעיו יוצאים סבטנו ונוטלים המעיים עם הטינוף שבהם וטורפים אותם על פניו ואומרים לו טול מה שנתת במעיים שלך ממה שאכלת ושתית ולא נתת מהם לעני מכל חגים ומועדים שעשית כל יום כמ״ש וזריתי פרש חגיכם וכו׳ · ואחר ג׳ ימים דנין לאדם מעינים שלו ומידיו ומרגליו שעשו העבירות עד ל׳ יום׳ ובכל השלשים יום דנין הנשמה והגוף יחד ובשביל כך נמצאת הנשמה בארץ כל שלשים יום שאינה הולכת למקומה כאשה נדה שיושבת בחוץ כל ימי נדתה · הששי דין גיהנם׳ השביעי שנשמתו הולכת ומטורפת לשוט בעולם ואינה מוצאת מקום מנוח עד שישלמו ימי עונשה: אלו הז׳ דינין פורחים ובאים על האדם סימן לדבר ויסרתי אתכם שבע על חטאתיכם · ויען כן החי יתן אל לבו לזכור יום המיתה ושבעה דינין הללו וישוב אל ה׳ וירחמהו אל אלהינו כי ירבה לסלוח להצילו מרדת שחת ע״כ · וכיון דשבעה עידנין אלו יחלפון על האדם צריך השתדלות נמרץ בעוד שיש בידו להתקן מעשיו ולצאת מן העולם הזה טהור כדרך שבא טהור משום דכיון שמת נעשה חפשי מן המצות כארז״ל ורמוז כל זה בפרשת משפטים ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם · כלומר אילן משפטים דגולגליא תשים לפני כל אדם כדאמרו בזוהר וכו׳ · כי תקנה עבד עברי ירצה כי תקנה את הגוף שהוא עבד עובר מזה העולם וזהו אמרו עברי · שש שנים יעבוד בתורה ובמצות משום דהיום לעשותם ואין מחר לעשותם · משום שבשביעי ימי שנותינו בהם ע׳ שנה יצא מן העולם לחפשי חנם דכיון שאדם מת נעשה חפשי מן המצות · לכן אם בגפו יבא בגפו יצא כארז״ל ברוך אתה בבואך ברוך אתה בצאתך שתהא יציאתך מן העולם כביאתך מה ביאתך בלא חטא כך יציאתך בלא חטא · באופן כשם שבא בגפו בלא חטא כן בגפו יצא מן העולם בלא חטא · אם בעל אשה הוא כלומר אם ת״ח הוא שהתורה נמשלה לאשה כנודע מרז״ל על פסוק מצא אשה וגו׳ ויצאה אשתו עמו שהתורה יוצאת עם האדם ללוותו עד יום הדין מה שאין כן הבנים והממון׳ ובלבד שתהיה תורה לשמה · ואם אדוניו שהוא הקב״ה יתן לו אשה ירצה שגזר עליו להיות חכם כארז״ל שגוזרין עליו חכם או טיפש וכן נגזר עליו להיות חכם גרם שלמד והצליח וילדו לו בנים או בנות כלומר קיים מצות ע״ה ומצות לא תעשה · האשה שהיא התורה שעסק בה תם ילדיה שהן המצות שעשה תהיה לאדוניה׳ ירצה תהיה לשמה שמקיימה בעבור לקיים מצות בוראה לא לקבל שכר׳ ויאמר שהוא יצא בגפו בלי שכר כר׳ אבהו דקאמר אני אמרתי לריק יגעתי וכו׳ · ואם אמור יאמר העבד שהוא הגוף הנשמה חוזרת למקומה תחת כסא הכבוד ואני

אויף זיינע בייזע מעשים וכמה פיל מאל משפט מען דעם מענטשין אז ער גייט אוועק פון דר וועלט · דער ערשטער משפט איז אז זיין נשמה גייט ארויס פון דעם גוף · דער אנדרר איז אז זיינע מעשים גייען פאר אים אונ רופן אויס אויף אים · דער דריטער משפט איז אז מען לייגט אריין דעם גוף אין קבר · דער פירדר איז דער משפט פון חיבוט הקבר · דער פינפטער איז דער משפט פון דיא ווערים׳ אונ נאך דרייא טעג וואס דער גוף ליגט שון אין קבר ווערט צו שפאלטין זיין בויך אונ מען זאגט אים נעם דיר וואס דוא האסט גיגעסין אונ גיטרינקען אונ האסט ניט גיגעבין צו קיין ארימאן׳ אונ נאך דעם דריטען טאג משפט מען דעם מענטשין אויף דו עבירות וואס ער האט גיטאן מיט די אויגין אונ מיט זיינע הענט אונ זיינע פים אונ דאס איז ביז דרייסיג טאג · אונ אין דיא אלע דרייסיג טאג משפט מען דיא נשמה מיט דעם גוף אין איינעם אונ דרום איז דיא נשמה נאך אויף דער ערד אלע דרייסיג טאג דאס זיא גייט ניט צוא איר אורט · דער זעקסטער משפט איז דער דין פון גיהנם · דער זיבטער משפט איז וויס זיין נשמה האט ניט קיין מקום מנוחה ביז עס לאזן זיך אויס די טעג פון איר עונש · דיא זיבען דינים פליהן אונ קומן אויף דעם מענטשן דער סימן׳ (ויסרתי אתכם שבע על חטאתיכם) איך וועל אייך שטראפין זיבן ערלייא שטראף איבער אייערי זינד · אונ דריבר זאל דער לעבדיגר מענטש געבין צו זיין הארץ צוא גידענקין דעם טאג פון דעם טויט אונ דיא זיבין דינים אונ זאל ווידער קערין צו גאט וועט ער זיך דער בארמין איבער אים אונ וועט פאר געבין אים מציל צוא זיין אים פון גיהנם · וכיון וויל דיא זיבען ציטין גייען איבער אויף דעם מענטשין בדארף ער זיך שטארק פלייסין דערמאלט אז ער האט

נאך

ואני אהבתי כמוה את אדני שהוא הקב"ה את אשתי שהיא התורה ואת בני שהם המצות לא אצא חפשי מקבלת שכר כמותה · והגישו אדוניו אל האלהים לפני בית דין של מעלה וירשום בו סימן להקימו בתחיית המתים לשלם לו שכר · וכמבואר אצלי ענין זה באורך בחבור פי' על התורה : ויען שאדם מעותד לחטוא כי יצר לב האדם רע מנעוריו ואין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא · הנני מסדר דרך לפני השב בתשובה ליכנס בו לבא לפני בוראו שירחמהו ויקבלהו כי רצוי גדול הוא · ואייחד לו פרק בפני עצמו :

**פרק יח** יבא המבקש והחפץ הפתח ליכנס בה לשוב אל ה' · וכה יאמר · רבש"ע אדון הסליחות והרחמים יוצרי מושיעי מגיני וקרן ישעי משגבי לעד · פשפשתי וחקרתי ודרשתי ודקדקתי ולא מצאתי דבר לבא לפניך בתפלה ותחנה שתמחול ותסלח ותכפר לעבדך בן אמתך כי אם בהגיד לפניך שהכרתי שפלותי ודלותי דקותי ואפלתי וחסרוני · והכרתי מעט מזעיר מרוממותיך ורחמיך והסדיך הרבים · ידעתי שאתה אלהי האלהים ואדני האדונים מלך מלכי המלכים מוכתר בכתרי כתרים · חי יחיד ומיוחד על כל המיוחדים בורא יוצר ועושה אין אלוה מבלעדיך אין מלך זולתך · אתה בעובר ובהווה ובעתיד ואין מי שיאמר לך מה תעשה ומה תפעל כי מלכותך בכל משלה · כל דרכיך יושר צדק ומשפט אל אמונה ואין עול צדיק וישר · אתה חפץ חסד תמיד מצדיק בריותיך מורה חטאים הדרך ילכו בה למצוא חיים · מרחם חנם על כל מעשה ידיך · אתה מעינו של עולם משגיח בעליונים ובהתחתונים השגחתך על הכלל ועל הפרט · זן ומפרנס מקרני ראמים ועד ביצי כנים אבי יתומים ודיין אלמנות האל הגדול הגבור והנורא שומר הברית והחסד לאהביך ולשומרי מצותך · אל רחום וחנון ארך אפים ורב

נאך אין דיא הענט צוא פארעכטין זייני מעשים אונ ארוס צו גיין פון דער וועלט ריין אזו וויא ער איז גיקומן אויף דער וועלט ריין ווארום אז ער שטארבט קען ער קיין מצות ניט טון אזו ווי אונזרי חכמים ז"ל האבין גיזאגט · ויען ווייל עס איז ניט דא קיין מענטש אויף דער וועלט וואס זאל ניט זינדיגין וועל איך שטעלין איין דרך וואס דער וואס וויל תשובה טון זאל אריין גיין אין דעם דרך ער זאל דורך דעם קענין קומן פאר זיין בשעפר אז ער זאל זיך איבר אים דר בארמן אונ זאל זיין תשובה אן נעמן · אונ וועל צו דעם שרייבן אבזונדרן פרק :

פרק יח יבא המבקש דער וואס בגערט אונ וויל דיא טיר פון תשובה זאל ער קומן אביין צוא גיין אין איר · אונ אזו זאל ער זאגין · רבש"ע דער הער פון דער וועלט הער פון פאר געבונג אונ דער בארימקייט מיין העלפר מיין בשיצר איך האב גיזוכט אונ האב ניט גיפונין קיין זאך דער מיט צו קומן פאר דיר מיט גיבעט אז דוא זאלסט מיר מוחל זיין אונ פאר געבין נאר אז איך וועל זאגין פאר דיר אז איך האב דער קענט מיין נידערקייט מיין ארומקייט מיין פינסטרקייט אונ מיין חסרון אונ האב גאר ווייניג דער קענט פון דיין הויכקייט אונ דיין רחמנות אונ דיינע פיל חסדים · ידעתי איך ווייס אז דוא ביסט איין גאט איבער אלי מלאכים אונ איין הער איבר אלי הערן איין קיניג איבר אלי קיניגען · דוא ביסט גיקריינט מיט פיל קרונן דוא ביסט איין לעבידגר גאט אונ איין איינציגער בשעפר עס איז ניט דא קיין גאט חוץ דיר · דוא ביסט איין גאט גיוועזן פריער איידער דיא וועלט איז בשאפין גיווארין אונ ביסט אצונד אונ וועסט זיין איין גאט ביז אייביג אין עס איז ניט דא אזעלכיר וואס זאל דיר זאגין וואס טוסטו דיין קיניגרייך גיוועלטיקט איבער אלמין אלי דייני וועגין זענין רעכט פארטיג דוא טוסט ניט קיין אום רעכט דוא ווילסט תמיד גינאד טון דוא מאכסט תמיד גירעכט דיינע בשעפניש אונ וויזט דיא זינדיגע דעם וועג וואס זייא זאלן גיין צו גרייכן דאס לעבין דוא דער בארימסט זיך איבר אלעם · דוא ביסט דער קוואל פון לעבין דו ביסט איין משגיח אויף דיא אייבערשטי אונ הינטערשטי · דיין השגחה איז אויף איטלכן בזונדר · דו שפייזט אונ ביזט מפרנס פון גרוים ביז קליין דוא ביזט דער פאטר פון יתומים אונ דיין פון אלמנות · דוא ביסט דער גאט דער גרוסר אונ שטארקער אונ פארכטיגר דאס דוא היטסט דיא זיכרהייט אונ דאס גינאד צו דיא וואס האבין דיך ליב אונ צו דיא וואס היטן דייני מצות דו ביסט איין דער בארמיגר גאט אונ איין לייט זעליגר ער דער לענגערט זיין צארין אונ טוט גינאד אונ אמת · דו קירצט ניט דעם שכר פון איטליכן בשעפניש אפילו פון דיא וואס דער צערנן דיך בצאלסט

ורב חסד ואמת וכו' אינך מקפח שכר שום בריה אפילו מהמכעיסים לפניך · מקבל שבים ומשלם שכר לכל צדיק י"ש עולמות וש"ם עולמות מתנה שנאמר שם עולם אתן לו כדאיתא באותיות ר' עקיבא במתנה שלך תוספת על העיקר · אשר מי אל בשמים ובארץ אשר יעשה כמעשיך וכגבורותיך · ואני בשר ודם אפר דם מרה בושה סרוחה רימה גוש עפר נוד מלא צואה כלי מלא בושה וכלימה גוף נגוף מלא אספסוף קצר ימים ושבע רוגז · ריח קימעא מפילני צל פחד ואימה ממיתני · יסודי עפר אחריתי רימה דרכי ליסורין נהיבתי לפשעים מעגלי למיתה לשוב לאין כאילו לא הייתי · אתה מלך מוכתר בכתרי כתרים ואני דל ורזה אביון ונבזה בזוי ושפוי שפל אפל ונופל ונעדר וחסר · אתה מקור החכמות ואני טיפש אויל סכל כסיל ומטונע · אתה מקור הבינות ואני מקור ההבלים והחסרונות והשבושים הטעיות והמכשולות · אתה מקור החסדים ואני מקור הנבלות והכיליות והקמצנות וההקפדות · אתה מקור הגבורות ואני מקור הכיעור והשחרות והדופי והמומים והשינויים · אתה מקור הנצח לנצח נצחים אין לך לא ראשית ולא תכלית ואני מקור ההבל קיר נטוי צל עובר שנותי אין וחיי אפס ותהו · אתה מקור האור הזיו וההוד וההדר ואני מקור האופל והחשך והצלמות · אתה מקור היסודות ואני מקור העקירות וההריסות והנפילות והמכשולות אתה מקור המלכות ואני מקור העבדות והשעבוד והסבלות והמשאות הכבדות · וכיון שכן כל מה שאתה מוציא מאוצרותיך להשפיע על האדם אינו אלא כי אם על היותך מקור החסד והרחמים · כי מה אדם מקור החסרונות שישגיח עליו מקור השלמות והמעלות · לכן אל תביא במשפט את עבדך כי לא יצדק לפניך כל חי · וכשם שנתגדלת ונתרוממת! על הכל · כך יתרוממו חסדיך ורחמיך על יתוש נתוץ כמוני · למחול לי על מה שחטאתי והעויתי ופשעתי לפניך מיום שהוצאתני מרחם אמי עד יום מותי · ה' שמעתי שמעך יראתי ואימת מות נפלה עלי וכל עצמותי התפרדו ונתפקקו כל חוליות שבשדרי והייתי כלא היה וכדבר שלא בא לעולם · ואיך אבוא לפניך לדין כי לא נשאר ממני מאומה · ואם בכחך הגדול תחזור לברוא אותי ותעמידני בעל כרחי למשפט לפניך מה אוכל להשיב כי אם להגיד האמת שאני רשע ואתה צדיק ועם כל החסד שגמלתני בצדקתך רעה גמלתיך · הנה מה שאני עתיד לומר לפניך ביום הדין מעתה בחיים חיותי אני מודה בזה וא"כ למה לך להביא ולהכניס ולהעמיד לפני ב"ד הצדק רב הטומאה והמהומה גדול השיקוץ וההלאה מעוטף מבית ומחוץ בחלאת צואת עונותיו · יתגלגלו רחמיך וחסדיך אלי לקבלני בתשובה ולטהר טומאת
עונותי

זיא אויך זייער שכר פאר זייערע מעשים טובים · דוא נעמסט אן דעם וואס טוט תשובה אונ בצאלסט שכר צו איטליכן צדיק וויא איז דא נאך איין גאט אין הימל אונ אויף דער ערד וואס ער זאל טון אזו וויא דיינע מעשים אונ וויא דיין שטארקייט · ואני איך בין בלוט אונ פלייש אש גאל חערים אשטיק ערד פול מיט בושה אונ שאנד קורצי טעג אונ זאט מיט צארין מיין גרונד איז ערד מיין סוף איז ווערים מיין וועג איז צו יסורים מיין שטעג איז צום טוט · דוא ביסט איין מלך וואס איז גיקריינט מיט פיל קרוינען אונ איך בין ארום אונ מאגער מבוזה אונ נידריגיר אונ אלץ וואס דו גיבסט פון דייני אוצרות צו משפיע זיין אויף דעם מענטש איז דאס נאר מחמת דוא ביסט דער קוואל פון חסד אונ דער בארמקייט · דרום בעט איך דיך דו זאלסט ניט קומן צו משפט מיט דיין קנעכט ווארום קיין שום לעבדיג בשעפניש וועט ניט גירעכט זיין פאר דיר · וכשם אונ אזו וויא דו ביסט גיאכפערט אונ גיהייכט איבער אלמען אזו זאלין דער הובן ווערן דיינע חסדים אונ דיין רחמנות אויף אזו אצושטוסני פליג וויא איך בין · דו זאלסט מיר מוחל זיין אויף דעם וואס איך האב גיזינדיגט אום גערין אונ במזיד פון דעם טאג אן וואס דוא האסט מיך אויס גיצויגן פון מיין מוטרס בוך ביז דעם טאג פון מיין טוט · גאט איך האב גיהערט דיין הערונג האב איך מיך גיפארכטן אונ טויט שרעקין זענין אויף מיר גיפאלן אונ וויא אזו וועל איך קומן צו פאר דיר צום דין אז פון מיר וועט גאר ניט איבר בלייבן אונ אויב מיט דיין גרוסן כח וועסטו מיך ווידער בשאפן אונ וועסט מיך מיט גיוואלד שטעלן צום משפט פאר דיר נוא וואס קען איך דען מער ענטפרן אז דעם אמת צו זאגין אז איך בין א רשע אונ דוא ביסט גירעכט אונ פאר דיא אלע חסדים וואס דוא האסט מיר גיטאן אזו וויא דיין צדקות איז האב איך דר פאר גאר שלעכטץ גיטאן · נו וואס איך וועל זאגין פאר דיר אז דו וועסט מיך ברענגין צום דין בין איך מודה אצונד פאר מיין לעבין · אונ ווארום וואלסטו מיך פאר דיין גירעכטין בית דין ברענגין לאז זיך דיין רחמנות אונ דיינע חסדים דר וועקן
איבר

עונותי · ואע"פ שהקשיתי לשאול כיון שכל הדעות מסכימים שהחוטא לפני מלך כמוך אין לו כפרה עולמית · אך בטחתי ועל זאת סמכתי שכפי גודל שפלותי כך גודל רחמיך · שאין מחשבותיך ודעתך כמחשבות ודעות בני אדם · שכל כך שהם מחייבים אתה מזכה · שהם מקור האכזריות ואתה מקור הרחמים ואיך ישוו ויסכימו קצוות אלו יחד · ובהבטחה זאת השלכתי מסוה הבשת מעל פני ושמתי פני כחלמיש לאחוז בכנפי רחמיך שתרחמני ותקבלני בתשובה לפניך ואל תשיבני ריקם · ולך החסד ולי בושת הפנים והמסך המבדיל שעשיתי עם חטאתי מחה כענן ברוב צדקתך · וחומת ברזל שבניתי עם עונותי הרוס ברוב ענותנותך · ומבצר נחושת שהחזקתי עם פשעי · כלה ברוב חסידותך · ותטבלני במקור רחמיך וטהרני בים חסדיך וכבסני במימי צדקתך · ורחצני בטל ענותנותך להחיות אותי ולהחזירני בריה חדשה · ואם רבו עלי קטרוגים לעכב על רוע מעללי קבלני בחתירה שתחת כסא כבודך והסתר אותי בצל כנפי רחמנותך ואל המסור יגיע כפיך ביד המשחית צלם דמות תבניתו צורתו כעורב וכשולי קדרה · עשה לכבוד שכינתך שנתנה עצה לברוא אותי שנאמר ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו · חמול ורחם על עבד דופק בדלתי חסדיך ורחמיך בדמעות כמעיינות ואנחות בשברון מתנים ומרירות תאנח · שאין כח במי שעפר יסודו לבנות מה שהרס בחטאיו ומה שקלקל בעונותיו ומה שהחריב בפשעיו אלא ברוב החרטות והודיות ועזיבת דרכי טנופיו · ואתה המתקן והבונה תחשב לפניך הרצון למעשה והמחשבה לפועל והדברים לבנין · ויחשב לפני כסא כבודך כאלו בניתי בידי ממש מה שהרסתי והחרבות שהחרבתי · כי בידך הכח והגבורה והסלבות והממשלהלעשות רצוני ומחשבתי ודבורי מעשהממש · ואם ח"ו עם כל זה לא תקבלני בתשובה כפי חיוב הדין על רוב פשעי ותעזבני · אני איני עוזבך ואיני מתיאש מרחמיך · כי ידעתיכי אל חפץ חסד אתה ועמך הסליחה ובראת התשובה רטיה מועלת לכל מין מכה וחלי :

**רבש"ע** אין עוד מענה בפי לדבר לפניך ומה נאמר ומה נדבר ומה נצטדק. דאף לזאת יחרד לבי ויתר ממקומו שאין לי על מי להתרעם עליו שגרם בחטאי כדי להשליך עליו חובתי ולהקל ממני המשא · שאם אני מתרעם על אמי שנתקשטה בפני אבי שיתן דעתי עליה ומאותה שעה נתעברה ממנו ונמצא גרמה יציאתי בעולם · אין לי מקום להתרעם עליה כי היא עשתה המוטל עליה במאמר פיך ולי קדמה צויך כבד את אביך ואת אמך · ואם מתרעם אני על המזלות שסייעו ליצירת אברי איני יכול דמוכרחים במעשיהם היו שלא לשנות את תפקידם · ואם

מתרעם

איבר מיר מיך מקבל צו זיין מיט תשובה אונ צו ריינינן מיינע זינד · ואע"פ אונ חאטשי איך בעט דא וייער אשוועדי זאך נאר איך האב מיך פאר זעברט דרינן דען וויא גרויס מיין נידערקייט איז אזו נאך פיל גרעסר איז דיין רחמנות ווארום דיין מחשבה אונ דיין דיעה איז ניט אזו וויא דיא מחשבות אונ דיעות פון לייט דאס וועז זייא זענין וויא שולדיג מאכסטו זייא פארט גירעכט דען זייא זענין דער קוואל פון אכזריות אונ דוא ביסט דער קוואל פון רחמנות אונ דורך דעם פאר זעכרונג האב איך אראפ גיווארפין דיא בושה פון מיין פנים צו בגרייפן זיך אין די פליגל פון דיין רחמיות אונ בעט דיך אז דוא זאלסט זיך דער באריכין איבער מיר אונ דוא זאלסט מיך מקבל זיין מיט ארעכטער תשובה פאר דיר אונ זאלסט מיך ניט ווידער קערין ליידיג אונ דעם צווישין שייד וואס איך האב גימאכט צווישין מיר אונ דיר דורך מייני זינד מעק עס אפ מיט דיין פיל צדקות אונ גרויס גינאד אונ טובל מיך מיט דיין רחמנות אונ גינאד אין וואסער פון דיין צדקות צו מאכן מיך לעבין וויא איין נייא בשעפניש · ואס אונ אויב דיא מקטריגים זענין פיל ניט צו לאזין מיין תשובה · זייא מיין תשובה מקבל אונטר דיין כסא הכבוד אונ ענטפר מיך ניט איבער אין דער האנט פון דעם שטן דער בארים זיך איבער דיין קנעכט וואס קלאפט אין דיא טירין פון דיינע חסדים אונ רחמנות מיט טרערין אונ זיפצן · ואס אונ אויב דוא וועסטו ח"ו מיך פארט ניט אן נעמין מיט מיין תשובה מחמת מייני פיל זינד אונ וועסט מיך פאר לאזין פון דעסט וועגין וועל איך דיך ניט פאר לאזין אונ בין זיך ניט מייאש פון דיין רחמנות ווארום איך ווייס אז דוא ביסט איין גאט וואס בגערט גינאד אונ דוא האסט בשאפין דיא תשובה וואס זיא איז אזו וויא איין פלאסטר וואס העלפט צוא אלירלייא שלעג אונ קראנקהייט · רבש"ע איך האב שוין מער קיין רייד ניט אין מיין מויל צוא ריידין פאר דיר וואס זאל איך זאגין אונ וואס זאל איך מיך גירעכט מאכין איך האב ניט אויף וועמין מתרעם צוא זיין איך זאל אויף אים ארויף ווארפין מייני זינד אונ זאל גרינגר מאכין פון מיר · שאם

זאל

מתרעם אני על מלאך הממונה על ההריון איני יכול שעל זה שמת אותו וקיים צווך · ואם על היום שנולדתי בו אני מתרעם איני יכול כי בו פתחת דלתי בטן אמי והוצאתני בו ביום בעל כרחי אם מתרעם אני על המילדת שקבלתני ותיקנה אברי איני יכול שדעתה היתה להחיותי נפש לעבדך · והוא עצמו מה שכוונו אבי ואמי והמלאך הממונה על ההריון והמזלות והיום שנולדתי בו להעמיד בריה מוכנת ומזומנת לעשות תורה ומצות לקיים רצון יוצרו · גם אין לי מקום להתרעם על שום אדם כי לא נתיעצתי עם שום בריה לחטוא לפניך כי נכנסתי חדר בחדר שלא יראני אדם שאפשר אם נתיעצתי עמהם היו מוחים בידי. כלל העולה שאיני מוצא על מי להתרעם שגרם בחטאי כי אם על עצמי בעצמי כי פתאום ראיתי חיה במו ארב ומיד במעונותיו שכנתי רעם עלי בקול יגאונו ולדברו לבי נטיתי · ראיתיהו צוררו ואויבי מבקשי רעתי ועם כל זה לא עזבתיהו עד שהמשלתיהו עלי והכריחני בכל דרכיו הרעים והמקולקלין עד שנטבעתי בטיט היון עד צוארי וכשהגיע הטיט לפי ליכנס בגרוני נתעוררתי לבקש הצלה לנפשי כי ראיתי בצרה אשר מצא לי ואמרתי אולי אוכל נכה בו · ובקשתי אופן הצלתי ביצד ונטה לבי לכל אופני הצלה שיש תחת האפשר ולא מצאתי זולת לקרוא אליך תמיד · שאין מי יוכל לסלוח ולרחם אלא אתה יוצרי וגואלי כי אתה אדון כל הנשמות · נאה לאדון לכפר לעבד המתחנן לפניו אע"פ שהרבה העבד להטוא לפניו שהעבד עשה כעבד בזוי והאדון צריך לעשות כאדון רב הפעולות ובפרט לעבד אשר בשם ישראל יכונה דשם אל נתן בשמו כשם שרי המרכבה מיכאל גבריאל · וגם אברי כל אחד מישראל הם כלי קודש להשראת השכינה כדכתיב ושכנתי בתוכם בתוך כל אחד שכינה שריא כארז"ל · ואף על פי שיצאו לחולין בטומאת החטאים על ידי טבילת התשובה הם חוזרים לטהרתם · לכן נמסרתי בידך רבון העולמים שתטהרני במה שדינך הצדק מחייב · אך מפיל אני תחינה לפני כסא כבודך שכשם שאתה עושה חסד עמי לקבלני בתשובה לטהרני שיגדל הסדך עלי שלא יהיה טהרתי במים המרים היסורין והחולאים הקשים כי אם מירוק מעט מעט באופן שאפרע חובתי בלי הרגש שאם ח"ו יהיה טבילת טהרתי במים אדירים והיסורין הקשים יכנסו המים בגרוני ויחנקו אותי ונמצא חרס בידי · ואע"פ שהדין מחייב מירוק עונותי רוב יסורין קשים חלותי היא שיכופו רחמיך על מדותיך ותתנהג עמי במדת החסד שעל החסד נתייסדה עולמך שנאמר אמרתי עולם חסד יבנה · ובהיותך רבש"ע עושה חסד עם חוטא כמותי שלא נשאר בי אבר שלא הכעסתיך בו ממני יראו וכן יעשו כל החוטאים לשוב אליך בנושאם ק"ו ממני שקבלתני · וכל שכן כל מי שלא חטא כמותי. ובזכות שממני הם ילמדו לשוב

זאל איך מתרעם זיין אויף מיין מוטער וואס איך בין געקומן אויף דער וועלט · זיא האט געטאן וואס אויף איר איז דיא מצוה אונ אויך מיר איז דיין געבאט האלט ערליך דיין פאטער אונ מוטער · וואס זאל איך מתרעם זיין אויף דיא מזלות וואס האבן געהאלפין צוא מיין בשעפינגעש קען איך ניט ווארום זיא האבין געטאן זייער געבאט זאל איך מתרעם זיין אויף דעם טאג ווס איך בין געבארין געווארין קען איך ניט ווארום דוא האסט מיך אויס געצוגין אין דעם זעלבינגען טאג מיט געוואלד · וואס זאל איך מתרעם זיין אויף דער הייבאם וואס זיא האט אויס געגלייכט מיינע גלידער קען איך ניט וויל איר כוונה איז געוועזן צוא גוטין אונ דאס אייגנע האבין מיין פאטער אונ מוטער זיך אויך מכוין געוועזן צו האבין אקינד וואס זאל מקיים זיין תורה אונ מצות אונ טאן דעם ווילין פון זיין בשעפר איך האב נאר מתרעם צו זיין אויף מיר אליין . ראיתיהו איך האב געזעהן מיין פיינט וואס בגערט מיין בייז אונ האב אים ניט פאר לאזט ביז איך האב אים געמאכט געוועלטיגען איבער מיר ביז איך בין איין געזונקן געווארין אין ליים ביז מיין האלז האב איך מיך דר וועקט צו זוכן איין בשירמונג האב איך געגעבין מיין הארץ צוא אלע אופנים פון בשירמונג וואס איז מיגליך צוא קריגן האב איך מער ניט געפונען נאר צוא רופין תמיד צו דיר ווארום עס איז ניט דא אזעלכער וואס זאל קענין דער בארמען נאר דוא מיין בשעפר מיין אוים לייזער ווארום דוא ביסט דער הער פון אלע נשמות · נאה עס איז שיין צו איין הער ער זאל פאר געבין צוא זיין קנעכט וואס בעט פאר אים חאטשע דער קנעכט האט פיל געזינדיגט פאר אים · ובהיותך אונ אז דוא הער פון דער וועלט וועסט טאן גינאד מיט אזו איינעם ווי איך בין וועלין אלע זינדער זעהן אונ וועלין אויך תשובה טאן ווארום זיא וועלין זאגין מה דאך דוא האסט מיך מקבל געוועזן בתשובה וואס איך האב אזו פיל געזינדיגט איז שוין אכל שכן אז דוא וועסט זייער תשובה מקבל זיין וואס זיא האבין ניט אזו פיל געזינדיגט אונ אין דעם זכות וואס פון מיר וועלין זיך דיא זינדער לערנין תשובה טאן

צו דער נשמה אונ צו מכפר זיין זייני עבירות אונ אויך [איך] צו לובין צו דעם פארכטיגן גאט . ובהיות די גאט מיין גאט ביסט איין גאט איבר אלע מלאכים אונ איין הער איבר אלע הערין דו ביסט איין קעניג איבר אלע די גרעסטי מלכים אונ איך בין דאך בלוט אונ פליש פאר שעמט אונ מיאוס

איך יהיה לי פנים לבקש מחילה וסליחה לפני כסא כבודך · אע"פ שכל ימי היותי חי על האדמה יתהפכו דמעות עיני לימים ונהרות לטבול בהם תמיד לטהר חלאת עונותי ויעשו עצמותי כעצים למערכה לשרוף תמיד כל אברי ואשפוך דמי כדם הקרבנות והקטר חלבי בקרבי ויעלה עשן ממזבח לבבי מרתיחות אש הקודחת שנבערה בי מהתעניות והסגופים · ואם אני בעצמי אשים תכונת תבנית צורתי כמזבח כדי שאש תמיד תוקד עליו לא תכבה · לא יספיק כל זה לתת לי מקום ופנים לבא לפניך שתחמול לי על כל מה שהכעסתיך · אך לקחתי חוזק בעצמי ועצה בלבי למצוא מקום ופנים לשוב אליך בשומי בדעתי שאדרבה כפי גדלך ומעלתך ורוממותך כך גודל ענותנותך ורחמנותך וכפי מעוט דלותי דקותי שפלותי ואפלתי והייתי כלא הייתי וכאלו לא היה הווית מציאותי כך היה שיעור דעתי ושכלי בעת שחטאתי לפניך . שנמצא שהייתי כלא הייתי · גם ידעתי כי אשמתי לא תזיק לך ומחילתי לא תחסר ממך · אנא אלהי מחול לי מה שלא יזיק לך ותן לי מה שלא יחסר ממך · ועוד נתחזקתי לבא אצלך ובטחתי שתרחמני לסלוח לי בעצת כליותי שיעציני עזרוני באמרותם אמצוני בעצתם ובדבריהם העמידוני · ויענו ויאמרו לי · בן אדם מה לך נרדם בכובד עונותיך קום קרא אל אלהיך בתשובה ובודוים שבוודאי יקבלך · שעל התשובה נתייסד עולמו ועל איש כמוך נקרא רחום וחנון נושא עון ועובר על פשע לא על שומרי תורתו מאל"ף ועד תי"ו · ובשומעי דבריהם כי נעמו השלכתי מסוה הבושה מעל פני ונתעוררתי ונתחזקתי לבא לפניך לבקש מחילה וסליחה וכפרה אע"פ שלא הנחתי עבירה שלא עשיתי אשמתי בגדתי כו' עד סוף הוידוי · ויהי רצון מלפניך מלכי ואלהי שהכנעת אמירת הוידוי הזה לפניך יחשב כאלו דנתי בשבעה מדורי גיהנם עד שיעור מירוק כל מה שחטאתי לפניך · ואם ח"ו הרביתי לפשוע עד שהדין מחייב לנעול דלתי התשובה לפני . קבלני בחתירה שתחת כסא כבודך כאשר קבלת

אשטיק ערד איין גראבער גוף אונ פון דעקט וועגין האב איך גיזינדיגט פאר דיר נוא ווי אזו קען איך בעטין פאר דיין כסא הכבוד אז דוא זאלסט מיר פאר געבין מיינע זינד דען ווען אפילו אלע מיינע טעג וואס איך לעב זאלין פאר קערט ווערין די טרערין פון מיינע אוגין צו ימים אונ טייכן צו טובלין זיך אין זיי צו ריינגין אין זיי מיינע זינד אונ מיינע ביינר זאלין ווערן אזו ווי האלץ צו פר ברענן תמיד מיינע אברים אונ זאל פאר גיסין מיין בלוט אזו וויא דאס בלוט פון קרבנות אונ מיין חלב זאל זיך בייקרין אין מיר אונ עס זאל אויף גיין איין רויך פון דעם מזבח פון מיין הארץ עס זאל אויף איהם תמיד ברענין פייער עס זאל ניט פאר לאשין ווערין וועט דאס אלץ ניט גנוג זיין צו קומן פאר דיר בעטין דיך אז דוא זאלסט מיר מוחל זיין אויף אלעמען וואס איך האב דיך דר צערינט: אך נור איך האב גינומן איין שטארקייט אין מיין הארץ צוא ווידער קערין צו דיר דאס איז איך טראכט אז אדרבא לויט דיין גרויסקייט אונ דיין מעלה אונ דיין לויב אונ דיין הויכקייט אזו גרוס איז דיין עניוות אונ דיין רחמנות אונ לויט מיין ארומקייט אונ מיין פינסטערקייט אזו איז גיוועזן מיין שכל אין דער צייט אז איך האב גיזינדיגט פאר דיר · אויך ווייס איך אז מייני זינד וועלין דיר גאר גאט ניט שאדין טון אונ אז דוא וועסט מיר מוחל זיין וועט דאס דיר גאט ניט חסר מאכן איך בעט דיך מיין גאט זייא מיר מוחל מייני זינד · ועוד נאך בין איך גישטארקט גיווארין צו קומן צוא דיר בעטין דיך דורך דער עצה פון מייני נירין וואס זייא האבין מיר איין עצה גיגעבין אונ האבין מיר גיזאגט דוא מענטש שטייא אוף רוף צוא דיין גאט מיט תשובה אונ מיט ווידוים דען ער וועט דיך בוודאי מקבל זיין דען אויף תשובה האט ער גינרונד פעסטיקט זיין וועלט אונ אויף אזו איין מענטש וויא דוא ביסט ווערט ער גירופין איין רחום וחנון ער פאר גיבט די זינד ניט אוף די וואס היטן זיין תורה פון (אלף) ביז (תיו) ווארום צוא די בדארף ער ניט פאר געבין · אונ אז איך האב גיהערט די רייד האב איך ארא גיווארפין די בושה פון מיין פנים אונ בין גיווארין גישטארקט צוא קומן פאר דיר צוא בעטין מחילה אונ סליחה אונ כפרה · אונ חאטשי איך האב ניט אוסין גילאזט קיין שום עבירה וואס איך האב ניט גיטאן · אשמתי אונ זאל זאגין די ווידוי פון אשמנו · אונ דער נאך זאל ער זאגין (ויהי רצון) אונ עס זאל זיין דער ווילן פון פאר דיר מיין מלך אונ מיין גאט אז די הכנעה פון דער ווידוי וואס איך זאג פאר דיר זאל גירעכינט זיין גליך ווי איך האט מיך דן גיוועזן אין די זיבן מדורי גיהנם ביז דעם שיעור עס זאלין צוא ריבן ווערין אלץ וואס איך האב גיזינדיגט פאר דיר · ואם אונ אויב ח"ו איך האב גימערט צוא זינדיגן ביז

קבלת למנשה ולשאר הפושעים כמוהו בשובם אליך · מחול לי מה שחטאתי והעויתי ופשעתי לפניך בין באונס בין ברצון בין במזיד על דברי תורה ועל דברי סופרים · ועל כל נדר וסייג בין חמור ובין קל · שמכיר אני בסכלותי ואולתי ושטותי כי הסכלתי עשו ושטותי גרמה לי ועצת יצרי בלבלו דעתי וכהו עיני והייתי ממש כמשתגע וכאילו לא הייתי בין החיים וכמעט אנוס ביצרי הייתי · ועל זה סמכתי שתקבלני בתשובה כמדתך לעשות חסד תמיד כי על זה בראת עולמך דכתיב אמרתי עולם חסד יבנה:

**ובהיות** שהאדם אשר מחומר קרוץ מעותד לחטוא מתגרת יצרו בקרבו תמיד יום ולילה לא ישבות לכן מפיל אני תחינתי לפני כסא כבודך ה׳ אלהי ואלהי אבותי אברהם יצחק ויעקב שתעשה עמי אות לטובה כמדתך להטיב תמיד ואינך חפץ במות המת· יודע אני נאמנה שאף על פי שמסורת הבחירה ביד האדם ללכת בדרך שלבו חפץ מטוב ועד רע עם כל זה גלוי לפני כסא כבודך אחרית כל אדם אם יהיה טוב או רע ואם יצא מן העולם צדיק או רשע · ואין ידיעתך מכריח לשום אחד משני הדרכים. לכן אם גלוי וידוע לפניך שחס וחלילה סופי למות חייב · מרצוני הטוב בלב שלם ובנפש חפיצה רוצה אני שתכריות ימי ושנותי ותן אותם תוספות על ימי עושים רצונך וכריתות ימי ושנותי יהיה מחילה וסליחה וכפרה על כל מה שהכעסתיך במעשי מיום היותי עד היום הזה ואזכה לראות באור החיים ונפשי תהיה צרורה תחת כסא כבודך אמן . ואם עתיד אני למות זכאי זך בלי שמרים חף אני ולא עון בי מעתה ומעכשיו הוסיף ימים על ימי ושנים על שני בבני חיי ומזוני עוסקים בתורה ובמצות לשמה ושפע רב כדי לעבדך תמיד בשמחה רבה בלי עצבות כלל ולהיות זוכה ומזכה אחרים עמי · ולפרסם ולרומם ולגדל אלהותך בכח אשר התן לי ואזכה לראות בביאת משיח
בן

דער דין איז מחייב צוא פאר עליכן דיא טירן פון תשובה פאר מיר זייא מיך מקבל דורך דעם ארט וואס דוא האסט גימאכט אונטר דיין כסא הכבוד פון וועגין צוא מקבל זיין דיא תשובה פון מנשה · זאיי מיר מוחל וואס איך האב גיזינדיגט פאר דיר סאיי באונס אונ סאיי מיט מיין ווילן סאיי אום געדין סאיי במזיד סאיי אוף דיא רייד פון דר תורה סאיי אוף דוא רייד פון די חכמים דען איך דער קען אין מיין נארישקייט אונ מיין שטות ווארום איך האב מיך בנארישט אונ מיין שטות האט מיר גורם גיוועזן אונ דיא עצות פון מיין יצר הרע האבין פאר מישט מיין דעה אונ האבין טינקעל גימאכט מייני אויגין אונ איך בין גיוועזן וויא אמשוגע אין בין כמעט גנייט גיוועזן דורך מיין יצה״ר · אונ דרוף האב איך מיך סומך גיוועזן אז דוא וועסט מקבל זיין מיין תשובה וויא דיא מדה איז צוא טואן חסד אונ דרויף האסטו באשאפין דיין וועלט · ובהיות אונ וייל דער מענטש איז אן גיברייט צו זינדיגן דורך זיין יצר הרע דרום מאך איך פאלין מיין גיבעט פאר דיין כסא כבוד גאט מיין גאט אונ דער גאט פון מיינע עלטרין אברהם יצחק ויעקב · אז דוא זאלסט מיט מיר טואן איין צייכן צו גוטן אזו וויא דיין מדה איז תמיד גוטס צוא טואן אונ דיא ווילסט ניט אז דער רשע זאל שטארבין איך וייס באמת אז חאטשי דוא האסט גיגעבין די בחירה דעם מענטשן צו גיין אין דעם וועג וואס זיין הארץ וויל פון רעכטס וועגן איז אנטפלעקט פר דיין כסא כבוד דער סוף פון איטליכן מענטשן אוב ער וועט זיין גוט אודר שלעכט אונ אוב ער וועט ארוס גיין פון דער וועלט איין צדיק אודר איין רשע · אונ דאס וואס דוא וייסט דאס צווינגט ניט צוא קיין שום מענטשין ער זאל מוזן גיין אין איין וועג פון דיא צו ויא וועגין · לכן דרום אויב דוא ווייסט אז מיין סוף איז חס וחלילה צוא שטארבן איין רשע וויל איך מיט גוטן ווילן תיכף שטארבין אונ דאס זאל זיין איין כפרה אויף וואס איך האב דיך דער צערינט מיט מייני מעשים ביז היינטיגין טאג אונ איך זאל זוכה זיין צוא עולם הבא אונ מיין נשמה זאל זיין אונטר דיין כסא הכבוד אמן · אונ אויב איך בין אן גיברייט צוא שטארבין איין צדיק אונ וועל קיין שום עבירה ניט טון בעט איך דיך זייא מיר נאך מוסיף יארין מיט קינדר אונ לעבין אונ פרנסה · וועלכי קינדער וואס זאלין עוסק זיין אין תורה אונ מצות פון גאטס וועגין אונ זאלסט מיר געבין פרנסה בשפע כדי איך זאל דיך תמיד דינען מיט גרויס שמחה איך זאל זוכה זיין אונ אנדרי אוך מזכה זיין מיט מיר צוא מפרנס זיין דיין געטליכקייט מיט דעם כח וואס דוא וועסט מיר געבין אונ איך זאל זוכה זיין צוא זעהן משיח בן יוסף אונ משיח בן דוד אונ ויא דאס בית המקדש וועט גיבויט ווערין אמן · עס זאל
זיין

בן יוסף ומשיח בן דוד ובבנין בית המקדש אמן · יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי :

**ובהיות** שענין הכעס הוא רע עד מאד כאשר הזכרתי בפרק דלעיל מזה [סימן ל״ו] והוא גרמא למנוע לאדם להכניע את לבבו הערל · אכתוב לך מענייני ביטול הכעס · שכתב בספר תוצאות חיים (דף צ״ו וצ״ז) וזה לשונו · הרוצה שלא יהיה כעסן ילך אחר עיקר הדברים הנאמרים או הנעשים לו להכעיסו · ולא ישים לבו ודעתו אחר מראה עיניו או משמע אזניו אלא אחר פעולת האומרים או העושה אותם · אם הוא כסיל ובער התקרר דעתו ודתיחת כעסו כי יאמר שוטה הוא זה דבריו לא בהשכל רק כצפצוף העופות או נביחת הכלב וכיוצא · ואם הוא חכם ומשכיל יחשוב ויכיר כי לטובתו אומר לו ויקבל דבריו וישמח בהם · ואם הדברים או המעשים בלתי ראוים והגונים או באו מצד עצמו שאמרם או עשאם ויבא משכיל או כסיל חכם או סכל ויזכירם · לא יסתכל אל המזכירים רק אל המעשים הואיל והוא מכיר כי אמת הוא שאמרם או עשאם והבא לו תועלת גדול בזה כי יתקן את מדותיו. עוד עצה טובה להקל את הכעס ולעצור אותו · שכאשר יהיה לאדם משא ומתן עם אחד לא טוב · יהיה מוסכם בלבו הסכמה שלימה לסבול ממנו כל מיני עלבון בדבור ובמעשה כי כאשר ימתין האדם מחבירו שיעליבהו בדבור ובמעשה לא יבא לו פתאום ולא יכעוס · כן יעשה עד שינצל ממנו כמוצל משור המועד בימי ניסן ובזה יהיו חייו חיים טובים · גם דברים המביאים את האדם לידי הכנעה ובטול הכעס · כאשר יחשוב בחליפתו ובוא אליו המות במהרה והפסק תאותיו ותקותו וצורת עמדו בקברות · וגם כאשר יעבור על לב האדם מה שהוא חייב לו מהעבודה האלהית רוב חסדיו עליו וגודל טובו והתעלמותו אליו מהמצות השמעיות והשכליות וקצורו בהם והפסק טובותיו ואמתלאותיו ב יום החשבון וחרטתו במעמד הגדול יכניע וישבר רוחו · וכמ״ש ומי מכלכל את יום בואו והכי איתא בזוהר (פרשת מקץ דף ר״א ע״ב) · כאשר יתן האדם

ב פי׳ שלא יסים לו פנאי לפטור

זיין בווילינט דיא רייד פון מיין מויל אונ דאס טראכטונג פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין בשעפר אונ מיין אויס לייזער · ביז אהער איז די תפלה · ובהיות אונ וויל דער כעס איז זייער אשלעכטי מדה דרום וועל איך שרייבן פון דיא זאכין וואס זענין מבטל דעם כעס וואס עס שטייט אין ספר תוצאות חיים · הרוצה דר ווס וויל ניט זיין קיין כעסן זאל ער נאך גיין נאך דעם עיקר פון דיא רייד וואס ווערין אים גירעט אודר גיטאן צוא דער צערנן אים · למשל ווען איינער זידלט אים זאל ער ניט טון זיין הארץ אוף דיא רייד וואס ער הערט נאר ער זאל פאר שטיין אויב דער וואס זידלט אים איז איין נאר וועט זיין כעס אפ גיקילט ווערין ווארום ער וועט זיך טראכטין דער איז אשוטה אונ זיינע רייד זענין וויא אהונט בילט · אונ אויב דר וואס זידלט איז איין קלוגער זאל ער טראכטין אז ער זאגט עס אים פון זיין טובה וועגין אונ זאל מקבל זיין זייני רייד אונ זאל זיך פרייען מיט זייא · אונ אוב ער האט גיטאן שלעכטי מעשים אונ עס וועט קומין איין קלוגער אודער איין נאר אונ וועט אים זייא דער מאנין זאל ער ניט קוקן אוף דעם וואס ער דער מאנט אים דיא שלעכטי מעשים נאר אויף דיא מעשים וואס ער האט גיטאן ווייל ער דער קענט דאך אז עס איז אמת אונ דער פון וועט אים נאך קומן אגרויס הילפונג ווארום ער וועט פארעכטין זייני מעשים · עוד נאך איין גוטע עצה איז גרינגר צוא מאכין דעם כעס אונ אים איין האלטין · אז אמענטש וועט האבין איין משא ומתן מיט ניט קיין גוטען מענטשין זאל ביא אים בלייבין אין הארץ צוא ליידין פון יענים אלירליא חרפות אונ בזיונות אזו וועט צוא אים ניט קומן פליצלונג אונ וועט ניט אריין קומן אין כעס ביז ער וועט פון אים ניצול ווערין אונ דורך דעם וועט זיין אגוט לעבין · גם אויך זענין דא זאכין וואס ברענגין דעם מענטשין מבטל זיין דעם כעס · אז ער זאל טראכטין וויא דער טויט קומט גיך אונ זאל אויך טראכטן דם גישטאלט וויא ער וועט זיין אין קבר · אונ אויך אז דער מענטש טראכט וואס ער איז שולדיג צוא גאט פון וועגין זיין פיל גינאד אונ זיין גרוים גוטין וואס ער האט אים גיטאן אונ וויא ער האט גיקערצט אין זייני מצות אונ ביא דעם חשבון וועט ער קיין שום תענה ניט האבין נוא פאטרין זיך אונ וועט דערמאלט חרטה האבין אויף וואס ער האט גיטאן דען וועט צוא בראכין אונ אונטער טעניג ווערין זיין הארץ · והכי אונ אזוי שטייט אין זוהר אז דער מענטש וועט טראכטן אז זיין בשעפר צערינט אויף אים אויף דעם וואס ער האט גיזינדיגט מיט זיין

נאוה

האדם אל לבו שבוראו כועס עליו על מה שחטא בגאותו וכעסו וכל מעשיו בספר נכתבים ואין עונו נמחק מהרה · כמה יבוש ויכלם לעתיד בראות מעשיו חקוקים לפניו ואיך לא יבוש שיכריזו עליו מלמעלה פלוני עבד ע"ג וכיוצא · ואין לך דבר שיבטל הדבקות יותר מהכעס ועל ידי הכעס הסתלק ממנו הנשמה · עוד מהדברים המבטלים את הכעס כי כאשר יספרו בגנותו אם יזכירו לו מה שעשה · יודה על נפשו בקיצורו ואל יחזור אחר אמתלאות להנקות ממנו ולזכות עצמו · ואל ישתדל להכלים המספר ואל יאשימנו על אשר גלה אותו · אבל יאמר לו שאין זה אלא שיעור קטן מרוע מעשיו נגד מה שלא ידע ממנו ושאילו היה נגלה לו רוע מעלליו ועונותיו היה בורח ממנו · ויודה לו על אשר גלה עליו מעט מהרבה ליסרו כדי שישוב · ואם מה שסיפרו עליו שקר האומרו עליו מאבד זכיותיו · עוד מהדברים המבטלים את הכעס הם כאשר יסתכל האדם כמה קלקולים נמשכים מהכעס. כי מי שהוא כועס פתאום ולא יאריך אפו יבא לידי שפיכות דמים. (ומעשה גדול בספר החסידים סי' תרנ"ח ע"ש ובפרק קמא דגיטין ובפרק ב' דשבת דברים רבים כהמה על הכועס ומטיל אימה יתירה בתוך ביתו). גם נראה לי לבטל הכעס · מיד בעת כעסו ישים נגד עיניו צורת בניו שמתו לו והשתנות פניהם שנשתנו בחלים · ואם לא מתו לו בנים ישים נגד עיניו כאלו רואה בניו מתים מוטלים לפניו. מיד ישקוט מכעסו · ואם בחור הוא שלא נשא עדיין אשה בעת התחלת כעסו ידמה ויצייר נגד עיניו חלל חרב שחוט לפניו ועדיין מפרפר ודמו שותת מסקום השחיטה ומיד ינוח מכעסו · גם נראה לי לתיקון כל העבירות אם ת"ח הוא ישתדל להרבות חדושים בלימודו ועל ידי החדושים נבנים עולמות ושמים חדשים כדאיתא בזוהר · ונמצא בונה החרבות שהחריב בעונותיו הרי מתקן מה שקלקל בונה מה שהרס · ואם אינו בר הכי לחדש יחזיק בידי המחדשים שיעסקו ויחדשו לשמו דשלוחו של אדם כמותו · ואם אין ידו משגת להחזיק בממון ישתדל בכחו לשמש לת"ח המחדשים חדושי תורה ויכין לפניהם הספרים וכל מיני הכנה באופן שלא יפסיק להם דבר מלחדש ובזה יהיה גם לו חלק בחדושי התורה שמתחדשים מסבת הכנותיו · גם יתחרט על העבר שלא עסק בתורה לחדש בה · וישתדל בבניו שיעסקו בתורה ויחדשו בה חידושים . וילך לשמוע לדרשנים האומרים חדושי התורה ויעצב בלבו איך הוא לא זכה לזה ויאמר בינו לבין עצמו הלואי

גאוה און מיט זיין כעס אונ אלי זייני מעשים זענין פר שריבין אין אבוך אונ זיין זינד ווערט ניט אפ גימעקט אונ וויא ער וועט פאר שעמט ווערין נאך זיין טוט אז ער זעהט פאר זיך אלי זייני מעשים גישריבין אונ מען וועט אוף אים אויס רופן פון דעם הימל דער דאזיגר איז איין רשע · עוד אויך איז מבטל דעם כעס אז מען וועט אים דער מאנען וואס ער האט גיטאן ניט קיין גוטי זאכין זאל ער מודה זיין אונ זאל ניט פאר שעמין דעם וואס דער ציילט עס אים זאל אים זאגין אז דם וס דו דר ציילסט פון מיר איז דאס נאר אקלייניקייט פון מייני שלעכטי מעשים וואס דוא ווייסט ניט אונ ווען דו וואלסט ווייסין פון אלי מייני שלעכטי מעשים וואלסטו פאר מיר אנטלאפין גיווארין · אונ זאל אים דאנקן אוף דעם וואס ער האט אנפלעקט אביסיל פון זייני עבירות צוא שטראפין אים כדי ער זאל דרוף תשובה טאן׳ואס אונ אויב מען זאגט אויף אים ליגען בדארף ער בוודאי דרויף ניט צערנין ווייל. ייענער פארלירט דורך דעם זייני זכיות · עוד אויך איז מבטל דעם כעס אז דער מענטש זאל קוקן וויא פיל שלעכטיקייט עס קומט ארוס פון כעס אז דער וואס האלט ניט איין זיין כעס קען קומען צוא רציחה · גם אויך זאל ער טון בשעת כעס קעגין זייני אויגין דם גישטאלט פון זייני קינדר ווס זענין גישטארבן אונ אויב ביא אים זענין קינדר ניט גישטארבין זאל ער טון טראכטין גלייך וויא ער זעהט זייני קינדר גישטארבן וועט ער תיכף גישטילט ווערין פון זיין כעס אדער ער זאל בשעת אן הייב כעס זיך אויס מאלין גלייך וויא פאר אים ליגט איין מת וועט זיין כעס תיכף גישטילט ווערין · גם אויך צוא מתקן זיין אלי עבירות · אויב ער איז איין תלמיד חכם זאל ער טראכטין פיל פשטים מחדש צו זיין אין דער תורה אונ אויב ער קען ניט לערנין זאל ער געבין פרנסה צוא דיא לומדים וואס זענין מחדש אין דר תורה זייא זאלין עוסק זיין אין דר תורה פון זיינט ווענין ווארום דר שליח פון דעם מענטשין איז גלייך וויא ער אליין · אונ אויב ער פר מאג ניט זאל ער זיך פלייסין צוא באדינן תלמידי חכמים אונ זאל פאר זייא אן גרייטן ספרים עס זאל זייא קיין שום זאך ניט אפ ציין צום לערנין אונ דורך דעם וועט ער אויך האבין איין חלק אין דער תורה · גם אויך זאל ער חרטה האבין וואס ער האט ניט גילערינט אונ זאל זאגין הלואי וואלט איך שכל גיהאט אוך אזו מחדש צו זיין אין דער תורה וויא

הלואי יהיה לו השכלה כדי לחדש כמוהו אפילו חדוש אחד ולמות אחר כך. ומחשבה טובה הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה ובפרט שמתאוה לזכות לחדש ואף על פי שאחר כך ימות. ונראה רמז לדבר אחר מעשה העגל שע"ג כולל כל עבירות שבתורה · ויקהל משה את העם הזכיר להם ענין שבת לרמוז להם שיקהלו קהלות בדבים לדרוש בשבתות ובמועד הלכות פסח בפסח הלכות עצרת בעצרת כשארז"ל ועשה זה כדי שעל ידי חדושי הדרושים יתקנו ויבנו החורבות שהחריבו בעשיית העגל. שאין דבר שיוכל לתקן ולבנות ההריסות כ"א החדושי׳ שאדם מחדש בתורה. ולמפורסמות אינן צריכות להרבות בראיות. שהרי כשם שתחלת בנין העולם היה על ידי התורה כדרז"ל אמרה תורה בי היה מסתכל הקב"ה וברא את העולם וכו׳ כך תיקון ההריסות בו על ידי העונות אינו אלא כי אם ע"י התורה הקדוש ברוך הוא יזכנו בה לעולם אמן סלה ועד. ואם אמור יאמר האדם מה יכולת יש בהבל היוצא מפי שאין בו ממש לתקן ולבנות בניינים. הבט וראה שיש כח בדבור היוצא מפי מלך שלטון להמית ולהחיות לבנות ולהרוס אע"פ שבדבור עצמו אין בו ממש כי אינו אלא קול הבל שהוציא מפיו · וכן תראה הראיה אין בה ממש ומי שרואה בעין הרע ממית בראייתו · והיענה מבטת בעיניה ראית תדירית בביציה ומכח הראיה מחממת אותם ומוציאה אפרוחיה · וכן הרוח אין בו ממש כי אם קול הברה נשמע ממנו ופועל לשבר הרים ולפרק סלעים ולהפיל ארזים · כל שכן וקל וחומר בן בנו של ק"ו הבל היוצא מן התורה שבה נברא העולם שנבנים שמים מחודשים · וכל הדברים הרוחניים אין דעת האדם יכול לצייר נגד עיניו כפעולה הגופניות כי אין לאדם לעסוק להשיג דעת הבורא כי יוציא כל זמנו לריק וכל כך שיחשוב שהשיג דבר ימצא עצמו רחוק רחוק כרומית בן בחיי אביו שירצה להגיע למספר שניו של אביו יוציא זמנו לריק · שכל שנה ושנה שיעבור עוד עליו נמצא רחוק עוד משני אביו · כך הרוצה לחקור להשיג דעת המקום אין לו לאדם כי אם לקיים מה שצוה עסק התורה ומצותיה ודברי חכמים שפירשוה כי דבריהם אמת כקדוש ברוך הוא ותורתו שהוא אמת והם אמרו שעל ידי הבל היוצא מפי האדם נבנים שמים חרשים בודאי שכך האמת · ואין לנו עסק כי אם לקיים דבריהם · וכחולה הזה שאין לו הכרח לידע בסממנים שנותן לו הרופא כי אם לעשות מה שמצוה עליו לאכול ולשתות מהן בזה דוקא תלוי רפואתו ובריאתו · ומצאתי ראיה לדברי שהתורה היא תרופה לכל חטא ועון · בזוהר בפרשת קדושים (דף פ׳ ע"ב דפוס מנטובה) וז"ל כל מאן דאשתדל באורייתא אע"ג דאתגזר עליה עונשא מלעילא על עונותיו ניחא ליה מכל קרבנין דעלמא ועלוון וההוא עונשא אתקרע ובגין דילעי בה לשמה קוב"ה אתפייס בהדיה · ת"ח לא אתדכי ב"נ לעלמין אלא במילין דאורייתא בגין כך מילין דאורייתא לא מקבלין טומאה בגין דההוא קיימא לדכאה לאלין מסאבין ואסותא באורייתא

זיא אונ איין גוטי מחשבה איז גאט ב"ה מצרף צו איין מעשה · גאט זאל אונז מזכה זיין אין דר תורה אויף אייביג אמן · הבט זעה אז אין דעם דיבור וואס גייט ארויס פון דעם מויל פון איין מלך איז איז פאר האנדין כח צו טייטין אונ צו בויען האטשי דער דבור אליין איז דאך נור איין קול אונ אזו אויך דיא ראיה איז דאך קיין ממשות ניט אונ מען קען טייטין מיט דער ראיה · אונ דאס עוף (בת היענה) קוקט אין אירי אייער אונ מיט דער ראיה דר ווארעמט זיא זיא אונ ציהט אוס היגדלעך פון זייא · אונ אויך דער ווינט איז קיין ממש אין אים אונ ער קען צו ברעכין טעגען ביימער איז שון בודאי אפשיטא אז דער קול פון דער תורה וואס מיט איר איז בשאפין געווארין די וועלט ווערט דער פון בודאי גיבויט נייאי וועלטין וואס קיין מענטשינס שכל קען עס גאר ניט אויס מאלין קעגין זיינע אויגין · אונ דער מענטש גיהער נאר מקיים זיין וואס גאט ב"ה האט גיבאטין צו לערנין תורה אונ אירי מצות מקיים צו זיין אונ דיא רייד פון דיא חכמים וואס האבין זיא בשייד ווארום זייערי רייד זענין אמת אזו וויא גאט ב"ה מיט זיין תורה איז אמת אונ זייא האבין גיזאגט אז דורך דעם קול וואס גייט ארויס פון דעם מענטשינס מויל ווערט גיבויט נייאי הימלין איז בוודאי אזו דער אמת אונ מיר בדארפין מקיים צו זיין זייערי רייד אזו וויא דער קראנקיר בדארף טוען וואס דער דאקטיר זאגט אים אן צו עסין אודער טרינקין פון די רפואות וואס ער גיט אים אין דעם הענגט נאר אן זיין רפואה אונ זיין גיזונדהייט · ומצאתי איך האב איין ראיה גיפונען אז דיא תורה איז א רפואה צוא אלי עבירות פון זוהר ער שרייבט דער וואס לערינט תורה האטשי ווען עס איז אויף אים נגזר גיווארין איין עונש איבער זייני עבירות איז די תורה מכפר מער פון אלי קרבנות אונ דער גזר ווערט צו ריסען · אונ פון וועגין וואס ער מיהט זיך אין דר תורה פון גאטס וועגן ווערט ער צוא אים איבר

אשתבח ע"כ · וכן בתקתים (תקון כ"ב דף כ"ה ע"א) · ועיין לקמן פרק ס"ד :

**פרק כב** יראה האדם ויסתכל האילנות וצמחי האדמה עשבים פרחים וציצים ומיני שושנים בימי הקיץ עומדים דשנים ורעננים והאילנות טעונים פירות וכל צמח האדמה נותנים ריח עומדים בצביונם ובמקומותם כל רואיהן מתעדנין בהם · מי יאמר ומי יחשוב שיכול ליפול בהם העקירות והיבשות והכליון · ועכ"ז עינינו הרואות שבהגיע זמן החורף הכל כלה ונפסד · כל העשבים והפרחים חוזרים לעפר דק וכל אילן עלהו יבול והלוחלוחית סר מהם עד שחוזר לעץ יבש · והאדם הנמשל לעץ דכתיב כי האדם עץ השדה · ונמשל לחציר דכתיב כל הבשר חציר וכל חסדו כציץ השדה · איך יבטח בהונו ובמסתו ורוב בניו ובריאות גופו · שכשם שמעותד הכליון על העץ והחציר כך יפול עליו · שבעוברו מחצי שניו ולמעלה נכנס לבחינת ימי החורף כאילן ומתחיל בו הערד ואפיסת הכחות וזיו פניו משתנים וטבעו מתהפך ומתחיל למאוס בחמדות העולם ובטעמי המאכלים כאדם שמתחיל בו חולי מתחיל למאוס בכל מאכל אף שהוא מוטעם · וכיון שכן למה לא יתפוס האדם ההפך כדי לבא אל המנוחה · רצוני לומר שמיד בבואו בעולם יתפוס הטורח בעבודת הבורא ויעמוד ערום מבלי לבוש בחמדות הגופניות · ויוציא כל זמנו על התורה ועל העבודה כדי שכשיבאו ימי החורף הם הימים שיוצא מן העולם יתחיל לפרות ולטעון פירות מפרי מעשיו הטובים שעשה ולתת ריח כפרחים וציצים מחדושי התורה שהידש בעמלו · ויעמוד בצביונו ימים אין מספר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול לעולם ועד וכל אשר יעשה יצליח · גם יעשה האדם הפך האילן שבזמן שמתלבש בענפים ועלין ופירות דהיינו בימי הקיץ זמן הטיול והתענוג אז יפשיט עצמו האדם מכל התענוגים אף שהזמן גורם יתגבר על יצרו ויפשיט עצמו מכל חטא ועון · ובימי החורף שהאילנות מתפשטים מכל פרי ועלה אז ישתדל להלביש עצמו בלימוד התורה בכל כחו · כי הלילות ארוכים והיום מעונן והמטר יורד ואין לו מקום לצאת ולבוא אנה ואנה יוציא כל זמנו לעשות לבוש לנפשו מתורה ומצות · כי הזמן נותן לו יד ואין מקום ליצרו לפתותו בטיולי ובתענוגי הזמן כי אינן נמצאים אז · ובפרט כראות האדם שאם יחטא בימי החורף יכפל עונשו כיון שאין הכנות לחטוא וחוטא · שאינו דומה החוטא בזמן הקיץ שנמצאים התענוגים והטיולים שנמצא הזמן נותן לו

גיבעטין · אונ די רפואות ווערין נאר גיפונן אין דער תורה:

פרק כב יראה האדם דער מענטש זאל זעהן וויא די בייםר אונ גראז אונ רויזין זענן אום זומר פריש דיא ביימר זענין בעשיינט מיט פירות אונ אלע געוויקס שטייען מיט זייער גישטאלט עס איז איין פערגעניגען פון זיא אונ עס קומט ווינטער ווערט אלץ פאר וועלקט אונ דיא בלעטר פאלין אפ אונ די פייכטקייט ווערט גימינערט · והאדם דער מענטש איז גיגליכען צוא אבוים אונ צו גראז וויא זאל ער אבטחון האבין אויף זיין גוטס אונ געלט אונ אויף דעם קראפט פון זיין גוף דען אזו וויא אויף דיא ביימר אונ גראז אזו אויך אויף דעם מענטש אין האלב פון זיינע יארין גייט ער אריין אין ווינטער אונ זיינע כוחות הייבין אן שלאף צו ווערין אונ זיין פנים אונ זיין טבע ווערט פאר ענדערט אונ הייבט אן צוא פאר מיאוסען אין דער וועלט אונ אין דיא טעמים פון עסין וויא א מענטש וואס הייבט אן קראנק צו ווערן פאר מיאוסט דאס עסין ווס עס איז גאנץ גוט · וכיון אונ ווארום זאל דער מענטש זיך ניט בעמיהען צו קומן צו דעם רואונג דאס היפך וויא ער קומט אויף דער וועלט זאל ער זיך מטריח זיין אין נאמס דינסט אונ זאל זיך דער ווייטערין פון גלוסטיקייט אונ זאל לערנען תורה אונ גאט דינען כדי אז עס וועט קומען דיא טעג וואס נאך האלבע יארין וועט אן הייבין צו בליען דיא פירות פון זיינע גוטע מעשים אונ דיא חידושים וואס ער האט מחדש גיוועזן אין דער תורה מיט זיין מידקייט אונ וועט שטיין אין זיין גישטאלט אזו פיל טעג וואס האבין נאר קיין צאל ניט אונ וואס ער וועט טאן וועט ער באגליקין · גם אויך זאל דער מענטש אום זומער וואס איז די צייט פון שפאצירין אונ תענוג דערנאלט זאל ער זיך אפ טאן פון אלע תענוגים אונ פון אלי עבירות · אונ אום ווינטער זאל ער זיך פלייסן אין תורה לערנען מיט זיין כח ווייל דיא נעכט זענין לאנג אונ דיא טעג זענין וואלקענדיג אונ רעגין גייט דאס רוב זאל ער פאר ברענגן נאר זיין צייט אין תורה אונ מצות ווייל רענקאלט גלוסט אים ניט צו גיין שפאצירין אונ תענוגים זיך אן טאן · ובפרט בפרט זאל דער מענטש פאר שטיין דאס אז ער וועט זינדיגין אין ווינטר טעג וואס ווערין ניט גיפונין דיא פיל תענוגים אונ שפאצירין איז

יד סיוע לחטוא שלא יהיה עונשו כל כך כהחוטא בימי החורף שלא נמצא בו רוב התענוגים והטיולים שבודאי החוטא בו יכפול עונשו שהרי הוא עצמו מגרה יצר הרע עליו · ונראה דעל זה היה מתרעם הקב"ה על ישראל באומרו אסוף אסיפם נאם ה' אין ענבים בגפן ואין תאנים בתאנה והעלה נבל ואתן להם יעברום· דקשה אומרו לאוספם ולהכריתם בזמן שאין פירות באילנות אין ענבים בגפן ואין תאנים בתאנה ואפי' עלה נבל· ולא כן שהרי בחדש אב גלו בזמן שאילנות טעונים פירות כדי שימצאו בדרכים לאכול ביוצאם בגלות וישבו בצל האילנות כארז"ל דזוה הטעם הגלם בחדש אב · ועוד נדקדק בכפל אסוף אסיפם · אמנם הכונה הוא שמתרעם הפסוק שחטאו בזמן שלא היה נותן להם הזמן יד לחטוא דהיינו בימי החורף שאין פרי ואין עלה באילן לטייל ולהתעדן · ואין זו אלא שהיו מגרים הם עליהם את היצר הרע ולכן ראוים לעונש כפול · ושיעור הפסוק אסוף אסיפם בכפל הרומז לעונש הכפול משום שבזמן שאין ענבים בגפן ואין תאנים בתאנה וגם העלה נבל דהיינו בימי החורף גם בזה הזמן ואתן להם שהיא התורה יעברו לכן אסוף אסיפם בעונש כפול · שאם רוב חטאתם היו בימי הקיץ ימי תענוג שהזמן מסייעתם התרשתי :

**הנה** כדי שיוכל האדם לבא בניצוח עם יצרו ידמה אדם עצמו לאחת מן האבנים היקרות הסגלויות דמצד הגוף החומרי שלו הוא כאבן עצמה דמוף סוף אבן דומם היא אין בה לא טעם ולא ריח · ומצד נשמה הטהורה שבו הוא כסגולת האבן היקרה שיש אבן סגולתה להחכים הנושא אותה עליו· ויש אבן שגורם הצלחה לכל נושא אותה כנודע מחכמי המחקר בסגולת האבנים היקרות · (עיין ברבינו בחיי ז"ל באבני האפוד) · ובזה בבא יצרו לפתותו שיחטא ויעשה מה שלבו חפץ ולא יגיע לו מהעונש כיון שנשמתו ממקום קדוש חוצבה מתחת כסא הכבוד והיא סגולה יקרה איך יתכן שיפול בה עונש החרפה והכליון באומרו לו כן יתן דעתו אל הגוף דסוף סוף אבן דומם הוא ובאבן יפול בו השבירה והחסר · ואם יבא לפתותו שלא לקיים שום תורה ומצוה כיון שהוא גוף עפר אבן דומם ומה שכר יכול להגיע לאבן · יתן האדם דעתו לסגולה הגנוזה באבן כמדובר שהיא בחינת הנשמה שבו שהיא חשובה ויקרה מעותדת לקבל שכר · ובזה פי' מוהרי"ש אוזידה ז"ל על משנת עקביא כו' הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון : מאין באת מטפה סרוחה וכו' · דלמה תנא והדר מפרש · דהוי ליה למימר מיד מאין באת מטפה סרוחה · אלא שחילק לרמוז על צד הגוף ונשמה שאם יבא לחטוא באומרו שנשמתו ממקום עליון ולא יגיע לו עונש יחשוב שבא מטפה סרוחה א מה מעלה יכול להשיג בקיום התורה יחשוב שנשמתו ממקום קדוש · וזהו דקאמר התחלה סתם מאין באת לרמוז על הנשמה שבאה מתחת כסא הכבוד · ומראנו משם יותר מפורש· גם כדי שימנע האדם עצמו מלחטוא יחשוב בדעתו שכשם שאם יגיע לו מכת חרב וכרומה מרגיש צער גדול ולכן משתמר עצמו שנגע לא יקרב באהלו· כך אין ראוי שיעשה הוא עצמו צער זה לחבירו כיון שמכיר בגודל הצער · על דרך ואהבת לרעך כמוך · והנה כיון שאם ירעב או יוכה מצטער

א נ"ל דחסר כאן ואם יבא לחטוא כאומרו כיון שבא מטפה סרוחה מה מעלה וכו'

זיין עונש טאפיל ווייל ער רייצט אליין אן דעם יצר הרע אויף זיך גם כדי דר מענטש זאל זיך פר־סיכרן פון זינדיגן זאל ער טראכטן אז ווען עס זאל אים גרייכן איין שלאק פון אשווערד אונ אזעלכע גלייכן פילט ער אגרויס צער אונ דרום היט ער זיך דר פר אזו גיהער ער דעם צער ניט טאן צו זיין חבר אזו וויא עס שטייט אין דר תורה (ואהבת לרעך כמוך) דוא זאלסט ליב האבן דיין גיזעלין אזו ווי דיך זעלבסט· אונ נון אז ער איז הונגריג אדר ער ווערט גישלאגן איז ער דאך זיך מצער וויא זאל ער אזו טאן צו זיין חבר אונ מחמת זייני זונד קומט הוי בייז אויף אלי יודן ווארום אלי ישראל זענן ערב איינר פאר דעם אנדרין · אונ אז ער ווערט טראכטן דאס מיט זיינע זינד טוט ער זיין חבר אשאדין וואס ער וואלט ניט גיוואלט טאן זיך אליין ווערט ער זיך היטן פון צו זינדיגין · אונ אוב ער ווערט זינדגין ווערט ער תיכף תשובה טאן כדי ער זאל צו אנדרי ניט שאדין טאן · אונ אזו קען מען אויך מפרש זיין דעם פסוק (אם כסף תלוה את עמי) אז דו ווערסט לייען געלט צו מיין פאלק (את העני עמך) זאלסטו טראכטן גלייך וויא דוא ביסט ארום וואלסטו דאך גיוואלט מען זאל דיר בארגין אזו זאלסטו צו דעם ארימאן אויך בארגין· ועל דרום האבן די חכמים ז"ל גיזאגט אז גאר די תורה הייננט אן אין דר מצוה (ואהבת לרעך כמוך) דס איז ווייל

מאר איך יעשה כך אל חבירו · שהנה בחטאו רעב כי יבא בעיר דבר כי יבא והן כל חולי וכל מכה כי בחטאו נתפסים כולם בכל הרעה הבאה כיון שכל ישראל ערבים זה לזה·ובשושו כך נגד עיניו תמיד שבחטאו מזיק לחבירו מה שאינו רוצה לעצמו יפרוש מלחטוא ואם יחטא יחזור מיד לתקן הנזק שגרם כדי שלא להזיק לאחרים כאשר אינו רוצה לעצמו · והוא ע"ד שפירשו המפרשים ז"ל על פסוק אם כסף תלוה את עמי את העני עמך · ירצה כשבא לתת לעני יחשוב בנפשו שאם הוא עני ויתנו לו מעט מצטער הרבה ובזה ירבה במתנות לתת די מחסורו אשר יחסר לו אפי' סוס לרכוב עליו אם היה למוד בזה · וזהו את העני עמך כלומר יקח העניות לעצמו לחשוב אם הוא יהיה עני ירצה שירבו לו במתנה כמדובר ובזה ירבה לתת וכו' · ועל זה אמרו חכמים ז"ל דכל התורה כולה תלויה בואהבת לרעך כמוך מאי דסני לך לחברך לא תעביד · דכיון שאין עושה לחבירו מה שאינו רוצה לעצמו מונע עצמו מלחטוא כדי שלא תבא רעה לעולם על חטאו ונלקים כולם והוא דבר שאינו רוצה לעצמו · נמצא שבואהבת לרעך כמוך תלויה כל התורה שע"י כך אינו עובר על דבר מן התורה ומקיימה כדי שיבא לעולם טוב ולא רע דבר הרוצה לעצמו כמדובר · ילמוד אדם מחיה אחת שעודה טוב מאד ובראותה עצמה בעת מיתתה עומדת על אם הדרך מקום שעוברים שם ב"א ומתה שם כדי שימצאו אותה ויהנו מעורה · ולמה לא יהיה יתרון אל האדם שהכל נברא בשבילו שיהנו ממנו בחייו ובמותו · שבהיות האדם עובד האלהים מגין על דורו בזכותו שנזונין בעבורו · על דרך שאמרו רבותינו ז"ל ה"כ כל העולם ניזון בשביל חנינא בני וכו' · וגם במותו מתפלל על החיים והקב"ה עושה בעבורו · כדאיתא בזוהר אילולי תפלתם של המתים על החיים לא היו קיימים · גם כשהחיים מזכירים הצדיקים המתים בעת צרתם הקב"ה עושה בשבילם שהרי במעשה העגל אמר מרע"ה בתפלתו זכור לאברהם ליצחק וליעקב וכו' ונענה · ואם חס ושלום ימות אדם חייב מה יענה ליום הדין שהחיה טוב ממנו שהרי החיה יש הנאה ממנה במותה מה שאין כן ממנו לא בחייו ולא במותו · ילמוד אדם מן הזמירה וזוגאר"ה בלעז שלא להפסיק פיו מעסק התורה ולהלל ולזמר להקב"ה בלתי הפסק ואע"פ שימות בעמלו על דרך אדם כי ימות באהל · שהרי הזמורה בימי הקיץ משוררת באילן בלתי הפסק עד שמתבקעת כריסה ואינה חוששת על מיתתה כדי לזמר ואף על פי שאינה מקבלת שום שכר על זה · כ"ש וק"ו שלא יפסיק אדם פיו מעסק התורה ואע"פ שימות לא ישים לבו על זה בערך דיש לו שכר בעמלו · וכמו שמבואר אצלי בחיבור של הדרושים שהיברתי על מאמר חש בראשו יעסוק בתורה וכו' דקשה לכאורה שעינינו הרואות שאדם החושש

דאס בייז וואס ער וויל זיך ניט טאן וועט ער עס זיין חבר אויך ניט טאן דורך דעם וועט ער ניט זינדיגין כדי דורך זיין זינד זאל ניט שלעכטס זיין אויף דער וועלט אויך וועט ער טאן מצות כדי אוף דער וועלט זאל קומין גוטס דורך אים · ילמוד דער מענטש זאל זיך אפ לערנין פון איין חיה וואס איר פעל איז זייער גוט אונ ווען זיא מאר שטייט דאס זיא מוז שטארבין שטעלט זיא זיך אויף אזו איין ארט וואס מענטשין גייען כדי לייט זאלין הנאה האבין פון איר פעל · אונ ווארום זאל דער מענטש ניט זעהן אז מען זאל פון אים הנאה האבין ביא זיין לעבין אונ נאך זיין טויט · אונ אז דער מענטש דינט גאט ווערט פון וועגין זיין זכות געשפייזט זיין דור · אזו וויא אונזרע חכמים האבין גיזאגט איין בת קול איז ארויס גיגאנגן אז גאר דיא וועלט ווערט גישפייזט פון וועגין דעם זכות פון רבי חנינא בן דוסא · אונ אויך נאך זיין טויט איז ער מתפלל אויף דיא לעבידיגע אונ גאט ב"ה טוט גוטס אויף דער וועלט פון זיינט וועגין · אזו וויא עס שטייט אין זוהר דס די מתים זענין מתפלל אויף דיא לעבידיגי אבער ווען ער שטארבט ח"ו איין רשע וואס וועט ער ענטפרין צום יום הדין אז פון אים האט מען קיין הנאה ניט ביא זיין לעבין אונ ניט נאך זיין טויט · ילמוד דער מענטש גיהער זיך אפ צו לערנן פון דעם פויגיל זמירה אז ער זאל ניט מפסיק זיין זיין מויל פון צוא לערנין תורה אונ צו לויבין צו גאט ב"ה אונ זאל גאר ניט אוף הערין · ווארום דיא זמירה זינגט אום זומר צו גאט ב"ה אויף איין בוים אן אויף הערונג אונ זיא זארגט ניט אויף איר לעבן אונ חאטשי זיא נעמט דאך קיין שום שכר ניט דרויף איז שון אכל שכן דער מענטש גיהער ניט אויף הערין צו לערנן אונ וועט פיל שכר דער פאר האבין: וכמו אונ אזו וויא איך האב מפורש גיוועזן דעם מאמר אין דער גמרא (חש בראשו יעסוק בתורה) חאטשי זיין קאפ טוט אים וויא פון

החושש בראשו אע״פ שיעסוק בתורה אין כאבו עובר ממנו ואיך אמר חש בראשו יעסוק בתורה כאלו בעסקו בתורה כאבו מתרפא ואינו כן שעינינו רואות שאין הכאב עובר ממנו · אלא הכוונה לומר שאין עת שיכול האדם ליפטר מן התורה אפי׳ כשהוא חולה · וזה הוא חש בראשו יעסוק בתורה כלומר אע״פ שיהיה לו מיחוש ראש יעסוק בתורה וכן חש בכל גופו · ובעשותו כך שגם בשעת המיחוש והכאב עוסק בתורה ואינו חושש רואה השם בצערו ומרפא אותו שנאמר רפאות תהי לשרך וכו׳ אך אפי׳ בשעת החולי אין צריך להפסיק מזמר התורה ק״ו מהזמירה שאינה חוששת על מיתתה כדי לזמר · ופי׳ החכם השלם כמהר״ר ידידיה אבולעפייא נר״ו בזה דע״ז כוון דהמע״ה בפסוק זמירות היו לי חקיך בבית מגורי · כלומר הייתי כזמירה לזמר בלימוד חקיך בלי הפסק ולא חשתי על חיי כזמירה זו · והנה דורשו לשבח ונכון . וזהו שארז״ל כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו · כלומר אפילו הדברים שתראה שהן מותר בעולם כגון יתושים ופרעושים וכזמירה וכיוצא בה דע שהרי הם בכלל הבריאה כארז״ל במדרש · ובראם לכבודו שילמדו מהם ליראה את השם הנכבד והנורא ולעבדו ולדבקה בו · על דרך מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו · שכמה דברים נלמד מהם כנזכר ברז״ל וכענין הזמירה כנזכר . גם אל ישים אדם לבו על שמשתנים פניו ומשחירים בעסק התורה והמצות וכארז״ל אין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן משחיר פניו עליה דכתיב שחורות כעורב כו׳ בערך שע״י צער זה קונה אריכות ימים וזוהר וקירון פנים בעולם שכלו טוב שכלו ארוך· ילמוד מחיה א׳ שיש שביצים שלה מועילים לרפואה וכשרודפים אחריה ללוכדה בעבור הביצים יודעת שע״ז רודפים אחריה מה עושה עוקרת אותם בשיניה בעת הרדיפה ומשלכת אותם ובזה נמנעים מלרדוף אותה וניצלת החיה בזה · הרי חיה זו אינה חוששת לצער השעה וסובלת אותו כדי לקנות חיים כ״ש וק״ו שאין לאדם לחוס על צער השעה עסק התורה והמצות כדי לקנות חיים ארוכים ותענוגי הנשמות בעולם שכלו טוב וארוך · ילמוד ג״כ מהשועל שהוא מלא ערמות ותחבולות לבקש מזונותיו ולשמור חייו להציל את עצמו מיד כל רודף אותו ומבקש מיתתו והוא חכם וערום לעמוד על שמירתו · גם האדם ילמוד ממנו להיות ערום ביראה חכם במושכלות אלהיות· יחשוב תחבולות כיצד יבא לידו קיום כל מצוה לשמור חייו שלא יפול ביד מלאך המות· ילמוד האדם מן הדבורה שמהפכת העשב בפיה לדבש מתוק ומשליכה בפיה בבוורת להנאת העולם · שאם היתה מוציאה דרך בית הרעי היתה אסורה משום היוצא מן הטמא טמא (עיין בכל בו) . כ״ש וק״ו שיש כח באדם על ידי עסק התורה להפוך בהבל היוצא מפיו המר למתוק להפוך מדת הדין למדת רחמים להמתיק הדינין ושיהנו כל העולם ממתקו ודבשו · ולכן הקב״ה משבח לכנסת ישראל כשהם טובים נופת תטופנה שפתותיך כלה · שעל ידי

דערסט ווענן (יעסוק בתורה) זאל ער עוסק בתורה זיין אונ אזו אז ער הט אנדר קראנקייט זאל ער אוך פון דערסט וועגין לערנין ווערט גאט זעהן אין זיין צער אונ וועט אים היילין · וזהו אונ דס איז וואס אונזרי חכמים ז״ל האבין גיזאגט אלץ וואס גאט האט בשאפין איז פון זיין כבוד וועגין כדי מענטשין זאלן זיך פון זייא אפ לערנן צו פארכטין זיך פאר גאט אונ צו דינען אים אונ צוא בהעפטין זיך אין אים· גם אויך זאל דער מענטש ניט טון זיין הארץ אויף דעם וואס זיין פנים ווערט פאר ענדערט מחמת ער לערינט תורה אונ טוט מצות ווארום מחמת דעם צער קופט ער זיך לאנגע טעג אוף עולם הבא אונ אלוטער פנים אוף אזו איין עולם וואס איז אייטל גוט . ילמוד דער מענטש זאל זיך אפ לערנין פון איין חיה וואס אירע ביצים העלפן צוא איין רפואה אונ אז מען יאגט זיא חייסט זיא אז עס איז וועגין דיא ביצים רייסט זיא עס איז אום מיט דיא ציין אונ ווארפט אוועק אונ ווערט ניצול אונ לייד עס כדי זיא זאל בלייבן לעבן · אפשיטא דער מענטש גיהער ניט חס האבן אוף דעם צער בשעת ער לערינט תורה אונ מצות כדי צוא קופען זיך לאנג לעבן אונ תענוגים צו דער נשמה אוף עולם הבא · ילמוד ער זאל זיך אפ לערנין פון איין פוקס וואס ער איז פול מיט ערמות אונ תחבולות צוא זוכען זיין שפייז אונ היטען זיין לעבין גהער דער מענטש זיך אפ לערנין צו זיין קלוג אין נאמס פארכט ער זאל טראכטן תחבולות וויא אזו ער זאל מקיים זיין אלע מצות צוא היטן זיין לעבן כדי ער זאל ניט ארין פאלן אונ דיא הענט פון שטן · ילמוד ער זאל זיך אפ לערנין פון דער ביהן וואס זיא מאכט אין איר מול די בלומן וואס זיא עסט צו זיסן האניק אונ ווארפט עס ארוס פון מול אין ביהן שטאק כדי די וועלט זאלן דער פון הנאה האבן אפשיטא אז דורך דער תורה לערנין קען דער מענטש מיט דעם האך וואס גייט ארוס פון זיין מול פאר

השפתים ששונים בתורה ממתיקין הדינים כרבש ונופת צופים ומושךהנאה לכל העולמות · ופי׳ החכם השלם כמהר״ר ידידיה אבולעפייא נר״ו שנלמוד גם מהדבורה שאינה מוציאה הרבשןדרך בית הרעי מקום טמא שיהיה תורתו בטהרה כדי שילמדו מטו תורה · כארז״ל על פסוק כי מלאך ה׳ צבאות הוא אם דומה ת״ח למלאך השם תורה יבקשו מפיו ואם לאו לאו · גם יש ללמוד אפי׳ מהנחש הרשע המקולל לעבודת הבורא שהרי הנחש טורח להזיק אע״פ שאינו מגיע לו שום תועלת כארז״ל אומרים לנחש ארי טורף ואוכל אתה מה הנאה יש לך כו׳ כ״ש וק״ו בן בנו של ק״ו שראוי לאדם שיטרח להמשיך תועלת לו ולכל העולם שהוא זוכה לשכר הצפון ובשבילו ניזון העולם כנודע · ואם ח״ו יקלקל מעשיו מזיק לו ולכל העולם ואז הוא יותר רע ומר מן הנחש הארור · לפי שהנחש כשמזיק לאחרים אע״פ שאין לו תועלת גם נזק אינו מגיע לו · לא כן האדם המקלקל דרכיו שמגיע נזקו לזולתו ולעצמו שנמצא מלבד שאין לו תועלת גם הגיע לו נזק רב ועונש קשה שמאבד שכר עוה״ב ונידון במשפטי גיהנם וכמה מהביוש מגיע לרשע ביום הדין בהיותו גרוע מהנחש שאין לו תקנה כארז״ל כלם מתרפאים לעתיד חוץ מן הנחש · גם אל יקל בעיני האדם איזה דבור שיכול ללמוד או איזה חדוש שחידש בתורה אפילו שהוא קטן אל יקטן לו בעיניו אלא יגדלהו ויחשבהו בעיניו דזהו מביאו לטרוח לחדש עוד עד שירגיל ויחדש חדושים גדולים וסודות נפלאים ויטע בכל העולמות נטיעות ואילנות גדולות מחדושי תורתו עד שיעשו גנות ופרדסים · ילמוד מן הזורע זרע קטן כחרדל זורעים אותו ונעשה אילן גדול השרשים וענפים ועלין ופירות וניטעים מענפיו נטיעות עד שנעשים גנות ופרדסים לרוב · ומי גרם לכל זה שלא הקטין האדם הזרע בעיניו לבזותו ולפרקו להשליכו אלא נתגדל בעיניו וזרעו ושמרו עד שגרם לכל זה כך החדוש בתורה אפילו קטן הוא כזריעה כמדובר והדבר מובן · ומה טוב ומה נעים כל חדוש שיחדש האדם בתורה אפי׳ חדוש קטן להעלותו כרגע על הספר בדיו למען יעמוד ימים רבים שלא ישכחהו · כמו שראיתי בהקדמת ספר אחד שאדם שאינו כותב חדושיו בתורה בעבור שהוא קטן בעיניו עתיד לתת דין וחשבון על זה · משום שאומרים לו בפנקס הסחורות כותב אדם מה שחייבים לו וחייב לאחרים אפי׳ עד חצי פרוטה·אומרים לו וכי יותר חביב היה בעיניך
חצי

קערין דעם מדת הדין אוף מדת הרחמים אונ גאר דיא וועלט זאלן הנאה האבן פון זיין זיסקייט · אונ דרום לובט גאט דיא ישראל אונ דיינע לעפצן טריפען זיסקייט ווארום דורך דיא לעפצן וואס לערנין תורה מאכן זייא זיס דיא דינים אזו ווי האניק אונ ציהט הנאה פון אלע וועלטען · גם אויך פון דעם שלאנג דער פאר שאלטענער קען מען אפ לערנין צוא גאטס דינסט דען דער שלאנג איז מזיק אנדרע האטשע אים קומט דער פון גאר ניט ארוס · זאל דער מענטש זיך בטריח זיין צוא צו ציהן אהילפונג צו זיך אונ צוא גאר דר וועלט דען פון זיינט וועגן ווערט די וועלט גשפייזט אונ אוב ער וועט ח״ו שלעכטע מעשים טון וועט עס שאדן טון צוא אים אונ צוא גאר דיא וועלט אונ דער איז ערגער פון אשלאנג ווארום דער שלאנג איז מזיק צו אנדרע אונ ער האט קיין שאדן ניט דער פון אבר דר מענטש וואס טוט שלעכטס זיין שאדן גרייכט צוא אנדרע אונ צו זיך זעלבסט אונ וויא פיל ביוש וועט גרייכן צו דעם רשע באיי דעם יום הדין אז ער איז ערגער פון דער שלאנג · גם אוך וואס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה זאל דאס אין זיינע אויגן ניט קליין זיין נאר ער זאל דאס גרוס אונ חשוב האלטן אונ דאס וועט אים ברענגן זיך מטריח צו זיין ער זאל נאך מחדש זיין גרוסע חידושים . ילמוד ער זאל אפ לערנין פון דעם וואס מען זייעט איין זאמין וואס איז גרוים ווי איין ארבים ווערט דער פון אגרוסר בום אונ פון זיינע צווייגן פלאנצט מען נאך פלאנצונג ביז עס ווערן פיל גערטענר אונ דאס אלץ איז וואס ביי דעם מענטשן איז ניט קליין גוועזן דאס זאמן אוועק צוא ווארפען נאר ער האט גזייעט אונ גהיט ביז עס איז גווארן וויין גערטענער · אזו אוך דאס וואס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה האטשע דאס איז גאר וויינג וועט ער אלע מאל מער מחדש זיין ביז ער וועט מחדש זיין גרוסע חידושים · אונ וויא גוט איז אז וואס ער איז מחדש אין דער תורה זאל ער אוף שרייבן כדי ער זאל עס ניט פאר געסן אזו וויא עס שטייט אין איין ספר דאס דער מענטש וואס שרייבט ניט זייני חידושים וועט ער דער פאר אפ געבן דין אונ חשבון ווארום מען זאגט אים איין האלבע פרוטה האסטו יוא פאר שריבן אין בוך ווייל דוא האסט מורא גהאט פאבר ווערסט דוא פאר געסן אונ דאס וואס דוא האסט מחדש גווען אין דער תורה האסטו
קין

חצי פרוטה שכתבת אותה שלא לשכוח לאבדה מהדוש של תורה אפי' שיהיה קטן · לכן צריך אדם לכתוב כל מה שמחדש בתורה שלא ישכח ואפילו חדוש קטן · ונראה דזהו שארז"ל אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו · ירצה תלמודו דייקא שמביא בידו כל מה שלמד וחידש שלא שכחו וכיצד שכתבו שעל ידי כך אינו נשכח אותו חדוש מן העולם ומוליכו בידו במותו. וזהו נ"כ כוונת התנא כל השוכח דבר אחד ממשנתו כאלו מתחייב בנפשו · שהכוונה כל השוכח דבר אחד ממשנתו דייקא שהוא משנתו שחידש · וכיצד לא ישכח יכתוב אותו על הספר שכל זמן שישכח רואה ויזכור · ויש תועלת גדול מחדוש אפילו קטן לקשר עמו איזה ענין או לבוא להבין עמו ענין גדול · והוא משל לאבנים הקטנים שמשימין בבנין אבנים גדולות בין אבן לאבן להעמיד הבנין ונמצא שהאבנים הקטנים גורמים בקיום הגדולות שלא יפלו ויעמוד כל הבנין הגדול · כך ע"י חדוש קטן נבנה בנין גדול · וזה מעשה בכל יום בין החכמים ובפרט בין כת חכמים הדורשים רשומות שע"י חדוש או הקדמה קטנה בונים מגדל אחד הזק בנוי לתלפיות נחמד למראה ומתוק לנפש · לכן אין לבזות מלכתוב חדוש אפילו קטן · וגם אין לבזות משמוע אפי' חדוש קטן שהכל בכלל תורה הוא · ילמוד אדם מן החתול לעשות אופנים שלא ליפול ביד נחש הקדמוני הוא שטן הוא יצר הרע הוא מלאך המות · אלא יעשה אדרבא שהנחש ימסור בידו · הרי החתול כשרואה נחש חופר הפירה בארץ שיעור אורכו ואח"כ מתחיל לעמוד נגד הנחש להורגו ומתחיל להכותו בצפורניו · וכראותו שהנחש רץ כנגדו מיד מתפשט בתוך החפירה באופן שאין הנחש יכול להתקשר בו ודוחקו להמיתו ומשם מן החפירה מכה בו בצפורניו עד שמחלישו וממיתו · כך יבקש האדם התבולות כשׂכים בצרו להנצל עצמו מיד הנחש הוא יצר הרע · דכשם שיש תחבולה להמית הנחש הידוע הבא משורשו כך יש תחבולה לעקיר השורש עצמו הוא נחש הוא יצר הרע ע"י התורה וקיום מצותיה ובהזכרת יום המיתה כארז"ל והקב"ה בעבור חסדיו ורחמיו הרבים ירחיקהו ממנו אמן · ילמוד אדם דרך ארץ מסרטן של ים שאינו אוכל כי אם בשתי אצבעות · כי כמה מהדופי לאותם בני אדם האוכלים בכל האצבעות כאשר ראו עיני ונמאסים כל האוכלים עמו עד שידם מסלקים מן האכילה כרוב המיאוס. ובפרט אם ת"ח הוא מחלל תורתו וגורם לכל רואיו שיאמרו טוב שלא היינו ת"ח אוי להם ואוי על נפשם שהתורה נהפך להם לרועץ ב מרורות פתנים בקרבם טוב להם שלא יצא שם חכם עליהם טוב להם שלא יצאו לאויר העולם · ובדרז"ל למדנו צניעות מן הגמל ולברות מן

ב לנער .

קיין מורא ניט גיהאט טאמר וועסטו עס פאר געסין אונ האסט עס ניט אויף געשריבין אין בוך ונראה דאס איז דער פשט וואס די חכמים ז"ל זאגין מען רופט אום אוף דעם הימל וואול דעם וואס קומט אהער אונ האט זיין לערנין אין זייני הענט · דאס איז דאס וואס ער האט מחדש גיוועזן הט ער עס ניט פר געסין מחמת ער האט עס אויף געשריבן אונ דורך דעם ווערט עס ניט פאר געסן פון דער וועלט · ילמוד דער מענטש גיהער זיך אפ צו לערנין פון איין קאץ צו טון וועלכי אופנים אז ער זאל ניט אריין פאלין אין דיא הענט פון יצה"ר נאר אדרבא ער זאל נאך טון וועלכי תחבולות אז דער שטן זאל איבר גיענטפערט ווערין צו אים אין דיא הענט · דען דיא קאץ אז זיא זעהט איין שלאנג גראבט זיא אויס אגרוב אין דער ערד זיא זאל קענין אריין אונ פון דעם גריבל שלאגט זיא אים מיט דיא נעגיל ביז זיא טייט אים · אזו אויך זאל דער מענטש זוכן תחבולות ער זאל זיך קענין מציל זיין פון דער שלאנג דאס איז דער יצר הרע דורך תורה אונ מצות אונ צוא גידענקין דעם טאג פון דעם טוט דורך דעם קען מען אים אויס רייסן · גאט ב"ה זאל אים דער ווייטרין פון אונז דורך זיין גינאד אונ דורך זיין פיל חסדים אמן · ילמוד דער מענטש גיהער זיך לערנין דרך ארץ פון (סרטן) וואס עסט נאר מיט צוויא פינגר דען עס איז דא מענטשין וואס עסין מיט אלי פינגר אונ דיא וואס עסין מיט זייא ווערט זייא דאס עסין פאר מיאוסת ביז זייא הערין אויף צו עסין אונ אז דער וואס עסט אן דרך ארץ איז איין תלמיד חכם פאר שוועכט ער זיין תורה אונ אלי ווס זעהן אים זאגין בעסער איז וואס מיר זענין קיין תלמידי חכמים ניט ווייא איז צו זייא דען די תורה ווערט זייא פאר קערט צו ביטערקייט עס וואלט זייא בעסיר גיוועזן אז עס זאל ניט גיוועזן ארויס גיין אויף זייא דער שם פון חכם עס וואלט בעסיר גיוועזן זייא זאלין ניט גיוועזן גיבארין ווערין · ובדרז"ל אונ אונזרי חכמים זאגין מיר בדארפין אפ לערנין געשיעט צו זיין פון א קעמיל אונ צו אנטלופין פון גזל

ואלין

השפתים ששונים בתורה ממתיקין הדינים כרבש ונופת צופים ומושךהנאה לכל העולמות · ופי' החכם השלם כמהר"ר ידידיה אבולעפייא נר"ו שנלמוד גם מהדבורה שאינה מוציאה הרבש[דרך] בית הרעי מקום טמא שיהיו: תורתו בטהרה כדי שילמדו ממנו תורה · כארז"ל על פסוק כי מלאך ה' צבאות הוא אם דומה ת"ח למלאך השם תורה יבקשו מפיו ואם לאו לאו · גם יש ללמוד אפי' מהנחש הרשע המקולל לעבודת הבורא שהרי הנחש טורח להזיק אע"פ שאינו מגיע לו שום תועלת כארז"ל אומרים לנחש ארי טורף ואוכל אתה מה הנאה יש לך כו' כ"ש וק"ו בן בנו של ק"ו שראוי לאדם שיטרח להמשיך תועלת לו ולכל העולם שהוא זוכה לשכר הצפון ובשבילו ניזון העולם כנודע · ואם ח"ו יקלקל מעשיו מזיק לו ולכל העולם ואז הוא יותר רע ומר מן הנחש הארור · לפי שהנחש כשמזיק לאחרים אע"פ שאין לו תועלת גם נזק אינו מגיע לו · לא כן האדם המקלקל דרכיו שמגיע נזקו לזולתו ולעצמו שנמצא מלבד שאין לו תועלת גם הגיע לו נזק רב ועונש קשה שמאבד שכר עוה"ב ונידון במשפטי גיהנם וכמה מהביוש מגיע לרשע ביום הדין בהיותו גרוע מהנחש שאין לו תקנה כארז"ל כלם מתרפאים לעתיד חוץ מן הנחש · גם אל יקל בעיני האדם איזה דבור שיכול ללמוד או איזה חדוש שחידש בתורה אפילו שהוא קטן אל יקטן לו בעיניו אלא יגדלהו ויחשבהו בעיניו דזהו מביאו לטרוח לחדש עוד עד שירגיל ויחדש חדושים גדולים וסודות נפלאים ויטע בכל העולמות נטיעות ואילנות גדולות מחדושי תורתו עד שיעשו גנות ופרדסים · ילמוד מן הזורע זרע קטן כחרדל זורעים אותו ונעשה אילן גדול השרשים וענפים ועלין ופירות ונוטעים מענפיו נטיעות עד שנעשים גנות ופרדסים לרוב · ומי גרם לכל זה שלא הקטין האדם הזרע בעיניו לבזותו ולפרקו להשליכו אלא נתגדל בעיניו וזרעו ושמרו עד שגרם לכל זה כך החדוש בתורה אפילו קטן הוא כזריעה כמדובר והדבר מובן · ומה טוב ומה נעים כל חדוש שיחדש האדם בתורה אפי' חדוש קטן להעלותו כרגע על הספר בדיו למען יעמוד ימים רבים שלא ישכחהו · כמו שראיתי בהקדמת ספר אחד שאדם שאינו כותב חדושיו בתורה בעבור שהוא קטן בעיניו עתיד לתת דין וחשבון על זה · משום שאומרים לו בפנקס הסחורות כותב אדם מה שחייבים לו והייב לאחרים אפי' עד חצי פרוטה·אומרים לו וכי יותר חביב היה בעיניך

חצי

קערין דעם מדת הדין אויף מדת הרחמים אונ נאר דיא וועלט זאלן הנאה האבן פון זיין זיקקייט · אונ דרום לובט גאט דיא ישראל אונ דיינע לעפצן טריפען זיסקייט ווארום דורך דיא לעפצן וואס לערנין תורה מאכן זייא זיס דיא דינים אזו ווי האניק אונ ציהט הנאה פון אלע וועלטען · גם אויך פון דעם שלאנג דער פאר שאלטענער קען מען אפ לערנין צוא גאטס דינסט דען דער שלאנג איז מזיק אנדרע מאטשע אים קומט דער פון גאר ניט ארוס · זאל דער מענטש זיך מטריח זיין צוא צו ציהן אהילפונג צו זיך אונ צוא גאר דר וועלט דען פון זיינט וועגן ווערט די וועלט געשפייזט אונ אוב ער וועט ח"ו שלעכטע מעשים טון וועט עס שאדן טון צוא אים אונ צוא גאר דיא וועלט אונ דער איז ערגער פון אשלאנג ווארום דער שלאנג איז מזיק צו אנדרע אונ ער האט קיין שאדן ניט דער פון אבר דר מענטש וואס טוט שלעכטס גרייכט זיין שאדן צוא אנדרע אונ צו זיך זעלבסט אונ וויא פיל ביזש וועט גרייכן צו דעם רשע בייא דעם יום הדין אז ער איז ערגער פון דער שלאנג · גם אויך וואס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה זאל דאס אין זיינע אויגן ניט קליין זיין נאר ער זאל דאס גרוס אונ חשוב האלטן אונ דאס וועט אים ברענגען זיך מטריח צו זיין ער זאל נאך מחדש זיין גרוסע חידושים . ילמוד ער זאל אפ לערנין פון דעם וואס מען זייעט איין זאמין וואס איז גרוים ווי איין ארבים ווערט דער פון אגרוסר בום אונ פון זיינע צווייגן פלאנצט מען נאך פלאנצונג ביז עס ווערן פיל גערטענר אונ דאס אלץ איז וואס ביי דעם מענטשן איז ניט קליין געווען דאס זאמן אוועק צוא ווארפען נאר ער האט גזייעט אונ גהיט ביז עס איז געווארן ויין גערטענער · אזו אויך דאס וואס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה מאטשע דאס איז גאר ווייניג וועט ער אלע מאל מער מחדש זיין ביז ער וועט מחדש זיין גרוסע חידושים · אונ וויא גוט איז אז וואס ער איז מחדש אין דער תורה זאל ער אויף שרייבן כדי ער זאל עס ניט פאר געסן אזו וויא עס שטייט אין איין ספר דאס דער מענטש וואס שרייבט ניט זייני חידושים וועט ער דער פאר אפ געבן דין אונ חשבון ווארום מען זאגט אים איין האלבע פרוטה האסטו יוא פאר שריבן אין בוך וייל דוא האסט מורא גהאט מאבר וועקט דוא פאר געסן אונ דאס וואס דוא האסט מחדש גוועזן אין דער תורה האסטו

קין

חצי פרוטה שכתבת אותה שלא לשכוח לאבדה מחדוש של תורה אפי' שיהיה קטן. לכן צריך אדם לכתוב כל מה שמחדש בתורה שלא ישכח ואפילו חדוש קטן. ונראה דזהו שארז"ל אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. ירצה תלמודו דייקא שמביא בידו כל מה שלמד וחידש שלא שכחו וכיצד שכתבו שעל ידי כך אינו נשכח אותו חדוש מן העולם ומוליכו בידו במותו. וזהו ג"כ כוונת התנא כל השוכח דבר אחד ממשנתו כאלו מתחייב בנפשו. שהכוונה כל השוכח דבר אחד ממשנתו דייקא שהוא משנתו שחידש. וכיצד לא ישכח יכתוב אותו על הספר שכל זמן שישכח רואה ויזכור. ויש תועלת גדול מחדוש אפילו קטן לקשר עמו איזה ענין או לבוא להבין עמו ענין גדול. והוא משל לאבנים הקטנים שמשימין בבנין אבנים גדולות בין אבן לאבן להעמיד הבנין ונמצא שהאבנים הקטנים גורמים בקיום הגדולות שלא יפלו ויעמוד כל הבנין הגדול. כך ע"י חדוש קטן נבנה בנין גדול. וזה מעשה בכל יום בין החכמים ובפרט בין כת חכמים הדורשים רשומות שע"י חדוש או הקדמה קטנה בונים מגדל אחד חזק בנוי לתלפיות נחמד למראה ומתוק לנפש. לכן אין לבזות מלכתוב חדוש אפילו קטן. וגם אין לבזות משמוע אפי' חדוש קטן שהכל בכלל תורה הוא. ילמוד אדם מן החתול לעשות אופנים שלא ליפול ביד נחש הקדמוני הוא שטן הוא יצר הרע הוא מלאך המות. אלא יעשה אדרבא שהנחש ימסור בידו. הרי החתול כשרואה נחש חופר הפירה בארץ שיעור אורכו ואח"כ מתחיל לעמוד נגד הנחש להורגו ומתחיל להכותו בצפורניו. וכראותו שהנחש רץ כנגדו מיד מתפעט בתוך החפירה באופן שאין הנחש יכול להתקשר בו ודוחקו להמיתו ומשם מן החפירה מכה בו בצפורניו עד שמחלישו וממיתו. כך יבקש האדם תחבולות כשכים בצדו להנצל עצמו מיד הנחש הוא יצר הרע. דכשם שיש תחבולה להמית הנחש הידוע הבא משורשו כך יש תחבולה לעקיר השורש עצמו הוא נחש הוא יצר הרע ע"י התורה וקיום מצותיה ובהזכרת יום המיתה כארז"ל והקב"ה בעבור חסדיו ורחמיו הרבים ירחיקהו ממנו אמן. ילמוד אדם דרך ארץ מסרטן של ים שאינו אוכל כי אם בשתי אצבעות. כי כמה מהדופי לאותם בני אדם האוכלים בכל האצבעות כאשר ראו עיני ונמאסים כל האוכלים עמו עד שידם מסלקים מן האכילה מרוב המיאוס. ובפרט אם ת"ח הוא מחלל תורתו וגורם לכל רואיו שיאמרו טוב שלא היינו ת"ח אוי להם ואוי על נפשם שהתורה נהפך להם לרועץ ב מרורות פתנים בקרבם טוב להם שלא יצא שם חכם עליהם טוב להם שלא יצאו לאויר העולם. ובדרז"ל למדנו צניעות מן הגמל ולברות מן

ב נגער .

קיין מורא ניט געהאט טאמר וועסטו עס פאר געסין אונ האסט עס ניט אויף געשריבין אין בוך ונראה דאס איז דער פשט וואס די חכמים ז"ל זאגין מען רופט אוס אוף דעם הימל וואול דעם וואס קומט אהער אונ האט זיין לערנין אין זייני הענט. דאס איז דאס וואס ער האט מחדש געוועזן הט ער עס ניט פר געסין מחמת ער האט עס אויף געשריבן אונ דורך דעם ווערט עס ניט פאר געסן פון דער וועלט. ילמוד דער מענטש געהער זיך אפ צו לערנין פון איין קאץ צו טון וועלכי אופנים אז ער זאל ניט אריין פאלין אין דיא הענט פון יצה"ר נאר אדרבא ער זאל נאך טון וועלכי תחבולות אז דער שטן זאל איבר גיענטפערט ווערין צו אים אין דיא הענט. דען דיא קאץ אז זיא זעהט איין שלאנג גראבט זיא אוים אגרוב אין דער ערד זיא זאל קענין אריין אונ פון דעם גריבל שלאגט זיא אים מיט דיא נעגיל ביז זיא טייט אים. אזו אויך זאל דער מענטש זוכן תחבולות, ער זאל זיך קענין מציל זיין פון דער שלאנג דאס איז דער יצר הרע דורך תורה אונ מצות אונ צוא גידענקין דעם טאג פון דעם טוט דורך דעם קען מען אים אוים רייסן. גאט ב"ה זאל אים דער ווייטרין פון אונז דורך זיין גינאד אונ דורך זיין פיל חסדים אמן. ילמוד דער מענטש געהער זיך לערנין דרך ארץ פון (סרטן) וואס עסט נאר מיט צווייא פינגר דען עס איז דא מענטשין וואס עסין מיט אלי פינגר אונ דיא וואס עסין מיט זייא ווערט זייא דאס עסין פאר מיאוסת ביז זייא הערין אויף צו עסין אונ אז דער וואס עסט אן דרך ארץ איז איין תלמיד חכם פאר שוועכט ער זיין תורה אונ אלי וואס זעהן אים זאגין בעסער איז וואס מיר זענין קיין תלמידי חכמים ניט ווייא איז צו זייא דען די תורה ווערט זייא פאר קערט צו ביטערקייט עס וואלט זייא בעסיר געוועזן אז עס זאל ניט געוועזן ארויס גיין אויף זייא דער שם פון חכם עס וואלט בעסיר געוועזן זייא זאלין ניט געוועזן געבארין ווערין. ובדרז"ל אונזרי חכמים זאגין מיר בדארפין אפ לערנין געשייעט צו זיין פון אקעמיל אונ צו אנטלויפין פון גזל

זאלין

מן הגזל מן הגסלה שבורחת מן הגזל · גם נלמד ממנה ביטול הבטלה שבכל היום טורחת למאכלה בזריזות ושלשה בתים יש לה כדי לתת מאכלה באמצעית שלא ישלוט בה הרקבון · כלל העולה שאע"פ שהתורה הקדושה דרכיה דרכי נועם ומודיעה לאדם דרכי החיים והדרך ארץ השלם והמעולה עכ"ז נתן הקב"ה טבע מוטבע בבע"ח מדברים מעולים כנזכר · כדי שיתפעל האדם על ידם לקיים דרכי התורה בראותו שאם יעשה בהפך הוא פחות מהבעל חי בלתי מדבר ההולך על ארבע · שהרי נמצא בהם דברים מעולים מר"א ומהרחקת הגזל והנזק כמדובר מה שאין בו · ועי"ז כך ירוץ לתורה ללמוד ממנה להיישיר בדרכיו לקנות שלימות המדות ודרכי נועם הנותנים עלוי והתרוממות לנשמתו לעלות בסולם התורה עד כסא הכבוד מקום שמשם חוצבה להתקשר בקונו · כדאיתא בזוהר זכאה חולקא דצדקייא דמתקשרים נפש ברוח ורוח בנשמה ונשמה בקוב"ה ע"כ · והאדם מקדש ד' חלקיו שבו ע"י התורה שהתורה תתחלק לד' אותיות נקודות טעמים ותגין וכל חלק מאלו נותן כח וקדושה לד' חלקיו עור ובשר עצמות וגידים · דארבע חלקי התורה מקושרים בד' אותיות הוי"ה שנכללים בהם י' ספירות בלימה · וכיון שאדם עוסק בתורה שהיא מתחלקת לארבעה דברים כנזכר ישפע על ד' חלקיו ועל ד' יסודותיו והכל מהשפעת י' ספירות הנכללים בד' אותיות השם הגדול כמדובר · שהנה עשר ספירותיו ית' נכללו בד' אותיות שמו הגדול כנודע דקוצו של יו"ד רמז לכתר וגוף היו"ד רמז לחכמה והה' רמז לבינה והוי"ו רמז לשש ספירות והה"א אחרונה רמז למלכות · וכשרצה לברוא העולם בתחלה בעולם הבריאה ברא ד' עמודים רמז כי הם תחת ממשלת י' ספירות · וכן בעולם היצירה ד' מחנות שכינה וכן בעשיה ארבע יסודות רוחניים גשמיים בסוד אבי"ע אצילות בריאה יצירה עשיה · תתן שכל באדם שיתן אל לבו דשמא דמריה עליה די בראו מד' יסודות שורשם ד' אותיות שמו הגדול. וזהו שאמרו האבות הן הן המרכבה כל אחד לבדו בפרט וכלם הרכבה אחת דרך כלל אברהם בחסד בו מתגלה היו"ד יצחק בגבורה בו מתגלה הה"א יעקב בוי"ו ובה"א אחרונה יגל יעקב בה"א ישמח ישראל בוי"ו כמבואר בזוהר· וכשיצאו ישראל ממצרים וקרבו לסיני וזכו להיות מרכבה דרך פרט כל אחד לבדו לכך אמר להם בלשון יחיד אנכי ה' אלהיך כי לכל אחד דבר (והרמב"ן ז"ל) ור"ל ה' אלהיך מושל עליך בד' יסודותיך כל אות ביסוד שלו יו"ד ביסוד המים ה"א ביסוד האש וי"ו ביסוד הרוח ה"א ביסוד העפר וכשהשרה שכינתו ביניהם עשאם ד' דגלים כלם יחד מרכבה דוגמת ד' מחנות שכינה שביצירה חזר לדבר אליהם דרך כלל בפ' קדושים אני ה' אלהיכם נגד אנכי ה' אלהיך איש אמו ואביו תיראו נגד כבד את אביך וכן כלם כמפו' בדרז"ל · (ע' בס' החסידים דף ט"ו דברים צודקים לזה) · הרי עיני כל משכיל רואה מעלת האדם ושבעבורו נבראו כל הנבראים ולכן כלם נותנים עזר וסיוע לאדם שמהם ילמד להיישיר דרכו ולהעמיד ולקיים כל הבריאה כנז"ל · כמה יש ללמוד מן החיות וכן הבהמות כדכתיב מלפנו מבהמות ארץ ושלמה המע"ה מוכיח לעצל מן הנמלה וכמה וכמה יש ללמוד מהם · עיין בחכמי המחקר בדברים הסגוליים המוטבעים בבריות אשר ילמוד מהם האדם לתקן מדותיו כדי שלא להיות פחות ונעדר מהם · כי חסרון גדול יגיע לנפשו ביום הדין כנמצאה בבהמה או חיה שלם ממנו אוי לאותה בושה וכלימה · למה לא ילמד אדם משמים וארץ ימים ונהרות מדברות ואילנות ועשבים ובהמות וחיות ועופות ושקצים ורמשים שכלם יודעים ומכירים לבוראם ואומרים שירה לפניו בכל יום כל אחד השירה השייך לו כמבואר בספר פרק שירה · ולמה יגרע מהם להתרשל בעבודת בוראו כיה שהטיב הקב"ה

זאלין מיר אפ לערנין פון דער נמלה וואס זיא אנטלויפט פון גזל אויך ווערט פון איר אפ גילערינט וויא מען גיהער ניט ליידיג גיין וואורום זיא איז זיך מטריח מיט זריזות אן גרייטין זיך שפייז · כלל דר כלל איז אז האטשי דיא תורה איז מודיע צוא מענטשין דיא וועגין פון לעבין אונ דרך ארץ פון דעסט וועגין האט גאט ב"ה אריין גיגעבין איין טבע אין דיא בשעפינש נוטי זאכין כדי דר מענטש זאל זיך דער פון אפ לערנן מקיים זיין די וועגין פון דער תורה ער זאל ניט ערגער זיין פון די בשעפניש וואס קענין ניט ריידן אונ גייען אויף פיר פיס · אונ וועט לויפן צוא דער תורה לערנין צוא רעכט פארטיגען זיין וועג צו שאפין זיך גוטע מדות אונ זיסע וועגין וואס זייא געבין איין מעלה צוא זיין נשמה אויף צו גיין ביז דעם כסא כבוד וואס ויא איז פון דארט בשאפין גיווארין · למה וואורום זאל דער מענטש זיך ניט אפ לערנין פון הימל אונ ערד ימים אונ מדברות אונ ביימר אונ גראז אונ בהמות אונ חיות אונ עופות וואס זייא אלע קענין זייער בשעפר אונ זאגין שירה אלי טאג ווי עס שטייט אין פרק שירה אונ וואורום זאל דער מענטש פויל זיין אין דער דינסט פון זיין בשעפר

חיול

גיטין פרק ד׳ דהרנגולתא ברא נקיט שמירא משרא דימא ותהן כז משום דנאמן בשבועתיה נ • ומאי עביד ביה ממטי ליה לטורא דלית בהו ישוב ד • ומנח להו אשינא דטורא ופקע טורא ובנקיט מייתי ביזרא דאילנא ושדי התם ה והוי ישוב • והיינו דמתרגמינן נגר טורא ו • הרי כמה טורח לעשות חסד לעולם אף על פי שאין לו צורך ממנו • (ועיין עוד מענינים אלו בפרק ל׳) :

**פרק כג** יזהר האדם ויבקש הדרכים היותר נאים ומשובחים לקיום המצות • כי עשייתם בדרך היותר נאות והמשובח מאירים הנשמה ומסירין ממנה החלודה שנעשה עליה כמסך מבדיל מעשיית העבירות • כי העבירות מלכלכין נפשו של אדם ושנאוי לפני השם ולפני כל מלאכיו עד שירחץ וינקה הטומאה שדבק בנפשו והוא על ידי קיום המצות • ולכן אכתוב לך התנאים שאדם צריך ליזהר בכל מצוה ומצוה לעשותה כהלכהה כדי שתקובל לרצון לפני מלכנו יוצרנו ית׳ ולא ייעול בכיסופא לעלמא דאתי • והם י״ז תנאים (הביאם הרב בעל ספר החרדים ז״ל בדף ו׳ ע״א באורדלפי שמאריך בראיות על כל תנאי ותנאי) • ואני אביאם בקיצור נמרץ כי אין כוונתי כי אם שידע האדם התנאי לקיימו לזכך נפשו ואם ירצה לידע מקור כל תנאי יראהו בספר הנ״ל • (התנאי א׳) שיעשה כל מצוה ומצוה בכוונה לצאת ידי חובתו כדפסקו הרי״ף והרמב״ם מצות צריכות כוונה • (התנאי הב׳ והג׳) לעשות המצוה ביראה ובאהבה רבה כדאמר רשב״י ז״ל כל פקודא דלאו איהו ברחילו ורחימו לאו פקודא היא • (התנאי הד׳) השמחה הגדולה במצוה • דכל מצוה ומצוה שתזדמן לו דורונא דשדר ליה קב״ה ולפי רוב השמחה יגדל שכרו • וגילה האר״י זלה״ה לאיש סודו שזכה לכל אותה הכמה בעבור השמחה שהיה משמח בעשיית כל מצוה • (התנאי הה׳) שיעשה המצוה כולה ולא מקצתה • כארז״ל אם התחלת גמור • עוד אמרו המתחיל במצוה ואינו גומרה מורידין אותו מגדולתו וקובר אשתו ובניו • (התנאי הו׳) הדקדוק הגדול במצוה לעשותה כתקנה וכל פרטיה הקדוקיה כמצותה • (התנאי הז׳) הריצה והרדיפה לקראת מצוה דכתיב דרך מצותיך ארוץ כי תרחיב לבי • (התנאי

ג שמאמינו כשבועתו ט : ד של הרים והולכת לכתפרגם שם : ה המתבקע מפס כמין הריץ ומביאה בו זרע אילנות וזורק לשם ונגדלים שם אילנות ומתפרנס מהם : ו הרנגול של דוכיפת נגר טורא פי׳ נוקב הרים ובלע״ז גהליי״ן מוסי״ס

נאך דעם אז זיא בהעפט זיך מיט איר מאן טויבילט זיא זיך אין ים אונ נאך מער זיא צערינט אויף זנות • גם אויך לערין אפ פון טובן וואס זייא בהעפטן זיך גאר צו זייער זיווג • אויך זאל ער אפ לערנין פון איין האן ווס ער בעט פריער איבר • אונ אזו וועקסטו גיפונן אפ צו לערנין פיל גוטע זאכין פון בשעפניש ווס קענין ניט ריידין • אונ ווי וועט דר מענטש קענין בשטיין בייא דעם יום הדין אז ער איז ערגער פון די בשעפניש וואס קאנין ניט ריידן • אין פרק ל׳ וועלן מיר נאך דער פון שרייבן :

פרק כג יזהר האדם דער מענטש זאל אויס דער וויילין אונ זוכין דעם וועג וואס איז מער זיס אונ גיליבט צו מקיים זיין די מצות דאס וועט מאכין לייכטין זיין נשמה אונ וועט פון איר אפ טאן דעם פגם וואס איז גיווארין אויף איר דורך דיא עבירות וואס ער האט גיטאן ווארום דיא עבירות ריכטין איין די נשמה פאר גאט אונ פאר אלי זייני מלאכים ביז ער זאל זיך ריינעגין פון דער טומאה דורך דיא מצות אונ איך וועל שרייבן וואס דער מענטש בדארף נזהר זיין אין איטליכע מצוה צו טאן זיא אזו ווי איר דין איז דאס זיא זאל אן גינומן ווערין פאר אונזר בשעפר אונ מיר זאלין ניט קומין אויף עולם הבא מיט חרפה ח״ו • דיא תנאים וועגין זיבצין אין ספר חרדים איך וועל זייא שרייבן בקיצור • א ער זאל טאן איטליכי מצוה מיט כוונה אזו ווי דער רי״ף אונ דער רמב״ם פסקנת אז דיא מצות מוז מען טאן מיט כוונה • ב ג צו טאן די מצוה מיט גרויס יראה אונ אהבה • ד ער זאל טאן דיא מצוה מיט גרויס שמחה גליך ווי גאט ב״ה האט אים צו גישיקט אמתנה אונ ווי מער גרוים די שמחה איז אזו גרויס אין זיין שכר אונ דער האר״י האט גיזאגט אז ער האט זוכה גיוועזן צו גאר זיין חכמה וועגין דער שמחה וואס ער האט גיהאט בייא איטליכי מצוה • ה ער זאל די מצוה טאן אין גאנצין ווי חז״ל האבין גיזאגט אז די האסט אן גיהובין איין מצוה זאיי זי גומר אונ דר ווס הייבט אן אמצוה אונ איז זיא ניט גומר נעמט מען אים אוועק זיין גדולה אונ ער באגראבט זיין ווייב אונ קינדר ח״ו • ו ער זאל זייער מדקדק זיין צוא טאן די מצוה אזו ווי איר דין איז מיט אלי דקדוקים אונ פרטים • ז ער זאל זוכין צו טאן דיא

מצוה

הה׳)כל מצוה שיכול הוא לעשותה בידו יעשנה בידו ולא ע״י שליח דמצוה בו יותר מבשלוחו: ובצורכי שבת היו האמוראי׳ בעצמם עוסקי׳·(התנאי הט׳) המצוה שתבא לידו תחלה יעשנה ולא יניחנה עד שיעשה אחרת תחלה כדאמרו אין מעבירין על המצות · (התנאי הי׳) לא יעשה שתי מצות כאחת שמא לא יוכל להזדרז בשניהן כדאמרי׳ אין עושין מצות חבילות חבילות · (התנאי הי״א) שיזהר בכבוד המצות דכתיב גבי מצות כסוי הדם וכסהו בעפר במה ששפך יכסה דהיינו ביד ולא ברגל · ובתנחומא פרשת ויגש אמר רשב״י אמר הקב״ה הוו מכבדין את המצות שהם שלוחי ושלוחו של אדם כמותו אם כבדת אותם כאלו לי כבדת ואם בזית אותם כאלו לו בזית · (התנאי הי״ב) שלא יחמיץ המצוה אלא בהגיעה לידו ימהר לעשותה ולא יאמר מחר אעשנה · וראיה מאברהם וישכם בבקר ויהושע על שנתעצל א נתקצרו מחייו עשר שנים · (התנאי הי״ג) הוא הדור מצוה שנאמר זה אלי ואנוהו ודרשו רז״ל התנאה לפניו במצות אתרג נאה סוכה נאה טלית נאה וכן בכל המצות׳ ואמרו הדור מצוה עד שליש במצוה׳ ב (התנאי הי״ד) שיהא ממתין ומשתוקק מתי תבא המצוה לידו לקיימה דכתי׳ ולמדתם אתם ושמרתם לעשותם לשוןהמתנה כמו ואביו שמר את הדבר · (התנאי הט״ו) זריזות גדול במצוה כל דבר שמצותו ביום יקדים בבקר לעשותם וילפינן מאברהם ג וכל מצוה שמצותו בלילה יקדים בתחלת הלילה · (התנאי הט״ז) שישתדל האדם לעשות המצוה בחבורה ולא ביחיד · שעל מצות לימוד התורה נאמר חרב אל הבדים ונואלו חרב על שונאיהם של ת״ח שעוסקים בתורה בד בד וכן בכל המצות יש שכר יותר בהיות המצוה נעשית על ידי רבים · כדאמרו במסכת פסחים במצות קרבן פסח שחט השוחט וקבל הכהן נותנו לחבירו וחבירו לחבירו כדי שיתעסקו רבים במצוה וכו׳ · (התנאי הי״ז) שלא יעשה המצוה חנם אלא יקנה אותה בשכר שלם ולא יקפיד כלל כדי להעביר רוח הטומאה (כדאיתא בזוהר פרשת תרומה · עכ״ל בקיצור נמרץ · (עיין במקומו יותר באורך כמדובר) · ובהקדמת הרוקח מצאתי דברים שייכים לחבור הנכבד הזה המדריכים לאדם אל היראה ואהבת בוראו · וראיתי להביאם וז״ל · אין אהבה כאהבת השם · אין למד כלמד התורה · אין עטרה בענוה · אין זכר כשם טוב · אין ריוח בעשיית המצוה · אין חן בקיום התורה · אין זכות כמזכה

א במלחמת ארץ ישראל לפיכך תי עשר שנים פחות ממשה רבינו · ב כך פירש בס״ק דב״ק ופי׳ רש״י שאם מוצא ב׳ אתרוגים לקנות וכה׳ הדור מחבירו יקח ההדור אם אין מוקרין אותו יותר משליש מלגיו בדמי חבירו · ג כדכתיב וישכם אברהם בבקר ·

מִצְוָה · ח אִיטְלִיכֵי מִצְוָה וָואס עֶר קֶען אַלֵיין טָאן זָאל עֶר זִיא טָאן אַלֵיין אוּנ נִיט דוּרְךְ אַיין שָׁלִיחַ וִיא דִיא אֲמוֹרָאִים הָאבִּין אַלֵיין עוֹסֵק גִיוֶועז אִין צָרְכֵי שַׁבָּת · ט דִיא מִצְוָה וָואס אִיז גִיקוּמִין צוּ אִים פְרִיעֶר זָאל עֶר זִיא פְרִיעֶר טָאן · י עֶר זָאל נִיט טָאן צְוַויא מִצְוֹת בַּאַנַנְד וָוארוּם עֶר וֶועט זִיךְ נִיט קֶענִין מְזָרֵז זַיין אִין בֵּיידֶע · יא עֶר זָאל נִזְהָר זַיין דִיא מִצְוָה צוּ טָאן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד לְמָשָׁל בַּייא דֶער מִצְוָה כִּיסּוּי הַדָּם עֶר זָאל צוּ דֶעקִין דָם בְּלוּט מִיט דֶער הַאנְד נִיט מִיט דֶעם פוּס · אִין תַּנְחוּמָא שְׁטֵייט גָאט ב״ה הָאט גִיזָאגְט אִיר זָאלְט עֶרְלִיךְ הַאלְטִין מַיינֶע מִצְוֹת אִיז גְלַייךְ וִויא אִיר הַאלְט מִיךְ עֶרְלִיךְ אוּנ אוֹיבּ אִיר וֶועט זַייא מְבַזֶּה זַיין אִיז גְלַייךְ וִויא אִיר זַייט מִיךְ מְבַזֶּה ח״ו · יב אַז עֶס קוּמְט אִים פָאר אַמִצְוָה צוּ טָאן זָאל עֶר זִיא תֵּיכֶּף טָאן אוּנ זָאל נִיט זָאגִין אִיךְ וֶועל זִיא מָארְגִין טָאן · בַּייא אַבְרָהָם שְׁטֵייט (וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר) אַבְרָהָם הָט זִיךְ גִיפֶעדֶרְט גַאנְץ פְרִיא מְקַיֵּים צוּ זַיין דִיא מִצְוָה פוּן גָאט · יג עֶר זָאל זוּכִין צוּ בַּאשֵׁיינִין דִיא מִצְוָה דָאס הֵייסְט עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפִין אַשֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג אַשֵׁיינֶי סוּכָּה אַשֵׁיינֶעם טַלִית אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ בַּייא אַלֶע מִצְוֹת · יד עֶר זָאל גְלוּסְטִין וֶוען עֶס וֶועט אִים פָאר קוּמֶן אַמִצְוָה זִיא מְקַיֵּים צוּ זַיין · טו עֶר זָאל הָאבִּין גְרוֹיס זְרִיזוּת דִי מִצְוָה וָואס מֶען בַּדַארְף טָאן בַּייא טָאג זָאל עֶר טָאן אִין דֶר פְרִיא אוּנ וָוס מֶען דַארְף טָאן בַּאיי נַאכְט זָאל עֶר טָאן תְּחִלַּת הַלַּיְלָה · טז עֶר זָאל זִיךְ פְלַייסִין דִי מִצְוֹת צוּ טָאן צְווִישִׁין לַייט אוֹךְ דִיא מִצְוָה תּוֹרָה לֶערְנִין זָאל מֶען לֶערְנִין מִיט אַחַבֵר אָדֶר מִיט תַּלְמִידִים אוּנ אַזוֹ אַלִי מִצְוֹת אִיז בֶּעסִיר אַז דִי מִצְוָה וֶוערְט גִיטָאן דוּרְךְ פִיל לַייט וִויא בַּייא דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אַיינֶר הָאט אִים גִיקוֹילְט אוּנ דֶער כֹּהֵן הָט מְקַבֵּל גִיוֶוען דָאס בְּלוּט אִין אַכֵּלִי אוּנ הָאט זִיא גִיגֶעבִין צוּ זַיין חַבֵר אוּנ דֶר חַבֵר הָט זִיא גִיגֶעבִין צוּ זַיין חַבֵר כְּדֵי פִיל לַייט זָאלִין עוֹסֵק זַיין אִין דֶער מִצְוָה · יז עֶר זָאל דִי מִצְוָה קוֹיפִין פַאר גֶעלְט אוּנ זָאל נִיט טָאן דִי מִצְוָה אָן קָאסְטִין פוּן גֶעלְט · ובהקדמת אִין דֶר הַקְדָּמָה פוּן סֵפֶר רוֹקֵחַ הָאבּ אִיךְ גִפוּנֶן אַזעלְכֵי זַאכֶן וָוס בַּר יְנְגִין דֶם מֶענְטְשׁ צוּ דֶר פָארְכְט אוּנ לִיבְּשַׁאפְט פוּן זַיין בַּשֶׁעפֶר · עֶס אִיז נִיט קֵיין לִיבְּשַׁאפְט וִוי דֶר לִיבְּשַׁאפְט פוּן גָאט · עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין קְרוֹין וִוי דְּעֲנִיווּת · עֶס אִיז נִיט קֵיין בֶּעסֶער

זכר

את הרבים · אין קרבן כשבירת הלב · אין חכמה כחכמת התורה · אין יראה כיראת הבורא · אין שמחה כשמחת מצוה · אין קדושה כפרישות · אין בקשה כסליחת העון · אין מדה כבושת הפנים · אין חסר כהוכחת חבירו · אין אמונה כהצנע לכת : אין דרך כגמילות חסדים · אין כשר כארך רוח · אין יושר כמיושר לשמים · אין חסיד כשמירה מן החנופה · אין תם כמכבד בני ביתו · אין מדה כעובר על פשע · אין אמונה כאמונת היחוד · אין לקח כשבירת הלב אין עבודה כעבודת האל · אין ערב כעריבת הדעת · אין רצון כדיבוק חכמים · אין לאהוב בלב טוב · אין לשנוא כגאוה · אין קשה כמחלוקת · אין רע כלשון הרע · אין לרחק כמדבר גדולות · אין שיחה בטלה בלי אשמה · אין ישיבת עמי הארץ בלי לצון · אין מושב לצים בלי עון · אין עמידת הרקים בלי זדון · אין כת פריצים בלי רשע · אין קלות ראש בלא ניאוף · אין מחלוקת בלא פשע · אין הרהור חטא בלא חלול השם · אין אשמה בלא איבה · אין לעג כמו ליצנות · אין עבירה כמו עזות · אין זדון כמו זדון שבועה · אין רשע כמו עין רע · אין תיעוב כחלקת לשון · אין שונא כיצר הרע · אין אויב כחשק תאוה · אין אוהב אמתי מן יצר טוב · אין למעלה מלב טוב · אין ערמה מן עומד בנסיון · אין זרח מן הזכירה · אין רשף ד מן רשף היראה · אין חוזק מן החסידות בתחלתו · שמע בני מוסר אביך אהוב בוראך אשר אספך להגות בתורה בכל לבבך עשה מצותיו בכל עת · זכור יראתו בכל זמן ברכהו בכל רגע · הכר בוראך בארך בורך · קדש עצמך במותר לך · טהר עצת לב רעיונך נקה עצמך מכל חטא בכל מדה

ד גהלי אם :

זכר וויא איין גוטער שם · עס איז ניט קיין רוח וויא מצות צו טאן · עס איז ניט קיין חן ווי דיא תורה מקיים צו זיין · עס איז ניט קיין זכות וויא מזכה הרבים זיין · עס איז ניט קיין קרבן ווי איין צו בראכין הארץ · עס איז ניט קיין חכמה וויא דיא חכמה פון דער תורה · עס איז ניט קיין פארכט וויא די פארכט פון גאט · עס איז ניט קיין שמחה וויא די שמחה פון אמצוה · עס איז ניט קיין הייליקייט וויא דאס אפ שיידונג פון דר וועלט · עס איז ניט קיין גיבעט ווי צו בעטין גאט ב״ה ער זאל אים פאר געבין זיינע עבירות · אין מדה עס איז ניט דא אזו איין גוטי מדה ווי אבושת פנים צו זיין · עס איז ניט קיין בעסערר חסר פון צו שטראפין זיין חבר · עס איז ניט קיין בעסערר וועג וויא גמילות חסדים צו טאן · עס איז ניט קיין בעסערם פון דעם וואס האלט איין זיין בעס · עס איז ניט קיין רעכט פארטיגער וויא דער וואס איז רעכט פארטיג פאר גאט · עס איז ניט קיין פרומער וויא דער וואס היט זיך פאר חנופה · עס איז ניט קיין תם וויא דער ווס האלט ערליך זיין הויז גיזינד · עס איז ניט דא קיין בעסירע מדה וויא דער וואס איז מוחל דעם וואס זינדיגט קעגין אים · עס איז ניט קיין גלייבונג וויא דער וואס גלייבט אין דעם איינציקייט פון גאט ב״ה · אין רצון עס איז ניט קיין ווילין וויא דער וואס בהעפט זיך אין דיא חכמים עס איז ניט דא צוזעלכעס ליב צו האבין וויא איין גוט הארץ · עס איז ניט דא אזעלכעס וואס מען זאל פיינט האבין ווי גאוה · עס איז ניט דא קיין ערגערס פון מחלוקת · עס איז ניט דא קיין שלעכטערס פון איין בייזע צונג · עס איז ניט דא קיין דברים בטלים אן איין זינד · אז מען זיצט מיט עמי הארצים אין איינים קען עס ניט זיין אן ליצנות · אז מען זיצט אונ מען שפעט קען עס ניט זיין אן אזינד · אז איין כיתה פון שלעכטי לייט קומן זיך צו זאמען קען דאס ניט זיין אן רשעות : עס איז ניט דא קיין מחלוקת אן איין זינד · אין עס איז ניט דא קיין עבירה וויא עזות · עס איז ניט דא קיין פערברעכין ווי פאלש שווערין · עס איז ניט קיין שלעכטיקייט וויא איין בייז אויג עס איז ניט קיין אום ווירדיקייט וויא איין פאלשי צונג עס איז ניט דא קיין שונא וויא דער יצה״ר · עס איז ניט קיין בעסרער ליב האבר פון דעם יצר טוב · עס איז ניט דא קיין בעסערם פון אגוט הארץ · עס איז ניטא קיין גרסרי ערמה פון דעם וואס בשטייט אין איין נסיון · עס איז ניט קיין גרעסר פייער פון דעם פייער וואס איינר ברענט צו גאטס פארכט · עס איז ניט דא קיין שטארקערס פון דעם פרומקייט בעת אז איינר הייבט אן פרום צו ווערין · שמע הער צו מיין זון דיא שטראף פון דיין פאטר האב ליב דיין בשעפר וואס ער האט דיך בשאפין טוא זייני מצות אלי צייט גידיינק זיין פארכט אלי צייט בענטש אים אלי רגע דער קען דיין בשעפר אונ גידיינק פון וואנין דו ביסט גינומן גיוואַרן אונ גידיינק דיין גרוב וואס דו וועסט אהין גיין · הייליג דיך אפילו אין אזעלכי זאכין וואס זענין מותר צו דיר · הייליג דיך

ומדה תן תודה · נהג האמת באהבת חסד ראשית חכמה יראת ה׳ בכל דרכיך דעה בוראך · יראיהשם תירא ותאהוב · נגד עיניך שים אהבת קונך · ותן שכר למרוצת רגליך יו״ד כ״ף כ״ף ל תמ״ד המדה הזאת תמיד בלבבך · ודע כי הוא רואה דרכך וישר ועשה צדק והצנע לכת עם אלהיך חוק בתורה ובקש שלום ואמץ במעשים טובים בבחך אמץ ביחוד השם ובאהבתו · ועתה בני שמע בקולי ואשרי אדם .שומע לי · אהוב את ה׳ אלהיך לבך תשית לדעתו וליחדו · עבוד עבודתך עדי ערב זכור אהבתו בכל עת ראה הוא נצב לקראתך השתחוה לו הוא אביך קנך הוא עשך ויכוננך · טהר עצמך מכל סיג נהוג עצמך במדת תרומיות ו אלמדך ואתה תוסיף לקח · אשרי תמיד מפחד לבו בחשק בוראו עשות מזמותיו ליוצרו · זוכר אהבת צורו רצון תאות עושו הומה בשיחת לבו קורא שונה ולומד · טוען עול יראתו נבזה בעיניו ומואס בהבלי הגאת העולם נכה לבב מדוכא רוח · הוא משכיל בכחו כובש יצרו יוצרו לנגדו תמיד · נאמן רוח מכסה דבר וצדיק באמונתו יחיה ידבר בנחת עם כל הולך בתמימות לבו ומנהיג בניו כשורה דרך הישר מורה הוא מקרב קרוביו חסד רודף צדק זוכה ומזכה כל בלקיחת דברים טובים · עושה בקשת אשתו מכבדה ודבק בה ומשיא לבניו ובנותיו סמוך לפרקן · עינו טובה בשלו שמח בטובת אחרים ואוהב שכניו ורעיו ומלוה לעני ברוחקו ונותן צדקה בסתר ומעשיו לשם שמים · ותמיד משכים ומעריב בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ולומד שם ומתפלל בכוונת הלב אשרי בניו נפשו בטוב תלין · בני לדברי הקשיבה אל תהרהר אחרי הבורא אל תאמר מה היה אל תדרוש במופלא ממך ואל תחקור במכוסה ממך · אל ימהר לבך לחשוב אל תדבר על צדיק עתק אל תפנה אל מדעתך אל תשכח כל גמוליו אל תשליט בך אל זר יצרך · אל תתבייש במעשיך אל תפן אל און התאוה · אל תתאו למטעמותיו אל תאמר אחטא ואשוב · אל תעמוד בדבר רע אל תמנע טוב מבעליו אל תוסף על דבריו · אל יצא שבועה מפיך אל יגבה לבך עליך אל תלך בגאוה אל במראה עיניך אל תחשוב תרמית בלבבך · אל

ה נ״ל שאמר בדרך מליצה בלשון יו״ד כ״ף פשוטה כ״ף כפופה למד : ורמז בזה יו״ד שבוח הלב סרע כמו שדרשו חז״ל על וייצר בשני יודי״ן ברמז לי״ט ולי״ה · יאמר ילכך בסוף כלומר סכימהו ותלמוד המדה הזאת לבוף ילכך תמיד בלבבך ·
ו כלומר במדות חשובות ורמות :

פון אלי זינד · אין איטליכן שטאנד גיב אים אליבונג · זאיי זיך נוהג מיט אמת אונ האב ליב גינאד צו טאן אין אלי דייני וועגין קען גאט ב״ה דיין בשעפר · פאר גאטס פארכטיגי זאלסטו זיך פארכטין אונ טוא גירעכטיקייט אונ גייא בצניעות מיט דיין גאט · שטארק זיך אין דער התורה אונ בגער שלום אונ שטארק זיך צו טאן מעשים טובים מיט דיין כח פעסט דיך אין דעם איינציקייט פון גאט אונ אין זיין ליבשאפט · ועתה אונ אצונד מיין זון הער מיך וועט דיר וואל זיין · האב ליב גאט ב״ה דיין הארץ זאלסטו טאן צו ווסין אים אונ אים צו איינגין גידיינק זיין דינסט אלי צייט בוק זיך צו אים ער איז דיין פאטר ער הט דיך בשאפין ביינינג דיך פון אלי זינד זאיי זיך נוהג אין חשובי מדות וואל דעם וואס זיין הארץ טראכט תמיד אונ גידיינקט דיא ליבשאפט פון זיין בשעפיר אונ פאר מיאוסת אין דיא נארישקייט פון דער וועלט ער בצווינגט זיין יצר הרע זיין בשעפר איז תמיד קעגין אים אונ רעט בנחת מיט אלי מענטשין אונ פירט זייני קינדער כשורה ער איז מקרב זייני קרובים אונ זוכט חסד אונ צדקה אונ איז אליין זוכה אונ אנדרי אויך מזכה אונ טוט דאס פר לאנג פון זיין ווייב אונ האלט זיא ערליך אונ איז איר געטרייא אונ מאכט חתונה זייני קינדר אין דער רעכטער צייט ער פרייט זיך אין גוטץ פון אנדרי האט ליב זייני שכנים אונ לייט איין ארום מאן בשעת עס איז אים איינג אונ גיט צדקה בסתר אונ אלי זייני מעשים זענין פון גאטס וועגן · אין דער פריא אונ אויף דער נאכט גייט ער אין בית המדרש אונ אין שול אריין אונ לערינט דארט אונ דאוינט מיט כוונה צו דעם איז וואל דער וועט האבין עולם הבא · בני מיין זון זאלסט ניט מהרהר זיין נאך דעם בשעפר פאר ווס ער גוט דעם גוטץ אונ דעם שלעכטץ דוא זאלסט ניט פארשטין אין זעלכם וואס איז פאר הוילין פון דיר דיין הארץ זאלסטו ניט אליין צו טראכטין דוא זאלסטו ניט רעדין אויף איין צדיק שלעכטי רייד · זאלסט ניט פאר געסין אלי זיינע מעשים וואס ער האט גיטאן דיר זאלסט ניט מאכין גיוועלטיגין אין דיר דיין יצר הרע · דוא זאלסט ניט זאגין איך וועל זינדיגין אונ תשובה טון דוא זאלסט ניט פאר מיידין קיין גוטץ פון דעם וואס דו קענסט אים טון · דוא זאלסט ניט מערין אויף די רייד פון גאט · עס זאל ניט ארוים גיין קיין שבועה פון דיין

תעיז פניך ולבבך אל תרבה תרבר גבוה אל תנשא עצמך אל תגביה לדבר בצואר · אל תרבה לדבר דברים בטלים · אל תתן תפארת לעצמך אל תחרוש על רעך רעה אל תריב עם אדם אל תוכח לץ פן ישנאך אל תאשר בדרך רעים אל תשב במושב לצים אל תלך בדרך אתם אל ישיאך יצרך להטיא · אל תהי חכם בעיניך אל תתחר במרעים אל תרף משמוע מוסר אל תהנה אם יכבדוך אל תבקש גדולה וכבוד אל תט ימין ושמאל · אל תחמוד יופי אשה אל ישט אל דרכיה לבך אל תקחך במתק דבריה · אל תיגע להעשיר אל תהיה רע עין אל תגלה סוד אל תקנא בעושי עולה אל תסגור דלתותיך מן הצדקה · אל תונה עני ואביון אל תתן את פיך להטיא את בשרך אל תטוש תורת אמך ואל הט מאמרי פיך · אמת למוד פיך לך בדרך טובים ענו תהי בהילוכך זכור תתחסר בישיבתך רבה להתנאות בביאתך תהא ערום ביראה סור מרע ועשה טוב · כבד נא הוריך בקש שלום בין איש לרעהו תוכיח את עמיתך תדריכהו בנחת לשמים תזכה בכל דבריך הרחק מלצים ופוחזים תרבק ביראת שמים תשבר רוחך ותאותך תקרע סגור לבך. תבכה על רוב חטאתיך תודה ותעזוב רשע תחנן לבורא על רוב פשעיך לסלוח לעונך כרוב רחמיו התפלל אליו ליתן יראתו על פניך ליקח אהבתו בלבך לעבדו בשמחה · תבקש רחמים על עצמך ועל אשתך ועל בני ביתך שלא יבא אחד מהם לידי עבירה ולא לידי דבר מכוער וחטא ולא יהא להוט אחר גרונו ולא לעסוק בהבלי שוא כי אין חפץ לבורא באכילה ושתיה מה יהרון ישיעמול לרימה ותולעה · אם תחטא מעט יהא בעיניך הרבה ותשוב · אם תעשה תורה ומעשים טובים תאמר לבך נוצרת · הכר בוראך מי בראך ירא ה׳ עושך חשוב כי מלא העולם כבודו · לך בענוה וכובד ראש · אל תתחבר ללצים אל תשב עם מדברים דברים בטלים יהא מורא מלכך בין עיניך תן לבך כי רואה כל מעשיך

חוקר

מול · אל עם זאלגיט קומן אין דיין הארץ גאוה דו זאלסט ניט טראכטין קיין שלעכטץ אין דיין הארץ דוא זאלסט קיינם ניט מעיז זיין · זאלסט ניט ריידן דברים בטלים זאלסט זיך ניט בארימן · דוא זאלסט ניט טראכטין אויף דיין חבר קיין ביוז · דו זאלסט זיך ניט קריגן מיט קיין מענטשן · זאלסט ניט שטראפין קיין שפעטר ווארום מאמר ווער ער דיך פיינט האבין זאלסט ניט זיצן צווישין לצים · דוא זאלסט מיט דיא ניט גיין אין וועג · דוא זאלסט ניט זיין קלוג אין דייני אוגין · זאלסט זיך ניט רייצין מיט דיא רשעים · זאלסט הערין שטראף רייד · זאלסט קיין הנאה ניט האבין אויב מען וועט דיך מכבד זיין · זאלסט ניט בגערין קיין גדולה אונ כבוד · זאלסט ניט גלוסטן קיין שיינקייט פון איין אשה זיא זאל דיך ניט בנעמן מיט אירי זיסי רייד. זאלסט זיך ניט בעמיהן רייך צוא ווערין · זאלסט ניט זיין קיין רע עין · זאלסט ניט אנפלעקין קיין סוד · זאלסט ניט מקנא זיין אן דיא וואס טוען אום רעכט · זאלסט ניט פאר שליסין דייני טירין פון צדקה צוא געבין · זאלסט ניט נארין קיין עני ואביון · זאלסט ניט פר לאזן דיא מנהגים פון ישראל · זאלסטו ניט אוועק נייגין פון מיינע רייד · אמת לערין דיין מויל צו זאגין אמת גייא אין דעם וועג פון די צדיקים · אין דיין גאנג זאלסטו זיין איין עניו · זאיי קלוג אין גאטס פארכט · קער אפ תון ביוז אונ טוא גוטץ האלט ערליך דיין פאטר אונ מוטר · זיך שלום צו מאכין צווישין מאן אונ ווייב שטראף דיין גזעלן מאך אים טרעטין מיט נחת צו גאט · דר ווייטר זיך פון שפעטירס בהעפט זיך אין גאטס פורכט צו ברעך דיין תאוה צו רייס דם פאר שליסונג פון דיין הארץ · תבכה זאלסט וויינען אויף דייני פיל זינד זאיי מתודה אונ פאר לאז דיין רשעות בעט דעם בשעפר ער זאל דיר פר געבין דיינע פיל זינד בעט פאר אים ער זאל געבין ניין פארכט אויף דיר צו נעמין זיין ליבשאפט אין הארץ צו דינען אים מיט שמחה · תבקש בעט גאט אוף דיר אונ דיין ווייב אונ קינדר אונ דיין הויז גזינד אז קיינר פון זיא זאל ניט קומן צו איין עבירה אונ ניט צו קיין מיאוסי זאך · אונ זאלסט ניט להוט זיין נאך פיל עסין אונ טרינקן ווארום דער בשעפר בגערט ניט אין פיל עסין אונ טרינקן · אויב דו האסט גזינדיגט אביסל זאל דאס ביי דיר פיל זיין אונ זאלסט דרויף תשובה טון · אויב דו וועסט מאן מעשים טובים אונ וועסט תורה לערנן זאלסטו זאגין אז דרויף ביסטו בשאפין גיווארין · דער קען דיין בשעפר פארכט זיך פאר גאט וואס ער האט דיך בשאפין טראכט אז זיין כבוד איז פיל די גאנצע וועלט · זאלסט ניט זיצן מיט דיא וואס ריידין דברים בטלים די פארכט פון גאט זאל זיין קעגין דיינע אויגן גידענק אז ער זעהט אלע דייני מעשים ער פארשט חס הארץ אונ פריבט

דיא

חוקר לב ובוחן כליות יודע כל מחשבותיך חשוב כי הוא בראך ומפרנסך הוא עשך לו עבר עולם על כן תהא יראתו על פניך השמר לך לבלתי תחטא התהלך לפניו והיה תמים וימצא לבבך נאמן לפניו כי אין לו חפץ בכסילים אנשי לצון ואנשי רקים ההולכים אחרי יצרם ומתפרנסים בהשק תאותם החושקים בעידון העולם שוא והבל ובאנשי לצון אין יראה · הנה בבא עליהם רעה איך יצעקו לאל ולא ישמע תחת כי שנאו דעת ויראת ה׳ לא בחרו · המדריך את עצמו בענוה וביראה הוא מתחכם ביראה א. תבין יראת ה׳ ודעת אלהים תמצא · את ה׳ אלהיך תירא לרבות ת״ח עבד מלך כמלך ומכבדו כמקביל פני הכבוד · אדם ילוד אשה לבך תן אל הגמול והחסר שעשה עמך יוצרך מיום היותך זרע ליחה סרוחה לבנונית ראה אל תהא כפוי טובה לו . אביך ואמך עזבוך והוא אספך ובראך ושמרך עד אשר יצאת מבטן . בעת שמחתך דעהו תעלה מורא על לבבך וירעדו כל אבריך · עבדו את ה׳ בשמחה וגילו ברעדה במקום גילה שם תהא רעדה כי ברוע פנים ייטב לך · וחשוב כי הבורא אצלך שויתי ה׳ לנגדי תמיד · כשאתה מתפלל עמוד באימה וחשוב לפני מי אתה עומד לפני מי אתה מדבר · אם דאגה בלבבך תשיחנה מדעתך בעת תפלתך כי בעומדך לפני מלך הגדול אין לחשוב דאגתך כי אם מוראו ואהבתו · לפי שרבים חטאו נפשם בבית תפלתם יושבים כאבלים ופיהם כתום בל ישוררו לה׳ צבאות ידונו באש לא נופח על זאת · כי על כן בכל דרכיך דעהו אל הפנה יראת אלהים מלבך · אם מזונותיך מצומצמים חשוב כי בנשימה שנתן באפי ובהבל פי נהן לי עוני לטובתי לצרוף אותי בכור עוני · אם יחוורו פניך׳ על עסק המצות חשוב דמך הנזרק כדמים הנזרקים ע״ג מזבח · אם יסורין באים עליך קבלם באהבה ובשמחה וחכם ביראתו כי הוא ארונך ואתה עבדו קנוי לו . הוי מודה לו על כל מדה ומדה · אם נתן לך עושר נכסים וכבוד אל גרום לבך מאחיך האביון כי לא תדע מה ילד יום ושניכם יצאתם ערומים

א אם ביישו אותו

דיא נירן ער ווייסט אלע דיינע מחשבות · טראכט אז ער האט דיך בשאפן אונ איז דיך מפרנס אונ האט דיך גימאכט פאר איין אייביגין קנעכט צו אים דרום זאל זיין פארכט זיין אויף דיר · היט זיך דו זאלסט ניט זינדיגן אונ זאיי גאנץ מיט אים אונ דיין הארץ זאל זיין גיטריא פאר אים ווארום ער וויל ניט אין די נארין דיא שפעטירס אונ אין דיא שלעכטע לייט וואס גייאן נאך זייער יצר הרע וואס זיי גלוסטין אין די תאוות פון דער פאלשע וועלט · אונ ביי די שפעטירס איז ניט דא קיין גאטס פארכט נון אז עס וועט אויף זייא קומן דאס שלעכטץ וועלין זייא שרייאן צו גאט אונ ער וועט זיא ניט הערין וויל זייא האבין פיינט שכל אונ גאטס פארכט האבין זיי פר לאזט · פר גאט זאלסטו מורא האבין אונ פאר א תלמיד חכם זאלסטו אויך מורא האבין אונ דר וואס האלט ערליך איין תלמיד חכם איז גליך וויא ער האלט ערליך גאט ב״ה · אדם דו מענטש טו דיין הארץ צו דעם חסד וואס דיין בשעפר האט מיט דיר גיטאן פון ערשטין טאג אן דו זאלסט אים קיין כפוי טובה ניט זיין · גאט ברוך הוא האט דיך בשאפן אונ הט דיך גיהיט ביז דו ביסט ארוס גיגאנגין פון דיין מוטערס בויך · אין דער צייט פון דיין שמחה זאל אויף גיין דיין פארכט אויף דיין הארץ אונ אלי דיינע אברים זאלין ציטערין · דינט גאט מיט פרייד אונ פרייט זיך מיט ציטערניש אונ טראכט אז דער בשעפר שטייט נעבין דיר · אז דוא ביסט מתפלל שטייא מיט פארכט אונ טראכט פאר וועמין דו שטייסט פאר וועמן דו רעדסט אויב דו האסט איין זארג אין דיין הארץ זאלסטו זיא אוועק רוקין פון דיין דעה בשעת אז דוא טוסט תפלה ווארום אז דו שטייסט פאר אזו איין גרויסן מלך דארפסטו ניט צו טראכטין דיינע דאגות נאר זיין פארכט אונ זיין ליבשאפט. דען עס איז דא פיל לייט דאס אז זייא קומן אין שול ארין זיצן זייא וויא אבלים אונ זייער מויל איז פר מאכט זייא לויבן ניט צו גאט ברוך הוא דיא וועלין דרויף גימשפט ווערין אין גיהנם· אם אוב דייני שפייז איז בצמצום טראכט אז דס איז פון דיין טובה וועגין כדי ער זאל דיך אוים לייטערין אין דער טעסט פון ארומקייט צוא פאר געבין דייני זינד · אויב זייא וועלין דיך מבייש זיין איבער דעם וואס דוא ביסט עוסק אין מצות רעכין דיין בלוט וואס איז פאר גאסין גיווארין דורך דעם גלייך וויא דאס בלוט פון קרבנות אונ זאיי עס מקבל מיט ליבשאפט אונ מיט פרייד אונ זאיי קלוג אין גאטס פארכט ווארום ער איז דיין הער אונ דוא ביסט זיין קנעכט · אם אויב ער האט דיר גיגעבין עשירות אונ כבוד זאל דיין הארץ ניט ווערין דער הויבן פון דיין ברודער דעם ארומאן ווארום דוא ווייסט דאך

ניט

מן הבטן ובצאתך מן העולם על עפר תשכב כמוהו במקום רימה ותולעה על פיך יצאו ועל פיך יבואו. וגם בחייך שמא אתה תצטרך לבריות כמוהו. אם תתייסר בבניך יהיו בעיניך כאלו הרגתם בחטאיך ואל תתרעם על מדותיו כי כי כל סאון סאן בשולחי דיניו. ודע כי בקרבך קדוש לכך נהוג עצמך בקדושה ובפרישות ובטהרה. וכשאתה מזכיר שם הנכבד והנורא ירעדו כל אבריך וכוון לבך אל בוראך כשאתה עומד בתפלה וקודם שיצא הדבור מפיך חשוב פירוש ביאורו. אם רעיונך בא לך באמצע תפלתך החרש עד שתכין לבך ביראת הבורא ודקדק כל היבה ותיבה לנענע שפתיך ולהרגיש הדיבור שלא תטעה כאלו אתה מונה מעות שאתה נותן כוונה והבנה למנין. כשאתה עומד בתפלה אמור מה אני ספון לתת עטרה למלך הכבוד להזכיר שמו הגדול ולבש חרדה כמ"ש אברהם הנה נא הואלתי לדבר אל ה' ואנכי עפר ואפר. הלא בני מעלה ייראו ויבהלו מפניו וסביביו נשערה מאד אף אני קרוץ מחומר לא בינת אדם לי נבזה בחיי ונמאס במותי. אקרע סגור לבי ואבוא פתחיו ביראה ובענוה כי כל מקום שמצינו גדולתו מצינו ענותנותו מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח. ע"כ בעוד רוחך בתוכך חשוב ביראת בוראך גול על ה' מעשיך ויכונו מחשבותיך יראת ה' מקור חיים לסור ממוקשי מות. ותסיר עצמך מן המהירות ומן העקשות ומן הגאוה ומן העצלות. אחוז בענוה ובשלום ואל תקנא בעושי עולה כ"א ביראת ה' כל היום והיא אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת יראת ה' הוא אוצרו. ואם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו הלא עיני ה' המה משוטטות בכל הארץ. ודע כי מנוסה ח יש בנוי ובגבורה ובכבוד ובקנאה ובחכמה ובעושר ובעוני ובתוקף יצר העבירה. ודע כי המצוה והיראה מכבין אש היצר והתורה תבלין להסיר המחשבה רעה עכ"ל:

**ואתה** בן אדם אל יפתך יצרך לומר היום אני אם תנין אם כח אבנים כחי אם בשרי נחוש כי תשים עלי עול הכבד הזה לשמור כל הכתוב לעיל כי לא יספיקו לי ימי לילי ובלי אבירה

ח שדברים אלו באו לך לנסיון מאת ה':

ניט וואס מיט דיר וועט זיך נאך טאן אונ איר זייט דאך ביידע נאקעט ארויס גיגאנגען פון איער מוטערס בויך אונ אז דוא וועסט שטארבין וועסטו ליגין אין דער ערד אזו וויא ער אונ טאמר וועסטו נאך ביא דיין לעבין בדארפין צוא לייט אזוי וויא ער. אם אויב דוא ווערסט גישטראפט מיט קינדער זאל דאס זיין אין דייני אויגן גלייך וויא דוא האסט זייא גיהרגת דורך דייני זינד אונ זאיי ניט מתרעם אויף זייני מדות אונ אז דוא דער מאנסט גאטס נאמין זאלין ציטערין אלי דייני אברים אונ אז דוא טוסט תפלה זאיי מכוין דיין הארץ צוא דיין בשעפר אונ איידער דער דבור גייט ארויס פון דיין מויל פאר שטייא דם טייטש פון אים. אם אויב אין מיטן דאבנען קומט דיר איין שלעכטי מחשבה הער אויף תפלה צוא טאן ביז דוא וועסט בערוהיגין דיין הארץ אונ זאיי מדקדק איטליכס ווארט ארויס צו ריידין כדי דוא זאלסט זיך ניט טועה זיין גלייך וויא דוא ציילסט געלט גיסטו דאך בודאי דיין כוונה צוא דעם ציילין. אז דוא שטעלסט זיך דאבנין זאלסטו זאגין וואס בין איך גאר חשוב צוא געבין איין קרון צוא גאט ב"ה צוא דער מאנען זיין גרויסין נאמין פאר דעם וואס דיא מלאכים פארכטן זיך אונ שרעקן זיך פר אים אונ די מלאכים וואס זענין ארום אים ציטערין זייער פר אים מכל שכן איך וואס איך בין אויס ליים איך האב ניט קיין פאר שטאנד איך בין מבוזה ביי מיין לעבין אונ פאר מיאוסת נאך מיין טויט. אקרע איך וועל צוא רייסין דעם שלאס פון מיין הארץ אונ וועל קומין פר אים מיט פארכט אונ ענוה ווארום וויא מיר גיפינען דאס גרוסקייט פון גאט גיפינען מיר זיין עניוות עס שטייט גאט ב"ה איך הויך אונ הייליג שטייט דער ביי איך טוא רוען מיט דעם וואס המ אנידעריג גימיט. אונ טוא דיך אפ פון גיכקייט אונ פון קרומקייט אונ פון גאוה אונ פון פוילקייט האלט דיך אין ענוה אונ אין שלום אונ זאיי ניט מקנא אין דיא וואס טוען עולות נאר אין גאטס פארכטיגי. ודע אונ וויים אז שיינקייט אונ שטארקייט אונ כבוד אונ חכמה אונ עושר אונ ארומקייט אונ דאס שטארקייט פון יצר הרע דיא אלי זאכין קומין פון גאט צו פרובין דעם מענטש. אונ די מצוה אונ יראה פאר לעשין דאס פייער פון דעם יצה"ר אונ דיא תורה איז אסגולה אפ צוא טאן דיא בייזע מחשבות. ואתה אונ דוא מענטש דיין יצר הרע זאל דיך ניט איבר ריידן צו זאגין בין איך דען אזו שטארק איז דען מיין כח פון שטיינער אונ מיין פלייש פון קופר וום דוא טוסט אוף

אכילה ושתיה ובלי שינה כדי שאוכל לקיים ולשמור כל זה והלואי ואולי . כי לא מלאך אני שאין לפניו אכילה ושתיה וגם לא שינה כי תשים עלי העול הכבד והקשה הזה כי לא אוכל שאת ׳ דע באמת כי אלה הדברים בכלל פתוי היצר הרע הם כי הוא אשר מכביד הדברים בעיניך כדי שתבעוט בכל ולהכניסך ברשתו . תדע שהרי רוב הדברים הנזכרים בפרק זה שמירתם בשב ואל תעשה רובם שתחשוב ביחודו ית׳ ואהבתו תמיד ולא תזיק לחברך ותתרחק מעושק ומרמה ותנועה כדומה ודבר אחד מאלו כולל כמה דברים מהנזכר עמו ונמצא שבנקל מתקיימים בהיות רובם בשב ואל תעשה כמדובר . ומעט מזעיר מהם באים לכלל מעשה והוא לפרקים ובזמנים מחולפים כגון עשות משפט וצדק להציל עשוק מיד עושקו וכדומה שאין זה מעשה בכל יום כי אם כשיזדמן . והגם שנאמר ויצוייר שכל הדברים הנזכרים כלם הם בכלל עשה ששייך טורח בהם למה יכבד הדבר בעיניך ואינך משים נגדך מעלת גודל השכר המזומן לך על זה בעולם שכולו טוב בעולם שכולו ארוך אשר עין לא ראתה אלהים זולתך . אם מלך יאמר לך כל מה שתמנה מדינרים מבקר עד ערב ביום אחד יהיו לך בודאי שלא תאכל ותשתה ולא תישן ולא תנוח ולא תשקוט רגע כדי שלא להפסיד באותו רגע מה שתוכל למנות מהדינרים ואינך חושש לכובד הטורח לחמדת הריוח . ואע״פ שהוא דבר ספק שאפשר שאחר שטרחת כל היום שלא יתקיים בידך כי תפסיד אותו או גנבים יבואו לך וגם במותך אינה הולכת עמך עכ״ז אינך חוששת לשום אחד מאלו הדברים ואת טורח כל היום . כ״ש וק״ו בן בנו של ק״ו שאין לחוש לטורח קיום המצות כיון דשכרו ודאי ומובטח בידך לעולם בחייך ובמותך שהוא דבר שאין יד זולתך יכול לשלוט בו ובאין סוף וקץ ותכלית . ואדרבא צריך להקל בעיניך הדברים ולא לעול ולמשא דבערך רבוי וגודל השכר הוא דבר מועט אפי׳ שלא תנוח רגע מכל ימי חייך בטורח עשייתם ובפרט שאין עליך טורח כל המלאכה לגמור כי יש הרבה מסייעים לך בקיום כל דבר ודבר שאתה מקיים . שהרי הבא לטהר מסייעים אותו מן השמים קוב״ה וכל מלאכיו וכיון שכן מה נוגע לך מהטורח . ומה גם שבהיות אדם שפל מאליו מתקיימים

מיר דעם שווערין יאך וואס פריער איז גישטאנן מיינע אלי טעג אונ נעכט וועלין מיר ניט גינוג זיין ווען איך זאל אפילו ניט עסין אונ טרינקן אונ ניט שלאפין וועט ניט גינוג זיין צוא מקיים זיין אונ היטן דם אלץ דען איך בין ניט קיין מלאך איך וועל עס בוודאי ניט קענין דער טראגין . דע וויס באמת אז די רייד זענין פון דעם יצר הרע ער מאכט שווער דיא זאכין אין דייני אויגן כדי ער זאל דיך פאנגן אין זיין נעץ . זאלסט וויסן אז פיל זאכין פון דעם פרק קענסטו זייא היטין דורך דעם דוא זאלסט זיצין אונ ניט טאן ביקסטו זייא מקיים דהיינו דוא זאלסט תמיד טראכטן אין דעם איינציקייט פון גאט ב״ה אונ אין זיין ליבשאפט אונ זאלט ניט שאדין טאן צוא דיין חבר . אונ זיך דער ווייטערין פון גזילה אונ ניט ליידין קיין לשון הרע אונ דברים בטלים אונ נאך פון אזעלכי גלייכין . נאר אביסיל פון זייא מוזטו טאן אונ דאס זענין נאר צו צייטין דהיינו צוא טאן משפט אונ צדק צוא מציל זיין איין מענטשין וואס ווערט גרויבט אונ נאך אזעלכי גלייכין וויס דם בדארפסטו ניט טאן אלי טאג נאר אז עס וועט זיך דיר דאס אמאל טרעפין . והגם אונ אפילו אז די אלי זאכין וואס פריער שטייען מוז מען טאקי טאן מיט מירה וואורום זאל דם ביי דיר שווער זיין דער טאן דיך דעם גרויסין שכר וואס איז דיר אן גיבארייט אויף עולם הבא וואס קיין אויג האט עס ניט גיזעהן נאר גאט אליין ווען מען זאל דיר זאגין וויא פיל געלט דיא וועסט אפ ציילין אין איין טאג וועט דם זיין דיינס וואלסטו דאך בוודאי ניט גיגעסין אונ ניט גישלאפין אונ ניט גיטרונקין אונ ניט גירועט איין רגע אונ וואלסט ניט ווארג ניהאט צוא דער שווערר מירה וואס דוא האסט מחמת דם גלוסטיקייט פון דעם געלט אונ האטשי עס איז מיגליך אז דער רייח וועט בייא דיר קיין קיום האבין אונ אויך אז דו וועסט שטארבין וועט דאך דאס מיט דיר ניט גיין . איז שוין בוודאי אפשיטא אז דוא זאלסט ניט ווארג צו האבין צו דער מירה וואס דוא וועסט האבין דיא מצות מקיים צו זיין ווייל דיין שכר איז דאך גיוויס אונ איז פאר זיכרט בייא דיר אויף אייביג בייא דיין לעבין אונ נאך דיין טויט דען דאס איז אזוי אזאך וואס קיין האנט קען דרינן ניט גיוועלטיגין . אדרבא די מירה נישט נאר גרינג זיין אין דייני אויגן אונ ניט פאר איין משא . וואורום קעגין דעם גרויסן שכר וואס דוא וועסט האבין דער פאר איז די מירה גאר ווייניג . בפרט עס איז אויף דיר

כל הדברים הנזכרים משום שנחשב לו כאלו מקריב כל הקרבנות כדארז"ל על פסוק זבחי אלהים רוח נשברה · ובהיותו נקי מכל חטא ועון ע"י שפלותו דומית המקריב כל הקרבנות קונה בחינת רוחניית בעצמו ומואס ברע ובוחר בטוב כטבע הרוחניי ובזה מאליהם מתקיימים כל הדברים · ונראה דזה יהיה כוונת הפסוק בפ' ויקרא אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם · שהכוונה אדם כי יקריב שההקרבה יהיה מכם ומעצמכם וכיצד שתשפילו את עצמכם וזהו נקרא קרבן לה' ונחשב לכם בקניית השפלות כאלו הקרבתם כל הקרבנות שמן הבהמה ומן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם וד"ק · ובפירוש הפרשיות פירשתי פנים הרבה על פסוק זה · הכלל העולה שהמכביד בעיניו קיום עבודת הבורא עצת יצרו הוא למונעו · יתחיל ליכנס בעבודה ויראה איך מסייעים אותו ויקל בפניו · ומה גם שכל דבר הנעשה בשמחה אפילו דבר קשה יקל ועבודת הבורא צריך שיעשה בשמחה · וכיון שכן מה כובד ימצא בקיומו · ועוד לא בשביל שאם אדם לא יכול לקיים כל לא יקיים כלל · כל אחד ואחד יקיים מה שיכול ונמצא בין כל ישראל מתקיים הכל שכלם נפש אחד כדארז"ל על פסוק בשבעים נפש ונוגע תועלת לכל אחד במה שמקיים חבירו · דזהו משל לאחד שאינו יכול לאכול מאכל טוב ליוקר מציאותו לא בשביל זה לא יאכל משאר המאכלים שישיג ידו וימות · כלל העולה דכשם שמבקש אופנים שלא יגיע נזק לגופו כך צריך לבקש אופנים בכל יכולתו שלא יגיע נזק לנפשו · שעם נזק הנפש גם לגופו מזיק כי כיון שגרם חלודה בנפשו אינה יכולה להאיר לגוף וכלה ונפסד · ואע"פ שכדי שלא יגיע נזק לנפש צריך מירוק הגוף אל יחוש לזה משום שע"י מירוק זה עושה הנפש פרי והוא כמשל כל זרע הנזרע בארץ שאינו בא לכלל צמיחה כ"א שתתמרק ותסריח אח"כ צומח ויוצא פרח ויצץ ציץ וכיון שכן אם יחוש על בריאת הגוף מעולם לא יצמיח הנפש שום צמיחה לעלות למדרגת רוח וכרות לנשמה כנודע · אשר על כן שמע בקולי איעצך ויהי אלהים עמך לבקש אופן להבין על מה פגמת בגלגול שעבר ובאת להתקן · דע שכל מצוה מכל המצות אשר תתאוה נפשך לשקוע בה יותר מאחרות · תדע באמת שבה פגמת תחלה ושלחך השם עוד בעוה"ז להשלימה לכן אל תרף ממנה ועשה אותה בשלמותה בכלליה ופרטיה ובכל גדריה וסייגיה ואל תסיר אותה מנגד עיניך תמיד ודע שיזדמנו עליה הרבה מונעים בה והם שלוחי סמא"ל הרשע למנוע לך שלא תשלימנה ותקבל עליה עונש במותך ותחזור פעם אחרת בזה העולם ותטעום טעם המיתה פעם אחר פעם על ידו . הלא תראה בחכמי התלמוד דשאלו מהם במה היית נזהר חד אמר במצות ציצית וחד אמר בהשכמת בית הכנסת וכיוצא בזה דקשה וכי בציצית היה נזהר ולא
בשאר

ניט גיווארפען נומר זיין אלי מצות אז נאר די תורה אויס צו לערנען · הכלל דער כלל איז דר וואס מאכט שווער פייא זיך מקיים צו זיין גאטס דינסט דאס איז דיא עצה פון זיין יצר הרע צו אפ האלטן אים פון גאטס דינסט · אויך איטליכע זאך וואס ווערט גיטאן מיט שמחה ווען דיא זאך איז וויא שווער איז זיא גרינג אונ גאטס דינסט מוז זיין מיט שמחה דרום איז דאס דאך ניט שווער · אונ אויך וויל ער קען ניט מקיים זיין אלי מצות דרום זאל ער גאר ניט מקיים זיין · ווי גשיקט זיך עס · לאז ער מקיים זיין וואס ער קען אונ אלע ישראל צו זאמין זענין מקיים אלי מצות ווארום אלע זענין וויא איין מענטש אזו וויא אונזרי חכמים האבין גיזאגט · כלל דער כלל איז אזו וויא דער מענטש זוכט אופנים עס זאל ניט גרייכן קיין שאדין צו זיין גוף אזו בדארף ער זוכן אופנים אז עס זאל ניט גרייכן קיין שאדין צו זיין נשמה ווארום מיט דעם שאדין פון זיין נשמה טוט ער זיין גוף אויך שאדין וויל ער איז גורם איין פגם צו זיין נשמה קען זי ניט לייכטן צום גוף ווערט דער גוף פאר דאָרבין · אונ חאטשי צו גרייכין אמעלה צו דער נשמה מוז ער דאך צוא רייבין זיין גוף זאל ער דרויף ניט זארג האבין וויל דורך דעם וועט זיין נשמה ברענגין פירות · אונ דאס איז גיגליכין צו איין זאמין וואס מען זייעט קען עס ניט שפראצין ביז עס ווערט פריער צו ריבן אונ דר נאך שפראצט עס בליהונג אז דער מענטש וועט זארג האבין אויף דעם גזונדהייט פון זיין גוף וועט די נשמה ניט שפראצין קיין שום שפראצונג צו קומין צוא דער מעלה פון רוח אונ צו דער רעכטער נשמה · דרום וועל איך דיר איין עצה געבין צו פאר שטיין וואס האסט פוגם גיוועזן אין פריערדיגען גלגול · דיא מצוה וואס דיר גלוסט זיך מער צו טאן אין דר האסטו פוגם גיוועזן פריער האט דיך גאט גישיקט די מצוה מקיים זיין דרום זאלסטו זיא ניט אפ לאזין אונ מוא זיא אין גאנצין · הלא קענסט זעהן דיא
חכמים

בשאר מצות ח"ו · אלא שהיו משינים בחכמתם הרמה על המצות שבאים לתקן והיו שוקעים בה תדיר לתת עיני השגחתם עליה לקיימה בשלמות · ואע"פ השאר המצות היו מקיימים בשלמות אך המצוה שעליה באו היה כל מגמתם עליה לא היו פוסקים מלהזכירה לבקש אופנים לקיימה בכל חלקי היותר נאות שאפשר · ולכן אם לבך מתאוה ללמוד מקרא יותר ממשנה או בהפך וכן אם תאוה נפשך ללמוד תלמוד יותר מקבלה או קבלה יותר מתלמוד ממה שתאוה נפשך דע שעל זה באת ואחוז בה לעשות עיקר לימודך בזה · ואפשר דעל זה רמזו רז"ל באומרם אין אדם לומד תורה אלא במקום שלבו חפץ שנאמר כי אם בתורת ה' חפצו · ירצה באיזה חלקי התורה שתאוה נפשו יותר שם ילמוד כגון במקרא או במשנה או תלמוד או קבלה או אגדה משום שבודאי החלק הזה בא לקיים בפעם הזאת · וכמו שראיתי בכתבי האר"י זלה"ה שמוהר"ם אלשיך זצ"ל רצה ללמוד קבלה ואמר לו שבגלגול שעבר היה חכם בחכמת הקבלה ולא בא בגלגול זה כי אם להשלים עצמו בדרוש כי בקבלה אין לו צורך כי כבר השלים · וכפי זה נמצא שאע"פ שתראה דברים רבים לקיים כנזכרים לעיל וכדומה אל תפחיד לך הריבוי לומר איך אני יכול לקיים כל זה · דאפשר שרובם ככולם נשלמת בהן בגלגול שעבר ועכשיו באת על קיום קצתם או כמה מהם · והן אותם שהאוה נפשך בהם וגם שתראה הרבה מונעים לך עליה מלקיימם דכיון שעליהם באת מזמין לך סמא"ל הרשע מונעים כדי שלא תשלים עצמך כמדובר · לכן החזק עצמך במוסרי זו אל תרף נצרה כי היא חייך · וכל אדם שחושק ומתאוה נפשו לקבלה ולא לתלמוד או לאגדה ולא לקבלה או תלמוד ויש לו דוחק ומצטער לו על זה עתיד ליתן את הדין שגורם לנשמה זאת שלא תעשה שליחותה כדי להשלים חלק מן התורה שחסר בפעם ראשונה שבא לעולם · וכן ראיתי בחכמי האמת :

חכמים ז"ל האט מען גיפרעגט אין וואס זייט איר נזהר גיוועזן האט איינר גיזאגט אין מצות ציצית איז דאך קשה איז ער דען נאר נזהר גיוועזן אין ציצית אונ ניט אין אנדרי מצות ח"ו נאר זייא האבן גיוויסט מיט חכמה אויף וועלכי מצוה זייא זענין גיקומן מתקן צוא זיין האבן זיי גינעבין זייער השגחה זיא אין גאנצין מקיים צו זיין אין דיא איברגי מצות האבן זייא אויך ניט אפ גילאזט · ולכן דרום אז דיא גלוסט צו לערנין מקרא אדר גמרא זאלסטו וויסן אז דרויף ביסטו גיקומן אויף דר וועלט אונ זאלסט מאכין דיין עיקר לערנן דרינן · וכפי אז דו ווייסט מען דארף מקיים זיין פיל זאכין זאל דאס דיך ניט שרעקין דען עס איז מיגליך אז דאס רוב האסטו שוין מתקן גיוועזן אין פריערין גלגול אונ ביסט נאר גיקומן אטייל פון זיי מקיים זיין · וגם אונ אויך אין וועלכי מצות דו מרעקסט שווערינקייטן מקיים צו זיין ביסטו בוודאי גיקומן אויף דר וועלט דיא מצות מקיים זיין אונ דר שטן מאכט דיר מניעות כדי זאלסט נאך אמאל מוזין מגולגל ווערין ח"ו דרום שטארק זיך אונ היט זיא וואָרום זיא איז דיין לעבין · וכו' אונ איטליכר מענטש וואס אים גלוסט לערנין גמרא אדר אגדתא אונ לערינט עפיס אנדרש דער איז גורם דיין נשמה זאל ניט טאן איר שליחות משלים זיין איר חלק התורה וואס זיא האט גימינגערט אין פריערין גלגול · אונ אזו שרייבין אויך די חכמי הקבלה :

# תם ונשלם חלק ראשון